This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

4 1967

היימלאַנד

אין פינפטן נומער
„סאָוועטיש היימלאַנד"

וועלן זײַן געדרוקט:

דער ראָמאַן פון יוסף ראבין „שעוועלע און טעוקע אין מאָסקווע".

מ. דאַניִעל — „דער אַטריאַד" (א קאפיטל פונעם בוך „יוליס"). דערציי־לונגען פון הערשל פּאָליאַנקער.

לידער־ציקלען פון אווראָם גאָנטאר, כאנע לעווין, אײַזיק פּלאַטנער.

מוישע טייפס ניט־פארעפנטלעכטע לידער און אן עסיי פון מ. סאַקאַל „לייענענדיק די לידער פון מ. טייף".

פון דער הײַנטצײַטיקער ווײַסרוסישער ליטעראטור. דערציי־לונגען און לידער.

צו מענדעלע מויכער־ספאָרימס 50־טן יאָרצײַט: קריטיש־ביאָגראפישער עטיוד פון אורי פינקעל.

אן ארטיקל פון מ. מארגאָלין — „אייניקע באמערקונגען וועגן די דער־ציילונגען פון 1966 יאָר".

מאטעריאלן פון דער שפּראַך־באַראַטונג: ל. ווילענקין — „פאָלקס־יידיש".

כראָניק פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראטור.

די שטענדיקע רובריקעס „קאָמענטארן פון רעדאקציע", „פּארשיידנס", „בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען", „די יידישע פרעסע מיט 50 יאָר צוריק האָט געשריבן", „ליטעראַרישער קאלענדאר", „כראָניק".

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פֿאַרבאַנד פון פסטר

זיבעטער יאָרגאַנג

פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“

מאָסקווע

אַפּרעל

4

1967

אינהאַלט

זײַט

עלי שעכטמאַן. ערעוו (ראָמאַן. דריטער בוך) 3
כאַיִם מאַלטינסקי. עס לאַכן די בלומען (לידער) . . . 92
שמועל־יוסעף אַגנאָן. דעם אָקס' טאַטע. — די כאַפּערס. — דער וואָלף און יעשײַע־האַנאָווי. — דרײַ שוועסטער (דערציילונגען). צייכענונגען — מ. אַקסעלראָד 96
שיקע דריז. בעסאַד־סוידעס (לידער) 110
ב. א. ברעסלאַוו. דערינערונגען וועגן לענינען (אַרײַנפיר — ל. גורוויטש) 115

צום 24־טן יאָרטאָג פונעם אופשטאַנד פון דער וואַר־שעווער געטאָ

סערגײ נאַראָווטשאַטאָוו. דאָס וועלפּעלע (ליד) . . . 119
נאַום קאָרזשאַווין. ווי פירט מען דאָס מענטשן צום טויט... (ליד) 120
אַנדרײ וואָזנעסענסקי. דער רוף פון דער אָזערע (ליד) 120
י. יוזאָווסקי. פאַראַן אין וואַרשע א דענקמאָל.
אַפאַנאַסי סאַלינסקי. א פּאָר ווערטער וועגן דעם אווטאָר פון אָט דער פאַרצייכענונג 122

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

הערש רעמעניק. אונדזער דיכטונג אין נאָכאָקטיאַבער־פּעריאָד (צווייט אַרטיקל) 133
יִסראָעל סערעבריאַני. כראָניק פון דער יִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 139
קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע 146
פאַרשיידנס 148
בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען 150
די יִדישע פּרעסע מיט 50 יאָר צוריק האָט געשריבן . . . 150
נאָטיצן פון א יִדישן בוקיניסט 152
בריוו און אָפּרופן אין דער אויסלענדישער פּרעסע 153
כראָניק 95, 154, 155, 156, 160
אין א שפּאַס 157
נאָטיצן אפן קאַלענדאַר 158
לאָמיר זינגען נײַע לידער. די טענצערן פון געטאָ. ווערטער פון פּערעץ מאַרקיש. מוזיק פון אָטיליע ליכטענשטיין 159

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

ה. אַשעראַוויטש, אי. באַרו־כאָוויטש, א. גאָנטאַר, נאָטע לוריע, מ. לעוו (פאַראַנטוואָרט־לעכער סעקרעטאַר), ב. מילער, י. פאַליקמאַן, ס. פּרײַ, י. ראַבין, ר. רובין.

עלי שעכטמאן

ערעוו

ראמאן

דריטער בוך

I

און האגאם איווע הערט שוין גוט, ווי מיט יעדער רעגע קלינגען די גלאָקן אַלץ שטאַרקער און קאַדאַכעסדיקער, ווי זיי טרייסלען, בויטען און רודערן אויף די נאַכט, טרייַבן דורך דעם אופֿגעריסענעם פענצטער בעהאַלע און מעהומע — אומבאהאַלפענע קינדער־געוויינען, ווייַבער־יעלאָלעס און שוין אויך פֿאַרצווייפֿלטע מאַנצבל־קוילעס; האגאם זי זעט שוין, דאַכט זיך, ווי אַף דער קעגנִיבערדיקער וואַנט קלעטערן פֿייַערדיקע שאָטנס, ווי די האַלבע לעוואָנע האָט זיך אייַנגעשניטן אין דער צעבראָכענער שויב און הייבט אָן דאָרטן, צווישן די געל־פֿאַרדאַרטע פּאַסן פּאַפּיר, אָפּגיין מיט בלוט, זי פֿילט שוין אַפֿילע, איווע, דעם ביטער־וואַרגנדיקן רויך אין האַלדז, — דאָך קאָן זי ניט מיטאַמאָל אופֿרייַסן די אויגן און קומען צו־זיך.

אין יענעם טאָג, נאָכן דערציילן, בעשוטפֿעס מיט יִצכאָקן, די באָיאַר־מעגילע, — די מייַסע וועגן דעם פֿערד־גאַנעוו, און שפּעטער, נאָכן ארויסבאַגלייטן די מומע ליבע אין וועג אריַין, בלייַבט זי, איווע, נאָכאַמאָל שטיין אָנגעשפּאַרט אָן דעם שוואַרץ־פּייַכטן לינדנבוים, — דער ווינט מיטן ווערבע־רייעך פֿאַרשלאָגט איר, נאָכן אָפּליגן דעם גאַנצן ווינטער צו בעט, דעם אָטעם און פֿאַרשיקערט זי ביז צו קאָפּ־פֿאַרדרייעניש. פֿון דער ערעוו־פֿרילינגדיקער זון שווינדלט מיט פֿאַרבן, און פֿון דעם ארום שלאָגט מיט טומל און יאָגעניש. דערפֿילט זי זיך ווידער, און ניט נאָר אין דער שטאָט, נאָר אין דער גאַנצער וועלט, ווי צווישן הימל און ערד, — פֿרעמד, עלנט, און דעריקער, אָן אַ דאַך איבערן לעבן...

די ערשטע צוויי ביכער פֿונעם ראָמאַן „ערעוו" זייַנען געווען געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 1—5 פֿאַרן 1962 י. זיי זייַנען אויך דערשינען אין אַ באַזונדער אופֿלאַגע אין פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" אין 1965 י.

און פֿונדעסטוועגן, שטייענדיק אזוי אָנגעשפּאַרט אָן בוים, די פֿיס אירע קאָנען ניט אָנטאָפּן די האַרטע ערד, זיי שטעלן זיך די גאַנצע צײַט אַף עפּעס ווייכס און וואַקלענדיקס, ווייסט זי שוין אָבער פּאָרט, און זי ווייסט עס אַף זיכער, אַז נאָך הײַנט, וואָס ס׳זאָל דאָרט ניט געשען און זײַן, אַלע הימלען זאָלן זיך אַפֿילע אײַנברעכן, וועט זי מיטן פּירשטאָקיק־ווײַסן מויערל אַ סאָף מאַכן און איינמאָל אַף אַלעמאָל פֿאַרענדיקן מיט יענעם לעבן, ווו דאָס שוואַרצע ווערט פֿאַרן פֿרעמדן אויג פֿאַרשטעלט און פֿאַרבאָרגן; ווו פֿאַר יעדערן ווערסטו אַרויסגעשטעלט ווי די סאַמע גליקלעכסטע, ווי אַזאַ, וואָס האָט שוין מער ניט פֿון וואָס צו בענקען און צו טרוימען... און דאָס ווערט מיט אַזאַ אומפֿאַרשעמטקײַט, שוין מיט אומבאַגרענעצטער כוצפּע און אַזעס געטאָן, ווײַל מ׳ווייסט, אַז דו ביסט ניט אימשטאַנד, ניט בעקויעך דעם ליגן אָפּצולייקענען, אָפּצוענטפֿערן און פֿאַר דער וועלט, אַף דער ליכטיקער שײַן די צוויַעס אופֿדעקן און צו אַנטפּלעקן.

און דערנאָך, — זי וואָלט אַליין ניט געקאָנט זאָגן, וויפֿל צײַט איז זי אַזוי געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן בוים, אַרויסגערופֿן באַ אַלע פֿאַרבײַגייער כידעש און נײַגער, — אומקערנדיק זיך אין שטוב אַרײַן דורך די קיך־טרעפּ, ניט געוואָלט זיך שוין מער מיט עמעצן דאָ טרעפֿן און באַגעגענען, האָט זי צו איר גרויס שטוינונג דערזען: גראָד דורכדאַנען, דורך דער הינטערטיר, טראָגט מען אים, דעם האָרוג, צו דער שוואַרצער אַגאָלע. פֿון הינטן, מיט אַן עמעסן געהענעם אין די אויגן, ביידע הענט איבערן קאָפּ, ווי אָט וואַרפֿט ער זיך עמעצן דוירעס זײַן, גייט נאָך מיט אַ געבראָכענעם טראָט דער אַלטער נאָסן לאַנדע. ווערט זי, שוין גאָר אומגעריכט פֿאַר זיך אַליין, מיטגעריסן און לאָזט זיך אויך, פֿונדערווײַטנס און פֿונדערזײַט, נאָך דער לעווײַע גיין — אָפּגעבן אָוונערן דעם לעצטן כויוו און קאָוועד.

אויך פֿריִער, נאָך איידער מ׳האָט אָוונערן פֿון שטוב אַרויסגעטראָגן, האָט דער אַלטער נאָסן לאַנדע, — אַבושל האָט אים דערבײַ צוגעהאָלפֿן, — אין דעם האָרוגס מאַלבושים געזוכט און גענישטערט, און שפּעטער, אָפּן בעסאַלמען, הינטער דער שוין קימאַט אײַנגעפֿאַלענער צאַם, דאָרטן, הינטערן פּלויט, ווו דער זעלבסטמערדער ווערט אַלפּי־דין צו קוורע געבראַכט, דאָרטן, שוין מאַמעש באַם אַראָפּלאָזן דעם באַרמינען אין קייווער אַרײַן, האָט דער אַלטער נאָסן לאַנדע ווידעראַמאָל אופֿגעהויבן ביידע הענט:

— ווארט נאָר צו!

בלײַבן די קאַבראָנים ווידער שטיין. דער אַלטער דײַען, אַן אײַנגעבויגן־אײַנגעשרומפּענער, זוכט עפּעס ווײַטער און ווידער, שאַרט מיט די הענט, ווי אַ בלינדער, איבערן טויטן קערפּער, און... שוין גאָר אומגלייבלעך, געפֿינט ער פּלוצעם אַ פֿאַרבלוטיקט־פֿאַרטריקנט קוויטעלע. די מעלאָווים, וואָס שטייען פֿונדערווײַטנס אָפּן בעסוילעם, טוען זיך דאָ מיטאַמאָל אַ שפּאַר צום אָפֿענעם קייווער: אַלע ווילן וויסן, וואָס אין קוויטעלע שטייט געשריבן, וואָס האָט דער זון פֿון אָט די רײַכע עלטערן, פֿון אָט דער מעיוכעסדיקער מישפּאָכע, וועלכער האָט אויסגעוואַנדערט אַ וועלט, זיך אומגעקערט אַהיים און זיך גענומען דאָס לעבן, וואָס האָט ער, אָוונער לאַנדע, פֿאַר אַ צוואָע דאָ איבערגעלאָזט?

און ער, נאָסן לאַנדע, דאָס איז פֿאַר אַלעמען אויך געווען אומדערוואַרט, שטופּט אָפּ פֿון זיך דאָס ווײַב, די טעכטער און איידעמס — איין אַלעקסאַנדער מישט זיך ניט אַרײַן — און נעמט מיט אַן אופֿשוידערנדיק קאָל ניט לייענען, נאָר אויסשרײַען פֿאַר אַלעמען, וואָס אין קוויטעלע שטייט געשריבן: „אין דער היים איז קיין וועלט ניטאָ, און אין דער וועלט איז קיין היים ניטאָ“... דאָ האָבן זיך באַ איווען אונטערגעבראָכן די פֿיס און מ׳האָט זי קוים פֿון בייס־האַקוואָרעס אַרויסגעפֿירט.

הערט זי, איווע, ווי מיט יעדער רעגע קלינגען די צעוויגטע גלאָקן אַלץ ווילדער און קאַדאָכעסדיקער — ס׳קלינגען שוין אויך יענע, די קופּערנע, די שווערפֿודיקע, די סאָכריש־געהייליקטע גלאָקן אַף די קלויסטערס, — נאָר אופֿרײַסן די אויגן און קומען צו־זיך קאָן זי פּאָרט ניט. זי איז נאָך אַלץ אין דעם הינערפּלעט... דערקליבן זיך מיט די לעצטע קויכעס פֿון בעסאַלמען צום פּירשטאָקיקן מויערל, אָפּן טעפּיך־געשפּרייטן פּערטן שטאָק, צו דעם ליידיקן צימער אירן, ווו אַף דער שווערער דעמבענער טיר, הינטערן לײַלעך, הענגען אירע מיידלשע קליידער, אַלדאָס איבעריקע טאַקע אין יענעם טאָג, באַלד נאָכן אומקערן זיך פֿון דאַניִעלס לעווײַע, שוין אַ קראַנקע, פֿון יענער זײַט שוועל אַרויסגעשטעלט און אַרויסגעוואָרפֿן, — שוין דעמלט געגעבן דערמיט צו וויסן, אַז זי איז דאָ לאַכלוטן אַ פֿרעמדע און לאַנג וועט זי זיך דאָ מער ניט פֿאַרהאַלטן... דעמלט, די גאַנצע צײַט פֿון איר קראַנק זײַן, אַפֿילע אין די ערשטע וואָכן, ווען זי האָט זיך צווישן הימל און ערד געפֿונען, איז ער, אַלעקסאַנדער, קיין איין מאָל צו איר אַליין ניט אַרײַן, ער פֿלעגט אַלע פֿאַרנאַכט, אין די ביין־האַשמאָשעסן, קיין ליכט ברענט נאָך ניט, קעסיידער אַרײַנגיין מיט דער מאַמען זײַנער... און דאָ גאָר, אומקערנדיק זיך פֿון

בעסאַלמען אין צימער אַרײַן, און אויסגעשעפּטע, מיט אַ געפּיל, אַז זי מוז וואָס גיכער צו עפּעס זיך צושפּאַרן, פֿאַר עפּעס זיך אָנכאַפּן און אָנהאַלטן, ווײַל אויב ניט, וועט זי אויך מוזן אַ מײַסעראַ זיך אָנטאָן, אָדער שוין אויפֿן גאַנצן לעבן אין שוואַרצן יִיעש אַרײַנפֿאַלן, אָדער נאָך ערגער — אין אַ גרויער גלײַכגילטיקײַט אַרײַנזינקען, אַהין, וווּ די נעשאָמע צאַפּלט ניט בײַ קדושע און ציטערט שוין ניט בײַ טומע... — אומקערנדיק זיך פֿונעם בעסוילעם, אין אַזאַ מאַצעוו, אין שטוב אַרײַן, טרעפֿט זי אים דאָ, אַלעקסאַנדערן, בײַ זיך אין צימער. און מעשונע: ס׳האָט זי גאָרניט פֿאַרכידעשט. שוין דעם גאַנצן וועג אַהער האָט זי ניט נאָר געפֿילט, נאָר אויף קלאָר געוווּסט, אַז זי וועט אים טרעפֿן זיצן דאָ, און טאַקע בײַ דעם אָפּגעריסענעם פֿענצטער מיט דער צעבראָכענער טאַפֿליע.

צום אָנהייב איז זײַן מעכילע בעטן: ער, אַלעקסאַנדער, האָט זי דעמלט, אין דער נאַכט פֿון דאַנִיעלס טויט, ווען זי האָט זיך פֿאַרטאָג אומגעקערט אין איר טאַטנס שטוב, ניט געוואָלט מיט עפּעס וואָס צו דערנידעריקן און צו באַליידיקן, כאָלילע, ער האָט דעמלט צו גוט איר שטימונג און צושטאַנד געוווּסט, ער האָט, פֿאַרקערט, מיטלען געזוכט, וויִאַזוי צו טרייסטן זי. אין יענעם פֿאַרטאָג האָט זי, איווע, — זאָל יענער פֿאַרטאָג פֿאַרשאָלטן ווערן! — אים שלעכט אויסגעטײַטשט. ניט דער פּאַטש אין פּאָנעם און ניט די רייד אירע האָבן אים אַזוי צום האַרצן דערלאַנגט, נאָר דאָס, וואָס ער איז צום שלעכטן אויסגעטײַטשט געוואָרן, און דערמיט אים, אַלעקסאַנדערן, פֿאַר אויס מענטש און פֿאַר אַ חײַע געמאַכט...

הערט זי אים קימאַט ניט. זי האָט ניט געוואָלט דערהערן אין זײַנע רייד אַ ברעקל אויסגעווייטעקטס, געפֿינען עפּעס אַ רעמעז אויף טיף־מענטשלעכס, וואָס זאָל אים דערהייבן אין אירע אויגן און דערמיט איר פֿאַרגרינגערן צו געפֿינען פֿאַר זיך אַ פֿאַרענטפֿערונג פֿאַר דער געפֿאַלנקײַט, וואָס זי האָט מיט אים אָפּגעלעבט אַזויפֿיל מעסלעסן, כאַדאָשים און יאָרן אונטער איין דאַך, צווישן איינע און די זעלבע ווענט, און איז דאָך פֿאָרט געווען זײַן ווײַב... ניין, פֿאַר דעם, ווייסט זי, קאָן איר קיין פֿאַרגעבונג ניט זײַן. די צען יאָר אָפּלעבן מיט אַלעקסאַנדער לאַנדע קאָנען קיין טיקן ניט האָבן. אַלע אירע יעסורים פֿאַר די צען יאָר קאָנען ניט אויסלייזן.

נאָר שפּעטער, אַז אַלעקסאַנדער הייבט זיך אָן אַרויסצושטעלן פֿאַר איר אַלס קאָרבן, פֿאַר דעם באַליידיקטן און אונטערדריקטן, בלײַבט זי נאָך אַ פּאָר רעגעס ווי פֿריִער שטיין, קוקט נאָך אַלץ אַריבער דער שטאָט, אַהין, וווּ די ווײַס־געזויבערטע ערעוו־פֿרילינגדיקע וואָלקנס נעמען זיך טונקלען, וווּ די נאָרוואָס פֿינקל־בלוילעכע שנייען אויף די פֿעלדער לעשן זיך, און דרייט זיך אויס מיטן פּאָנעם צו אים.

אויך ער הייבט זיך פֿונעם בענקל אויף — מיטאַמאָל קירצער און שמעלער געוואָרן, די טונקל־ברוינע אויגן, די טאָמיד־גלאַנציקע, ווי פֿריש־אָפּגעשיילטע קאַשטאַנען־ניס, די טאָמיד פֿריילעך־צופֿרידענע אויגן פֿון אַ מוצלעך, וואָס ווי ער לייגט ניט צו אַ האַנט, דאָרט איז מאַזלבראָכע, — אָט יענע אויגן דערקענט זי איצט ניט, איווע. זיי זײַנען בעעמעס פֿול מיט אַ מין טרויער און פֿאַרלאָרנקײַט.

זי, איווע, וואָס האָט אים קיין איין מאָל צו היסטאַפּכעס־האַנעפּעש ניט דערלאָזט און ביכלאַל קיינמאָל ערנסט זײַנע רייד ניט גענומען, — וויִאַזוי דאָרטן, אין דער האַנדלס־וועלט, ער האָט זיך געפֿירט און גערעדט, ווייסט זי ניט, פֿון זײַנע געשעפֿטן און טועכצן אַלע צען יאָר ווײַט געווען, — נאָר דאָ אין שטוב ניט געקאָנט אַפֿילע פֿאַרטראָגן די אַלע רייד וועגן דעם יאָכיד און קלאַל... געוווּסט, אַז אָט די רייד קומען צו אים ניט אַזוי פֿונעם שוואָגער, דעם אַדוואָקאַט, פֿון כאַנאַן איסײַעוויטשן, ווי דעריקער פֿון יענעם, פֿונעם פּראָפֿעסאָר עפֿראָס, וואָס רעדט דײַטש און וואַרט אויף דער שטאַרקער פּערזענלעכקײַט, וואָס דאַרף קומען ראַטעווען די מענטשהײַט פֿון אונטערגאַנג... ס׳איז איר נאָר אַ גרויסער כידעש געווען, פֿאַרוואָס ער, אַלעקסאַנדער, כאַזערט נאָך ביז איצט ניט איבער אויך יענעמס רייד: קאָלזמאַן ס׳זײַנען דאָ אַנטיסעמיטן, וועט ער, פּראָפֿעסאָר עפֿראָס, ניט פֿאַרלייקענען זײַן יִידישע מאַמע... — און האַגאַם ער, אַלעקסאַנדער, כאַזערט נאָך אָט די ווערטער ניט איבער, אָבער האַלטן האַלט ער, אַז דערמיט, וואָס דער פּראָפֿעסאָר לייקנט ניט זײַן שטאַם, טוט ער דעם יִידישן פֿאָלק אַ גרויסע טויווע.

איווע, וואָס פֿלעגט טאָמיד אַוועקגיין, ניט געקאָנט פֿאַרלײַדן די היסלײַוועס, מיט וועלכער ער פֿלעגט איבערכאַזערן דעם פּראָפֿעסאָר עפֿראָסעס טוירע, האָט אַצינד, אַרײַנקוקנדיק אַלעקסאַנדערן אין די אויגן, דאָס ערשטע מאָל דערזען אין זיי עפּעס אַ מין טרויער און פֿאַרלוירנקײַט, האָט זי אָנגעהויבן צו הערן אים מיט מער קאַוואָנע. אָבער וואָס ווײַטער און מיט גרעסערער קאַוואָנע זי הערט, ווי ער דערלאַנגט איר דעם אונטערשטן כעזשבן, אַלץ מער וואַקסט איר נישטוימעמדיקײַט: זי, איווע, הייסט עס, האָט אים, אַלעקסאַנדערן, צעבראָכן אַלס מענטש, זי, איווע, האָט אים, הייסט עס, צעמאַזיקט די נעשאָמע... — יאָ, יאָ, זאָל זי ניט קוקן אויף אים אַזוי,

אויך ער האָט א נעשאָמע! זי האָט אים זײַן נעשאָמע פאַרומרייניקט און פאַרשמוציקט. זי האָט אים געטריבן אַף געמיינס און נידערטרעכטיקס. ער האָט געהאַט א ווײַב און באַדאַרפט פירן א באַכעריש לעבן... באַלד נאָך דער כאַסענע האָט זי אים געבראַכט דערצו, אַז ער האָט זי געמוזט פאַרשלעפערן מיט שלאָף-געטראַנק. ער וועט עס איר קיינמאָל ניט מויכל זײַן.

— ווען ניט דו, — זאָגט ער מיט צאַרן, — ווען ניט דו, וואָלט איך קיינמאָל צו אַזעלכס ניט אַראָפּגעפאַלן! דו האָסט מיך מעוואַטל געמאַכט ניט נאָר אַלס מענטש, נאָר אויך אַלס מאַנצבל. אַלע צען יאָר האָב איך באַדאַרפט בעטלען בא דיר א ברעקל ליבע. און אַז איך פלעג עס שוין יאָ אַמאָל בא דיר אויסבעטלען, איז עס געווען אָן שום וואַרעמקײַט, אָן שום שוטפעס.

— גאָט מײַנער... — פאַרשטעלט זיך איווע מיט ביידע הענט דאָס פּאָנעם און טרעט אַפּגיך אַף צוריק צום אופגעריסענעם פענצטער. ניט אַזוי די רייד, ווי דער מין טרויער אין זײַנע אויגן דערשרעקן זי. גראָד פון אָט דעם ניט געפּעלשטן טרויער נעמט איר אַרומגיין א שאַרפע קעלט איבערן רוקנביין.

ער איז אַנשווינגן געוואָרן. ער שפּאַנט אַרום הין-און-הער בא דער טיר. אויך אין זײַנע טריט הערט זיך אופגעבראַכטקײַט און פאַרלוירנקײַט. מיטאַמאָל ווערן די טריט אויך אָפּ-געשטעלט.

— גיי ניט אַוועק פון מיר. גיי ניט אַוועק, איווע... — ער זאָגט עס שוין אין דער אָפענער טיר און מיט עמעסן ייִעש. — פאַרלאָז מיך ניט. איך וועל אויך ווײַטער בלײַבן דער בעטלער הינטער דײַן פאַרשלאָסענער טיר...

און ווי פריִער דאָרטן, אַפן בעסוילעם, בא אַוונערס קייווער, דערהערנדיק דעם אַלטנס אָפּשווידערנדיק קאָל מיט יענע ווערטער פונעם בלוטיק-פאַרטריקנטן קוויטעלע: „אין דער היים איז קיין וועלט ניטאָ, און אין דער וועלט אין קיין היים ניטאָ“... — אַזוי אויך איצט, דער-הערנדיק אַלעקסאַנדערס, אָבער שוין ביז גאָר שטיל, האַכנאָעדיק קאָל: „איך וועל אויך ווײַטער בלײַבן דער בעטלער“... — ברעכן זיך איר די פיס אונטער.

ערשט ווען אַקיווע קומט צו איר, שוין צום סאָף טאָג, — קיין שקיִע איז אין יענעם פאַר-נאַכט ניט געווען: די זון איז עפּעס מיטאַמאָל ווי אײַנגעזונקען געוואָרן אין די גרינלעכע הימל-טהאָמען, — ווערט זי באַרויִקט, געשטאַרקט און נעמט גרייטן דאָס קינד אין וועג אַרײַן.

שפּעטער, נאָך אַקיוועס אַוועקגיין, צושפּאַרנדיק זיך לעם קינד, די הענט אונטערן קאָפּ, ניט וואַך און ניט געשלאָפן, ליגט זי אַזוי אַף א גרויסע שטיק נאַכט און הערט אַפילע ניט, ווי אין שטאָט, אַפן מאַרק-פּלאַץ, איז אויסגעבראָכן די סרייפע.

און האַגאַם זי הערט, ווי ס'קלינגען די צעוויגטע גלאָקן מיט יעדער רעגע אַלץ ווילדער און קאַדאַכעסדיקער, באַזונדערס יענע, די סאַכריש-געהייליקטע, אַף די קלויסטערס, זעט שוין, דאַכט זיך, גוט, ווי ס'גליִען די שויבן, פילט שוין אַפילע דעם רויך אין גאָרגל, נאָר עפּענען די אויגן און קומען צו-זיך קאָן זי נאָך אַלץ ניט. ערשט דעמלט, — נאָך לאַנגען וועקן און רופן זי באַם נאָמען, און דעריקער, אַז מ'נעמט זי, ענדלעך, פאַר די אַקסל אָן:

— שטייט אוף! בא אַזאַ זאַווערוכע קאָן די סרייפע זיך איבערוואַרפן אַהער, מ'דאַרף זײַן גרייט פאַרלאָזן די שטוב...

— האַ?

— נו, יאָ, איר זעט דען ניט?

ערשט דעמלט כאַפּט זי זיך, איווע: זי דאַרף דאָך טאַקע די שטוב פאַרלאָזן. אָבער פון וועלן וואָס גיכער אַניאַגן און פאַריכטן דאָס דורכגעלאָזטע און אויך פון די פלאַמען פײַער, וואָס שלאָגן קימאַט אין פענצטער אַרײַן, — דאָס פײַער ברויזט דאָרטן, ווו דער ערעוו-פייסעכדיקער יאַר-מאַרק איז אופגעשטעלט און געגרייט געוואָרן, דאָרטן פלאַקערן די הילצערנע און די לײַוונטענע גאַסן, זיי גייען מיטן האָב-און-גוטס אין די פאַרפאַליעטע הימלען אַרײַן מיטן רויך, — פאַלט בא איר, בא איווען, אַלצדינג פון די הענט אַרויס.

און מעשונע: וואָס שטאַרקער די פלאַמען פײַער שלאָגן אין פענצטער אַרײַן, אַלץ קנאַפּער זעט זי, וואָס אַרום איר טוט זיך. זי הערט נאָר, אַכוץ דעם פײַף פונעם שניי-געוויטער, ווי ערגעץ אָט דאָ, גאָר נאָענט, שרײַט א פערד — אַפּאָנעם, אין לויף זיך צעבראָכן א פוס. אָט דאָס געשריי פון דער שטומער צונג קילט איר, איווען, דאָס בלוט אין די אָדערן.

דאָס נײַע דינסטמיידל, יענע, וואָס שטאָלצירט מיט דעם ווײַסן באַדינער-פאַרטעכל און מיטן ווײַסן מעשאַרעס-הייבל, טאַקע די זעלבע, וואָס אין דער פאַרויטלטקײַט פון איר פּאָנעם זעט מען שוין דעם סאָף פון זייער א לאַנגן טאָנעס און דעם אָנהייב פון א צופרידענער זעטי-קײַט, יענע, וואָס האָט זי, איווען, פריִער פאַר די אַקסל געוועקט און געוואָרנט פון דער פײַער-סאַקאָנע, אַז זי, דאָס דינסטמיידל, א צוגעשטעלטע אַף נאָכצוקוקן און נאָכצושפּירן נאָך איוועס

יעדער קער־און־ווענד, האָט דערזען, ווי איווע האָט ניט נאָר פארפאקט און פארבונדן אירע זאכן, נאָר אויך אראָפּגענומען פון וואנט „די קארטינע“ — די רויטע קו מיטן אָפּגעבראָכענעם האָרן — און נעמט זיך אָנצוטאָן דאָס קינד אינעם פּוטערל, זי קלײַבט זיך צו פארלאָזן די שטוב אָף טאָמיד, אז כאוועלע, דאָס דינסטמיידל, וואָס הייסט שוין בא די לאנדעס „יעוואָ“, האָט עס דערזען און באנומען, האָט זי זיך טייקעף געלאָזט לויפן פונעם פערטן שטאָק אראָפּ איבערצוגעבן אהינצו, וואָס דאָ, בא איווען, פארלויפט זיך.

אָבער פון צעטומלטקײַט און איבעראשונג, — קיינער דערוואַרט דאָך אפילע ניט, אז נאָכן אומגליק דאָ אין שטוב מיט אוונערן, טאקע באלד נאָך יענעמס לעווײַע, דערצו נאָך אין אזא סרייפע־ און זאווייע־נאכט, זאָל זי זיך לאָזן, איווע, מיטן קינד ערגעץ אין וועג ארײַן, — איז זי, דאָס דינסטמיידל, פון צעטראָגנקײַט, גראָד צו אים, צום אלטן נאָסן לאנדע, אין כיידער־מעיוכעד ארײַנגעלאָפן, — האגאם ס'איז איר שטרענג פארבאָטן און פארזאָגט געוואָרן מיטן אלטן קיין מאגע־אומאסע ניט האָבן, — און גראָד פאר אים מיט איר שארפן גאָרגל־רייש מיט אָט דער בסורע ארויס.

דער אלטער נאָסן לאנדע, נאָכן באלטשוועס נעמען זיך דאָס לעבן, איז אין יענעם פארטאָג, נאָכן שטיין באם פענצטער און זוכן רעמאָזים אין דער פלוצלינג־אויסגעבראָכענער סרייפע, אין די וויכערדיקע פלאמען, וואָס האָבן זיך געשפרייט איבער דער שטאָט, — ווידער מיט פארמאכטע אויגן, מיטן פארקנייטשטן שטערן, אָף דער ערד אין ווינקל אָף דעם שיווע־קישעלע געזעסן מיט א כאָרעוו געוואָרענער וועלט אין הארצן, געריבן, בעטעווע שוין, מיטן אקסל די וואנט און געזוכט ווײַטער צווישן יענע כורוועס פון זײַן צעשטערט געוואָרענער, פון זײַן אײַנגעוואלגערטער וועלט דעם סאָד פון אוונערס יערידע. ערשט נעכטן אינדערפרי האָט ער אים, אוונערן, טאקע מאמעש מיט גוואלד פון מאָקעם־קאָדעש צוגענומען. שוין נאָך אלע מיניאָנים איז ער, אוונער, נאָך אלץ אין די טפילן געשטאנען, געקוקט דורכן פענצטער אין הימל ארײַן, די אויגן האָבן אים געברענט, ווי ס'וואָלט אים דורך זיי א פײַער פון הארצן געשלאָגן. דעם אלטן נאָסן לאנדע האָט זיך געדאכט, אז זײַן בען־זקונים זעט דאָרטן אין הימל אלע דרײַ הונדערט צען וועלטן, אז אין דעם זונס אויגן האָט זיך אָנגעצונדן דער „נר אלהים“[1] — גאָטס ליכט.

ערשט נעכטן אינדערפרי האָט ער, נאָסן לאנדע, זיך געפרייט, געגלייבט, אז אוונער וועט פון זײַנע הענט „די גאָלדענע קייט“ איבערנעמען און וועט, אלס באלטשוווע, הויך ארופגיין און זייער ווײַט דערגרייכן. דערנאָך איז ער, נאָסן לאנדע, ווײַט פון דעם ארום, מיט דער פריש־פארשניצטער פעדער אין דער לינקער האנט, פארדימיענט און פארטאָן אין זײַן „קדושת השכינה“[2] איבערן טיש געזעסן און ניט געהערט, וואָס ארום אים טוט זיך. סאָפּקאָלסאָף האָט ער דעם טומל דערהערט און זיך דורכן אָנגעלאָפענעם אוילעם דורכגעשפארט. געלאָפן מיט דער פעדער אין האנט איבער די טרעפּ און צו די פאנאנדערגעעפנטע טירן צוגעלאָפן און דאָרטן דערזען: פון דער ערד, א פארבלוטיקטן, הייבט מען אוף זײַן זון.

פאר אים, פארן אלטן נאָסן לאנדע, איז דעם באלטשוועס טויט א גרויסער סאָד. ער קאָן זיך גאָר צום גרונט פונעם בראָך ניט דערקלײַבן: האָט טאקע אוונער בא זײַן גאנצן ווילן, קיינער האָט דאָך אים ניט געגייט, ער האָט דאָך, פון קיינעם ניט געצוווּנגען, אליין זיך אומגעקערט, ארײַן מיטן שטויב פונעם וועג, צוגעפאלן צום אקסל און געזאָגט: „נעם מיך, טאטע, צוריק אונטערן שאָטן פון דײַן בוים!“ — האָט ער, אוונער, בא זײַן גאנצן ווילן, טאקע ניט געקאָנט מער געפינען בא דעם בוים פון זײַנע עלטערן, בא אָט דעם טויזנטעריאָריקן בוים, קיין שאָטן פון דער היץ און קיין קוואל פארן דאָרשט? ער, נאָסן לאנדע, ווייל ניט גלייבן, אז אין יענע עטלעכע ווערטער פונעם פארבלוטיקטן קוויטעלע דארף מען די סיבע פון יענעמס טויט זוכן.

לעכאטכילע, דערזען פאר זיך אין זײַן היסבוידעדעס־כיידערל א פּאָנעם־כאדאָשעס, האָט ער לאכלוטן ניט פארשטאנען, וואָס מ'דארף און וואָס מ'וויל דאָ פון אים. נאָר שפּעטער, אז ער הייבט שוין אָן צו פארשטיין, אין וואָס דאָ גייט און אין וואָס דאָ האנדלט זיך, שטעלט ער זיך אָף די פיס אוף, כאפּט דעם שטעקן מיט דער זילבערנער גאלקע אין האנט ארײַן, און שוין אלס דײַען, וואָס דארף מישפּעטן, הייבט ער אוף זײַנע אויגן און זײַן קאָל אָף דער ארײַנגעקומענער און הייסט איר געבן א שוווּע:

— שווער, אז אין דײַנע רייד וועט קיין בארעדערײַ און קיין שעקער ניט זײַן!

ווערט באם מיידל פארפאלן דאָס פארויטלטקײַט פון פּאָנעם, און ס'קומט איר ארײַן א טרייסלעניש אין די קנעכל: זי האָט זיך אָנגעהערט, נאָך אין דער היים, א סאך מײַסעס וועגן דעם דײַענס אויגן, — זיי זעען א מענטשן אָף דורך־און־דורך. אמאָל, דערציילט מען, האָט איינער

---

[1] נייר עלויהים (העבר.); [2] קדושאס האשכינאָ (העבר.) — די הייליקײַט פון דער שכינע (גאָטהײַט).

בעשאס א דין־טוירע ליגן געזאָגט, האָט אים דער דייַען אָפּגעשטעלט און געוואָרנט. נאָר יענער האָט ווייַטער ליגן געזאָגט, האָט אים דער דייַען נאָכאַמאָל אָפּגעשטעלט און געוואָרנט. אָבער יענער האָט ווייַטער ליגן געזאָגט. דעמלט האָט דער דייַען א קלאַפּ געטאָן מיטן שטעקן אין פּאָל אַרייַן, און בא יענעם איז טייקעף דאָס לאָשן אָפּגענומען געוואָרן, אַף א לאַנגער צייַט שטום געבליבן. און דאָס מיידל, דערשראָקן פאַרן דייַענס קאָל, פאַר זייַנע אויגן, און נאָך מער פאַר זייַן שטעקן, האָט ארויסגעלייגט פאַר אים אַלצדינג, וואָס זי האָט נאָר וועגן אַלעקסאַנדערן און שיפרען געהאַט צו דערציילן.

— און אַלע דאָ אין שטוב, זאַגסטו, ווייסן עס?

— וואָס זשע, זיי ווייסן ניט?

— און אויך זי, נעמע, ווייסט דערפון?

— וואָס זשע, און איר, באַלעבאָס־לעבן, ווייסט טאַקע דערפון גאָרניט?

— הא, — נעמט ער דורך דאָס מיידל מיט זייַנע פייַערדיקע אויגן, — וואַרט נאָר, וואַרט א רעגע.

ער פאַרקנייטשט דעם שטערן: אין אירע, אין דעם מיידלס, רייד, וואָס דאָ אין שטוב קומט פאָר און פאַרלויפט זיך, איז דאָך טאַקע פאַר אים גאָר קיין פאַרבאָרגנס און פאַרהוילנס ניטאָ. זי אַליין, נעמע, האָט דאָך אים, צוריק מיט א כאָדאָשים צוויי, זייער קלאָר און דייַטלעך אַף דעם אָנגעטייַט. האָט ער עס אָפּגעשטויסן פון זיך, פאַרמאַכט אַף דעם די אויגן און איז אַזויאַרום געוואָרן א שותף צו די סדאָם־מייַסים, וואָס ווערן דאָ אונטערן דאַך אָפּגעטאָן.

אַף דער אויסגעקייַלעכדיקטער פּלייצע — די שאַל, דעם שטעקן אין האַנט, היפּערט ער, דער אַלטער נאָסן לאַנדע, איבער די טרעפּ און לויפט אַהין מיט דעם פּסאַק־דין, וואָס ער, דער דייַען, האָט ארויסגעטראָגן פאַר איוון, פאַר זיך און אויך פאַר זיי אַלעמען.

דאָרטן, אין דעם ניט געהייצטן, אין דעם טונקל־פּרימאָרגנדיקן ליידיקן צימער, טרעפט ער שוין די טעכטער מיט די איידעמס אַרום איוונען שטיין, זיי מאָנען און פאָדערן בא איר:

— איר דאַרפט, ניין, איר מוזט צוזוואָרטן מיטן אַוועקגיין.

— דאָ האָט איר אַלע א טאָעס. ניט איך דאַרף און ניט איך מוז.

— איוונע, איר קאָנט עס דאָך אָפּלייגן נאָך אַף א כוידעש. ס׳וועט ווערן וואַרעם. וויַאַזוי גייט מען עס ארויס פון שטוב אין אַזא זאַווערוכע? איר זייַט דאָך א מאַמע, וויַאַזוי וועט איר נעמען דאָס קינד?

— ס׳וועט מיך גאָרנישט ניט אָפּשטעלן. איר הערט? דער באַלעגאָלע איז שוין דאָ. — זי קוקט צו דער טיר און וואַרט, אַז אַקיווע זאָל שוין וואָס גיכער אַרייַנקומען. — און ווייַל איך בין א מאַמע...

— צי דען טאַקע, — שלאָגט איר איבער דער אַדוואָקאַט, — קאָנט איר ניט פאַרשטיין, אַז ס׳איז ניט קיין צייַט אַף דעם?

— איך האָב שוין אַזוי אויך, כאַנאַן איסייַעוויטש, דורכגעלאָזט און פאַרשפּעטיקט מיט אַלע „צייַטן“.

— מירן צו דעם ניט דערלאָזן, — טוט דער כאָלוש יוינע וואַנדער א שנייַד מיט דער האַנט די לופט. — מ׳איז שוין אַזוי אויך געוואָרן א שעם־דאָווער אין שטאָט. גענוג ביזיוינעס!

אַלעקסאַנדערן זעט מען דאָ ניט. אויך די רעדלפירערן און די וואָרט־זאָגערן, זי אַליין, נעמע, איז דאָ אויך ניטאָ. אויך הייַנט, ווי טאָמיד אין אַזעלכע פאַלן, שטעלט זי זיך ביז וואָס און ווען אין א זייַט אַוועק, וואָרט און קוקט אויס, וויַאַזוי און מיט וואָס וועט זיך עס דאָרטן ענדיקן. און אַז די זאַך שפּילט ניט אויס, נאָר פאַרשפּילט, דעמלט ווערט זי מיטאַמאָל, שוין אַכער־האַמייַסע, די פאָרויסוויסערן, די פאָרויסזאָגערן, און די שולד פאַרן פאַרשפּילן ווערט געוואָרפן אַף אַנדערע, דעריקער אַפן איידעם דעם שותף, אַפן כאָלוש יוינע וואַנדער.

און אַז זיי, די טעכטער און איידעמס, האָבן דערזען, דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, דעם פאָטער מיט אַזא צאָרנדיק פּאָנעם, מיט אויגן פון א נויקעם־וועגוויטער, מיטן שטעקן, ווי אַף שלאָגן און פאַרלענדן, זייַנען זיי מעטושטעש געוואָרן. זיי זייַנען אָבער פאָרט זיכער געווען, אַז אויך ער איז געקומען אָפּצושטעלן און צו פאַרהאַלטן איוונען, ניט דערלאָזן, אַז מיט איר אַוועק־גיין זאָל דער טומל און די רייד אין שטאָט נאָך גרעסער ווערן.

— שווער, — זאָגט דער אַדוואָקאַט, ווי טאָמיד מיט יענעם געמאַכטן דערעכערעץ, — ס׳זייַנען דאָך פאַראַן טיפּשים, טעמפּע מויכעס, וואָס זאָגן אַפילע, אַז אוונער, זעט איר, האָט זיך גענומען דאָס לעבן איבער איוונען.

— און באַזונדערס נאָך דעם, — גיט צו דאָס ווייַב זייַנס, יודיס, — ווי מ׳האָט זי באַדאַרפט פון בעסוילעם ארויספירן...

— טאַטע, — גייט צו צו אים די יִינגערע טאָכטער, די אַקאָרע, — טאַטע, זאָג דו איר, אַז ס׳איז ניט די צײַט אױף דעם. אוּנערס בלוּט איז נאָך פון פאַל ניט אָפּגעוואַשן.

ווערט דער אַלטער נאָסן לאַנדע פון זײַערע רייד אײַנגעשרומפּענער, שוין גאָר קליין און צו דער ערד געבויגן, שפּאַרט זיך אָן אױף ניט אומצופאַלן מיטביידע דאַרע קימאַט קינדערשע הענטלעך אױפן שטעקן און מיט אַ קאָל, וואָס קיינער האָט נאָך ביז הײַנט פון אים ניט געהערט:

— שווײַגט! רעשאָים! שווײַגט! פאַרשוועכט ניט אוּנערס נאָמען... און אויך מײַן נאָמען! גענוג! איר ווילט דאָ מיט מײַן נאָמען צודעקן די טומע? ניין, איך וועל מער צו דעם ניט דערלאָזן! גייט אַוועק פון איר וועג, זי איז אַ קאָשערע נעשאָמע, אַ מעזוזע־טאָוו, גייט אַוועק פון איר וועג, זאָל זי גיין. גיי, איווע, גיי, אָן יעסורים ווערט גאָרנישט ניט געבוירן. איך וועל אויך אַוועקגיין פונדאַנען. דאָ איז כוישעך־מיצראַיִם. איך וועל גיין שטאַרבן אינעם לאַנד פון מײַנע אָוועס. כ׳קאָן שוין דאָ מער ניט איבערטראָגן דעם שעקער, די קינע, די סינע, די כניפע, די נעוואָלעס, דעם קאָל האַפּאַסלאָנוס וועכאָל האַנעגישויס שעבאָוילאָם![1] מײַן היסבוידעדעס, מײַן אָפּזונדערן זיך פון דער וועלט דינט ניט גאָט, נאָר דעם סאָטן!

און נאָך אַ רעגע איבערכאַפּן דעם אָטעם וואַרפט ער זיי ווערטער, ווי שטיינער, אין פּאָנעם אַרײַן:

— איך האָב געדאַרט מיטן גוף, און איר — מיט דער נעשאָמע.

בלײַבן זיי דאָ אַלע געפּלעפט: דער אויוועראָטל איז אַרויס און זיך גאָר אױף איוועס צאַד געשטעלט. דערצו נאָך קלײַבט ער זיך איניינעם מיט איר די שטוב צו פאַרלאָזן. דאָס וועט דאָך שוין גאָר צו שאַנד און צו שפּאָט פאַר דער וועלט זיי אַרויסשטעלן. לויפט ער, יוינע דער כאָלוש, צו איר, צו דער שוויגער, זיך אָן אייצע האַלטן.

און זי, איווע, ווערט אויך נישטוימעם. אויך פאַר איר איז דער אַלטער אין אַ נײַער שײַן ניסגאַלע געוואָרן. אױף זײַן פּאָנעם און אַפילע אין דעם, ווי די שאַל גליטשט זיך פון זײַן קײַלעכדיקער פּלייצע און ווערט ניט אונטערגעכאַפּט און צוגעהאַלטן, ליגט פּײַן און גרויסער ערדישער טרויער. אין דעם הייזעריק געוואָרענעם קאָל, דעריקער אין די אָפּגעהאַקטע רייד זײַנע, הערט זי דעם וויי־געשריי פון אַ מענטשן, וואָס האָט שוין אַלץ אָנגעווירן.

אַוואַדע פאַרשטייט זי אים, דעם אַלטן, דעם אויסגעקוואַרטן נאָסן לאַנדע, וואָס איז מיטאַמאָל פון אַזעלכע הייכן אױף דער האַרטער ערד אַראָפּגעפאַלן. אַוואַדע פילט זי אים מיט, אויך ער איז דאָ אַ פרעמדער, אַן איבעריקער, דינט דאָ ווי אַ מין אַנטיקל אױף צו באַרימען און צו אַרויסשטעלן זיך מיט אים פאַר אַנדערע. אַוואַדע וואָלט זי גרייט געווען צו דערלאַנגען אים אַ האַנט און צו העלפן אים אַרויסגיין פונדאַנען.

נאָר זי ווייסט נאָך אַלץ ניט, וויִאַזוי וועט זי אַליין פונדאַנען די שוועל איבערטרעטן. זי געפינט זיך אין גרויס אומרו און אין גרויסער פאַרלעגנהײַט: דער באַלעגאָלע, דער אַשמעדײַ, וואַרט שוין אױף איר אונטן מיט דער פור, און אַקיווע איז נאָך אַלץ ניטאָ. קאָן זי בעשום־אויפן ניט פאַרשטיין, וואָס האָט אַזוינס געקאָנט דאָרט טרעפן און געשען מיט אים.

און דאָ קומט אַרײַן צוריק יוינע, און נאָך אים זי אַליין, נעמע. זי בלײַבט שטיין, אינעם שלאָפראָק, בא דער טיר, האַלט אונטער מיט דער האַנט די דרײַ שטאַרק צעקנייטשטע שווערע גוידערס און זאָגט מיט אַ קאָל פון אַ באַרויגעז־אומצופרידענער, מיט אַזאַ קאָל, ווען זי האָט שוין ניט אױף וועמען צו פאַרלאָזן זיך און זי מוז, נעבעך, אומעטום און קעסיידער אַלצדינג אַליין טאָן. אױף אים, אױפן מאַן, קוקט זי אַפילע ניט.

— זײַנע רייד, — זאָגט זי, — האָבן קיין שום ווערט ניט. ער האָט דאָך שוין הײַנט געשריִען, אַז ס׳איז קיין גאָט ניטאָ. אַז אײַער טאַטע, ניט פאַר אונדז געדאַכט, איז אַראָפּ פון זינען, דאָס האָט מען שוין גוט געזען אין זײַן פירונג אױפן בעסוילעם. מ׳וועט אים מוזן נעמען און האַלטן אונטער אַ שלאָס. און וואָס איז שײַעך איווען, איז אויב זי וויל גיין, קאָן זי גיין, קיינער האַלט זי דאָ ניט. וואָס וווּנדערט עס אײַך אַזוי? צען יאָר האָט זי זיך געבאָדן אין מילך און אין האָניק, געגעסן אונדזער ברויט, און אַלע צען יאָר האָט זי געשפּיגן אין ברונעם אַרײַן, אונדז געשווארצט דאָס פּאָנעם. זאָל זי זיך גיין געזונטערהייט. נאָר דאָס קינד וועט בלײַבן דאָ!

זי, איווע, וועט עס קיינמאָל ניט קאָנען איבערגעבן און דערקלערן, וויִאַזוי אױף דער שוויגערס רייד האָט זי אַרויסגעכאַפּט באַם אַלטן לאַנדע דעם שטעקן און געזאָגט:

— אויב עמעצער וועט מאַכן איין שפּאָן צום קינד, וועט דאָס זײַן דער לעצטער טראָט אין זײַן לעבן.

און באַלד אַ רוף געטאָן:

---

[1] כל הפסלנות וכל הנגישות שבעולם (העבר.) — אַלדאָס פאַרדאָרבענע און אַלדי פאַרפאַלגונגען אין דער וועלט.

— רעב לייזער, זײַט אַזוי גוט, קומט מיר העלפֿן אַרויסגײן!

איז דער אַשמעדײַ, ווי נאָר דערהערט איר קאָל, טײַקעף מיט זײַן „האַדי, נו!", אַרופֿגעקומען, מיט צעשפּרײטע הענט זיך אַוועקגעשטעלט, פֿאַר איר מיטן קינד אַ פֿרײַען וועג צו דער אַרויסגאַנג־טיר געמאַכט און צו די שוואָגערלעך, וואָס ווילן אים פֿון אָרט רירן, געזאָגט רוגזעדיק:

— האַדי, נו, האַדי! שטײט ספּאָקאָינע, הערט אויף יאָלדעווען!

II

און אַז זי, איווע, איז אין יענעם קאַיאָר, אין דעם ווינט־וויכערדיקן, אַרויסגעפֿאָרן פֿונעם פֿאַרוויעטן הויף, וואָס מיט דער רויט־געפֿאַרבטער שטאַכעטן־צאַם, — דאָס פֿירגאָרנדיקע מויערל מיט די טורעמלעך און באַלקאָנען, די אָנגעשפּאַרטע אויף די געהויקערטע שטײנערנע גוילעמס, זײַנען, ווי בייזע געשפּענסטער, מיטן ווירבל־שניי פֿאַרטראָגן געוואָרן, — האָט זי ערשט דאָרטן, שוין הינטער דער שטאָט, זיך געכאַפּט: דעם דײַענס שטעקן מיט דער זילבערנער גאָלקע געפֿינט זיך נאָך אַלץ בײַ איר אין דער האַנט.

אין יענעם קאַיאָר, שוין קימאַט אין פֿעלד, געזעגנט זי זיך מיטן קינד, ווי ס׳איז נאָך נעכטן פֿאַרנאַכט געווען מיט דעם צונויפֿגערעדט, — און אַן איבערגעפֿולטע מיט ניצאָכן און פֿרייד קריכט זי פֿון שליטן אַרויס. און האַגאַם זי ווייסט גוט, אַז איר קינד געפֿינט זיך אין זיכערע און אין ביז גאָר געטרײַע הענט, דאָך וואַרפֿט זי אָפּן אַשמעדײַ אַ באַקאָשע־בליק פֿון אַ מאַמע, וואַרט, ביז יענער טוט אַ זאָג: „האַדי, נו!" — און באַגלייט דעם שליטן, ביז ער ווערט פֿון איר אויג אין טאָל פֿאַרשוווּנדן.

מיטן אַלטן לאַנדעס שטעקן אין איין האַנט, מיט דאַניִעלס געמעל אין דער צווייטער — די קו מיטן אָפּגעבראָכענעם האָרן, וואָס רעוועט צו די ערשטע גרעזעלעך אין דעם פֿרײ־פֿרײלינגדיקן פֿעלד, — מיט דעם לעדערנעם געשפּאָלטן־פֿאַרטריקנטן רוקזאַק אָפּן אַקסל — די מיידלשע קליידער, די זעלבע, מיט וועלכע זי איז צוריק מיט צען יאָר צו די לאַנדעס אַרײַן, — דערקלײַבט זי זיך צו דעם האַלב־פֿאַרוויעטן אָסאָקאָר־בוים, וואָס בײַם שיידוועג. זי בלײַבט דאָרט שטיין מיט ברייט־אופֿגעריסענע אויגן, ווי פֿאַר אַ גרויסן וווּנדער: אָט ליגן פֿאַר איר אָפּן און פֿרײַ אַלע פֿיר וועגן פֿון דער וועלט. זי קאָן זיך, סאַפּקאָלסאָף, לאָזן גיין אַהין, וווּהין איר האַרץ וועט גלוסטן און בענקען.

און דאַפֿקע און גראָד דאָ, בײַ אָט די פֿרײַע ראַכוועסן און ווײַטקײַטן, הייבט אָן מיטאַמאָל איר גרויסע פֿרייד, יענע, וואָס האָט זי נאָרוואָס ביז הייסע טרערן געבראַכט: אַלע מעכיצעס און מעניִעס בײַגעקומען, אָט יענע פֿרייד הייבט דאָ אָן מיטאַמאָל, פֿאַר אָט דער פֿרײַ־ און אומבאַגרעניצטקײַט, צו לעשן זיך אָפּן ווינט, וואָס טרײַבט דעם בליצנדיקן שניי־שטויב איבער דער ערד.

זי דערפֿילט דאָ, בײַ דעם האַלב־פֿאַרוויעטן אָסאָקאָר־בוים, ביז אומדערטרעגלעכן ווייטאָג, איר עלנט־ און אַליינקײַט: זי פֿאַרמאָגט דאָך קיין היים ניט. אין יענער היים, בײַ איר טאַטן, ערגעץ דאָרט אין וועלדל, האָט זי קיין אָרט ניט. דאָרטן זײַנען אַלע וועגן און שטעגן פֿאַר איר מיט ברי־ און ווילדגראָז פֿאַרוואָקסן געוואָרן.

די פֿרײַקײַט לייגט זיך איר שווער אויף דער נעשאָמע: שוין? מיטאַמאָל? און אַזויפֿיל? און וווּהין זאָל זי זיך איצט, מיט איר פֿרײַקײַט, אַהינטאָן? און וווּהין זאָל זי, איווע, אַצינד גיין, און בײַ וועמען זאָל זי אַ מאָקעם־מיקלעט זוכן? און ס׳הייבט זי אָן ביז גאָר צו שרעקן יענע פֿרײַקײַט פֿון וואַנדערער און נאַווענאַדניקעס, וואָס די גאַנצע וועלט איז זייער היים, נאָר קיין אייגענעם דאַך איבערן קאָפּ, דעריקער איבערן לעבן, האָבן זיי ניט.

און אין די אויערן שרײַט איר ווידער דער אַלטער דער נאָסן לאַנדעס מיט יענעם אופֿשווידערנדיקן קאָל: „אין דער היים איז קיין וועלט ניטאָ, און אין דער וועלט איז קיין היים ניטאָ".

און פֿאַר די אויגן שטעלן זיך אײנציקווײַז אויס יענע שורעלעך אויף די בייגעלעך פּאַפּיר, די טונקל־געלע, די צונויפֿגעקאָרטשעטע, מיט די אַרומגעברענטע ברעגן, יענע לענגלעך־שפּיציקע אויסיעס, וואָס שטעכן אין האַרצן אַרײַן, יענע אַלאַכסנדיקע שורעלעך, וואָס זײַנען צו איר, צו איווען, ערשט נאָך זײַן טויט, אָנגעקומען: „איך בין אַליין. יעדער פֿויגל האָט זײַן נעסט. איך בין פֿאַרבליבן אָן אַ נעסט און אָן אַ ליד. וואָס קאָן זײַן שרעקלעכער, ווי צו בלײַבן אָן דער אייגענער ליד? כ׳גיי אַרום ווי אויף אַ בעסוילעם, אַ שטומער..." — אויך יענע, דאַניִעלס, שורעלעך, וואָס זײַנען אין פֿײַער געווען, דערנאָך פֿון דאָרטן אַרויסגעכאַפּט געוואָרן און זײַנען איר ווי אַ מין ווידע און צוואָע איבערגעגעבן געוואָרן, אויך זיי, יענע שורעלעך, ברעכן איר די פּיס אונטער.

און דערצו נאָך דערפֿילט זי דאָרטן, בײַם שיידוועג, שוין אַ דורכגענומענע מיט קעלט, שוין

אויך, ווי דער אָסאָקאָר־בוים, האַלב פאַרוויִעט, ווי יענער פאַכעד, יענע מוירע, וואָס האָט זי צען יאָר קעסיידער, טאָג־אויס און נאַכט־איַין, איר ווילן און איר מוט געשטיקט און געוואָרגן, יענער פאַכעד, דערפילט זי, וועט זיך באַלד צוריק אין איר האַרצן אַרייַנכאַפּן. זי הערט שוין אַפילע, ווי ערגעץ וויַיט, עמעס, נאָך גאָר און זייער וויַיט, קומט שטיל, ביגנייווע, אַ מאַכשאָווע: עפּשער, איווע, וועסטו זיך אומקערן?

— נייַן! — שטויסט זי זיך אָפּ פונעם אָסאָקאָר־בוים, טרייסלט אָפּ פון זיך דעם שניי, — נייַן! דאָס וועט שוין ניט זייַן! — און זי לאָזט זיך לויפן צו איר גרעסטן סוינע, צו איר פעטער אַבושן.

האָט מען זי אין יענעם פרימאָרגן געזען אין איר מיידלשן ענגן מאַנטל, אין די זומערדיקע שיך — די פיס גליטשן זיך אין זיי — איבער דער שטאָט גיין. די פאַרשנייטע האָר, פון אונטערן שאַל אַרויס, האָבן אָפּן ווינט ווי שוימיקע כוואַליעלעך אַרום איר אַקשאָנעסדיק־אופגעהויבענעם קאָפּ געשלאָגן. זי איז געגאַנגען, איווע, אַפּצולאָכעס יעדערן און אַלעמען, ניט דורך זייַטיקע גאַסן און הינטערגעסלעך, נאָר דורך דער שפּיגל־גאַס, פאַרבייַ די קלייטן, וווּ מ׳האַלט אין איין רעדן און שעלטן דאָס אַלץ, וואָס ס׳איז באַנאַכט געשען און געטראָפן. אייניקע קרעכצן און לאָזן מיט האַנאָע אַ טרער אָף די העזייקעס, וואָס אַנדערע האָבן געליטן בייס דער סרייפע. דערזען איווען, — אויך מיט איר קאָכט שוין די גאַנצע שטאָט, — נעמט מען טייַטלען אָף איר מיט די פינגער:

— איר זעט, איר זעט, אָט גייט זי דאָך!

— וואָס זאָגט איר אָף איר הוילעך?

— אַרויסגעלאָפן ווי פון אַ סרייפע.

— ווילד, מעשוגע, איבערלאָזן אַזאַ גוטס, אַזאַ אַשירעס.

— דאָס נעמט זיך פון פאַרדאַרבנקייַט, פון אויסגעלאַסנקייַט.

— מ׳זאָגט, אַז דעם אַשמעדייַס בעניאָכיד, דער קלעזמערוק...

— איי, גייט שוין גייט. אַזאַ אינטעלעגענטנע דאַמע?

— הערט, וואָס מ׳רעדט צו אייַך. דעם באַלעגאָלעס בענאָקל איז געווען באַ איר די לעצטע צייַט אָן אָפּטער אַרייַנגייער. טאַקע נעכטן פאַרנאַכט איז ער געווען באַ איר.

— אַזוי גאָר די מייַסע? יענער פידלער, כי־כי.

— נו, אויב אַזוי, ווערט אַלץ קלאָר, ווי אָף דער דאָלאָניע...

און זי, איווע, אין איר עלנט און אַליינקייַט, אין איר ביטערן געראַנגל פאַר אַ לעבן לויט אייגענע האַסאָגעס און אייַנזען, פאַר די רעכט צו זייַן אַנדערש און ניט אַזוי ווי אַלע, — האַגאַם זי גייט מיטן אַקשאָנעסדיק־אופגעהויבענעם קאָפּ, — אָבער זי הערט ניט און באַמערקט קימאַט ניט, וואָס אַרום איר, אין יענעם פרימאָרגן, קומט פאָר און טוט זיך: פּאָליציי און מיליטער, צופוס און אָף פערד, שמייַען איבער דער שטאָט אינעם וויַיסן געווירבל, ווי ניטגוטע.

און אַפילע דעמלט, ווען אַ מיליטערמאַן שטעלט זי פלוצעם אָפּ, טאַקע דאָרטן, אָף דער שפּיגל־גאַס, ניט וויַיט פונעם מאַרק־פּלאַץ, ווו באַנאַכט האָט געבושעוועט די סרייפע, און נעמט באַטראַכטן דעם רוקזאַק, וואָס הענגט איר איבערן אַקסל אָפן שטעקן מיט דער זילבערנער גאַלקע, און באַזונדערס דאָס געמעל אין איר האַנט, אַפילע דעמלט דערקענט זי ניט דעם לאַנגן זשאַנדאַרם, דעם פּאָלקאָווניק קאַבלוקאָוון, מיט די בלוי־פאַרפרוירענע אויגן, וואָס האָבן אָנגעוואָרפן אַזאַ פאַכעד אין דער אַלטער קרעטשמע אין יענער נאַכט פון דאַניִעלס טויט און אויך ערשט נעכטן, נאָך אוונערס שאָס, האָבן זיי, אָט די פאַרפרוירענע אויגן, אָנגעוואָרפן אַזאַ מוירע אָף דער מומע ליבע.

זי דערקענט אים ניט, דעם לאַנגן זשאַנדאַרם, באַמערקט אויך ניט זייַן ווונק צו איינעם מיט שוואַרצע ברילן, — יענער זאָל זי, איווען, האַלטן אין אויג... — און זי איַילט וויַיטער אַהין, צו איר פעטער אַבושן: זי דאַרף נאָך הייַנט דעם וועג צו די לאַנדעס אָף טאָמיד פאַרשיטן.

טרעפט זי אים, אין יענעם וויכערדיקן פרימאָרגן, איר פעטער אַבושן, זיצן אָנגעבויגן איבער דעם לאַנגן, אַליין צונויפגעקלאַפּטן, ניט געהובלעוועטן טיש. ער וואַרפט מיט בײדע הענט ראַבע קאַלטע פאַסאָליעס פון שיסל אין מויל אַרייַן. באַ דער זייַט שטייט אַ פאַרכאַסמעט שקאַליקל, און אַ ביסעלע וויַיטער ליגט אַן אָנגעשוואָלענער סייפער.

ס׳איז שוין היפּש אין טאָג אַרייַן. און האַגאַם ער, אַבוש, זיצט מיטן פּאָנעם צו די צוויי פענצטער מיט די אַכט טאַפּליעס, דאָך זעט מען אים זייער שלעכט. אַלעמאָל בייַט זיך זייַן מאַרע. קיינמאָל קאָן זי ניט, איווע, אופכאַפּן זייַן צורע. אַפילע איצט, קוקנדיק אָף אים אַזוי אָנגעשטרענגט, קאָן זי ניט זאָגן, וויִאַזוי זעט ער אויס, איר מאַמעס ברודער.

זי קוקט אויך מיט שרעק און ווונדער אָפן אָנגעשוואָלענעם סייפער. אין שטאָט רעדט מען, אַז ער, אַבוש, האָט אַזאַ סייפער, ווו יעדער איינער, פון גרויס ביז קליין, איז דאָרט אַרייַנגעשריבן, דאָרט איז פאַרצייכנט, ווען עמעצער האָט געפּאָקט, געמאָזלט, מיט שקאַרלאַטינע געקרענקט, אָף

„פליענציע" געלעגן, ווער ס'איז געבוירן געוואָרן צו דער צײַט, און ווער פאר דער צײַט — א זיבעלע.

ארום האלבער נאכט, זאָגט מען, שטייט ער אוף, אבושל, צינדט אָן דאָס גראָשנדיקע ליכטל, נעמט ארויס דעם אָנגעשוואָלענעם סייפער און קלײַבט זיך אויס א קאָרבן — צו וועמען מאָרגן ארײַנגיין און א פרעג טאָן: „ווי פילסטו זיך?" — און אז ער, אבושל, קומט ארײַן, און קומען קומט ער נאָר אין אָוונט, און אויב שוין יאָ אמאָל באטאָג, איז נאָר דעמלט, ווען ס'רעגנט אָדער ס'שנייט, טרעפט זיך זעלטן, אז יענער, צו וועמען ער, אבושל, איז ארײַנגעקומען אפן געזונט זיך אָנפרעגן, זאָל דאָס יאָר אויסלעבן.

אף איר, אף איוועס, „גוט־מאָרגן" — האָבן בא אים א בלינצל געטאָן די ווײַסע רייפעלעך אף די שווארצאפלען, ער האָט אופגעהערט צו ווארפן די פאסאָליעס פון שיסל אין מויל ארײַן, זיך אופגעהויבן, איר אנטקעגן געגאנגען און גענומען רײַבן איין האנט אין דער צווייטער:

— א גרויסער, אן אָנגעלייגטער גאסט: איך האָב דיר, מײַן שוועסטערס טאָכטער, קיינמאָל קיין שלעכטס ניט געוואָלט.

ארויסגעגאנגען איז זי פון איר פעטער אבושן מיט עפּעס א ביז גאָר שווערן געמיט, און טאקע דערפאר, וואָס יענער האָט זי אופגענומען מיט אזא גדולע, מאמעש מיט היספּײַלעס, ער האָט טייקעף איר צוגעזאָגט זײַן שטיצע און אָנלען, זי באלד פארזיכערט מיט זײַן נעמאָנעס, אז הײַנט נאָך, ביז האלבן טאָג, וועט אלץ אָפּגעטאָן ווערן: ער, אבוש, וועט, אלס שאָליעך, איבער־ענטפערן אים, אלעקסאנדערן, א געט. און אויך דעם שטעקן וועט ער ניט פארגעסן נאָך הײַנט אָפּגעבן דעם דײַען.

ארויסגייענדיק פון איר פעטער אבושן מיטן שווערן געמיט, אָבער דאָך שוין מיטן געפיל, אז יענץ לאנדע־בריקל, וואָס האָט זיך אזויפיל יאָרן געהאלטן אף מישקוילעס, איז נאָרוואָס אײַנ־געוואלגערט און צעבראָכן געוואָרן, זעצט זי זיך אף דער פארשנייטער באנק, אין דעם ליידיקן שטאָט־פארק, א קלער געבן: און וואָס איצטער טאָן, וווהין ווײַטער גיין? זי איז דאָך אין אָט דער מאזלדיק־שווערער שאָ אירער אפילע אָן אים, דעם איינציקן אָנשפאר אירן, אָן אקיווען געבליבן.

ער, וואָס האָט נעכטן פארנאכט איר הארץ מיט געמיט און מוט גענערט, זי צוגעזײַלט: ניטאָ וואָס אָפּצולייגן און ווארטן, מ'דארף די שטוב, אין וועלכער זי האָט זיך צען יאָר געפּלאָגט, שוין און מיטאמאָל פארלאָזן! ער, אקיווע, האָט זי אין דער לעצטער רעגע איינע אליין ווי אף הפקער געלאָזט.

אצינד, אז איר גרויסע שאָ האָט געשלאָגן, איז זי איינע אליין אף דער סימכע געבליבן. און בלײַבן איינע אליין אף דײַן סימכע איז נאָך שווערער און אצוועסדיקער, ווי צו בלײַבן איינע אליין אין א גרויסער צאָרע. און זי דערזעט זיך אין א גרויסער שטוב בא א סאך ליכט און א גע־גרייטן טיש איינע אליין זיך ארומדרייען. זי ווארט אף נאָענטע און פרײַנט, נאָר ס'איז שוין נאָך האלבער נאכט, די ליכט צאנקען — און עפּעס ווערט טאָמיד שווער און שרעקלעך פון צאנקענדיקע ליכט — און קיינער, אפילע קיין איין לעבעדיקער וועזן, קומט ניט ארײַן.

דערצו נאָך איז זי דאָך אפילע ניט צווישן פיר ווענט, ניט בא אָנגעצונדענע ליכט און געגרייטע טישן, נאָר זי געפינט זיך דאָך דאָ, צווישן הימל און ערד, אין דעם פארשנייטן שטאָט־פארק. אָט זיצט זי שוין דאָ, פון יענער זײַט שוועל פונעם ווײַס־פירשטאָקיקן מויערל, אף יענעם צווייטן, אף דעם אויסגעבענקטן ברעג אירן, וואָס איז אזוי ליידיק און וויסט, און א קאלטער טרויער גייט איר אונטער אונטערן הארצן: „ווער בין איך? און וואָס בין איך? וואָס האָב איך געהאט פונעם לעבן און וואָס האָט דאָס לעבן געהאט פון מיר? אָט טראָג איך זיך ארום מיט דא־ניעלס ארומגעברענט פּעקעלע בריוו, וואָס בריט דאָס הארץ, אָט שלעפּ איך זיך ארום מיט זײַן אָנגעמאָלטער רויטער קו... צוליב וואָס טראָג איך זיך ארום מיטן בילד, וואָס שלאָגט מיר אָפּ די פיס און שטערט מיר גיין? יענע יאָרן, די שיינע שיר־האשירים־יאָרן, זיי זײַנען דאָך שוין סײַ־וויסײַ פארוואָקסן געוואָרן מיט ווילדגראָז. און עפּשער האָב איך זיי גאָר אויסגעטראכט, אָט יענע ליכטיקע, ווי אין זילבער געוואשענע יאָרן?"

זי ווייסט, איווע, אז פארהאלטן זיך לענגער דאָ, אין וויכערדיקן פארק, איז געפערלעך. זי קאָן אנשלאָפן ווערן. אָבער רירן זיך פון אָרט קאָן זי ניט. פון מיד־און־פארמאטערטקײַט, דערי־קער פון ניט קאָנען גאָרניט פארענטפערן און פארטײַטשן, פאלן איר די וויִעס פון זייער איי־גענער שווערקײַט אראָפּ.

און דאָ, אין דער זאווייע, דערזעט זי מיטאמאָל אוונערן און דערהערט, ווי ער שרײַט: „אין דער היים איז קיין וועלט ניטאָ, און אין דער וועלט איז קיין היים ניטאָ!" — לאָזט זי זיך פון אים אנטלויפן דורך עפּעס א קליין בוידעם־פענצטערל און קריכט אף א פארשנייטן דאך ארויס. נאָר דאָרטן, פונעם דאך, דערזעט זי איר מאמע, וואָס זיצט א באָרוועסע, אף די קני בא איר ליגט ווײַס־שעמערירנדיקע לײַוונט, די אויסגעדייוועט־געלע האנט אירע אופגעהויבן אין דער הייך,

דער אָפּגעשווירענער קאָפּ פּאַריסן צו דער ברענענדיקער לעוואָנע. זי רופט מיט זייער אָן אָפּ־געשוואַכט קאָל:

— איוועט, איוועט, קום העלף מיר. די סריפּע פּאַרשלאָגט מיר די ריע. איך ניי פאר זיך טאַכ־ריכים, סילע מיר אַריין דעם פּאָדעם!

וואַרפט זי זיך, איוועט, צו דער מוטער און דערפילט מיטאַמאָל א שטאַרקן ווייטעק אין האַנט. דער ווייטעק פירט זי פון איר דרעמל אַרויס, און זי דערזעט פאַר זיך שיפרען אַף די קני שטיין.

צום אָנהייב, נאָך צו־זיך אײַנגאַנצן ניט געקומען, נאָך אופגערודערט פון דעם אין כאַלעם געזעענעם און איבערגעלעבטן, געפינענדיק זיך נאָך אַלץ אויסער צייט און שטעך, דערזען פאַר זיך שיפּרען אַף די קני שטיין, — דאַכט זיך איר, אַז ס׳איז נאָך אַלץ כאַלעם.

נאָר ווען שיפּרע נעמט אָן איוועסביידע הענט מיט קראַפט: „איר הערט מיך?“, דעמלט, דערפילנדיק ווידער דעם ווייטעק אין די הענט, איבערצייגט זי זיך, אַז שיפּרע איז שוין ניט קיין כאַלעם, אַז דער מומע ליבעס טאַכטער שטייט טאַקע פאַר איר אין שניי אַף די קני.

שיפּרעס פּאָנעם איז ווייסער פון שניי. אפילע אין די ליפּן איז קיין טראָפּן בלוט ניטאָ. די ברעמען צונויפגעצויגן, און אין די אויגן ווייעט. ס׳דאַכט, אַז ס׳וויכערט איר אין די גרויסע אויגן.

זי רעדט, שיפּרע, גיך, ווי מוירע האָבנדיק, אַז איוועט וועט זי ביזן סאָף ניט אויסהערן, זי באַלד פון זיך אָפּשטויסן, פון באַנק זיך אופהייבן, אַוועקגיין, און זי, שיפּרע, נאָכן ברעכן און מעוואַטל זײַן איר לעצט ביסל גאַדלעס, וועט בלײַבן דאָ שטיין אַף די קני א פאַרשעמטע און איר לעבנס־איקער וועט זי ביזן סאָף ניט דערפירן און צו קיין טאַכלעס ניט ברענגען.

— איוועט, מײַן גליק איז אין אײַערע הענט!

— דו וועסט מיר באַלד צעברעכן די פינגער.

— הערט מיך אויס... ניט נאָר מײַן מאַזל, נאָר אויך מײַן לעבן איז אין אײַערע הענט!

מיטאַמאָל שטעלט זי זיך אַף די פיס אוף — און אַזוי האַסטיק, אַז איוועט צווייפלט שוין גאָר, צי זי, שיפּרע, איז ביכלאַל אַף די קני דאָ פאַר איר געשטאַנען. זי שאַרט מיט דער מופטע דעם שניי פון באַנק אַראָפּ און זעצט זיך צו אַזוי נאָענט, אַז איוועס רעכטער אויער פילט דורכן שאַלכל שיפּרעס הייסן אָטעם:

— איך וועל פון אײַך ניט אָפּטרעטן. איך וועל אײַך נאָכגיין, ווי א שאָטן, פּוסטריט.

האַגאַם נאָך אַלץ מעטושטעש — שיפּרעס אַרויסוואַקסן דאָ, אין ווייענדיקן פּאַרק, איז פאַר איוועטן נאָך ביז גאָר אויסטערליש און אומגלייבלעך, — דאָך הייבט זי שוין אָן צו פאַרשטיין: שיפּרע גייט איר, אָפּאָנעם, טאַקע נאָך די גאַנצע צײַט פּוסטריט. שיפּרע דאַרף געוויס וויסן, וווּהין און צו וועמען זי, איוועט, וועט ווײַטער גיין און בא וועמען וועט זי זיך אָפּשטעלן. דאָס גייט איר, שיפּרען, מאַמעש אין לעבן אַרײַן, זי ווייסט דאָך מיסטאָמע גוט, — דאָס דינסטמיידל האָט איר געוויס גלײַך אָפּגעטראָגן, — אַז אַלעקסאַנדער איז נעכטן אין איר, אין איוועס, צימער באַם אופגעריסענעם פענצטער געזעסן... שיפּרע ווייסט שוין מיסטאָמע אויך, וואָס הײַנט פאַר־טאָג האָט זיך בא די לאַנדעס אָפּגעשפּילט: אַכוץ דעם אַלטן נאָסן לאַנדע, האָט דאָך דאָס גאַנצע געזינדל בעראָש מיט איר אַליין, מיט דער רעדלפירערן, מיט נעמע לאַנדע, ניט געוואָלט אַרויס־לאָזן דאָס קינד פון שטוב און אַזויאַרום געוואָלט פאַרהאַלטן דאָרטן אויך זי, איוועטן.

שיפּרע, די קינבאַקן צוקן איר, פאַרשטעלט מיט דער מופטע אויך איוועטן פּונעם שניי־געווירבל און רעדט שוין גאָר אַזוי, אַז איוועט כאַפּט קוים אוף: זי, שיפּרע, ווייסט אויך, אַז איוועט האָט אָפּגעשיקט דאָס קינד מיטן אשמעדײַ צו איר טאַטן, צו גאַוורילען, אין כוטאָר אַרײַן. אוודע האָט זי ניט, איוועט, נאָך וואָס צו פאָרן אַהינצו.

— איך בין גרייט צו טאָן פאַר אײַך אַלצדינג, איך וועל...

— דו? — שלאָגט איר איבער איוועט, שוין גאָר א געפּלעפטע פון די רייד. — דו?.. דו, שיפּרע, ווילסט מײַן באַשיצערן זײַן?

— איך! און נאָר איך... ווײַל מיר ביידע, איך און איר, האָבן איינעם און דעם זעלבן ציל אין לעבן.

— איך מיט דיר האָבן איין ציל אין לעבן?

— אַפּן ערשטן קוק קאָן זיך אוודע יעדערן אויסווײַזן, אַז איך מיט אײַך זײַנען צוויי פאַרשיידענע מענטשן...

— דאָס קאָן זיך נאָר אַזוי אויסווײַזן?

— יאָ, ס׳קאָן זיך אַזוי אויסווײַזן. ס׳קאָן זיך דאַכטן, אַז מיר זײַנען איינע פון דער צווייטער ווײַט, ווי הימל פון דער ערד.

— נאָר?

— נאָר דאָס איז א טאָעס, א גרויסער טאָעס! מיר מיט אײַך, איוועט, האָבן איין ציל אין לעבן.

— בא מיר מיט דיר? — פרעגט זי איווע נאָכאמאָל איבער, ווי מ׳וואָלט איר אָנגעזאָגט און איבערגעכאַזערט אַ שרעקלעכע בסורע, וואָס קאָן פּאַרט ניט אופגענומען ווערן מיטן קלאָרן געדאַנק. — בא מיר מיט דיר, בא אונדזביידע?

— יאָ, איווע, בא מיר מיט אײַך!

אויך בא איווען, ווי בא אַלע באַיאַרס, גייען זיך צונויף די ברעמען. אַלע בלוטן טוען אין איר א קאָך, ס׳ווערט איר אפילע הייס.

— בא מיר מיט דיר, — פרעגט זי אַלץ איבער, — בא מיר מיט דיר איז איינער און דער זעלבער ציל אין לעבן?

— איינער און דער זעלבער, איווע...

— פון ווען אָן?

— פון טאָמיד אָן!

— פון טאָמיד אָן?

— פון טאָמיד אָן! — ענטפערט איר שיפרע גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן און קוקט אַף איר אויך מיט פאַרווונדערונג, וואָס זי, איווע, פאַרענדיקט א גימנאַזיע, אין מעשעך פון די צען יאָר בא די לאַנדעס איבערגעלייענט א האַלבע וועלט מיט ביכער, אפילע גאַנצע זײַטן פון דאָרטן אַראָפּגעשריבן, זי, איווע, זאָל עס ניט קאָנען פאַרשטיין. — יאָ, מיר ביידע, איך און איר, האָבן איינעם און דעם זעלבן ציל אין לעבן, כאָטש מיר גייען צו אים מיט פאַרשיידענע וועגן...

— נאָר די וועגן זײַנען בא אונדז פאַרשיידן?

— יאָ, איווע, נאָר די וועגן. מיר ביידע זוכן און דאַרפן געפינען פאַר זיך א שיין אָרט אין לעבן. ס׳איז ניט וויכטיק, וואָס איר לויפט פון אַלעקסאַנדערן און זוכט דאָס שיינע אָרט ערגעץ אַנדערש און בא מיר איז פּונקט פאַרקערט. איך האַלט, אַז דאָס שיינע אָרט אין לעבן וועל איך דערגרייכן דאַפקע דורך אים, דורך אַלעקסאַנדערן... עפשער וועלן מיר זיך ביידע ביטער אָפּנאַרן, דאָס קאָן זיך זייער שיין טרעפן, אָבער אָפּשטעלן זיך — דאָס קאָנען מיר שוין ביידע ניט, אַז מיר זאָלן עס אפילע וועלן.

איווע, מיט מוירע און צאָרן, א צונויפגעדריקטע פון עפּעס א מין גאָר נײַעם צאַר, וויל אָפּפרעגן:

— וואַרט נאָר צו, וואַרט א ווײַלע.

נאָר יענע לאָזט זי ניט:

— איך פאַרשטיי אײַך, איווע, ביזן סאָף. דאַרפט איר מיך אויך פאַרשטיין ביזן סאָף.

— זאָג שוין גיכער, וואָס דאַרפסטו און וואָס ווילסטו פון מיר.

— פאַר אײַך וועט דאָס זײַן א קלייניקײַט, און פאַר מיר — דאָס סאַמע וויכטיקע אין לעבן. איר וועט מיר דערמיט געבן א מעגלעכקײַט צו מאַכן דעם ערשטן גרויסן שפּרונג צום ציל... שלאָגט מיך ניט איבער! איר וועט זיך דאָך צו אַלעקסאַנדערן מער ניט אומקערן, טאָ לייגט ניט אָפּ, ציט ניט, מיר איז יעדער מינוט טײַער... שיקט אים אַרײַן דעם געט! איך וועל אײַך דערפאַר...

— שווײַג! — שרײַט אויס איווע. — שווײַג! נאָך הײַנט וועט אים אבוש... — זי כאַפּט דאַניעלס געמעל, וואָס ליגט אַף דער ערד און ווערט מיט שניי פאַרוויעט: — גיי מיר ניט נאָך! הײַנט, הײַנט...

פון שיפרעס אויגן, באַזונדערס פון דעם קרעכץ — א צוגעשטיקטער, אַזאַ, וואָס רײַסט זיך מיט גוואַלד פון דער נעשאָמע אַרויס, — דערפילט איווע, אַז ערשט אַצינד ווערט איר שיפרע א דאַם־סוינע. שיפרע וועט איר קיינמאָל ניט מויכל זײַן, האַלעמײַ זי האָט ניט פאַרשטאַנען, נאָך וואָס זי, איווע, איז צו אבושן געגאַנגען... און האַלעמײַ זי, שיפרע, האָט אָן שום נויטבאַדערפעניש זיך אַף די קני געשטעלט און זיך אַזוי פאַר איר, פאַר איווען, מעוואַטל געמאַכט.

שיפרע קוקט אַף איר מיט די הייסע שוואַרצע אויגן — אַזעלכע הייסע שוואַרצע אויגן איז אויך בא איר טאַטן, בא שמאַריען, — אויך בא איר, בא שיפרען, פינקלט אין לינקן אויג דאָס ווינטשפינגערל.

זי נעמט דורך איווען מיט איר הייסן בליק, און דערנאָך טוט זי מיטאַמאָל, מיט א בייזן שמייכל, א טאַפּ אירע אַראָפּהענגענדיקע לאַנגע ציגײַנער־אוירינגלעך, ווי דערמיט געזאָגט: אין מײַן לעבן איז שוין אַלצדינג געווען... — און גיט צו אַף א קאָל, און דאַפקע זייער גוטמוטיק:

— זאָל אונדז ביידן גאָט העלפן געפינען וואָס גיכער דאָס שיינע אָרט אין לעבן.

איווע טרעט אָפּ פון איר, ווי פון א בייז אַנשיקעניש, פאַרוואַרפט דעם רוקזאַק אַפן אַקסל און לאָזט זיך קימאַט לויפן אַהין, צו די הינטערגעסלעך, ווו ערגעץ דאָרטן דאַרף זיך געפינען אַקיוועס וווינונג.

אין דעם ווייענדיקן פרימאָרגן, אין דעם שניי־וויכער, קימאַט דורך די שוואַרצע וואָלקנס

ווארפט די זון — אָט די גרויסע וועלט־האַרעפּאַשניצע — אין דער זאַווייע אַרייַן גאַנצע סנאָפּעס שייַן, קלאַפּט זיי דער ווינט אויס, און דער אַרום וויכערט מיט פייַער־בלענדנדיקע פונקען. קינדער שליטלען זיך פונעם באַרג, קערן זיך איבער מיט די שליטלעך, קוליען זיך אין שניי, פילן אָן דעם ווייענדיקן פרימאָרגן מיט קלינגענדיקער, ריינער און ליכטיקער פרייד.

אין דעם שניי־געווירבל, וואָס גייט איבער דער ערד, שמעקט מיט פריש־געבאַקענער מאַצע: ס׳איז שוין נאָך פּורים, און ייִדן טראָגן אין ווייַסע ליילעכער מאַצע — ווינטשעווען זיך איינער דעם צווייטן אַ פריילעכן פּייסעך.

איוווע דערפילט דעם טאַם פון מאַצע, געוויקט אין קאַלטער מילך. קימאַט אַ מעסלעס אין מויל ניט געהאַט. אַ ביטערניש שטייט איר באַם גומען. ס׳ווילט זיך איר אַ טרונק וואַסער. דאָס האַרץ ברענט, און נאָך מער די נעשאָמע.

אָפּגעזוכט, ווי דער אַשמעדיי האָט איר פאַרגעשטעלט און אויסגעמאָלט, די שטוב, וווּ אַקיווע האָט אַ געדונגען צימערל, דורכגעגאַנגען די צווייטע הויפן און זיך אופגעהויבן מיט די פינצטערע און זיך שאָקלענדיקע טרעפּ צום דאַך־שטיבל, טרעפט זי דאָרט די טיר פאַרשלאָסן, און קיינער קאָן איר אַף זיכער ניט זאָגן, ווען אַקיווע איז פון שטוב אַרויס און ווען ער קאָן זיך צוריק אומקערן.

— איר זייַט, ווי ס׳זעט אויס, נאַרוואָס פון ערגעץ געקומען צו פאָרן?

— באַנאַכט איז געווען באַ אונדז אַ גרויסע סרייפע.

— הייַנטיקס מאָל האָבן, אַ דאַנק זייַן ליבן נאָמען, געברענט נעגידים.

— טאַקע גאָר וואַזשנע גווירים.

— מיר זייַנען אָפּגעקומען נאָר מיט שרעק...

— ס׳איז אַוואַדע, וואָס איז דאָ צו ריידן, אַ גרויסן דאַנק גאָט, נאָר אַז ס׳ברענט אָפּ אַ קאַפּצעדרייַלע, איז נאָך ניט אַזוי שרעקלעך, ווי אַז ס׳ברענט אָפּ אַ נאָגיד.

— גאָט איז מיט אייַך, מענטש איינער, וואָס רעדט איר? אָן אָפּגעברענטער קאַפּצן דאַרף דאָך אַף מאָרגן גיין איבער די הייַזער.

— ניט קיין אומגליק. האָט אָפּגעברענט אַ קאַפּצן, לייגן זיך צונויף דרייַ קאַפּצאָנים, און ס׳ווערט צוריק דער פריערדיקער קאַפּצן. נאָר אַז ס׳ברענט אָפּ אַ נאָגיד, דאָ וועלן שוין קאַפּצאָנים מיט שיִע־פּיִע ניט אָפּקומען. דאָ וועלן זיי שוין לאַנגע יאָרן דאַרפן אָפּגיין מיט בלוט און שוויס, ביז זיי וועלן אים אַוועקשטעלן צוריק אַף די פיס... הייַנט נאָך, אַז ס׳האָבן באַנאַכט באַ אונדז, קיין אייַנהאָרע ניט, אָפּגעברענט אַזויפיל גווירים?

— ווייַבער, אַ מענטש פרעגט באַ אייַך אַף אַקיוון, און איר האָט זיך אַוועקגעשטעלט שאַרפן די צינגער.

— פונוואַנען, אַשטייגער, קאָנען מיר וויסן, ווו איז ער? ער זיצט דען אַמאָל אין שטוב?

— אַקיווע וועט טאַקע באַלד גיין זיצן אַף אַ פּאַזשאַר אין שטוב...

— אָט שטעלט אייַך פאָר, — רוקט פלוצעם אַרויס אַ ווייַבל דעם ניט צוגעקעמטן קאָפּ אין דער האַלב־אָפּענער טיר, — שטעלט זיך פאָר, אַז דאַפקע נעכטן אין דעם גרויסן פייַער איז ער געזעסן אין שטוב און עפּעס געשריבן און געשריבן.

— און ווען איז ער אַוועק פון שטוב? — פרעגט באַ איר איוווע.

— שוין נאָך דער שיסערייַ, שוין נאָך דעם, ווי די סרייפע איז געפאַלן. ער האָט אָפן וועג פאַרקלעפּט מיט דער צונג דעם קאַנווערט און איז אָן דעם היטל אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ.

— און דערנאָך? — דערפרעגט זיך באַ איר איוווע ווייַטער.

— ער האָט זיך פאַרהייַעט אין דרויסן, איך זאָל אייַך נאָר קיין ליגן ניט זאָגן... כ׳האָב באַוויזן מאַכן דעם קינד אַ קאָמפּרעסל צום בייַכעלע, כ׳האָב עס אייַנגעשטילט און פאַרשלעפּערט... דאָס האָט אַוואַדע פאַרנומען אַ גוטע שאָ, אויב ניט נאָך מערער.

— און דערנאָך? — אייַלט זי צו איוווע.

— דערנאָך האָט ער מיט זייַן ליופּעניש אופגעוועקט דאָס קינד, דער מעשוגענער... ער איז אַרייַנגעלאָפן אַ פאַרשנייטער, ווי אַ בער, אַרופגעכאַפּט די פאַלטאָ, דאָס היטל איבער די אויערן, פאַרהאַקט די טיר און זיך געלאָזט שפּרינגען איבער די טרעפּ, ווי אָן אָפּגעבריטער... אייגנטלעך, האָט קיין פאַריבל ניט, ווער זענט איר אים, וואָס איר דאַרפט עס אַלצדינג אַזוי וויסן?

— נעכאָמע, גיי צום קינד, ס׳איז ניט דייַן אייסעק, ווער דער מענטש איז, פריִער פלאַפּלט מען אויס, דערנאָך ערשט פרעגט מען... ווייַבער, גייט אייַך צו אייַערע טעפּלעך. אין שטאָט איז אָן איבערקערעניש. ס׳זאָל זיך כאָטש ניט אויסלאָזן צו אונדזערע קעפּ. גייט, ווייַבער, גייט! אונטן באַ דער טיר דרייט זיך אַרום אַ פאַרשווינדל מיט שוואַרצע ברילן... עמעצן זוכן זיי אַרום מיט ליכט.

האַגאַם דעם מאַנצבלס לעצטע ווערטער און אויך זײַנע האָוויַיעס מיט די הענט דערגייען צו איר ניט, נאָר די אויגן בײַ אַלע, דאָס זעט זי, איווע, גוט, בײַטן זיך מיטאַמאָל איבער. יענע, די נאַרוואָס נײַגעריקע, פרײַנטלעכע, די מיטפילנדיקע אויגן צו אַ מענטשן, וואָס איז פֿון ערגעץ אין אַזאַ זאַווערוכע געקומען אין זומערדיקע בגאָדים און זוכט דאָ אַ וואַרעם ווינקל, יענע אויגן אַרום איר ווערן מיטאַמאָל פול מיט כשאָדים און קוקן שוין אַף איר, ווי אַף איינער, וואָס קאָן זיי אַלעמען אין אַ צאָרע אַרײַנברענגען.

באַלד בלײַבט זי, איווע, איבער איינע אַליין בײַ אַקיוועס פאַרהאַקטער טיר. זי שטייט דאָרט אַ ביסעלע באַם דאַך־שטיבל און לאָזט זיך צוריק מיט די פינצטערע און זיך שאָקלענדיקע הילצערנע טרעפ אַראָפּ.

און דערנאָך, שוין פֿון זיך אַליין, — וווהין די פיס טראָגן, — קומט זי, מיטן רוקזאַק אַפן אַקסל און מיט דאַניִעלס געמעל אין דער האַנט, צום פאַרוויִיעטן גאַנעקל און בלײַבט פאַרן דאָקטערס שטוב־טיר שטיין.

III

און ווי נאָר דעם דאָקטערס מוטער האָט די טיר געעפנט, אַזוי דערקענט זי טייקעף יענע, די לאַנדעס שנור, וואָס איר זון, אָט ווערט שוין באַלד פינף יאָר, שטאַרבט נאָך אירע טריט. נעכטן, אַז זי, אָט די איווע, איז אַהער אַרײַן, צוזאַמען מיטן דאָרפס־ייִד, מיט דעם ייִצכאָק באָיאַר, די מײַסע פֿון דעם פערד־גאַנעוו דערציילט, האָט ער, דער זון אירער, דער אָנגעזעענער דאָקטער אין שטאָט, ניט געקאָנט שוין אַפילע פאַר זײַטיקע זײַנע פאַרליבטע קורצזיכטיקע אויגן הינטער די ברילן־גלעזלעך אויסבאַהאַלטן... און אָט שטייט זי שוין דאָ בײַ דער שוועל מיטן רוקזאַק אַפן אַקסל, מיט עפּעס אַן אייל־בילד אונטערן אָרעם, די הענט אין די שמאָלע אַרבל פאַרוקט און אַ פאַרוויִיעטע פֿון קאָפּ ביז די פיס.

פֿון דער אַלטערס בלײַבן שטיין, דעריקער פֿון איר טרוקענעם קוק, — פֿון אירע נעכטיקע נאַכעס־טרערנדיקע אויגן איז הײַנט קיין סימען ניט געבליבן, — איז געווען צו זען, — די אַלטע האָט עס אַפילע ניט געוואָלט אויסבאַהאַלטן און פאַרשטעלן, — אַז ניט אַף איר, אַף איווען, האָט זי פֿון האַלבער נאַכט געוואַרט און זיך די אויגן אויסגעקוקט.

זי, די מוטער, האָט מיט גרויס אומרו און ערגערניש געוואַרט אַף דעם זון, וואָס איז בײַס דער סרייפע, ווען איר אייגענע שטוב איז געשטאַנען אין סאַקאָנע אַרומגעכאַפּט צו ווערן מיט פלאַם־פײַער, אַוועקגערופן געוואָרן אַף צו געבן ערגעץ און עמעצן גיכע הילף. פֿון דעם זונס שוין צו באַרויִקנדיקע ווערטער: „ס׳גייט דאָ, מאַמע, אין אַ קליינינקײַט, טאַקע פּאַשעט אין אַ נאַרישקײַט“, האָט זי, די מוטער, שוין געוווּסט, אַז ס׳איז געשען עפּעס שרעקלעכס, און אַז איר זון לאָזט זיך ווידער ערגעץ גיין אַף מעסירעסנעפעש... אָט איז שוין גרויסער טאָג, און ער איז נאָך אַלץ ניטאָ. דערהערט קלאַפּן אין טיר, — פרעמדע קלינגען, נאָר ער איינער קלאַפּט, — איז זי געווען זיכער... און דאָ גאָר טרעפט זי זיך מיט איווען.

און דאָך עפנט זי, דעם דאָקטערס מוטער, ברייט די טיר, ווי זי וואָלט זיך פאָרט מיט איר קומען דערפרייט: אָט די אומגעריכטע באַגעגעניש ווערט גראָד, דאַכט זיך, זײַן צום אָרט און צו דער צײַט.

— קומט אַרײַן! מײַן שטוב איז פאַר נויטבאַדערפטיקע טאָמיד אָפן, ביפראַט נאָך אין אַזאַ פּאָגאָדע. נישקאָשע, נישקאָשע, גייט גלײַך צו דער הרובע. אָ, איך ווייס זייער גוט דעם טאַם פֿון אַרויסגעטריבן ווערן! נאָך ביז הײַנט זשאַכע איך זיך אין די נעכט פֿון שלאָף... אַז מ׳האָט געטריבן די ייִדן פֿון מאָסקווע, מ׳זאָל שוין צו אַזוינס מער ניט דערלעבן, בין איך מיט דרײַ קינדער געגאַנגען מיטן עטאַפּ. מיר זײַנען געגאַנגען, ווי די פאַרברעכער. מיט די קאָלאָדקעס אַף די הענט. דער פראָסט האָט געסמאַליעט די לײַבער. ס׳זײַנען געשטאַנען מוירעדיקע קעלטן. מע איז געפאַלן און געבליבן ליגן טויטע אַף די וועגן. מײַנע צוויי טעכטער זײַנען דאָרט פאַרבליבן אַפן וועג... בין איך פאַרבליבן בײַ איין אויג אין קאָפּ, בײַ דעם איינציקן קינד.

פֿון דער וואַרעמקײַט פאַרגייט איר, איווען, זאַשפּערעס אין די פינגער, און פֿון דער אַלטערס רייד אַזאַ צאַר, אַז באַלד וועט זי אָנהייבן שרײַען: „איך בין ניט געקומען בײַ אײַך צונעמען דעם זון און קיינער האָט מיך ניט אַרויסגעטריבן. איך בין אַליין אַוועקגעגאַנגען. אַצינד בין איך אין ערגעץ ניט... איך דאַרף זיך אָפּרוען, לאָזט מיך זיך צוזעצן בײַ אַ שטיקל וואַרעמער וואַנט“.

די אַלטע, זעענדיק איוועס פאַרשטאַרט פּאַנעם, גייט אַרויס און לאָזט זי איבער איינע אַליין. שפּאַנט זי, איווע, איבערן צימער, קלאַפּט אַ פוס אָן אַ פוס, רײַבט די שפּיץ פינגער פון די הענט אָן דעם פאַרשניייטן מאַנטל און זוכט מיט די אויגן אַ ביסל וואַסער צו לעשן דעם דאָרשט.

זי בלײַבט באַם פענצטער שטיין: די זאַווייע, דאַכט זיך, ווערט געשטילט. דאָרטן, אין עק שטאָט, ווו אין איין שורע שטייען פויערשע הײַזער מיט הויכע פאַרשנייטע דעכער, דאָרטן פאַר־קערט אָן אַלטע בערעזע די גרויקײַט פון הימל — ווערט ליכטיקער און שײַנענדיקער.

גוט, וואָס דער דאָקטער איז אין דער היים ניטאָ. אַצינד, ווען ער דערזעט זי דאָ, באַ זיך אין שטוב, — אַלע אירע וועגן און בריקן צו די לאַנדעס זײַנען דאָך אָפּגעשניטן און פאַר־ברענט, — וואָלט ער, דער דאָקטער מיט דער שיינער שוואַרצער באָרד, שוין גאָר דעם קאָפּ פאַרלוירן. נעכטן, נאָך יִיצכאָקס און נאָך אַלעמענס אוועקגיין, אַז זיי זײַנען אין אָט דעם־אָ צי־מער, באַ אָט דעם קאַכל־אויוון, ביידע אויג־אָף־אויג געבליבן, האָט ער איר גענומען איבער־כאַזערן:

— איווע, שטאַרקע פרײַנטשאַפט גייט גרינג אַריבער אין ליבע...

און ווען זי האָט אים ווידער פאַריכט:

— רופט מיך, כ'בעט אײַך, איווא גאַווריל‏אָוונאַ!

האָט ער אָף אירע רייד קיין אכט ניט געלייגט, און ניט רעכענענדיק זיך, אַז מ'קאָן זײַנע רייד דערהערן, — און זײַן מוטער האָט זיי דאָך געוויס געהערט, — אָף אַ קאָל, און שוין אפילע ניט געיִרצט זי, געזאָגט:

— אָן דיר, איווע, וועל איך ניט קאָנען לעבן.

איז זי פון אָט די לעצטע ווערטער אופגעציטערט געוואָרן: די זעלבע ווערטער האָט איר אַמאָל דאַניִעל געזאָגט אונטער די דרײַ אָלכעס, דאָרטן באַם ברונעם. נאָר אָט די ווערטער פון דאַניִעלס מויל האָבן זי דעמלט אין סימכע, אין באַגײַסטערונג געבראַכט. און אָט די זעלבע ווערטער נעכטן, פונעם דאָקטערס שיינער שוואַרצער באָרד אַרויס, האָבן זי אָנגעפילט מיט שרעק און מיט עפּעס אַ מין ניט גוטן ראַכמאָנעס צו זיך און צו אים.

— מ'זאָל ניט געפּרווט ווערן, צו וואָס מ'קאָן געוווינט ווערן... — דערהערט איווע פון הינטער די פּלייצעס. אַזוי ווי זי איז פריִער אַרויס, אַזוי איז זי, דעם דאָקטערס מוטער, אומגע־ריכט צוריק אַרײַן און אָפּן טיש אַ הייסע גלאָז טיי און קיבעד־געבעקס אוועקגעשטעלט, ווי דער שטייגער איז באַ אופנעמען אָן אוירעך. — ביידע טעכטער האָב איך אין וועג געלאָזט. איך ווייס אפילע ניט, ווו זייערע קוואָרים געפינען זיך, ווו זייערע ביינער ליגן. איר ווייסט, אַז גראָד דאָס, וואָס זיי האָבן ניט קיין קוואָרים, וואָס זיי ליגן ערגעץ אָף די וועגן און מ'פּאַרט און מ'טרעט אָף זיי, מ'שיט אָף זיי מיסט... אָט דאָס איז דאָס שוידערלעכסטע. אָן אַ בעסוילעם, אָן אַ מאַ־צייווע־שטיין, אפילע אָן אַ הילצערן „שטיבל". ס'איז ניטאָ, וווהין צו קומען און זאָגן: „איך געדענק דיך, איך קאָן דיך ניט פאַרגעסן. איך גיי טאָמיד אַרום מיט דיר, איך שייד זיך קיינמאָל ניט מיט דיר". דאָס איז דאָס סאַמע שרעקלעכסטע! דער עלטערער איז אין טאָג פון איר טויט געוואָרן איין און צוואַנציק יאָר. פאַראַן אין לעבן אַזעלכס, מײַן טײַערע, וואָס קאָן זיך דיר גאָר אָפּן סייכל ניט לייגן.

זי בלײַבט אַ ווײַלע שטיל. און מיט פאַרמאַכטע אויגן:

— וואָס הייסט, מע טרײַבט מענטשן, זקיינים, פרויען און קינדער? וואָס הייסט, מ'טרײַבט מענטשן פון אײַנגעזעסענע היימען? און דערצו נאָך אינמיטן ווינטער? פון די סמאָליענדיקע פּרעסט איז באַ די זייגנדיקע מאַמעס די מילך אין די בריסט פאַרפרוירן געוואָרן. די בריסט זײַנען באַ זיי האַרט געוואָרן, ווי שטיינער. די מאַמעס האָבן פון ווייטעק געשריִען איבער די וועגן, און די קינדער האָבן אויסגעהויכט באַ זיי אָף די הענט די נעשאָמעלעך... און די וועלט איז גאַרניט אופגעטרייסלט געוואָרן. קיינער איז גאָר מיטן ביסן ניט דערוואָרגן געוואָרן. נאָר דאָס סאַמע איימעדיקע, מײַן טײַערע, איז דאָס, וואָס דו אַליין, כאָטש דו האָסט עס איבערגע־לעבט, ס'איז מיט פײַער אָף דײַן לעבן אויסגעברענט געוואָרן, און פונדעסטוועגן קאָנסטו אַליין אין דעם ניט גלייבן, ס'ווײַזט זיך דיר אויס, אַז אַזעלכס האָט ניט געקאָנט און ס'קאָן גאָרניט פאַרקומען אָף דער ערד. ס'ווײַזט זיך מיר אַלץ אויס, ביז הײַנטיקן טאָג דאַכט זיך מיר נאָך, אַז מײַנע צוויי קינדער האָבן זיך ערגעץ פאַרהאַלטן אין וועג... איך וואַרט, אַז זיי וועלן אין איינעם אַ שיינעם טאָג קומען צו זייער מאַמע.

די אַלטע, וואָס שטייט אַנטקעגן איוועון, האַלט זיך צו מיט איין האַנט פאַרן טיש, עפּנט די אויגן און בלײַבט ווידער אַ ווײַלע שווײַגן. ס'איז צו זען, אַז די רייד קומען איר אָן שווער, אַז זי צאָלט פאַר זיי מיט די לעצטע קויכעס:

— מײַן איינציקע טרייסט און האָפענונג איז דער זון. ער איז אַ נאָמען נאָכן פאָטער. דער פאָטער איז אוועק פון דער וועלט צוויי כאַדאָשים פאַר דעם זונס געבוירן ווערן. יונג בין איך

געבליבן אן אלמאָנע. און ניט נאָר יונג בין איך געווען, נאָר אויך שיין און פול מיט כיין. און איך בין אויך פול געווען מיט כיישעק צום לעבן. איך בין געווען א געזונטע — בלוט און מילך. איך שטאם אויך פון א דעמבענער מישפאָכע. אין מיר האָט זיך אויך דאָס הייסע בלוט געבונ־טעוועט...

פלאַמט זי אויף, איווע:

— ניט די בלוטן, נאָר די נעשאָמע בונטעוועט אין מיר...

גיט איר נאָך די אַלטע:

— זייער מעגלעך, — און רעדט ווײַטער אירס. — נאָר פאַר זיך, מײַן טײַערע, איז שוין קיין לעבן ניט געבליבן. כ'האָב באַדאַרפט לעבן ניט מיט מײַנע געפילן און כאַלוימעס, נאָר מיט די קינדערס זאָרגן און פריידן. כ'האָב שוין געלעבט ניט מיט מײַן הײַנט, נאָר מיט זייער מאָרגן. אײַ די וועלט האָט געגרייט פאַר מײַנע קינדער דעם וויסטן און דעם פינצטערן מאָרגן... ניט גרינג איז מיר אָנגעקומען צו אופציִען און צו אויסכאַווען איינע אליין דרײַ קינדער, זיי שטעלן אַף די פיס און אַרופירן אַף א וועג. איר קוקט אַף מיר, זע איך, מײַן טײַערע, מיט פאַר־כידעשטע אויגן. צוליב וואָס, אַשטייגער, טראַכט איר זיך, דערציילט זי עס מיר?

איווע מיט דער הייסער גלאָז טיי אין ביידע הענט און בעעמעס מיט פאַרכידעשט־אופגע־ריסענע אויגן פרעגט איבער:

— צוליב וואָס, אייגנטלעך, דערציילט איר עס מיר?

— צוליב דעם, מײַן טײַערע, אַז איר זאָלט וויסן, וואָס הייסט עמעסע לייד און עמעסע ליבע.

און די אַלטע, וואָס איז ביז איצט אויך געשטאַנען, לאָזט זיך שווער אַראָפּ אין שטול:

— מיר איז געבליבן גאָר ווינציק לעבן. זייער ווינציק. איך וועל זיך מינעסטאַמע אַף מײַנע טעכטער ניט דערוואַרטן. איך וועל גיין צו זיי. איך קלאָג זיך ניט, כאַלילע! איך וויל בא אײַך ניט אַרויסרופן קיין ראַכמאָנעס. איך בין מיט מײַן לעבן צופרידן. איך האָב דאָ געטאָן אַלץ, וואָס ס'איז נאָר געווען אין מײַנע קויכעס. כ'האָב קיינמאָל ניט געלעבט מיט צוגעמאַכטע אויגן. כ'בין קיינמאָל ניט געשטאַנען פאַרן לעבן אַף די קני מיט פאַרוויינטע אויגן. כ'האָב זיך טאָמיד און אומעטום געראַנגלט און געשלאָגן, נאָר איצט גייען מיר שוין אויס די קויכעס. צו אַלץ מוז דאָך נעמען א סאָף... איך ווייס, אַז איך טראָג אַרום דעם טויט אַף געשוואָלענע פיס. דאַרף איך, איידער איך מאַך צו מיט אַן אויג, וויסן, איך רייד צו אײַך, ווי א מאַמע, איר הערט, ווי א מאַמע... דאַרף איך וויסן, אַף וועמען לאָז איך אים איבער. איך האָב געוואַרט פון אײַך אַזאַ שמייכעלע... ס'וועט, נעבעך, בלײַבן, טראַכט איר זיך, א ברעקל קינד, א יאָסעם מיט א צוויי־און־דרײַסיקיאָריקער באָרד! איך ווייס, אַז מײַן זון איז ניט קיין מעלופן־קינד, אַז ער ווייסט אַליין ווו אײַן און ווו אויס, אַז ער ווייסט זייער גוט, פונוואַנען און נאָך וואָס ער גייט... איך האָב אָבער מוירע, אַז די גזיירע, וואָס גייט אונדז נאָך פון דאָר צו דאָר, וועט אים אויך ניט אויסמײַדן! איך אַליין בין א מיסטיסלאַווער. מײַן פאָטער איז געשטאָרבן אין טפיסע. ער איז, קלוימערשט, געווען פון די, וואָס האָבן באַפאַלן די סאָלדאַטן. איך האָב איבערגעלעבט דעם גיירוש מאָסקווע... עמעס, מײַן זון האָט עס אויך איבערגעלעבט. אָבער קעשענעווער פּאָגראָם האָט זיך נאָך אַלץ ניט געענדיקט, די מײַלער פון רעציכע האָבן זיך נאָך אַלץ ניט פאַרמאַכט. מ'זעט גאָר צו דעם קיין סאָף ניט. פרעג איך אײַך, וועט איר קאָנען אין א שווערער צײַט אים דערלאַנגען די האַנט און גיין מיט אים צוזאַמען פּוסטריט?

און די אַלטע בלײַבט שטיל, ווי אָן אָטעם געבליבן.

איווע, מיט דער הייסער גלאָז טיי אין ביידע הענט, איז מעוווּלוול, פאַרלאָרן, און ווי פריִער, דאָרטן, אין דעם שניי־ווירבלדיקן שטאָט־פּאַרק, אַז זי האָט פאַר זיך שיפרען אַף די קני דערזען שטיין, אַזוי אויך איצט, דאָ אין דער שטוב, ווו ס'שמעקט מיט רעפּועס און ווו די אָפּענע פּאַרט־קע אין פענצטער קלאַפּט און סקריפּעט, דאַכט זיך איר, אַז די אַלטע מיטן שוואַרצן שאַרף אַפן קאָפּ זילבערנע האָר, מיט די געלבלעכע הענט אַפן הויכן באַוועגלעכן בויך איז עפּעס אויך ניט מער ווי א כאָלעם.

נאָר יענע, שיפרע, איז דאָך דאָרטן, אין פאַרוויייטן פּאַרק, קיין כאָלעם ניט געווען. און אויך זי, אָט די אַלטע, קוקט דאָך אַף איר פון אונטער דעם פאַרקנייטשטן שטערן און וואַרט אַף א טשוווּע: וועט זי, איווע, געבן איר זון די האַנט און גיין מיט אים איבער אַזאַ שווערער צײַט?

און איווע דערזעט אים, דעם דאָקטער רעמעז, דאָרטן, אין וואַלד, אין יענעם פאַרטאָג, ווען זי איז אַף קיוועער־אָוועס פון איר ליבע געפאַרן... פון דער לעוואָנע גייט ניט קיין שײַן, נאָר א באַזילבערטע גרויקײַט. דער סאָלדאַט, וואָס זיי האָבן פון וועג אופגעהויבן, ליגט שוין א באַ־רויִקטער. ער, דער דאָקטער, שפּאַנט נאָכן וואָגן, די הענט אַפן רוקן פאַרלייגט, דער קאָפּ פאַריסן,

די באַרד צעשפּאָלטן פונעם ווינט אפּצווייען, הייבט הויך די פּיס און פּײַפט אויס דעם ניגן פון זײַן באַליבט לידל: ס׳האָט זיך מיר די זיפּ צעזיפּט...

דערנאָך דערזעט זי אים שוין בא איר טאַטן אין שטוב, דאָרטן, אונטער די פּיקוסן, און שפּעטער, שוין נאָך דאַניעלס טויט, בייס איר לאַנגער און שווערער קרענק, זעט זי אים אין די נעכט בא איר בעט זיצן. ווײַל זי, איווע, איר זאָגן: אוואַדע וועל איך אים אין אזא שווערער צײַט, אויב ער וועט זיך נאָר אין מײַן הילף נייטיקן, אוואַדע וועל איך אים מײַן האַנט אויסשטרעקן. נאָר זי, די אַלטע, פאַרלויפט איר דעם וועג:

— איר האָט אים ניט ליב, ער אײַך — מיט לײַב־און־לעבן. מיט דער גאַנצער נשמה. גרייט פאַר אײַך זיך מאפקיר זײַן. ברענגען זיך פאַר א קאָרבן... איז לאָזט אים אויך אָף ווײַטער כאַלעמען און האָפן. ס׳וועט אים זײַן שווער. נאָר מיט דער ליבע צו אײַך וועט ער לעבן, און מיט אײַך, אָן דער ליבע, וועט ער אומקומען. איר האָט אים ניט ליב, און איר וועט ביידע אַרײַנפאַלן אין א שוואַרצן ייִעש... איר האָט שוין געהאַט אין אײַער לעבן א בראָך. צען יאָר זײַט איר אַרומגעגאַנגען אָף א פרעמדער וועלט... פון צײַט צו צײַט האָט איר געוואָלט כאַרעווע מאַכן סײַ זיך, סײַ די וועלט... אצינד זײַט איר עלנט, אופגעבראַכט און מיד. אצינד וועט איר וועלן, אז מ׳זאָל אײַך באַצאָלן פאַר אַלע צען יאָר, איר וועט וועלן, אז מ׳זאָל אײַך אַרומרינגלען מיט אזא וואַרעמקײַט, מיט אזא לאַסקע, מיט אזא ליבשאַפט, אז קיין שטויבעלע זאָל אָף אײַך ניט פאַלן. ווי אַלע געליטענע, וועט איר וועלן, אז מ׳זאָל אײַך האַלטן אין איין צאָלן פאַר אײַערע אומזיסט געליטענע צאַרעס, פאַר אײַערע ליידן און איבערלעבענישן... רעכט אָף דעם האָט איר! יעדער מענטש האָט רעכט אָף פרייד. צוליב דעם ווערט מען דאָך אייגנטלעך געבוירן. נאָר קיין פּוסטע פרייד ווילט איר דאָך ניט. איר ווילט דאָך יענע, די עמעסע פרייד... אָבער אזא פרייד, מײַן טײַערע, וואָס זאָל שלאָגן, ווי א קוואַל, פון זיך אַליין, אזא פרייד דאַרף מען פאַרהאַרעווען! מיט קרעכצעניש און זיפצעניש וועט איר זיך צו איר ניט דערגראָבן. דאָ דאַרף מען, מעכילע, אונטערשטעקן דאָס קליידל, פאַרקאַטשען די אַרבל, נעמען דעם זאַסטופּ און האַרעווען ביזן זיבעטן שוויים. ניט זוכן קיין מאַזל, נאָר עס אויסגראָבן. ניט ערגעץ, נאָר אין אונדז אַליין, מײַן טײַערע, ליגט די מאַזל־בראָכע...

איווע זעט, ווי די אַלטע, שוין ווידער א שטיל געבליבענע, די אונטערשטע ליפּ ביז בלאָוו־קײַט פאַרביסן — עפּעס קאָן זי ניט אַרויסריידן, קוקט מיט האַלב־צוגעשלאָסענע אויגן איבערן טיש, צום קאַכל־אויוון, ווו ס׳ליגן אירע, איוועס, זאַכן, און אַרום זיי, פונעם צעגאַנגענעם שניי, שטייט א וואַסער.

— איך בעט זיך אײַך ניט זעצן, — דערהערט ענדלעך איווע יענע ווערטער, וואָס דער אַלטער זײַנען זיי אזוי שווער אָנגעקומען, — איך בעט זיך אײַך ניט זעצן, ווײַל איך ווייס זייער גוט, וואָס ס׳הייסט זײַן מיד און פאַרמאַטערט. אז מ׳זעצט זיך צו פאַרמאַטערטהייט, קאָן מען זיך שוין דערנאָך ניט אופהייבן. אז מ׳גייט, גייט מען...

הערט זי שוין ווײַטער ניט, איווע, דער אַלטערס רייד, ניט זי טרינקט אויס, נאָר גיסט מאַמעש אַרײַן אין זיך די נאָך ניט אָפּגעקילטע גלאָז טיי, ווי געוואָלט ניט אזוי שטילן דעם דאָרשט, ווי פאַרלעשן דאָס פײַער אין האַרצן, פאַרוואַרפט צוריק דעם רוקזאַק אפן אַקסל, נעמט דאַניעלס געמעל, און ווי ס׳וואָלט אָף איר געלאָקערט א נײַע לעסטערונג, לאָזט זי זיך אָן א זײַ־געזונט צום אַרויסגאַנג... און דאָ, פּאָנעם־על־פּאָנעם, טרעפט זי זיך צונויף מיט אַקיווען.

IV

ערשט אצינד, דערזען פאַר זיך אַקיווען, כאַפּט זי זיך, און ס׳ווערט איר קלאָר, נאָך וואָס זי איז אַהער, צום דאָקטער רעמעז, געגאַנגען, און וועמען זי האָט דאָ אין שטוב געוואָלט געפי־נען און טרעפן.

אין דער ערשטער רעגע דערפרייט זי זיך מיט אים ביז גאָר: ער איז דאָך איר מאַטאָנע פון גאָט אַליין, א מין סכאַר פאַר אירע פּלאָגענישן. נאָר זײַן פּאָנעם, ווי פון א ניט־געשלאָפע־נער, אין שיקרעס־פאַרבראַכטער נאַכט, זײַנע אויגן מיטן גלאַנץ פון סימכע און באַגײַסטערונג, א פאַרווייעטער, ווי ניט מיט שניי, נאָר מיט גדולע און יאָמטעוודיקײַט, רופט בא איר אַרויס אויך גרויסע פאַרביטערונג. ער איז פאַרטאָג ניט געקומען, ווי מ׳האָט זיך געהאַט צונויפגערעדט, אין דער לעצטער רעגע איז ער אָפּגעטראָטן פון איר. ווען ניט דער אשמעדײַ, וואָלט זי דאָך דאָרטן פאַרהאַלטן געוואָרן. דאָס קינד וואָלט זי דאָך בעשום־אויפן דאָרטן אַליין ניט איבער־געלאָזט.

דערזען אים אין אזא שפרודלדיקן, קימאט העפקערדיקן, אין אזא אוילעמהאזעדיקן צושטאנד, אזא צעשמייכלטן, ווי ס׳וואָלט אים דאָס גרויסע גליק געטראָפן, נעמט זי אָן א פארדראָס ביז טרערן פאר די אלע וואָגלענישן, פאר דאָס אויסגעשטאנענע אין דעם הײַנטיקן פרימאָרגן, ווי ער איינער וואָלט אין דעם שולדיק געווען, און ניט בעקויעך צו בײַקומען זיך, פרעגט זי אים אין דער אָנוועזנהײַט פון דעם דאָקטערס מוטער:

— פונוואנען האָב איך גענומען, פארוואָס האָב איך זיך אײַנגערעדט, אז דו וועסט זײַן פאר מיר א שטיינערנע וואנט?

אקיווע טוט א פיר מיט די אקסל, ווי איינער זאָגט: אין דרײַ ווערטער, דערצו נאָך דאָ, אף איין פוס, קאָן מען עס דיר ניט דערציילן און ניט דערקלערן.

— וואָס ס׳זאָל דאָרט ניט זײַן, — קאָן זי זיך ניט בארויִקן, — האָסטו מיך ניט געטאָרט איבערלאָזן איינע אליין. אף מײַן סימכע בין איך געבליבן איינע אליין. איינע אליין בין איך געבליבן בא מײַנע געגרייטע טישן... מײַן סימכע פראווע איך אף דער פארשנייטער באנק. דער איינציקער מענטש, וואָס איז געקומען אף מײַן סימכע, איז געווען שיפרע...

און דאָ, באם דערמאָנען שיפרעס נאָמען, ווערן איר, איוועץ, די אויגן גרעסער, ווי זי וואָלט מיטאמאָל עפּעס אין אָן אנדער ליכט דערזען. זי נעמט פאמעלעכן אראָפּ דעם רוקזאק פון אקסל. דערנאָך שטעלט זי, פארטראכטערהייט, אוועק דאניִעלס געמעל אנטקעגן די מיט קלאָר־ווײַסן שניי פארשאָטענע וועראנדע־פענצטערלעך און גייט אָפּ א פּאָר שפאן אף צוריק. זי קוקט אפן בילד מיט זייער אָן אָנגעשטרענגטן פאָרשנדיקן בליק.

— זי איז דאָך גערעכט, שיפרע, — זאָגט זי זייער מאָדנע שטיל, ווי מוירע האָבנדיק אפילע פאר זיך אליין די רייד ארויסצוברענגען, ווײַל דעמלט וועט זי דאָך שוין גאָר אָן א ברעקל יעש פארבלײַבן און שוין גאָר אין שווארצער פוסטקײַט ארײַנפאלן. אָבער ווי שווער ס׳זאָל איר ניט זײַן, וועט זי דאָ ניט פאלשעווען און זיך דאָ ניט אָפּשטעלן.

— יאָ, זי איז גערעכט געווען, שיפרע. דאניִעל האָט עס מיר געזאָגט נאָך א סאך פריִער... דאָס האָט ער אָנגעמאָלט פאר מיר די בעהיימע מיטן אָפּגעבראָכענעם האָרן... סארא ביטערער פרימאָרגן! אָבער הײַנטיקער פרימאָרגן האָט מיר געעפנט די אויגן. ניט נאָר זיי, אויך איך האָב דאָרטן צען יאָר נאָכאנאנד געדארט ניט מיטן גוף, נאָר מיט דער נעשאָמע... — און זי דרייט זיך פלוצעם אויס צו דעם דאָקטערס מוטער, וואָס שטייט פונדערווײַטנס:

— אויך איר זײַט גערעכט. כ׳האָב נאָך טאקע ביז הײַנטיקן טאָג ניט געוווּסט פון עמעסע ליידן. אלע מײַנע ליידן ביזן הײַנטיקן טאָג זײַנען טאקע געווען ניט מער, ווי ליידן פון א בעהיימע, וואָס רעוועט אין פעלד ארײַן. כ׳האָב צען יאָר, נאכט נאָך נאכט, גערעוועט דורך די פינצטערע פענצטער אין דער וועלט ארײַן.

דעם דאָקטערס מוטער — די געלע הענט אפן הויכן באוועגלעכן בויך — קוקט אף איוועץ שוין א סאך מילדער, שוין מיט גאָר אנדערע אויגן, זי שלינגט מאמעש איר יעדער וואָרט, ווי אָט די רייד וואָלטן געווען פאר איר, פאר דער אלטער, א יעקאר־האמציִעס, א ביז גאָר גרויס געווינס באם סאָף פון איר לעבן. אָבער זי ענטפערט ניט, מישט זיך ניט אין די רייד און גייט צוריק אין צימער ארײַן, ווי איינע, וואָס ווילֿ ניט שטערן, ווילֿ ניט בײַזײַן, מאכמעס ס׳האָט דאָך צו איר קיין שײַכעס ניט.

איווע זעצט זיך באם קײַלעכדיקן טישל, דאָרטן, ווו מ׳ווארט אפן אופנעם צום דאָקטער, און, ווי א קראנקע, וואָס ווייסט, אז קיין גרויסע טרופע וועט זי דאָ ניט האָבן, איר גורל איז שוין א באשלאָסענע זאך, פרעגט זי בא אקיווען:

— אָבער אף דײַן „וועגעלע“ וועסטו מיך נעמען?

— אף מײַן „וועגעלע“? — פרעגט איבער אקיווע דערשראָקענערהייט.

— יאָ, אף דײַן „וועגעלע“. דו פאָרסט דאָך אין א שיין לעבן ארײַן...

— ס׳איז אָבער צו א ווײַטע נעסיִע.

— איז וואָס? וואָס האָב איך דאָ אָנצוווערן? אויב איך ווילֿ צו דײַן שיינעם לעבן ניט דערפאָרן, זאָלסטו מיך אונטערוועגנס פארפירן אף א בעסאָלמען, זאָלסטו מיך כאָטש ברענגען צו קייווער־ייִסראָעל.

— ווער ווייסט דען, איווע, ווער ס׳וועט יאָ דערפאָרן און ווער ס׳וועט ניט דערפאָרן?

— און דו אליין, — טוט זי אים א פרעג, — דו אליין ווייסט כאָטש דעם וועג, אף וועלכן דו פאָרסט?

— ניין, שוועסטער, ניין! — ענטפערט איר גלײַך אקיווע, ווי דערפרייט זיך, וואָס סאָפקאָלסאָף וועט ער קאָנען איר זאָגן דעם איקער און דערמיט אראָפּנעמען פון זיך די גרויסע אכרײַעס פארן „וועגעלע“, וואָס מ׳האָט אומזיסט אף אים ארופגעלייגט. א סאך מיינען דאָך בעע־

מעס, אז ער, אקיווע, פאַרמאָגט אַזאַ „וועגעלע", וואָס גייט און פירט אין דעם שיינעם לעבן אַרײַן.

— ניין, איווע, ניין! כ׳ווייס אים ניט, און קען אים ניט, דעם וועג. איך האָב ניט קיין שום „וועגעלע"... איך געהער ניט צו די מאַנהיגים, צו די מאַדריכים און צו די וועגוויַיזער. דיר, שוועסטער, זאָג איך דעם עמעס. איך גיי צופוס. איך גיי מיטן גאַנצן פאָלק. און איך ווייס ניט, וווּהין דאָס פאָלק גייט... וואָס ס׳טוט זיך אויפן וועג, דאָס זעסטו אַליין. דו האָסט דאָך מיסטאָמע געזען, וואָס ס׳טוט זיך אין שטאָט? אין די הויפן קלײַבט זיך דער ערעווראַוו — ס׳גרייט זיך אַ מאַניפעסטאַציע פון געטרײַשאַפט און אונטערטעניקײַט... מיטן קייסערס פּאָרטרעטן. ס׳זאָל כאָטש ניט קומען צו קיין שכיטע. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט נעכטן געזאָגט פאַר די שוואַרצמייעניקעס: „אין רוסלאַנד איז ניטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם! דאָס טראַכטן אויס די זשידעס אַליין. אַ סימען האָט איר, גרינגמוט איז דער רעדאַקטאָר פון די „מאָסקאָווסקיע וועדאָמאָסטי" און גערשעלמאַן איז גענעראַל־גובערנאַטאָר אין מאָסקווע..."[1] האַ, איווע? דאָס איז דאָך אַזוי ציניש, אַז ס׳איז שוין גאָר פאַר דעם ניטאָ קיין ווערטער. די שוואַרצמייעניקעס האָבן אויף דעם געגנטפערט מיט אַזאַ פּאַטשערײַ, אַז די ווענט האָבן זיך געשאָקלט... זעסט, איווע, אַליין גוט, וואָס ס׳טוט זיך אויפן וועג. דאָס האַרץ באַוואַשט זיך מיט בלוט, נאָר איך לעצעווע, מאַך קונצן, טרײַב קאַטאָוועסן, שטעל זיך צום נאַר... אַבי אַרויסרײַסן אַ געלעכטער, כאָטש אַ שמייכל. און דאָס איז פאַר מיר גענוג. און דאָס איז, איווע, מײַן לעבן.

— ניטאָ קיין זיס לעבן, — זאָגט זי פאַרטראַכטערהייט.

— האָסטו דאָ אַ טאַעס.

— עפשער... אַרײַנטראָגן אַ ברעקל פרייד אין אונדזער פינצטער לעבן איז אַוואַדע אַ גרויסע זאַך. ס׳קאָן אַפילע זײַן אַ גרויסע שליכעס, אָבער...

בא אקיווען לעשט זיך אויס דער פון דרויסן אַרײַנגעבראַכטער גלאַנץ פון סימכע און באַגײַסטערונג אין די אויגן:

— איך ווייס עס, איווע, אַליין אויך.

— און אַז דו בלײַבסט, אקיווע־פרײַנט, אַליין מיט זיך?

— איז אָפּטמאָל, איווע, זייער שאָפל.

— און ווײַן העלפט? זאָג מיר, אקיווע, קאָן מען טאַקע מיט ווײַן... מיר ברענט דאָס האַרץ אַזוי, ווי מ׳וואָלט עס אָנגעריבן מיט זאַלץ. כ׳וואָלט אויך געוואָלט זיך אָנשיקערן. כ׳וואָלט אויך געוואָלט אויסשפּײַען די נעשאָמע.

— מיינסט טאַקע בעעמעס, — פרעגט ער באַלײדיקט, — אַז כ׳האָב הײַנטיקע נאַכט אויסגעשפּיגן די נעשאָמע, אַז כ׳האָב זיך געלאָזט וווילגיין אויף אַ קערמעשל, אַז כ׳האָב זיך אָנגעשי־קערט, זיך פאַרהוליעט און פאַרגעסן אָן דיר?

— וואָס זשע דען האָט מיט דיר יאָ אַזוינס געטראָפן?

— וועגן דעם, איווע, וועל איך דיר אַמאָל דערציילן. ס׳וועט קומען אויף דעם אַ טאָג. איך וועל דיר דערציילן, וואָס ס׳קאָן זיך פאַרלויפן מיט אקיווען אין אַ פאַרפּייסעכדיקער נאַכט. דאָס איז די טויזנט און צווייטע נאַכט.

— דאָס וועט זײַן „אַמאָל", דאָס וועט זײַן „שפּעטער", אויף דעם דאַרף ערשט קומען דער טאָג? נאָר איצטער, הייסט עס, קאָן מען נאָך ניט. פאַר מיר איז נאָך אַלץ דאָ סוידעס. איצטער טאָר מען ניט. פאַר מיר דאַרף מען זיך נאָך אַלץ אויסבאַהאַלטן? ביז נאָך דער סריפע ביסטו געזעסן אין שטוב און עפּעס געשריבן?

— פונוואַנען ווייסטו דאָס?

— בא דײַנע שכיינים זײַנען קיין סוידעס ניטאָ.

— דו ביסט דען געווען בא מיר?

— זיי האָבן דען דיר ניט דערציילט?

— איך בין נאָך אין דער היים ניט געווען...

— ביסטו, הייסט עס, ניט געקומען אַהערצו מיך זוכן? אַבי כ׳האָב געמיינט... אַכוץ שיפרען, ריידן הײַנט אַלע פאַרשטעלט.

— אייגנטלעך, — פאַריכט זיך אקיווע, — וואָס פאַראַ סוידעס קאָנען דאָ זײַן?

— ווי־אַזוי זשע האָסטו געקאָנט פאַרגעסן אָן מיר?

— כ׳האָב אויף קיין איין מינוט ניט פאַרגעסן אָן דיר, נאָר דו האָסט דאָך אַליין געזען, וואָס אין שטאָט טוט זיך. די שטאָט גייט כאַדאָראָם מיט די אַנטלאָפענע... האָט דאָס מיך אויך פאַר־דרייט.

---

[1] ביידע, גרינגמוט און גערשעלמאַן, האָבן געשטאַמט פון ייִדן.

— די אנטלאָפּענע, זאָגסטו?

דאָ שטעלט זי זיך אַף די פּיס אויף, שפּאַרט זיך אָן מיטביידע הענט אָן טישל און, ווי פריִער בייסן קוקן אַף דאַניִעלס בילד, אַזוי אויך איצט, מיט די זעלבע אָנגעשטרענגטע, פאַר־שערישע, מיט די זעלבע באַיאַריש־צוגעזשמורעטע אויגן, ווען זי ווילן סײַ אין דער אייגענער, סײַ אין דער פרעמדער נעשאָמע אַרײַנדרינגען, קוקט זי אַף אקיווען:

— די אנטלאָפּענע, זאָגסטו?

ערשט אצינד הייבט זי אָן צו פאַרשטיין יענע פּאָליציי־בעהאַלטע אַף די גאַסן, דערקענט יענעם זשאַנדאַרם, וואָס האָט זי אָפּגעשטעלט, — דאָס איז דאָך געווען דער לאַנגער פּאָלקאָווניק קאַבלוקאָוו מיט די בלוי־פאַרפרוירענע אויגן, אויך דערזעט זי יענעם פאַרשוין מיט די שוואַרצע ברילן און באַנעמט שוין אויך יענע רייד פון די שכיינים דאָרטן בײַ אקיוועס דאַך־שטיבל און דאָס פלוצלינגדיקע אָפּטרעטן פון איר.

— די אנטלאָפּענע? — כאַזערט זי איבער שוין פאַר זיך אַליין און פאַרקלערט זיך.

זי קוקט אַף אקיוועס רויטלעכע ניט־אויסגעשלאָפענע אויגן און הייבט אויך אָן צו פאַר־שטיין יענע סימכע און יאָמטעוודיקײַט, מיט וועלכע ער איז אַהערצו אַרײַנגעקומען.

— אקיווע, — זאָגט זי אים, — פיר מיך צו איר!

— צו וועמען צו איר? — אין אקיוועס קאָל הערט זיך שרעק און פאַרווונדערונג.

— צו כיירוסן!

— איך וועל דיך צו איר ניט פירן!

— דו פאַרגליִיבסט מיר ניט?

— כאָלילע, איך גלייב דיר, ווי זיך אַליין.

— נאָר וואָס דען שטעלט דיך אָפּ?

— ווײַל איך וויל דיך ניט פירן אין פײַער אַרײַן...

נאָך אַלץ אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אָן טיש, בייגט זי זיך איבער צו אים אַזוי, אַז אקי־ווע דערהערט, ווי ס'קראַכן בײַ איר אַלע פינגער.

— מיך ווילסטו שרעקן מיט פײַער? מיך? — פרעגט זי אים. — עמעס, מײַנע ליידן טאָר מען ניט פאַרגלײַכן מיט דער אַלטערס. זי האָט איבערגעלאָזט צוויי קינדער אַפן וועג... אָבער מײַנע ליידן דאַרפן דאָך אויך זײַן הייליק. יעדער מענטשלעכע טרער דאַרף דאָך זײַן הייליק... און די צען יאָר בײַ די לאַנדעס, די צען יאָר האָב איך דען ניט געברענט אַפן פײַער? צום אָנהייב האָט אַ פלאַקער געטאָן מײַן נעשאָמע, ווי אַ סנאָפּ שטרוי, דערנאָך האָבן געברענט מײַנע טעג, מײַנע וואָכן... דערנאָך יאָרן! דאָס פײַער איז געוואָרן אַלץ גרעסער, דער פלאַם — העכער... און קיינער האָט פון פײַער מיך ניט אַראָפּגענומען, מײַן ווייטעק ניט געשטילט און מײַן כאַרפּע ניט געלאָשן... ניין, אקיווע, ניין. מער וויל איך ניט וואַרטן אַף ניסים. כ'האָב זיך געבעטן צו דיר אַפן „וועגעלע", האָסטו זיך אָקאָרשט אַליין מוידע געווען, אַז דו האָסט ניט קיין שום „ווע־געלע". איז פיר מיך צו איר!

אין איר קאָל איז געווען ניט קיין געבעט, נאָר פּאַשעט אַ וואָרענונג: בעסער לאָזט מיך שוין מער ניט איבער איינע אַליין.

— אקיווע, שווײַג ניט, זאָג, דו וועסט מיך פירן צו איר?

— גוט... אָפּדערנאַכט.

V

פון די לעצטע ווערטער, און דעריקער פון זײַן קאָל, — ס'איז שוין, אַפּאַנעם, אַ באַשערטע זאַך, און ער, אקיווע, איז דאָ ניט בעיעכוילעס עפּעס אָפּצוווענדן און צו מעשאַנע זײַן, ער האָט דאָ געמוזט נאָכגעבן און אײַנגיין, — ווערט איווע רויקער, טוט אַפילע אַ שמייכל און בלײַבט דערנאָך וואַרטן אַף אקיווען, וואָס איז צום דאָקטערס מוטער אוועקגעלאָפן, קעדיי זײַן שליכעס דאָרטן אויספילן. ער איז דאָך ניט צוליב איר אַהערצו געקומען.

נאָר וואָס דויערט עס דאָרטן אַזוי לאַנג? זי האַלט זיך שוין קוים אַף די פּיס. זי איז גערעכט געווען, די אַלטע: אַ מיד־און־פאַרמאַטערטער מענטש טאָר זיך ניט צוזעצן, ס'איז אים דערנאָך שווער זיך אופהייבן, אַז מ'גייט, גייט מען... ס'ווילט זיך איר אָבער פאָרט אָנשפּאַרן דעם קאָפּ אָן וואַנט און בלײַבן אַזוי זיצן מיט פאַרמאַכטע אויגן, אָן שום געדאַנקען, אָן אויסגעטאָנענע פון דער וועלט.

זי פילט, ווי יענע אָנקויכעסדיקײַט, וואָס איז זי דאָרטן, אין פּאַרק, אַף דער באַשנייטער באַנק באַפאַלן, קומט ווידער אָן. דאָס שרעקט זי: גייט ניט אַף איר עפּעס אַ נײַע קרענק? זי איז

דאָך נאָך פון יענער שלאָפקייט גאָר אינגאַנצן ניט פּאַטער געוואָרן. קאַרגע פינף כאַדאָשים צו בעט אָפּגעלעגן. אַז זי האָט געזען אַרום זיך מענטשן אַרומגיין, האָט זיך איר, וואָס איז ווי אַ ברעט געלעגן, געדאַכט: ניט זי, איוועו, נאָר יענע געפינען זיך אין אַן אומנאַטירלעכן צושטאַנד. יאָ, מ׳זאָל טאַקע ניט געפּרוּווט ווערן, צו וואָס מ׳קאָן געוווינט ווערן... — געלעגן צו בעט און געהערט: אין דער געפרוירענער, קימאַט פאַרשטיינערטער ערד האַקט מען מיט העק די קאַרקע. די גאַנצע צייַט פון דער קרענק געזען: מ׳לייגט אים, דאַניעלן, אַ האַלב־זיצנדיקן, מיט דער אויסגעצויגענער, מיט דער אופגעהויבענער האַנט, אין קייווער אַרייַן.

דעם ערשטן כוידעש פון איר קרענק האָט זי ניט אופגעהערט צו שרייַען:

— ער וויל ניט גיין אין קייווער, לייגט אים ניט, דאַניעלן, אַהין מיט גוואַלד!

ניין, זי טאָר זיך איצט ניט צוזעצן. זי דאַרף גיין ווייַטער. וווּהין? און ס׳דאַכט זיך איר, אַז זי גייט שוין אַרום אַזוי איבער דער וועלט אַן אייביקייַט. זי גייט פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד, און אויך, ווי אַוונער, האָט זי ניט ווו און וווּהין דעם קאָפּ צושפּאַרן. נאָר זי גייט. זי גייט דורך פעלד און וואַלד, אָן וועג, אָן שטעג, און צווישן הימל און ערד הערט ניט אוף צו וויכערן און צו ווייען.

אָבער מוירע האָבנדיק, אַז זי וועט פּאַרט ניט קאָנען זיך גויווער זייַן, אַז זי וועט אַף זיך ראַכמאָנעס קריגן און זיך דאָך צוזעצן, זאַמלט זי צונויף די לעצטע קויכעס, נעמט איר האָב־און־גוטס אַפּן אַקסל, און מיטן געדאַנק, אַז וואָס ס׳זאָל ניט טרעפן אין איר נייַער סעדרע פון יעסורים און אינוים, וועט זי אומבאַדינגט הייַנטיקן זומער אַרומגיין מיט דער מומע ליבע איבערן גאָרטן אַ באָרוועסע, און פאַרנאַכט, בא דער שקיִע, וועט זי זיך באָדן אין טייַך אונטער די ווערבעס, הערן, ווי די מומע ליבע מיט איר האַרציקער ערנסטקייַט דערציילט וועגן דער עלטערבאָבע, וואָס בא נייַנציק יאָר פלעגט זי אַרויסגיין מיטן בענקעלע און זיך אָוועקזעצן אינ־מיטן זומערדיקן טאָג באַם בינשטאָק — די בינען זאָלן הודען אַרום איר, און ער, דער עלטער־זיידע, זאָרעכל, שוין דעמאָלט ניט ווייַט געוועזן פון דער צוווייטער באַרמיצווע, ער, דער טיפער זאָקן, גייט אַרויס צו איר, פאַרקאַטשעט די אַרבל, רוקט אַרייַן די הוילע הענט אין בינשטאָק, נעמט פון דאָרטן אַרויס אַ שטיקל סטעלניק און דערלאַנגט איר: „נאַ, בראַכעניו־סערצע, נעם, דו ביסט דאָך באַ מיר אַ נאַשערן!..״ און אויך וועט זי, איוועו, אַ פּאָר טעג פאַרברענגען מיט ייִצ־כאָקן און מיטן „שטילן זומער״, העלפן דאָרטן, אין דעם אָפּגעדונגענעם סאָד, אַראָפּנעמען פון די וואָרעמע צווייַגן די קילבלעכע עפּל און הערן נאָך אַ מאָל, טאַקע וועגן אים, וועגן דעם דאָ־זיקן עלטערזיידן, זאָרעכלען, וויאַזוי אין איינעם אַ נאָכסוקעסדיקן שאַבייסענאַכטס, נאָך האַוו־דאָלע, האָט ער איינגעשפּאַנט דאָס פערד, מיטגענומען מיט זיך, צוליב היימישקייַט, אים, ייִצכאָקן, וואָס איז נאָך אַ קינד, בא די צען יאָר אַלט געוועזן, און געפאָרן צום פּאַריץ, צום גראַף באָגושעווסקי, אָפּפירן דאָס געלט פאַר דער אַרענדע. און אין וועג, פאָרנדיק איבער דעם אָסיענ־דיקן וואַלד, אין דער פינצטערניש, ווו דער ווינט רייַסט פון דעמב די בלעטער אָפּ, טוט אים אויס נאַקעט, דערטראָגט זיך פלוצעם אַ יאָמערדיק קאָל, אַ ביטערער געשריי פון אַ פרוי, וואָס איז פון גאַזלאָנים אין וואַלד אַרייַן פאַרשלעפּט געוואָרן. שטעלט דער זיידע זאָרעכל אָפּ דאָס פערד, שפּרינגט פון וואָגן אַראָפּ, לויפט אַהין אַפּן געשריי, שטעלט אייַן דאָס לעבן, גיט אָפּ דאָס גאַנצע געלט פון דער אַרענדע — בלייַבט אַ באַלכויוו אַף יאָרן און קויפט און לייזט אויס דאָס מיידל פון ראָצכישע הענט און פון אייביקער שאַנד. ער, זאָרעכל, האָט איר פּאָנעם ניט געזען, ניט געפרעגט בא איר, ווער און פונוואַנען און פון וועלכער אומע און עמונע זי איז. ער האָט זי פאַרפירט צו אַ יישעווו, און פונדאַנען שוין נאָך האַלבער נאַכט געקומען אָן אַ פּרוטע צום צאָרנדיקן פּאַריץ, וואָס האָט געוואַרט אַף אים מיטן געלט. — ייִצכאָק וועט עס אָנהייבן דער־ציילן מיט אַ ניגן: „אַנומלטן, צוריק מיט אַ יאָר פופציק״...

— סאַראַ שיינע נעשאָמעס, — זאָגט איוועו שטיל צו זיך אַליין און גייט פון שטוב אַרויס.

דאָרטן, שוין פון יענער זייַט טיר, אַפּן גאַנעקל פונעם דאָקטערס שטוב, טרעפט זי אין הימל מאַמעש אַן אויסגעפּריילינגטע זון, וואָס טוט איר אַ שלאָג און פאַרבלענדט די אויגן. טראָפּנס זון פאַלן פונעם דעכל, צעקלאַפּן זיך אַפּן אונטערשטן טרעפּל באַ אירע פיס. פון אָט די צעקלאַפּטע טראָפּנס, וואָס שפּריצן מיט פייַערדיקן פינקל אונטער אירע וויִעס, כאַפּט זי אַרום עפּעס אַ מין מעשונעדיקע פרייד. ביז אַהער האָט זי נאָך קיינמאָל פון אַזאַ געפיל ניט געוווּסט. ס׳איז אַפילע ניט קיין פרייד, ס׳איז עפּעס אַ מין היסלייַוועס. אָט די זוניקע טראָפּנס ווערן איר מיטאַמאָל ביז ווייטעק ליב און טייַער, פאַר זיי איז זי גרייט אַלצדינג אויסצושטיין.

נאָר איבער דער ערד לויפט נאָך אַלץ און וויכערט זיך דער שניי. אָבער וואָס ווייַטער — אַלץ שטילער, און ס׳איז צו זען: די זאַווייע שלאָגט זיך פון די לעצטע קויכעס אַרויס, און ווי נאָר זי וועט זיך פון די קרומע שטאָט־גאַסן אַרויסדרייען, אַזוי וועט זי ערגעץ אין פעלד, אין אירע אייגענע הורבעס שניי, בלייַבן אַ פאַרמאַטערטע ליגן און שוין מער קיין קיעם ניט האָבן.

דער הימל פּאַרכלינעט זיך אין יענע בלויקייטן, אין יענע שײַנען, וואָס טרעפן זיך נאָר אַפן שוועל פון פרילינג. פון די טויבנשלאַקן טראָגט זיך דאָס מילדע הייסע וואָרקערײַ, און פון דער וועלט שמעקט שוין מיט אַנגעקוואָלענער ווערבע.

— נאָר אַ דאַך איבערן קאָפּ וועל איך האָבן? — פרעגט זי בא אקיווען, וואָס לויפט, ענד־לעך, פון דאָקטערס שטוב אַרויס.

אקיווע, נאָך אַלץ אויפגערודערט פונעם געשפרעך מיטן דאָקטערס מוטער, ענטפערט אַף זײַן שטייגער און נוסעך:

— אזא מין שײַלע! וואָסי, קאַרג הײַזער וואַלגערן זיך אין דרויסן?

— אַ קליינע טרייסט.

— און וואָס האָט שוין באַדאַרפט זאָגן מוישע־ראַביינוס שוועסטער, וואָס איז געגאַנגען מיט אים איבער די גליִענדיקע מידבער־זאַמדן און אין ערגעץ האָט זיך אַפילע אַף קיין רעפוע ניט געוואַלגערט קיין איין דרײַטאַזשנע מויערל? צו דײַן יעציִאַס־לאַנדע...

— וויאַזוי האָסטו געזאָגט, יעציִאַס־לאַנדע?

— צו דײַן יעציִאַס־לאַנדע האָב איך דיך נאָך נעכטן באַזאָרגט מיט אַ שיינעם נומער אין האָטעל, אין דעם נײַעם.

— אוי, אקיווע, ווי מיר ווילט זיך ניט גיין אַהינצו!

— אין מײַן שלאָס קאָן איך דיך אָבער ניט אַרײַננעמען.

— פאַרוואָס דען ניט?

— ערשטנס, רינט אין מײַן שלאָס דער דאַך, — און אקיווע, זעט זי, וויל אַריבער אַף אַנדערע רייד. — וואָס איז דאָ צו שטיין?

— און צווייטנס?

— צווייטנס, פרעגסטו? און צווייטנס, איווע, ווייסט דאָך די גאַנצע וועלט, אַז עליִעזער דער באַלעגאָלע האָט געבערן אַ זון און האָט אים נאָמען געגעבן — אקיווע... איך קאָן דאָך ניט גיין און זיך וועקשטעלן אינמיטן שטאָט און אויסרופן: ראַבויסײַ, הערט מיך אויס, איך בין ניט דעם אשמעדײַס בכאָר, נאָר גאַוורילע באַיאַרס... אַ זינד. זײַט וויסן, ראַבויסײַ, אַז איווע איז מײַן סאַמאַראָדנע שוועסטער.

— אקיווע, טײַערער, פיר מיך אַהין, פיר מיך אין האָטעל אַרײַן. דאָרטן דאַרף זײַן זייער גוט.

— צו גוטס איז גאָר קיין שיר ניטאָ. איך וועל דיך פירן ניט דורכן מידבער, נאָר דורכן אָפּגעברענטן מאַרק. — און ער טוט אַ רוף דעם פורמאַן, וואָס שטייט מיט זײַן שליטן־געשפאַן אַפן ראָג.

אַהין, אין דעם נײַעם האָטעל, אין דעם מאַרק־שרײַערישן, געבויט געוואָרן דעריקער פאַר די נײַ־אויפגעקומענע, פאַר די פריש באַרײַכערט־געוואָרענע אַף די ליפערונגען בייס דעם רוסיש־יאַפּאַנישן קריג, פאַר די, וואָס יאָמטעווען און קוועלן פון סטאָליפּינען, בענטשן זײַן שטאַרקע האַנט, וואָס דערטרינקט אין בלוט און אין טרערן די רעוואָליוציע, רימען און לויבן אים פאַרן אופשטעלן און אָפּהיטן דאָס קיניגרײַך פון דורכשניטלעכקײַטן און מיטלמעסיקײַטן, ווו זיי, אָט די נײַ־אויפגעקומענע, און אויך זייערע יויצער־מעשאָרסים, זײַנען אין אָט דעם קיניג־רײַך די יאַכסאָנים, די אויסדערווײַלטע, די כאַכאָמים און מעווינים, און יעדער גרויסער און פרײַער געדאַנק גייט אָף דער טליע, יעדער הייס וואָרט פאַר געוועכטיקײַט און מענטשלעכער ווירדע ווערט אין די סיבירער שנייען אַף אומקום פאַרטריבן; אַהין, ווו פון דעם רעסטאָראַן גייט אַ ציגײַנער־העפקערדיקע מוזיק, אַזאַ, וואָס דאַרף צעוואָרעמען די בלוטן, פאַרשיקערן און אויך מונטערן און וועקן, אַזאַ, וואָס דאַרף מאַשפּיִע זײַן דעם נישט, אַז ער איז די אייביקײַט אַליין... אַהין, אין אָט יענעם האָטעל, האָט ער, אקיווע, צוליב אַ סאַך טײַמים, געבראַכט איווען און זי באַזאָרגט דאָרטן מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ...

דאָרטן שמעקט נאָך מיט אייל־פאַרב. פון דער וואַנט, אַנטקעגן דעם אַרײַנגאַנג, פון אונ־טער דעם קייסערס גרויסן פּאָרטרעט, שמייכלט פון דער אַפּישע אַראָפּ די אויִלעמהאַזע אַליין מיט האַלב־פאַרמאַכטע טײַוועדיקע אויגן: די טענצערן, אײַנגעוויקלט אין ראָזעווון טיול, וועלכע האָט געזאָלט אַרויסטרעטן אַפן ערעוו־פּייסעכדיקן יאַרמאַרק, אין צירק.

איווע גייט זייער פּאַמעלעכן, פאַרזיכטיק און געהיט איבער די ברייטע, מיט טעפּיכער אויסגעשפּרייטע, ווייכע קאָרידאָרן, ווו בא פאַרהאַנגענע פענצטער ברענען גרויסע עלעקטרישע קרוינלײַכטער מיט אַראָפּהענגענדיקע גלעזערנע פּראַנדזן.

ס׳איז איר דאָ אַלצדינג שרעקלעך פרעמד. צו קיינעם און צו גאָרניט האָט זי דאָ קיין שום שײַכעס ניט. ערשט דאָ דערפילט זי, ווי אויסגעוואָרצלט זי איז פון לעבן — אַ בלאַט אַפן

ווינט... אָט דער האָטעל דערמאָנט איר, אַז זי איז ערגעץ אינמיטן וועלט, ערגעץ אינמיטן וועג, זי וועט אָבער מוזן דאָ איבערכאַפּן דעם אָטעם און דערנאָך לויפן ווײַטער.

— אקיווע, וויפל איז אױף דײַן זייגער?

— ביז נאַכט איז נאָך ווײַט.

— און פריִער, פריִער קאָן מען דען ניט?

— ניין, איווע, דאָס איז אומעגלעך.

אין דעם פּאַר איר צוגעגרייטן צימער מיִעסט זי זיך צו עפּעס צורירן מיט דער האַנט. זי וואַרפט אַ בליק אױפן גענעראַל־גובערנאַטאָרס רעזידענץ, ווו מע רייניקט דעם שניי אין דעם גרויסן גאָרטן־פּאַרק, וואָס נידערט צום טײַך אַראָפּ, און פאַרהאַלט איר אויג אױף דעם סאָף שטאָט, ווי זי וואָלט דאָרטן געזוכט דעם אָסאָקאָר־בוים, ווו דער אשמעדײַ האָט זיך מיט פערד־און־שליטן אין ווייעדיקן טאָל אַראָפּגעלאָזט.

— זיי זאָלן כאָטש בעשאָלעם פאַרפאָרן, — זאָגט זי, — דאָס קינד זאָל זיך, כאָלילע, אין וועג ניט צוקילן. אין אַזאַ זאַווערוכע איז דאָך זייער אַרײַנג זיך אַראָפּשלאָגן פון וועג.

— ווער, דער אשמעדײַ? ער קען די וועגן אױף די אויסווייניק, ווי אַ פרומער ייִד דעם טילים. ער וועט ברענגען דאָס אייניקל צום קיניג גאַוורישָל אַ פּאַרפאַליעטס, אַ הייסינקס, ווי אַ פּאַמ־פּושקעלע... און אַז ער וועט זיך אומקערן פון דאָרטן, וועט ער אונדז מיטן „האָדי, נו!" אַרומ־פירן איבערן טכום־האַמוישעוו. איך, דער בען־מעלעך, וועל פאַר די שוסטער־יונגען און שנײַ־דער־מוידן שפּילן זודיקע „פרייליעכסן", און דו, די טאָכטער פון גאַוורישָל דעם פּערצנטן, די באַס־מאַלקע, דו וועסט זיי פּאַרקישעפן מיט דײַנע באַיאַר־מײַסעס...

טוט זי צו אים אַ שמייכל מיט די אויגן, און ווי זי שטייט אינעם מאַנטל, מיטן שאַלכל אױפן קאָפּ, לאָזט זי זיך אױפן פּליושענעם דיוואַן אַראָפּ און פאַלט צו מיטן פּאָנעם אױף דעם אויסגע־נייטן קישעלע.

און דאָך, ניט געקוקט אױף איר מיד־און־פאַרמאַטערטקײַט, אױף איר אויסגעשעפּטקײַט, שלאָפט זי עפּשער אַ האַלבע שאָ און כאַפּט זיך אױף אַ דערשראָקענע, ווי זי וואָלט שוין פאַר־שלאָפן, דורכגעלאָזט און שוין אױף טאָמיד פאַרשפּעטיקט.

נאָר דערזען אױפן סאָפקעלע, באַם פענצטער, ניט ווײַט פונעם אַקוואַריום אַקיווען, באַרויִקט זי זיך: דער, וואָס דאַרף זי פירן ערגעץ־ווו אַהין, אין דעם באַהאַלטענעם און פאַרבאָרגענעם אָרט, צו כײַרוסן, איז דאָך דאָ.

אויך ער, אַקיווע, איז געפאַלן אַ טויט־מידער. „און וואָס איז דאָ דער ווונדער? — זאָגט זי זיך אַליין. — ער גייט דאָך אַרום צופּוס. זײַן קישעף־וועגעלע איז אין שווערן וועג צעבראָכן געוואָרן. און עפּשער האָט ער עס ביכלאַל ניט געהאַט, ער האָט עס פּאַשעט אויסגעטראַכט, ווי אַ טרייסט. אויב מ׳טראַכט זיך אויס אַזאַ מין וועגעלע פון יִיעש, איז עס שוידערלעך. און אַז אַזאַ מין אויסגעטראַכטעס וועגעלע ווערט נאָך דערצו צעבראָכן?"

פון אָט דעם געדאַנק גייט איר דורך אַ קעלט איבערן רוקנביין, און זי שטעלט זיך אױף די פיס אױף. די זון דערלאַנגט שוין צו די מײַרעוו־פענצטער, און דער צימער ווערט אָנגעגאָסן מיט שײַן. פון יענער זײַט, איבער די ווײַסע פעלדער, לויפן באַגילדעטע שאָטנס, און דער בערעזע־וועד וואַלד, באַם סאַמע ראַנד הימל, שווענקט דאָרטן די צווײַגן אין דער וואַרעמער בלויקײַט. „און וואָס אַזוינס, — טראַכט זי ווײַטער מיט עפּעס אַ מין מאָדנער אומרויִקײַט וועגן אַקיווען, וואָס שלאָפט, דעם פּויסט צוקאָפּנס, אַ פאַרויטלטע געוואָרענער — מיטן שלאָף פון אַן אָנגע־האָרעוועט קינד, — וואָס אַזוינס האָט געקאָנט מיט אים זיך טרעפן הײַנטיקע נאַכט? מיסטאָמע האָט כײַרוס באַ דער באַגעגעניש געזאָגט אים אַ וואָרעם וואָרט. אויך ער, אַקיווע, איז דאָך פאַרשאָלטן געוואָרן מיט ליבע. אויך ער קאָן דאָס גאַנצע לעבן פון איר ניט אָפּגיין און זיך דערווײַטערן. אָבער, אפּאָנעם, אַז אויך כײַרוס קאָן גאָר ווײַט פון אים ניט אָפּגיין".

אויך פון דעם ווערט זי אופגערודערט, אופגערעגט, ווי פון אַ זאַך, וואָס שטייט אױף איר וועג און זי קאָן עס ניט אויסמײַדן און פאַרבײַגיין.

נאָר ווען מ׳טוט זי דאָ אַ פרעג: וואָס גייט עס איר אַזוי אָן אַקיוועס ליבע צו כײַרוסן, און דעריקער כײַרוסעס באַציִונג צו אַקיווען, וואָס איז עס איר אַזוי שטאַרק נעגייע, און גראַד אין דעם ערשטן טאָג פון איר יעציִאַס־לאַנדע, און דאַפקע דאָ, אונטערן פרעמדן דאַך? אַוואַדע ווען מע טוט זי אַזעלכס אַ פרעג, וואָלט זי ניט געקאָנט אױף דעם ענטפערן.

און דאָך נעמט זי אים וועקן:

— דערצייל מיר, כ׳בעט דיך, וועגן דײַן פאַרפייסעכדיקער, וועגן דער טויזנט און צווייי־טער נאַכט.

— אַמאָל, איווע, וועל איך דיר דערציילן. שפּעטער...

— מאך פון דײַן „אמאָל" און פון דײַן „שפּעטער" א „באַלד". דערצייל מיר, וואָס האָט מיט דיר אזוינס געטראָפן, אז דו האָסט אליין ניט געקאָנט קומען און צוגעשיקט דעם אשמעדײַ. דערצייל מיר, וואָס און צו וועמען האָסטו עס געשריבן.

אקיווע — דער פּוסט נאָך צוקאָפּנס, מיט פאַרמאַכטע אויגן — הערט, ווי דאָס ווערט געפרעגט שוין אָן פאַרדראָס, שוין אָן וועלכע־עס־איז טאָרומעס, פּאַרקערט, מיט א טיפן מיטגעפיל און מיט קינע אפילע, זאָגט:

— דער מענטש קומט פון דער ערד, און צו דער ערד קערט ער זיך אום. זייער טרויעריק.

— אנטקעגן וואָס זאָגסטו דאָס?

— אנטקעגן דעם, וואָס ביינע־לעביינע איז גוט צו נעמען א טרונק ווײַן און פאַרבײַסן מיט קאַלטע פּופּיקלעך, האַ?

— גאַרניט שלעכט.

— און ס'איז אויך גוט, — רעדט ער נאָך אלץ, ליגנדיק מיט פאַרמאַכטע אויגן, — אפילע מער ווי גוט, ס'איז מאמעש א פאַרגעניגן, טאַקע א מעכײַע־נעפאָשעס, צו האָבן א שוועסטער אף דער וועלט, אן איווע־פרײַנט, פאַר וועלכער מ'זאָל זיך קאָנען א ביסעלע פּעסטען און זיך קאָנען אראָפּרעדן א קאַפּעלע פונעם הארצן.

— איז ליג אזוי מיט פאַרמאַכטע אויגן און דערצייל!

— פריִער, — זעצט ער זיך אוף, — פריִער וועל איך רופן און באַפעלן דעם סאַר־האַ־מאשקים, ער זאָל ארײַנטראָגן אף דער זילבערנער טאַץ מיקאָל האַמינים אף צו אונטערלענען דאָס האַרץ. אונדזער גרויסער גאָט אין הימל קאָן ניט צוקוקן, ווי צוויי גאַוועגאַדנע קינדער האָבן נאָך הײַנט אין מויל ניט געהאַט. פאַרגעס ניט, איווע, אז דער ייִדישער גאָט איז אן אייל ראַכמים... א באַרעמהאַרציקער גאָט. ער, דער גרויסער באַל־ראַכמים, האָט אונדז אזוי ליב, אז פון זײַן ליבשאַפט שטייען אונדז טרערן אין די אויגן. מיט זײַן גרויסער ליבשאַפט שיט ער אף אונדז מיט דער פולער זשמעניע האַמענס און טאַרקוועמאַדעס און...

— אקיווע טײַערער, מ'דאַרף ניט. באַפעל טאַקע עפּעס ברענגען אהער אין מויל ארײַן. עך, אקיווע־כאַוועי, — זאָגט זי פלוצעם, — ווען ס'עפנט זיך די טיר און ס'גייט ארײַן דאַניִעל...

— אָט זעסטו, — לאָזט ער דורך אירע רייד, — דעם קאָרידאָרנעם דאַרף מען שוין גאָר ווײַט ניט גיין זוכן. ער שטייט דאָ פּאַשעט הינטער דער טיר.

און ער הייסט יענעם, — דעם פאַרשוין מיטן פאַרקילטן שמייכל אפן פּאָנעם, וואָס ווערט אף א האָר ניט ניספּאָעל, פאַלט בא זיך גאַרניט אראָפּ, אז מ'כאַפּט אים הינטער דער טיר שטיין, פאַרקערט, ער גיט נאָך מיט די גנייוויש־פינטלענדיקע אייגעלעך, פּעטע און מיט לאַנגע וויִעס, און מיטן אויסדרוק פון „גאָט די נעשאָמע שולדיק", צו וויסן: ער ווארט שוין דאָ לאַנג און איז גרייט טייקעף אויספילן און צו באַזאָרגן, — באַפעלט אים אקיווע ארופטראָגן אהער קאַלט צובײַסנס און אויך צוויי הייסע געריכטן, און גיט דערבײַ צו:

— פאַר מיר, פאַרשטייט זיך, מיט פעפער... און פאַר דער דאַמע — דעסערט־ווײַן.

— סלושאַיוס![1]

אז דער פאַרשוין ווערט נעלעם, זאָגט ער:

— מ'דאַרף דאָ זײַן זייער און זייער געהיט. אָט די לײַט זײַנען די אויגן און די אויערן פון דער אָכראַנקע. אָט די לײַט דערקען איך פאַר א מײַל. זיי זײַנען טאָמיד אזעלכע שטילינקע, אזעלכע בענימעסדיקע, גרייט דיר, קלוימערשט, דינען און באַדינען. דו ווײסט קיינמאָל פון זייער מויל קיין גראַב וואָרט ניט הערן. נאָר דאָס איז די כוצפּע, די אזעס און די אומפאַרשעמטקײַט אליין. דאָס זײַנען יענע שטילע הינט, פאַר וועלכע מ'דאַרף זיך היטן און באַוואָרענען. זיי בײַסן הינטן־ארום און גראַד דעמלט, ווען מ'ריכט זיך אפילע ניט. זייער מעגלעך, אז מ'האַלט אונדז אין אויג...

— אקיווע, כ'וואָלט געקאָנט אצינד שווערן, אז דער, וואָס האָט מיך גאַנצפרי אָפּגעשטעלט באַם אָפּגעברענטן מאַרק, איז דער זעלבער, וואָס איז געווען אין דער קרעטשמע אין דער נאַכט פון דאַניִעלס טויט.

— גאַנץ מעגלעך. אלע גרויסע „קנעפּלעך" טאָפּטשען זיך דאָרטן. זיי זוכן סימאָנים צווישן דער בריכע[2] מיט דער סריפע... יענער „לאַנגער" האָט דיך געוויס גלײַך דערקענט. ער ווייסט דאָך, אז „זי" איז דײַנע א קרוויווע. דו האָסט נאָך דענסטמאָל געוואָלט גיין צו איר אין „כיידער" ארײַן.

— יאָ, נאָר מ'האָט מיך צו איר ניט צוגעלאָזט. און דו האָסט זיך מיט איר געזען?

— ניין.

---

[1] איך פאָלג אײַך (רוסיש). [2] ב ר י ח ה (העבר.) — דאָס אנטלויפן.

— כ׳מיין ניט דעמלט, כ׳מיין אין דער פארפייסעכדיקער אין דער „טויזנט און צווייטער" נאכט?

— ניין, איווע, ניט דענסטמאָל, און אויך ניט אין דער פארפייסעכדיקער...

— הייב איך שוין גאָרנישט ניט אָן צו פארשטיין.

— אָט באלד וועלן מיר נעמען צו קאפּעלעך פלוידער־וואסער, וועט אלצדינג ווערן קלאָר. פון א ביסל בראנפן ליַיטערט זיך אויס דער מויעך. דערפאר טאקע טרינקט מען דאָך אזויפיל — די וועלט זאָל פול זיַין מיט געליַיטערטן סייכל.

ער ווארט, ביז דער אריַינגעקומענער, שוין אן אנדערער, א רעסטאָראַן־קעלנער, אין א שווארצן, אין אן אויס־ און איבערגעגלאנצטן גארניטער, שטעלט דאָס געבראכטע פון דער טאַץ אפן טיש אראָפּ, צעכעזשבנט זיך מיט אים דאָ אפן אָרט, און ווי נאָר יענער גייט הינטער־וויַילעכס ארויס, אזוי גיסט אקיווע אָן די קויסעס.

— לעכאַיִם, איווע!

— לעכאַיִם, אקיווע, אָבער איך בין, א דאנק גאָט, אויך א באַיאר. געננג! נישטאָ מער קיין איווע לאנדע. פון היַינטיקן טאָג בין איך ווידער איווע באַיאר...

— די אלטע טאָכטער פונעם דריַיצנטן שיוועט?

— יאָ, אקיווע, די אלטע טאָכטער פונעם דריַיצנטן שיוועט. און גיס מיר אָן פון דיַין פלעשל מיט פעפער.

— אָט דאָס הער איך לאָשן! ווען גאוורילל דער פערצנטער דערהערט דיַינע רייד, הייסט ער זיי אויסקריצן מיט גילדענע אויסיעס אף א מירמלנעם שטיין און אוועקשטעלן לעזיקאָרן אף דוירעס. איז לאָמיר אויסטרינקען פאר איווע באַיאר!

— און פאר אקיווע באַיאר... האָ־אָ־אָ, סארא פיַיערדיקער בראנפן. הו־ר־ו... ס׳איז טאקע ניט גרינג צו זיַין א באַיאר. דו האָסט עס שוין פון לאנג געוווסט?

— פון לאנג, איווע. אבושל האָט עס מיר דערציילט באלד נאָך מיַין מאמעס טויט. טאקע באלד נאָך דער קווורע. נאָך אפן בעסאלמען... נעם, איווע, פארביַיס.

— אויך דאָ ער, מיַין פעטער אבוש? פארוואָס און צוליב וואָס טוט ער עס? ניט שאנעווען אפילע א קינד?

זי פארביַיסט ניט, גייט אָפּ פונעם טיש מיטן ליידיקן קאָס אין דער האנט און בליַיבט שטיין מיטן פּאָנעם צום פענצטער:

— יאָ, ס׳זיַינען פאראן זאכן, וואָס לייגן זיך ניט אפן סייכל.

— נו, איווע, און איצט לאָמיר אויסטרינקען א קעלישעקל פאר יעציאָס־לאנדע!

— יעציאָס־לאנדע? מיך האָט פון דאָרטן ארויסגעפירט דער אשמעדיַי. ער פארבליַיבט מיַין מוישע־ראבינו. ווען ניט ער, וואָלטן זיי בא מיר צוגענומען דאָס קינד... דיַין קישעף־וועגעלע, אקיווע, איז טאקע אינגאנצן צעבראָכן געוואָרן? און צופוס, אקיווע, וועלן מיר אהין, צו דעם שיינעם לעבן, דערגיין, וועלן מיר אהינצו אָנקומען, וועלן מיר צו דעם זויכע זיַין? וועלן מיר ניט זיַין פון די, וואָס דארפן אויסשטארבן אין מידבער? דאניִעל איז שוין געפאלן. די וועלט, פלעגט ער זאָגן, איז שיין. און דערביַי אריַינרוקן די פינגער אין דעם צעקאָשמעטן קאָפּ האָר. עד, האָט ער געפילט שיינקיַיט, ביז טרערן... די וועלט איז שיין, פלעגט ער זאָגן, נאָר מ׳האָט זי זייער שטארק פארפאסקודיעט.

— יאָ, — פארמאכט אקיווע די אויגן, ווי פון א ווייטעק, וואָס מ׳קאָן שוין מער ניט אויס־באהאלטן. — צען דוירעס וועלן דארפן ביטער הארעווען, ביז מ׳וועט אויסראמען דאָס מיסט פון דער וועלט. ניט איין דאָר וועט אָפּגיין מיט שוייס און מיט בלוט.

— און יענע, אקיווע, יענע, אין די צען דוירעס ארום, וועלן שוין זיַין גליקלעך?

— איווע, כ׳וויל רייכערן.

— רייכער, אקיווע, רייכער. אָן־אָ ליגן שוועבעלעך. נאָר זאָג מיר, אקיווע, — מאָנט זי בא אים וויַיטער, — פארוואָס מוז עס יעדער ברעקל פרייד אופגיין פון טרויער, פון יעסורים, פון אומגליק און גזיירעס? צי דען טאקע קאָן ניט אופגיין די פרייד, אז פריִער גייט ניט קיין בלוטיקער רעגן?

— אף דעם, איווע, וועל איך דיר באלד ענטפערן.

ער שטעלט זיך אוף און הייבט אָן זינגען. ס׳דאכט איר, אז אקיווע זינגט ניט מיטן מויל, נאָר מיט די הענט:

פרעגט די וועלט אן אלטע קאשע
טראלא־טראדי־רי־די־ראַם?

ענטפערט מען: רי־די־טראַדי־באָם,
אוי, אוי, רידי־טראַדי־באָם...
און אז מע וויל, איז: באָם־די־טראַדי־באָם!
בלײַבט דאָך ווידער די אַלטע קאַשע...

און דאָ, אַז ער, אַקיווע, האַלט אין זינגען און זי, איווע, גייט צו צו אים, נעמט אים אַרום: „דו ביסט מיר אַ מאַטאָנע פון גאָט אַליין“, — דאָ עפנט זיך פּלוצלינג אויף די טיר, און אַ פּאַר־פּלאַמטער, אַרום די שוואַרצאַפּלען דרייען זיך ווילד די ווײַסע רייפּעלעך, די הענט באַ די לאַצן, ווי צו אַ טאַנץ, רײַסט זיך אַרײַן איר מאַמעס ברודער, איר פּעטער אַבוש, דער זעלבער, וואָס האָט איר הײַנט אינדערפרי צוגעזאָגט און פאַרזיכערט זײַן שטיצע און אָנלען.

און הינטער אים, מיט די שטעקנס אין די הענט, נאָך פיר, פון יענע, וואָס מיט די שטרײַמלעך זילבער־האָר, פון די הייליקע פאַסטעכער, וואָס רײַסן און וואָרצלען אויס דאָס ווילדגראָז: אַנדערע זאָלן כאַס־וועכאָלילע ניט געשטרויכלט און גענעזיקט ווערן.

ער, איר פּעטער אַבוש, ציט אויס די האַנט מיט דעם לאַנגן רויטן פינגער, ווי דער שנאָבל פון אַ פאַרבלוטיקטן פויגל, שטעלט אים אָן אָף איר, און מיטן קאָל, ווי באַם אָפּזאָגן דעם מעס פון זײַן „אָרט“ און פון אַלע זײַנע „רעכט“, טוט ער אַ געשריי צו זײַנע באַגלייטער:

— אָט האָט איר זי, איר זעט, די איישעס־איש האַלדזט זיך מיטן הולטײַ!
— אײַ, אײַ, רעב נאָסן לאַנדעס שנור... עק וועלט!
— אַוווּערטאָ האָראָ מיקירבעכאָ...[1]
— ייִדן, מ׳דאַרף שרײַען בעקויל־קוילעס.
— אַוווּערטאָ... ס׳איז די צײַט פון כעווליי מאָשיִעך!
— ייִדישע גזיירעס האָבן גאָר אָף זיי קיין שליטע ניט.
— אַוווּערטאָ... אָט האָט איר זיי, די ווילקענער, די גוטווייסער.
— אָט דאָס זוכן זיי אַזוי דעם עמעס און דעם יוישער.
— איבער זייערע זינד ווערן מיר געשטראָפט...
— אַליין לויפט מען פון די טורמעס, און דעם סכאַר אוינעש לאָזט מען פאַר אונדז.
— אַמאָל וואָלט מען זיי, די מאַיאַסעניקעס, צוגעבונדן אין פּאָליש...
— אַוווּערטאָ האָראָ מיקירבעכאָ! נאַ, כצופע, נעם דעם געט!
— מיר זײַנען איידעס...

זי פאַרשטייט ניט און באַנעמט ניט, איווע, וואָס אַרום איר קומט דאָ פאָר. איז ער, איר פּעטער אַבוש, שוין גאָר פון זינען אַראָפּ? צי דען טאַקע איז זײַן סינע צו איר מישפּאָכע, צו די באָיאַרס, אַזוי גרויס, אַז ער, איר מאַמעס ברודער, זאָל זי צו אַזאַ כאַרפּע שטעלן און אומזיסט־און־אומנישט אָף איר אַזאַ רעכילעס טרײַבן? און ווען, אין איר איצטיקן מאַצעוו, דעמלט ווען זי געפינט זיך מאַמעש אין דרויסן?

אַ ביז גאָר דערשטוינטע און דערשיטערטע, ווי מ׳וואָלט זי טאַקע בעעמעס, נאָך אַ לאַנג־דויערנדיקן פאַרדאַכט, באַ דער האַנט געכאַפּט און מער וועט זי שוין ניט קאָנען דעם פאַרברעכן פאַרלייקענען און אָפּפרעגן, זי וועט שוין מוזן פון הײַנט אָן און ווײַטער איר שאַנד טראָגן אָן שום מעכילע און פאַרענטפערונג, — זעט זי, ווי פאַרן האָטעל שטייט שוין, קומט צו און זאַמלט זיך אָף איר בייזוווּנדער אַן אוילעם. מיט פאַריסענע קעפּ טײַטלט מען מיט די פינגער אָף אַרויף, אַהער, וווּ זי, די אומפאַרשעמטע און אויסגעלאַסענע, האָט מען אינמיטן העלן טאָג מיטן קלעזמער־יונג געפּאַקט.

און דאָ, אין צימער, וויכערן אַרום איר בערד... מיטן געט אין בײדע הענט, ווי מוירע האָבנדיק, מ׳זאָל אים צוריק באַ איר ניט צונעמען, קוקט זי אָף זיי, אָף די בערד, אַזוי אָנגעשטרענגט, ווי דאָס ערשטע מאָל אין לעבן וואָלט זי אַזעלכע בערד געזען. איינע אַזאַ רויטע, אַזאַ פײַערדיקע, ווי אַ פּלוצעם־אויסגעבראָכענע סרייפע, און די אַנדערע, די שוואַרצע, קנוילן זיך אַרום איר, ווי רויכן, וואָס פאַרשלאָגן דעם אָטעם און פאַרגייען ביז טרערן אין די אויגן אַרײַן.

„ווער זײַנען זיי, אָט די בערדיקע רויכן, וואָס שטעלן זיך ניט אָפּ און קאָנען אַזוי גרינג שענדן, לעסטערן און פאַרשוועכן מײַן נאָמען? און אין נאָמען פון וועמען און פון וואָס קומען זיי מיט אַזאַ כוצפּע און האָזע? און עפּשער זײַנען זיי, אָט אָ־די, שוין בעעמעס אַן אויסדאַכטעניש און אַ בייזער כאָלעם?“

איר, איווען, ווילט זיך אַפילע אָנעמען איינע פון אָט די בערד, דעריקער די רויט־פײַער־

---

[1] ובערת הרע מקרבך (העבר.) — און זאָלסט אויסראָטן דאָס שלעכטס פון דיר...

דיקע, מיט דער האַנט, און איבערצײַגן זיך, אַז ס'איז אַ יעש, אַ מאַמאַשעסדיקע זאַך פֿון אַ בען־אָדאָם. נאָר די רויט־פֿײַערדיקע באָרד הייבט מיטאַמאָל אָן פֿון איר זיך צו דערווײַטערן.

בלײַבט זי שטיין מיטן געט אין בײדע הענט און קוקט אין אַקוואַריום אַרײַן, וואָס בײַ דער וואַנט, ווי דאָרטן, צווישן די זייער גרויסע וואַסער־געוויקסן, צווישן די באַוועגלעכע פּישלעך, שטייט אײנס — די ליסקע אַ געמיש פֿון שוואַרץ מיט זילבער — אַפּן דנאָ, אין אַ ווינקל, וויגט זיך שטייענדיקערהייט און לאָזט זיך ניט אין זאַמד אַף אַ זײַט פֿאַלן. ס'פֿאַלט אָבער פֿאָרט... נאָר טייקעף, ווי צונויפֿגענומען די לעצטע קויכעס, הייבט זיך עס אויף אין דער הייך, מאַכט אַ האַסטיקן קרײַז איבער דעם גאַנצן אַקוואַריום און נעמט ווידער פֿאַלן צום דנאָ. דאָרטן, אין זעלבן ווינקל, שטייט עס אַ רעגע, וויגט זיך, און מיטאַמאָל קערט זיך עס איבער מיטן בײַכל אַרויף... איווע — מיט שרעק — לויפֿט אַפּ, ווי זי וואָלט נאָרוואָס בײַגעווען און צוגעזען איר אייגענעם סאָף.

VI

אין צימער איז קײנער ניטאָ. מאַשמאָעס, אַז אַקיווע, וואָס האָט זיי, די אַנשיקענישן, די בייזע מעשולאַכאַסן, אַרויסגעשטעלט און פֿאַרטריבן פֿונדאַנען, איז ערגעץ ווידעראַמאָל פֿון עפּעס־וואָס פֿאַרהאַלטן געוואָרן. און האַגאַם זי זעט זיך דאָ אײנע אַליין, דאָך פֿרעגט זי, ווי עמעצער וואָלט בײַ דער זײַט געשטאַנען, אַף אַ קאָל:

— זאָגט מיר, צי דען טאַקע איז ניטאָ קיין סאָף צו לײַדן? און דערצו נאָך צו אַזעלכע, וואָס האָבן שוין קיין שום זין ניט? — אין די אויגן, נאָך דער קרענק גרעסער געוואָרענע, וויכערט זיך איר נאָך אַלץ די באָרד, די רויט־פֿײַערדיקע, און אַרום יענער די שוואַרצע, וואָס קנוילן זיך, ווי רויכן... — און וווּהין קאָן איך שוין אַצינד לויפֿן, און ווו וועל איך קאָנען דורכברעכן די וואַנט פֿון עלנט און העפֿקײרעס?

אין דער ניט־צוגעמאַכטער טיר כאַפּט זיך אַרײַן אַ צוגעשטיקט געלעכטער, אַ שנײַדנדיקער גלאַנץ פֿון אַ קרוינלײַכטער אין שפּיגל און אויך יענע ציגײַנער־מוזיק, וואָס דאַרף פֿאַרשיקערן מיט אוילעמהאַזע. ס'גייט אויך פֿון ערגעץ אַרײַן אַ מין איבערלדיק־זיסלעכער רייעך, און דערצו נאָך, הינטער דער שכײנעסדיקער וואַנט, האַלט אײנער פֿון די אַנגעפּאַרענע זינגער די גאַנצע צײַט צו פּרוּוון און צו שטעלן זײַן פֿאַרלאָרן־געגאַנגענע שטימע:

В краю свя-а-том, в дале-о-ком горн-о-м царстве...[1]

דאַכט זיך, אַז עמעצער קלאַפּט אַהער? יאָ, מע קלאַפּט... אַפּן קלאַפּ אין דער קימאַט אָפּגענער טיר ענטפֿערט זי אַפֿילע ניט, איווע. זאָל דאָרט קײנער אַצינד ניט מאַכן דעם אַנשטעל און ניט שפּילן מיט איר אין איידלקײַט. אָבער אויך פֿון איר זאָל שוין מער קײנער קיין פֿאַלשע לײַטישקײַט ניט וואַרטן. זי נעמט אָפּגיך באַהאַלטן אין רוקזאַק דעם געט, וואָס איז איר אַנגעקומען אַף אַזאַ ווילדן און ביזאַיענדיקן אויפֿן. דער געט וועט דאָך פֿאָרט פֿאַרבלײַבן דער אײנציקער איידעס פֿון אירע צען אָפּגעיעסורימטע יאָר און אויך פֿון איר ניצאָכן.

נאָך ניט באַוויזן צו פֿאַרבינדן דעם רוקזאַק, און עמעצער, ניט וואַרטנדיק אַף איר דערלויבעניש, איז פֿונדעסטוועגן שוין יאָ אַרײַנגעקומען. און לויט די גיכע, געמאָסטענע הילכיקע טריט — פֿון דער טיר ביז צום טיש — דאַרף עס זײַן אַ פֿרוי.

די אַרײַנגעקומענע אָטעמט האַסטיק, ווי זי וואָלט ניט נאָר געאײַלט, נאָר אויך קוים זיך אַהער אַרײַנגעכאַפּט. אַ סוואַרע, אַז דאָס איז ווידער שיפֿרע. וואָס קאָן זי דאָ נאָך וועלן פֿון איר? האָט דאָך שוין אָבוש איר שליכעס אויסגעפֿילט.

פֿאַרבינדט זי, איווע, דעם רוקזאַק, וואַרפֿט אַ בליק אַף דער אַרײַנגעקומענער: ניין, ס'איז ניט שיפֿרע. יענע איז אַ סאַך העכער, ברייטער, ווי זאָגט די מומע ליבע, — אַ ווײַבספּאַרשוין, און יענע איז געווען אָנגעטאָן אין איר ברוין־פּליושענעם, מיט פּוטער באַשלאָגענעם מאַנטאָ, און די, וואָס זיצט שוין באַם טיש, ניט געבעטענערהייט, איז, דאַכט זיך, אַ מיטלוווּקסיקע, קיין פּאָנעם זעט מען ניט אַרויס — דער קאָפּ איז איר פֿאַרוויקלט אין אַ פּוכקער ווײַסער שאַל.

— כײרוס?

יענע טוט זיך ניט קיין ריר.

אָבער איווע איז אַף אַזויפֿיל זיכער, אַז דאָס איז דאַניעלס שוועסטער, וואָס זי האָט שוין ניט געזען אַריבער אַכט יאָר, יענע, מיט וועלכער זי האָט זיך געוואָלט טרעפֿן שוין דעמלט,

[1] אין קאַנט דעם הייליקן, אין דעם ווײַטן באַרגיקן קיניגרײַך... (רוסיש).

ווי נאָר פון דאַניִעלס לעוויַע זיך אומגעקערט, נאָר מ'האָט זי דעמלט צו איר, צו כיירוסן, ניט צוגעלאָזט.

איווע צווייפלט אפילו ניט, אז באַם טיש זיצט כיירוס. דאָס האָט אקיווע אומיסטן גענומען דאָ פאַר איר, פאַר איווען, דאָס צימערל, קעדיי דערנאָך ברענגען אהער די אנטלאָפענע... ווייל גראָד דאָ, אין דעם האָטעל, אינמיטן דער שטאָט, בישכיינעס מיט דער זשאַנדאַרמעריע און פּאָליציי, גראָד דאָ, אנטקעגן דעם גענעראַל־גובערנאַטאָרס אופנעם־קאַבינעט, איז דאָס בעסטע און דאָס זיכערסטע אָרט פאַר דער, וואָס ווערט אזוי געזוכט און גענישטערט.

זי איז אַף אזויפיל זיכער אין דעם, אז זי לאָזט זיך גיין פארשליסן די טיר און שוין מער קיינעם אהערצו, אפילו מיט קויעך און גוואַלד, ניט אריינלאָזן. נאָר יענע שטעלט זי אָפּ:

— גייט ניט אוועק! צו אייַך האָב איך גאַרניט...

דערזעט שוין איווע גלייַך איר טאָעס און בלייַבט שטיין:

— ווער זייַט איר?

— יעלענא עפראָס...

— יע־לע־נא עפראָס? און וואָס קאָנט איר צו מיר האָבן?

— כ'האָב שוין געזאָגט, צו אייַך האָב איך גאַרניט!

— וואָס זשע האָט אייַך געבראַכט צו מיר, און וואָס ווילט איר פון מיר?

— לאָזט מיך איבערכאַפּן דעם אָטעם...

— גוט, — איווע זעצט זיך צו, אנטקעגן, באַם טיש. — גוט, איך האָב אַף דעם צייַט.

יענע רוקט אראָפּ די שאַל פון קאָפּ:

— איר דערקענט מיך?

— פארשטייט זיך, איך האָב אייַך פון יענעם אָוונט זייער גוט פארגעדענקט, — און איווע טוט צו איר, ווי צו אן אלטער באַקאַנטער, א שמייכל. — אייַך איז אומעגלעך ניט צו דערקענען.

יאָ, ס'איז בעפייערעש דעם פּראָפעסאָרס שיינע בלאָנדע טאָכטער, די פּיאַניסטן, די, צוליב וועלכער דעם דאָקטערס מוטער האָט זי, איווען, אפילו ניט געבעטן זיך זעצן. דאָס איז יענע יעלענא עפראָס, וואָס האָט אמאָל געשעמט פאַר א ווונדערקינד און פון וועלכער מ'האָט דער־וואַרט, אז זי וועט איבעראַשן און איינעמען די וועלט. יאָ, ס'איז די זעלבע יעלענא עפראָס, וואָס פלעגט אלע האַלב יאָר אָפּשיקן אירע כאַסאַנים די טנאָים.

האָט זי, יעלענא עפראָס, געהאַלטן אזוי לאַנג אין קלייַבן און איבערקלייַבן, ביז זי האָט אָנגעטאָן א שוואַרץ קלייד, ווי א טרויער נאָך איר אָפּגעשטאָרבענער יוגנט און נאָך אלע אירע האָפענונגען, אראָפּגעלאָזט די אויגן און אָנגעהויבן רייכערן. דאָס האָט געזאָלט באַטייַטן: איר לעבן גייט אוועק מיטן רויך.

אויף דעם קלאַוויר האָט זי קימאַט פארוואָרפן. שוין זעלטן ווען פאַר עמעצן געשפּילט. שוין גאָר אמאָל פאַר זיך אליין, און דאָס אויך אין די ביין־האַשמאָשעסן, ווען ס'איז ניט טאָג און ניט נאַכט געווען.

זי, יעלענא עפראָס, האָט זיך שוין אפילו זעלטן ווען פאַר עמעצן א פרעמדן מיט אופגעהויבענע ווייעס באַוויזן. מ'האָט זי אָפּט געזען אין די אָפּדערנאַכטן, דעריקער אין די האַרבסטיקע, איינע אליין אונטער די רעגנס איבער די ליידיקע גאַסן מיט פארהאַלטענע טריט זיך באַטל אַרומדרייען.

האָבן דאָ איינינקע דערזען אין איר האַלטן און פירן זיך דעם מוירעד קעגן איר ענגער און אויך קעגן דער גאַנצער סוויווע און ווירקלעכקייַט. און נאָך מער: זי, יעלענא עפראָס, האָט שוין אפילו דערפילט די פארמישפּעטקייַט פון אָט דעם אַרום און זוכט שוין פאַר זיך, פאַר איר יעכידיש־מענטשלעכן גוירל, א טיקן.

און וויבאַלד אזוי, האָבן זיך שוין טייקעף געפונען אויך די, וואָס א וואָרט איז באַ זיי גאָר א מאַמזער — טאָמיד גרייט פון דעם זיך אָפּזאָגן און זיך אָפּטרייסלען, גרייט, ווי נאָר ס'ווערט פינצטער, דאָס וואָרט זייערס אונטער א פרעמדער טיר אונטערצוּוואַרפן: אָט די לייַט זייַנען אוועק נאָך ווייַטער און נאָך העכער: אין איר, יעלענעס, שווייַגן דאַרף מען שוין זוכן דעם הע־וועל־האַוואָל'ים פון דער וועלט און דעם אייביקן צאַר־און־טרויער אין דעם מענטשן...

קאָן זיך איווע ניט מעשאַער זייַן, פארשטעלן און טרעפן, וואָס האָט זי, דעם פּראָפעסאָרס טאָכטער, די אָפּגעשיידטע פון דער וועלט, די, וואָס האָט איר דעמלט אין אָוונט, צוריק מיט דרייַ יאָר, פּלוצעם פאַרטרויט:

— טאָמיד קלינגט מיר אין אן אויער. קיינמאָל קאָן איך אָבער ניט טרעפן, אין וועלכן אויער ס'קלינגט מיר. נאָר דער קלונג איז אזא צאַרטער, ווי דער ערשטער געלעכטער פון א ברעקל קינד.

און דערנאָך שוין, נאָך א היפּשן שווײַגן, ווי זיך צוהערנדיק צו איר קלונג אין אויער, צוגעגעבן:

— ווען אָט דער קלונג שטעלט זיך אָפּ, ווען ער ווערט מיר פון אויער פאַרפאַלן, וואָלט מיר שוין מער גאָרנישט ניט פאַרבליבן אויף דער וועלט.

איווע קאָן בעשום־אויפן ניט פאַרשטיין, וואָס האָט זי, יעלענען, אינמיטן העלן טאָג, בײַ אַזאַ אָנגעלאָף ארום דעם האָטעל, געבראַכט און פאַרטראָגן אהער.

און פאַרוואָס און צוליב וואָס איז זי אהער א פֿאַרשטעלטע געקומען? דער פראָסטער הויזלעך אירער און אפילו די שאַל איבערן קאָפּ קאָן דאָך זי ניט אויסבאַהאַלטן און פאַרבאַרגן פון די, וואָס ווילן און דאַרפן זי יאָ דערקענען.

קיין קלאָר וואָרט קאָן זיך אָבער איווע פון איר ניט דערשלאָגן. זי רעדט, יעלענא עפּראָס, מיט אייניציקע ווערטער, און דאָס אויך מיט וויַיטע, און מיט אַזאַ מינע, ווי מע וואָלט זי מיט גוואַלד אהערצו פאַרשלעפּט און מע וויל נאָך דערצו פון איר, אַז זי זאָל די נעשאָמע דאָ פאַר יענעם אָפּדעקן.

און דאָך, שוין מער מיטן כוש, ווי פון אירע רייד, כאַפּט זי אויף, אַז יעלענא עפּראָס איז איר, איווען, אין עפּעס מעקאַנע. זי קאָן ניט אויסבאַהאַלטן און פאַרשטעלן אָט די קינע. פרעגט זי איווע מיט פאַרוווּנדערונג:

— אויף וואָס קאָנט איר מיר מעקאַנע זײַן?

נאָר אַלס ענטפער לויפט בײַ יענער דורך איבער די איבערגעצײַטיקט־רויטע ליפּן א ניט פאַרגינערישער שמייכל, און זי פאַרקוקט זיך, אריבער איוועס קאָפּ, אויפן בילד, וואָס הענגט אויף דער וואַנט: א ליטאָגראַפיע פון לעאָנאַרדאָ דא ווינטשיס „מאַדאָנאַ ליטאַ“. דעריקער קוקט זי, יעלענא, אויף דעם נאַקעטן פוכקן געקרײַזלטן קינד, וואָס ליגט בײַ דער מאַדאָנע אויף די הענט און זויגט מיט דאָרשט פון דער פולער ברוסט.

און ווי מיט דרײַ יאָר צוריק, אין יענעם ווינטערדיקן אָפּדערנאַכט, ווען זי, איווע, איז אויך אהין, צו די עפּראָסעס, פאַרשלעפּט געוואָרן, און דאָרט זיך מיטן פּראָפעסאָרס טאָכטער באַקאַנט און געפונען אַזאַ כיין אין יענערס אויגן, אַז יעלענא האָט איר אפילו פאַרטרויט וועגן דעם קלונג אין אויער... דעמלט האָט איווע, בײַ דער ערשטער באַגעגעניש, אין יעלענעס אויגן — בלוי־גרינע, זייער געדיכטע, קימאַט שוואַרצע, וואָס לאָזן זיך אין דער נעשאָמע ניט אריינקוקן, — טייקעף באַמערקט, אַז דאָס שוואַרצע קלייד, אַז מיט די ווײַעס פאַרהאַנגענע אויגן, אַז דאָס שווײַגן אירס איז ניט קיין שפּיל און אָנשטעל. זי, יעלענא עפּראָס, לײַדט בעעמעס און איז בעפּייִרעש פון עפּעס אומגליקלעך.

אגעוו, זײַנען אויך אין איר אַלטן פאָטערס, אין דעם פּראָפעסאָרס, אויגן, אויך בלוי־גרינע, אָפּטמאָל אויך ביז שוואַרצקײַט, האַגאַם יענער, דער הויכער, דער פול־ און שווער־לײַביקער, אין די ווײַסע האַרטע מאַנקעטן, אינעם האַרטן קראַגן מיטן ווײַסן שניפּס, טאָמיד אָן אויסגעגלײַכטער, קימאַט אויסגעצויגן, יענער איז צווישן מענטשן באַוועגלעך־רירעוודיק, שטאַרק באַריידעוודיק און לאַכט שוין צו אָפּט... — אויך אין זײַנע, אין דעם פּראָפעסאָרס, אויגן האָט איווע, דעמלט אין יענעם אָפּדערנאַכט, דערזען עפּעס א ניט געשטילטן ווייטעק.

דעם דאָזיקן ניט געשטילטן ווייטעק האָט זי אָפּט געטראָפן אין דעם פּראָפעסאָרס אויגן אויך אין יענע פאַרנאַכטן, ווען ער פלעגט, בייס איר קרענק, אַרײַנקומען מיטן הילכיקן:

— גוטען אבענד! וויר הײַסען זי הערצליך ווילקאָמען...

אָבער יענעמס, דעם פּראָפעסאָרס, טרויער איז נאָך געווען צו דערקלערן: שוין די עלטער גופע, די קאַרגע זיבעציק יאָר זײַנען שוין, מיסטאָמע, גאָר א קליינע פרייד. נאָר זי, די טאָכטער? פונוואַנען קומט צו איר, צו דער שיינער בלאָנדער יעלענא עפּראָס, אַזאַ שטומער ווייטעק אין די בלוי־גרינע אויגן?

ערשט שוין פאַרן אוועקגיין, אַז איווע איז אין יענעם אָוונט צו יעלענען אין צימער אַרײַן זיך געזעגענען, ערשט דאָרטן, וווּ דאָס שמאָלע מיידלשע בעטל, די צוויי טישעלעך, דער אבאַזשור אפילו, אַלץ איז דאָרט באַשטעלט און באַהאַנגען מיט קינדערשע שפּילכלעך, פאַרשיידענע פּליושענע בערן און מאַלפּעס פון אַלערליי גרייסן, ערשט דעמלט, דערזעענדיק אָט די שפּילכלעך, האָט זי אָנגעהויבן צו באַנעמען יעלענעס טרויער.

און ווי דעמלט, אין יענעם אָוונט, אַזוי אויך איצט באַמערקט זי, איווע, אין יענערס קוק אויף דער מאַדאָנע מיטן זויגנדיקן קינד — אויף דער אייביק־ציטערדיקער ערדישער פרייד — דעם שטומען ווייטעק אין די אויגן.

און וואָס מער יענע פאַרהאַלט איר בליק אויף דער מאַדאָנע מיטן קינד, אַלץ מער ווערן זיי, יעלענעס אויגן, וואַרעמער, היימישער, פּאַשעטער, די בלויקײַט אין זיי גרעסערט און מערט זיך,

זיי ווערן דורכזיכטיקער און לויטערער, און מ׳דערזעט שוין אין זיי בוילעט יענע גרויסע ווײַבלעכע בענקעניש נאָך מוטערשאַפט...

ווערט איווע דורכגענומען מיט מיטגעפיל, מיט ראַכמאָנעס אַפילע, צו דער שיינער פאַרזעסענער מויד: זי, יעלענאַ עפראַס, איז דאָך געוואַקסן אַ יעסוימע, בא דער וואַרעמקײַט פון אַ שטיפמוטער, וואָס אַלצדינג און יעדער שפּאַן איז לויט קלאָלים און טאַקאָנעס געווען. און ער, דער פאָטער, דער פּראָפעסאָר, האָט קעסיידער געהאַלטן אין איין לערנען צו סאָפּעקן אין אַלץ און צו צווייפלען אין אַלעמען... דערצו נאָך האָט זי, יעלענאַ עפראַס, ווי מ׳האָט דערוואַרט, די וועלט ניט איבעראַשט, ניט אײַנגענומען, און איז באַם נאָמען „ווונדערקינד" געבליבן.

— וואָס האָט אײַך אַהער געבראַכט? — פרעגט זי איווע מיט האַרץ. — און גראָד איצט, ווען איך בין אַליין... — און זי באַווײַזט איר מיט די אויגן אַפן דרויסן, ווו פאַרן האָטעל, אַפן טראָטואַר, שטייט מען נאָך אַלץ מיט פאַריסענע קעפּ און מיט טײַטלענדיקע פינגער אַהער, צום פענצטער, ווו ס׳געפינט זיך זי, איווע, די מאַרשאַס, די איישעס-אישניצע. — נאָר אויב איך וועל קאָנען עפּעס טאָן פאַר אײַך און אויב ס׳איז נאָר פאַר מײַנע קויכעס...

— איך, דאַנקען גאָט, נייטיק זיך ניט אין קיינעמס הילף.

— איר זײַט דאָך אָבער ניט געקומען שפּילן מיט מיר אין שוויַיגעניש?

— איך בין געקומען אײַך פּאַשעט וואַרענען...

— מיך וואַרענען, פון וואָס?

אף יעלענאַ עפראַסעס פּאָנעם — אַ מאַט־לענגלעכס, און שוין אויך מיט יענער איבערגעצײַטיקטער שיינקײַט, וואָס אַט־אַט פאַלט אָפּ דער צוויט, — לויפט דורך נאָך אַ שמייכל, דאָס מאָל שוין אַ פולער מיט ביטל. און ווי איינע, וואָס קאָן מער ניט איבערטראָגן קיין צוויַעס, נעמט זי פון אַרבל אַרויס און דערלאַנגט איווען אַ געדיכט פאַרשריבענעם בויגן פּאַפּיר:

— און וואָס וועט איר שוין אַצינד קאָנען זאָגן?

שוין גאָר נישטוימעם און אַפילע שוין דערשראָקן אויך, נעמט איווע דעם פּאַפּיר, וואָס איז בעעמעס צו געדיכט, אָבער מיט אַ ווונדערלעכן קסאַוויאַד — יעדער אָס געמאָלט און געצוקט — געשריבן געוואָרן, מיט יִיראַס־האַקאָוועד און מיט פּאַרכטיקײַט, ווי די לעצטע באַקאָשע פון אַ פּאַרמישפּעטן צום קיניג אַליין, אַז יענער זאָל זיך הערבאַרעמען און דאָס לעבן שענקען, נעמט זי, איווע, אָט דעם פּאַפּיר, הייבט אים אָן צו לייענען און בלײַבט גאָר געפּלעפט: שוין פון די ערשטע שורעס זעט מען אַרויס, אַז עמעצער דערקלערט זיך איר, יעלענען, אין אייביקער ליבע און בעט בא איר די האַנט.

— צו וואָס, — פרעגט איווע שוין גאָר פאַרלוירן, — דאַרף איך לייענען אײַערע בריוו?

— אויב כ׳האָב אײַך געגעבן לייענען, דאַרפט איר עס, מיסטאַמע...

— צוליב וואָס? צו וואָס דאַרף איך וויסן אײַערע סוידעס?

— דעם בריוו האָב איך באַקומען הײַנט אינדערפרי...

— וואָס איז מיר דער אונטערשייד, — הייבט אונטער איווע די אַקסל, — ווען איר האָט באַקומען דעם בריוו?

— אַ שטיקל אונטערשייד דאַרף עס פאָרט פאַר אײַך זײַן!

— כ׳פאַרשטיי דאָ גאָרנישט ניט. דער בריוו איז דאָך ניט צו מיר, נאָר צו אײַך!

— יאָ, צו מיר. אָבער דער בריוו האָט עפּעס אויך אײַך צו זאָגן.

— מיר? וואָס פאַר אַ שײַכעס קאָנען האָבן אײַערע, נו...

— מײַנע ליבע־אייניאָנים, ווילט איר זאָגן?

— דער בריוו איז דאָך, דאַכט זיך, אַ ליבע־בריוו...

— דאַכט זיך... הערט אויף, — נעמט מיטאַמאָל די אַרײַנגעקומענע צו ריידן קלאָרע רייד. — וואַרפט אַוועק די אַנשטעלן. די שפּיל איז אײַך ניט צום פּאָנעם!

זי, יעלענאַ עפראַס, שטעלט זיך אויף און רוקט אַרויף צוריק די שאַל אַפן קאָפּ:

— איר האָט דאָך נעכטן געוויס אויך באַקומען אַזאַ מין בריוו. מיט די זעלביקע ווערטער, מיט די זעלביקע שורעס... און באַנאַכט האָט איר פאַרלאָזט אײַער שטוב, אײַער מאַן...

ערשט דאָ, בא די ווערטער, באַנעמט זי שוין, איווע, אין וואָס דאָ גייט:

— און איך בין מיט אים אַנטלאָפן געוואָרן אין האָטעל, און די גאַנצע שטאָט קאָכט ניט אומזיסט. מ׳איז, הייסט עס, ניט אומזיסט זיך צונויפגעלאָפן אף מײַן בייזוווּנדער, ס׳איז דאָ, אף וועמען אויסגיסן די ביטערע הערצער. און די פּרומאַקעס, וואָס מיינען, אַז דער קויעך פון פאָלק ליגט אין די געקרײַזלטע פייעס און אין די לאַנגע זשופּיצעס, יענע זײַנען געקומען צו לויפן אַהער אויסריידניקן און פאַרטיליקן דאָס בייז... און אויך איר זײַט געקומען מיך וואַרענען, אַז ער איז אַ פאַרפירער, אַן אַפּנאַרער, אַז איך זאָל זיך אָפּשטעלן...

און דאָ, האַגאַם זי ווייסט שוין אַף גװויס, איווע, וואָס דעם פּראָפעסאָרס טאָכטער האָט אָהער געבראַכט, וואָס ס'האָט יענער, דער אַנגעטאָנענער אין די שוואַרצע מאַלבושים, מיט אַזאַ פאַרביטערטקייט און סאַמיקער סינע, אַ פאַרשטעלטע, אין דער נאָך ניט געשטילטער זאַווייע, צו איר, צו איוועז, געטריבן, דאָך טוט זי, צוליב זיכערקייט, אַ קוק אַף דער צווייטער זײַט בויגן, אַהין, ווו דער בריוו ענדיקט זיך, און ווו די כסימע געפינט זיך: „דאָס האָט אַקיווע, הייסט עס, צו איר, צו יעלענאַ עפּראָס, ביז האַלבער נאַכט, בייס דער סרייפע, אָט דעם לאַנגן בריוו געשריבן, אָט פאַרוואָס ער איז ניט געקומען מיר העלפן פון די לאַנדעס אַרויסגייען. אָט ווו ס'ליגט דער סאָד פון דער „פאַרפייסעכדיקער", פון דער „טויזנט און צווייטער נאַכט"?

דערזעענדיק די קלאָרע כסימע, ווערט איר יעלענאַ עפּראָס, וואָס איז איר נאָרוואָס פרעמד און ווײַט געווען, אַרויסגערופן עפּעס אַ מין צאַר־באַלעכייִים, אָט יענע יעלענאַ עפּראָס ווערט איר, איוועז, מיטאַמאָל אייגן, נאָענט, פול מיט מײַלעס און מיט אַלע זיבן כיינען. איווע לייגט אַרוף ביידע הענט אַפן האַרצן, ווי דערמיט אַ שוווע געגעבן.

— ניין, — זאָגט זי, — ניין, אַקיווע איז ניט קיין פאַרפירער און ניט קיין אָפּנאַרער.

— איר ווילט זיך עס אײַנריידן?

— ניין, איך ווייס עס אַף זיכער. אַקיווע איז זייער אַ ריינער, זייער אַ ליכטיקער מענטש.

— מיט ליכטיקע ליגנס...

— האָט איר זײַנע אויגן ניט געזען. בא אים זײַנען דאָך זייער ערלעכע אויגן. זײַנע אויגן קאָנען דאָך ניט זאָגן קיין ליגן.

— פאַר אײַך עפּשער יאָ, — זאָגט יענע פאַרקלערט און מיט אָפענער קינע, — אָבער פאַר מיר...

— און פאַר אײַך אויך! זײַן בריוו צו אײַך איז ניט קיין פאַלשער.

און איווע גייט צו, קוקט איר אַרײַן אין די געדיכטע בלוי־גרינע אויגן, וואָס זײַנען פול מיט אומצוטרוי, און הייבט אָן אַראָפּנעמען פון איר קאָפּ די שאַל, ווי יענע וואָלט ניט געשטאַנען בא דער טיר צום אוועקגיין, נאָר פאַרקערט, ערשט אַרײַנגעקומען, און זי, איווע, העלפט איר, ווי אַ ביז גאָר אָנגעלייגטן גאַסט, זיך אויסטאָן:

— דאָס, וואָס איר זײַט געקומען צו מיר, דאָס איז פּאָשעט וווּנדערלעך!

— איך זע דאָ ניט פאַר אײַך קיין שום פרייד...

— דאָס איז פאַר מיר אַ פרייד. דאָס, וואָס ס'האָט אײַך גאָרנישט ניט אָפּגעשטעלט און איר זײַט געקומען, דאָס איז פאַר מיר דער בעסטער סימען, אַז איר...

— איך וועל אײַך בעטן, קוקט מיר ניט אַזוי אין די אויגן. דאָס ווערט דאָך סאָפּקאָלסאָף שווער.

— איך קאָן אײַך איצט ניט דערקלערן אַ סאַך, אַ סאַך זאַכן.

— איר ווילט ניט. דאָס וואָלט געווען פאַר אײַך...

— ניין! אַקיווע איז מײַנער אַן אַלטער פרײַנט... איך קען אים שוין אַ סאַך יאָרן.

— אָט דאָס איז שוין פאַר מיר אַ נײַס... הייסט עס?

— ניין! אַקיווע איז געווען דער איינציקער כאַווער פון מײַנעם אַ ביז גאָר נאָענטן מענטשן.

— דערפאַר זײַט איר הײַנטיקע נאַכט געלאָפן מיט אים אין האָטעל אַרײַן?

און זי, יעלענאַ עפּראָס, רוקט אַרוף צוריק די שאַל אַפן שיינעם בלאָנדן קאָפּ האָר, גייט אַרויס און פאַרמאַכט אַפילע ניט נאָך זיך די טיר.

VII

פאַרבליבן ווידער איינע אַליין, — אין דער ניט צוגעמאַכטער טיר כאַפּט זיך נאָך אַלץ אַרײַן יענער צוגעשטיקטער געלעכטער מיטן זיסלעך־איבלדיקן רייעך, יענע ציגײַנער־מוזיק, וואָס דאַרף פאַרשיקערן מיט אוילעמהאַזע, יענער שנײַדנדיקער גלאַנץ פונעם קרוינלײַכטער אין שפּיגל, און דעריקער, הינטער דער שכיינעסדיקער וואַנט הערט מען נאָך אַלץ ניט אויף צו פּרוּוון און צו שטעלן דאָס פאַרלוירן־געגאַנגענע קאָל, — דערפילט זי ערשט, איווע, דעם מאַצעוו און די אומשטענדן, אין וועלכע זי געפינט זיך און אין וועלכע זי איז אוועקגעשטעלט געוואָרן: יעדער איינער קאָן דאָך בעקיוון, ווי איר פּעטער אַבוש, אָדער אַפילע אומגערן, ווי יעלענאַ עפּראָס, אַרײַנגיין אַהערצו — דער וועג איז דאָ פאַר אַלעמען אָפן — און זי, איווען, אַוועקמאַכן מיט דער האַנט און צו שאַנד און צו שפּאָט זי שטעלן... — און דאָ, מאַמעש איין־און־איינציקע רעגע וואַקלט און קווענקלט זי זיך, נאָר דער באַיאַרישער גרימצאָרן, וואָס קאָן ניט מויכל זײַן אַן אומזיסטע אַוולע, און אויך דער פּלוצעם אָנגעקומענער געדאַנק, דעריקער טאָקע

אַט דער פּלוצעם אָנגעקומענער געדאַנק, טוט זי פון אָרט אַ ריס, — כאַפּט זי אָפּ זיך אַרוף דעם פּיטש־נאַסן מאַנטל — אין די פאַלדן ליגט נאָך צונויפגעשלאָגן־פאַרהאַרטעוועטער שניי — און לאָזט זיך פונעם האָטעל, פאַרבײַ דעם רעדל מענטשן, וואָס איז אָפּ איר בייזוווּנדער זיך אַהער צונויפגעלאָפן.

טרעפט זי אים, דעם פעטער אבושן, טאַקע דאָרטן, בײַ דעם אַליין־צונויפגעקלאַפּטן, ניט געהובלעוועטן טיש, אָנגעבויגן איבער יענעם אָנגעשוואָלענעם סייפער־האַזיקאָרן, איבער דעם פּינקעס זײַנעם, אינעם פוטערל שטיין, ווי אַרײַנגעכאַפּט זיך אין שטוב אַרײַן אָפּ אַ ווײַלע, קעדייַ צו געפינען פאַר זיך אָפּ הײַנט נאָך אַ קאָרבן.

ווי גאַנצפרײַ, אַזוי אויך איצט, שטייט ער צווישן די צוויי פענצטער, און האַגאַם דורך די אַכט פּירעקעכדיקע טאַפּליעלעך פאַלט אָפּ אים נאָך אַ שטאַרקערע טאָג־ליכט, פונדעסטוועגן קאָן זי ניט אופכאַפּן זײַן פּאָנעם. די מאַרע בײַט זיך אים אַלעמאָל... דאָס נעמט בײַ איר גאָר אָפּ דאָס לאָשן.

און ער, אבוש, דער קאַברען, ניט אופהייבנדיק דעם קאָפּ, מישנדיק מיט די צוויי פינגער די בלעטער, זאָגט:

— זיץ, איוועַ. דו האָסט עפּעס געוואָלט?

זײַן רויקייט, די גוטמוטיקייט, דעריקער די געטרײַשאַפט, מיט וועלכער דאָס וואָרט גע־זאָגט און געפרעגט, פירט זי פון איר גליווער־צושטאַנד אַרויס:

— איך בין געקומען...

— דאָס זע איך.

— איך וויל און איך דאַרף וויסן...

— פאַרוואָס איך האָב דיך מעוויײַעש געווען?

— וויאַזוי האָט איר, מײַן מאַמעס ברודער, געקאָנט אויסטראַכטן אָפּ מיר אַזוינס? איר ווייסט דאָך, ווער און וואָס אקיווע איז מיר... פונוואַנען, זאָגט מיר, גייט צו אײַך אַזאַ פינצטערע סינע אָפּ מײַן מישפּאָכע?

— איך טראָג אָפּ דײַן מישפּאָכע סינע? איך האָב דען דיך, כאַלילע, פײַנט?

— האָט איר דאָס מיר אָפּגעטאָן לעשעם ליבשאַפט?.. און דאָס בוישעס־פּאָנעם, וואָס איר האָט פאַרשאַפט יִיצכאָקן אין בעסמעדרעש, איז אויך לעשעם ליבשאַפט? פאַר יִיצכאָקן איז דאָך דאָס געווען...

— איך ווייס, איך ווייס, וואָס דאָס הייסט פאַרן קרעטשמאַר.

און ערשט אַצינד הייבט אויף אבוש דעם קאָפּ פון יענעם אָנגעשוואָלענעם סייפער, גלײַכט אויס דעם רוקן, און איוועַ דערפילט אָפּ זיך דעם בלינצל פון זײַנע קײַלעכדיקע אויגן:

— אַזעלכע, ווי דעם קרעטשמאַר, דאַרף מען אָבער אויסראַמען און אויסראָטן. ער פאַר־האַלט די גאולע!

— וועלכע גאולע? וועגן וואָס רעדט איר?

— און אויך זי, די באַאַריכע, — בלינצלען נאָך שטאַרקער די ווײַסע רייפעלעך אַרום זײַנע שוואַרצאַפּלען, — זי, די מומע ליבע אײַערע, איז אויך ווילדפּלייש אינעם פאָלק יִיסראָעל.

— די מומע ליבע? די האַרציקע מומע ליבע איז ווילדפּלייש? וועגן וואָס רעדט איר?..

און דאָ דערהערט איוועַ אַזעלכס, אַז הענט און פיס נעמען איר ציטערן.

— הער מיך אויס און שלאָג מיך ניט איבער. מאַשיעך קאָן אַנדערש ניט קומען, סײַדן דער דאָר זאָל זײַן קולוי־זאַקײַ אָדער קולוי־כײַעוו. דאָס הייסט, אַז דער גאַנצער דאָר,' פון גרויס ביז קליין, אַלט און יונג, אַלע דאַרפן זײַן צאַדיקים אָדער רעשאָיִם. אַז אַלע זאָלן זײַן קולוי־זאַקײַ, דאָס, פאַרשטייסטו דאָך גוט, איז אומעגלעך. אַזעלכס קאָן דאָך ניט זײַן. דאָס ווייסטו דאָך אַליין, אַז אַזעלכס וועט קיינמאָל ניט געשען! דאַרף מען מאַכן דעם גאַנצן דאָר קולוי־כײַעוו... דאָס לאָזט זיך גרינג צו מאַכן.

— ס'אַ ליגן, — רעדט איוועַ קוים אַרויס. — ס'אַ ליגן!.. מאַכן אַלעמען פאַר אויסוווּרפן איז אומעגלעך. ס'איז נאָך טויזנט מאָל שווערער, ווי מאַכן אַלעמען פאַר צאַדיקים.

— טיפּשעס. ס'איז אײַנרעדעניש... יעדער מענטש איז פול מיט יעיִצערהאָרע, מיט טײַווע, מיט קינעַ, מיט סינע... אין יעדער מענטשן זיצט דער סאָטן. נאָר יעדער איינער פאַרשטעלט עס, פאַרגראָבט עס, דעקט עס צו מיט גוטע ריידעלעך, מיט נעדאָוועלעך, מיט ראַכמאָנעס־פּאָ־נעם, מיט אַ קאַפּיטל טילים... און מיט דער פאַלשקייט און צוויִעס איז מען מעאַקעוו די גאולע, פאַרהאַלט מען די אויסלייזונג... דאַרף מען כאָרעוו מאַכן, פאַרניכטן און אויסוואָרצלען דאָס ביסעלע כאַרפּע, וואָס פלאָנטערט זיך נאָך אַרום איבער דער וועלט, מ'דאַרף אופבינדן און אַרויסלאָזן פונעם מענטשן דעם סאָטן אָפּ דער פרײַ...

— און דערנאָכמאָל? — פרעגט איוועַ דערשטוינט.

— און דענסטמאָל, ייִדענע, דענסטמאָל וועט דער דאָר ווערן קולוי־כּיַיעוו. דענסטמאָל וועט קומען מאָשיִעך! מ׳דאַרף צוליב דעם פאַרדאַרבן גרויס און קליין! מ׳דאַרף אָפּן, אָן שום כאַרפּע, מאַכן פון טרייף קאָשער און פון וויַיס שוואַרץ... מ׳דאַרף פאַרגריַיזן סייפּערטוירעס, פעלשן און פאַרשוועכן אַלע הייליקייַטן! דו הערסט? גאָרנישט טאָר ניט אָפּשטעלן!

— דאָס איז דאָך שיגאָען! — שריַיט אויס איווע.

— ניין, ייִדענע, ניין, דאָס איז דער ריינסטער און דער העכסטער סייכל. די וועלט גייט צו קינד מיט מאָשיִעכן. דאָס האָבן גייט צו זייער שווער. דאָס געבערן גייט מיט שטאַרקע און גרויסע ווייען. טאָר מען דאָ ניט שטיין מיט פאַרלייגטע הענט. יעדער איינער דאַרף דאָ צו־העלפן! מ׳דאַרף שפּרייטן קינע און סינע, רעכילעס און מאַכלויקעס. מ׳דאַרף זיך ניט אָפּשטעלן פאַר קיין שום שעקער. וואָס דער שעקער איז גרעסער, אַלץ איז בעסער...

— דערפאַר האָט איר געכטן ייִצכאָקן, און היַינט מיך?..

— דערפאַר, ייִדענע, דערפאַר... מ׳דאַרף צעברעכן די אַלטע לוכעס און מאַכן אַן אייגעל־האַזאַהאָוו! אָרן האַקויהען האָט עס נאָך באַ מאַטן־טוירע פאַרשטאַנען... ער האָט שוין דאַמאָלסט געוווּסט, אַז זיַין ברודער מוישע פאַרלאַנגט און פאָדערט צופּיל, אַז מוישע לייגט אַרויף צו אַ גרויסע מאַסע אָפּן קליינעם מענטשעלע... דאָס קליינע מענטשעלע דאַרף ניט האָבן קיין גאָט ערגעץ אין הימלען, נאָר אַ גאָלדענעם קאַלב דאָ אָף דער ערד... אויך שפּעטער מיט דוירעס האָט מען דאָס אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. בימיי שאַבסי־צווי... מ׳האָט שוין אַפילע אָנגעהויבן צו טאָן, נאָר דענסטמאָל האָט מען זיך באַלד אַליין פאַר דעם דערשראָקן. מ׳האָט ניט אויסגעהאַלטן, מ׳האָט זיך דערשראָקן און זיך אָפּגעשטעלט... און מ׳האָט דערמיט מעאַקעוו געווען די געולע!

— און אַצינדערט ווילט איר?

— יאָ, איך... וויַיל ס׳איז אָף דעם שוין געקומען די עכטע ציַיט. אַצינדערט איז געקומען די ציַיט, אַז מיר זאָלן דאָס דערפירן ביזקל דעם סאָף.

— מיר? דאָס מיינט איר מיך אויך?

— אַוואַדע. צי ווילסטו דאָס יאָ, צי ווילסטו דאָס ניט, נאָר דו העלפסט דאָך סיַיוויסיַי...

— איך? איך העלף דאָ מיט?

— אַוואַדע. היַינט מיטן געט האָסטו דאָך מיר מיטגעהאָלפן! מיר דאַרפן עס אויסהאַלטן! מיר טאָרן זיך ניט דערשרעקן! מיר טאָרן זיך ניט אָפּשטעלן. דו הערסט? מיר דאַרפן אָן שום יוישער גיין ביזן סאָף... אונדזער דאָר איז שוין פאַר דעם פאַרטיק געוואָרן. באַ אַלעמען קריכן שוין אַרויס די אויגן פון טרויער און פּאַכעד. די ערד איז פול מיט טליִעס און שכיטעס. בלוט גיסט זיך שוין ווי וואַסער... ס׳איז פאַר מאָשיִעכס קומען! אַצינדערט דאַרף מען נאָר צוהעלפן און אונטערשטופּן. זאָלן וואָס גיכער אַלע הייליקייַטן צעטראָטן ווערן מיט די פיס. זאָל דער דאָר באַקומען וואָס גיכער אַ היניטיש פּאָנעם, און... מאָשיִעך וועט קומען! זאָלן ייִנגלעך מעוויַיעש זיַין אַלטע לייַט, זאָלן כאַכאָמים שטיין געבויגן פאַר קליינע מענטשעלעך, זאָלן צווישן זיך ווערן סאָנים ניט נאָר פרעמדע, נאָר אויך די אייגענע, די קרויווים און הויז־לייַט... זאָלן קינדער גיין מאַסערן עלטערן, זאָל...

— געגוג, — רעדט קוים אויס איווע, — מער קאָן איך ניט שטיין און עס צוהערן... איר ווילט אַלעמען מאַכן פאַר אויסוואורפן? דאָס האָט זיך נאָך קיינמאָל און קיינעם ניט איַינגעגעבן! מ׳האָט עס שוין טאַקע אַ סאַך מאָל געפּרוווט...

אַבושעס טרוקן קאָל, דער בלינצל פון די וויַיסע רייפעלעך אַרום זיַינע שוואַרצאַפּלען באַגלייטן זי אַרויס:

— דאָס מאָל וועט זיך עס איַינגעבן! מ׳וועט עס איַיך איַינגעבן, און איר וועט עס איַינעמען!..

פאַרשטעלט זי זיך פון זיַינע רייד מיט די הענט און פאַרקערעוועט אַפּגיך מיטן קרומען געסל, וואָס גייט אין די שנייען באַרג־אַרויף. די בלויקיַיט באַ די פאַרווייעטע פלויטן פאַרגייט איר אין די אויגן אַריַין, און דער געדיכטער זוניקער ווינט מיטן רייעך פון ווערבע פאַרשלאָגט איר מאַמעש דעם אָטעם. ניין, טראַכט זי, אַבושן טאָר מען ניט אוועקמאַכן מיט דער האַנט. אַבוש איז ניט, ווי זי האָט פריִער געמיינט, פּאָשעט אַ פאַרביטערטער מענטש, פון יענע פאַרבי־טערטע לייַט, וואָס האָבן האַנאָע צו פאַרסאַמען יענעם דאָס לעבן, אַריַינגיסן יענעם אַ ביסל עסיק אין וויַין, עטלעכע טראָפּן גאַל אין האָניק. דאָס פאַרשאַפט זיי נאַכעס, אַפילע פרייד. אָן דעם וואָלטן זיי ניט געקאָנט לעבן. זיי וואָלטן זיך אַ מיסע אָנגעטאָן. ניין, ער איז ניט פון יענע. ווי ס׳וויַיזט זיך אַרויס, קאָן מען אים צו יענע ניט פאַרגליַיכן. באַ אים, באַ איר פעטער אַבושן, איז עס ניט ווי באַ יענע, וואָס צאָלן און נעמען נעקאָמע פאַר זייער נישטיקייַט. פאַר־קערט, ער פילט זיך העכער פון אַלעמען, ער קומט און שטעלט זיך גאָר אוועק ווי אַ לערער און אַ וואָרטזאָגער. אַלץ, וואָס ער טוט און וועט טאָן, האָט גאָר אַן אַנדער מיין און אַן אַנדער

זין. אמאָל האָט דאניִעל געזאָגט וועגן אים: „אבוש איז ווי דער הונט פאר דער ליקע־כאמע... דער הונט הייבט אָן צו וואָיען א סאך פריִער, איידער די ליקע־כאמע הייבט זיך אָן. צו אבושן דארף מען זיך גוט, גוט צוהערן, זייַנע וויסטע בסורעס ווערן טאָמיד מעקויעם". ווייַזט זיך איצט ארויס, אז אויך אין דעם פאל איז ער, דאניִעל, געווען גערעכט. ווי דאָס אלץ איז שרעקלעך.

און אומקערנדיק זיך צוריק אין האָטעל אריַין, שוין אויסגעקלאָרט דאָרטן, בא אבושן, דאָס זייער וויכטיקע פאר איר, בלייַבט זי ווידער פאר דאניִעלס בילד שטיין: צי דען טאקע איז אויך דאָ דאניִעל גערעכט? האָט זי, איווע, אלע צען יאָר בא די לאנדעס גערעוועט אין פעלד אריַין ניט מער ווי נאָך א ביסל גראָז?..

— צי דען טאקע, — טייַנעט זי שוין ווי צו עמעצן אף א קאָל. — האָט ער מיך געקאָנט אין אזעלכס באשולדיקן? מיך, וואָס ניט נאָר מייַן נעשאָמע, נאָר אפילע מייַן לייַב ווייסט ניט דעם טאם פון פרייד. און ס'איז דאָך, ווייַזט אויס, יאָ פאראן אזא קערפערלעכע פרייד? מ'רופט עס אפילע „ליבע"... זוכט דאָך יעלענא עפראָס מיט אזא טרויער און ווייטעק אָט די קערפערלעכע פרייד... אלע זוכן, אלע... דאָס שענסטע איז, וואָס אלע ווייסן, וואָס זיי זוכן און וואָס זיי ווילן... נאָר איך איינע שטיי בא דעם פארווייעטן אָסאָקאָר־בוים אפן שיידוועג. נאָר איך איינע זיץ אפן שיפל אינמיטן צעברויזטן טייַך אָן וועסלעס..

און דאָ, ערשט אצינד, הייבט זי אויך אָן צו באנעמען דאניִעלס יענע רייד, וואָס ער האָט איר דעמלט, באם פארווייעטן פענצטער, באם באנקבעטל געזאָגט, דאָרטן, אין דעם טונקעלן אלקערל — ס'האָט אזוי געשמעקט מיט פריש־געוואשן גרעט, מיט פוילנדיקע עפל און מיט אייל־פארבן. זי איז אהין אריַין, זיך אראָפגעלאָזט לעבן אים אף דער ערד און געווארט, אז ער, דאניִעל, זאל איר זאָגן ווי אמאָל: „איווע, דו וועסט זייַן די פריידיקע ליד פון מייַן לעבן"... — נאָר ער האָט געפירט מיט די שוין קאלטע, זיך טרייסלענדיקע פינגער איבער אירע אויגן־לעפּ־לעך און גערעדט גאָר וועגן דעם טאטן, וואָס זיצט אפן שיפל אינמיטן צעברויזטן טייַך אָן וועסלעס.

— הייַנט נאָך וועל איך זיי האָבן, די וועסלעס, — זאָגט זי צו זיך אליין. — הייַנט נאָך וועל איך גיין צו איר, צו כיירוסן.

זי נעמט ווארטן אף אקיווען. ס'איז שוין בעעמעס שווער צו גלייבן, נאָר ער האָט זי ווידער איבערגעלאָזט, דאָס מאָל שוין דאָ, אין האָטעל, אפן גאנצן טאָג איינע אליין. און זי, דאָס איז צו באוונדערן, ווארט אף אים, אין אָט דעם מאצעוו אירן, אָן פאריבל און מיט האכנאָע.

זי נעמט אין כעזשבן: אקיווע האָט זי דאָך דאָרטן, באם דאָקטער, באגעגנט צופעליק. ניט זי האָט ער דאָרטן געזוכט און ניט צוליב איר איז ער אהין אריַינגעגאנגען. וויבאלד אָבער זיי האָבן זיך שוין יאָ דאָרטן געטראָפן, האָט ער געמוזט אף א צייַט אלצדינג אָפלייגן און אָפשארן און זיך מיט איר פארנעמען. אָבער אז ער האָט זי מיטן דאָך באזאָרגט און מיט די פיר ווענט באוואָרנט, איז ער אוועק ווייַטער דאָס וויכטיקסטע און דאָס איקערדיקסטע צו טאָן.

און האגאם אין איר סאוולאָנעס איז פאראן גענוג ביטערניש און באליידיקונג — אויך זי איז דאָך הייַנטיקע נאכט פון א טפיסע געלאָפן... — נאָר זי איז מיטן גאנצן הארצן מאסקים, אז יענע, דאניִעלס שוועסטער, כיירוס, איז כאָשעווער און וויכטיקער און אין אלע אויפאנים בילכער פון איר, און ווי די מומע ליבע, וואָס בא יענעמס צאר פארגעסט זי אָן די אייגענע צאָרעס, אזוי אויך זי, איווע, פארגעסט דאָ אָן זיך, און איר גאנצע זאָרג און שרעק איז בא כיירוסן, וואָס ווערט איבער דער שטאָט געמישטערט און געזוכט.

VIII

און אין שטאָט איז בעעמעס בעהאָלע און מעהומע. פון באנאכט נאָך, ווי נאָר די סרייפע האָט אויסגעבראָכן, מיטאמאָל און פון אלע פיר זייַטן, זייַנען די גאסן ווי פון פייַנטלעכע קויכעס מיט זשאנדארמען, פאָליציי און מיליטער, פוסגייער און רייַטער ארומגערינגלט און באלאגערט געוואָרן.

זיי צינדן אף די גאסן, אין דער זאווייע, פלאקער־שייַטערס אף צו דערוואַרעמען זיך. יעדער דורכפאָרער און פארבייַגייער ווערט אָפגעשטעלט און פארהאלטן. און דאָס ווערט געטאָן מיט יענער העפקיירעס פון אומבאשטראָפטקייַט — פון ניט דארפן ענטפערן און צאָלן. פארקערט, וואָס גרעסער די העפקיירעס און רעציכע, אלץ מער און בעסער וועט מען באלוינט און געשאצט ווערן.

מיט יענער העפקיירעס און אומאכרייַעסדיקייַט רייַסט מען זיך אין די הייַזער אריַין,

מ׳קריכט אין די קעלערס, אַף די בוידעמער, מ׳זוכט דאָרטן יענע זעקס פּאָליטישע, וואָס זײַנען באַנאַכט פֿונעם עטאַפּ אָפּגעשלאָגן און נעלעם געוואָרן.

די שטאָט איז אופגעטרייסלט. דאָרטן, אין די ווי אַף כוזעק אויסגעקרימטע געסלעך, צינדן אָן די פֿלאַקער־שײַטערס האָס און נעקאָמע־דאָרשט אין די הערצער; דאָרטן, אין די צו דער ערד צוגעבויגן־און־צוגעשלאָגענע שטיבלעך, בענטשט מען יענע, וואָס גייען אַף אַזאַ מעסירעס־נעפעש, זיצן ניט מיט צונויפגעלייגטע הענט און בײַטן ניט דעם קרעכץ אַף אַ זיפץ.

און דאָרטן, צווישן די, וואָס ווינען ווײַטער, העכער, און שוין נעענטער צו די שפּיגל־גאַסן, דאָרטן טומלט אויך און ליאַרעמט. פֿאַר זיי זײַנען די באַנאַכטיקע געשעענישן אַן אומדערהערטע כוצפּע, א מײַסע־נוירע, א סדאָם־זאַך, וואָס קאָן אַרויסרופן גאָטס צאָרן. דאָרטן קומען זיך צו־נויף די אויסוואָרטער, די איבערוואָרטער, די אייביקע שיווע־זיצער, די יעשוע־אויסקוקער און די סליכעס־ און טילים־זאָגער, די, וואָס ציטערן טאָמיד פֿאַרן „לאָמאָ יוימרו“...[1] דאָרטן קומען זיך אויך צונויף די מומכים אַף מעליצע. יענע, וואָס קאָנען וואַרפֿן דרײַ שאָ מיט פֿײַערדיקע רייד, און שלאָפֿן דערנאָך אין די נעכט ווי געהאַרגעטע... דאָרטן וויל מען ווידער זאַמלען געלט און נאָכאַמאָל שיקן דעם אַלטן דײַען, נאָסן לאַנדע, צום גענעראַל־גובערנאַטאָר מיט נאָך אַ „מאַטאָנע“, און אָבעראַמאָל בעטן באַם שטעלפֿאַרטרעטער פֿון דעם געזאַלבטן שוץ און ראַכמים פֿאַר דער „טרײַ־אונטערטעניקער“ ייִדישער באַפֿעלקערונג.

נאָר שפּעטער, צו פֿאַרנאַכט־צו, בלײַבן שוין אַלע צדאָדים צעמישט און פֿאַרלוירן: דער גענעראַל־גובערנאַטאָר, דער באַלעבאָס אַליין פֿון דער גובערניע, ווערט אין זײַן הויז, טאַקע אין יענעם קוים באַלויכטענעם צימער, אין דעם זעלבן, ווו ס׳קומט פֿאַר דאָס „געבן־און־נעמען“ און אויך בא דער איינציק־ברענענדיקער ליכט, און אויך בא דער אָנגעגאָסענער גלאָז רויטן ווײַן, זיצנדיק אין שטול אינעם טערקישן שלאָפֿראָק און אין די שטעקשיך, ווערט ער, דער גענעראַל־גובערנאַטאָר, דאָרטן דערשאָסן.

לעכאַטכילע גיט מען איבער פֿון מויל צו אויער: דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט דער־מאָרדעט איינער פֿון זײַנע באַליבטסטע אָפֿיצערן. טאַקע דער, וואָס האָט געטרײַער און פֿלײַסי־קער פֿון אַלע, מאַמעש מיט באַגײַסטערונג און היספּײַלעס, אויסגעפֿילט זײַן, דעם גענעראַל־גובערנאַטאָרס, באַפֿעל און פֿאַרשמיסן אַ דאָרף פּויערים פֿאַר פֿאַרכאַפּן פּריצישע ערדן.

— געהערט? ס׳איז אַף אים געקומען דער יאָם־האַדין!

— איז אַף זיי אויך דאָ אַ מישפּעט אַף דער וועלט?

— זעט איר דאָך, מ׳האָט אים אוועקגעלייגט פֿאַרן בעסדן־שעל־מײַלע.

— און וואָר? טאַקע זײַן אייגענער נויסע־קיילים.

— דאָס, וואָס זיי דרייען זיך איינער דעם אַנדערן אַראָפּ דעם קאָפּ, דאָס איז שוין גאָר אַ כעסעד פֿון זײַן ליבן נאָמען.

— ס׳קאָן אָבער קומען אַן ערגערער אַף זײַן אָרט.

— וואָס קאָן שוין דאָ ווערן ערגער?

אָבער דאָ באַווײַזט זיך און ס׳קומט צו אַבושל:

— ס׳וועט נאָך זײַן ערגער, ס׳גייט דער שוואַרצער טאָג...

— וואָס ווילט איר דערמיט זאָגן?

— אינעם אָדן האָט געשאָסן אַ יעהודי... אַן „אַנאַרכיסט“.

— גייט שוין גייט. אינעם ראָשע האָט געשאָסן זײַנער אַן אָפֿיצער!

— אַ פּיפּערנאָטער, ניט קיין אָפֿיצער. אַן „אַנאַרכיסט“ זאָג איך. ער האָט זיך איבערגעטאָן אין וואָיענע מאַלבושים.

און ווי טאָמיד, אויך דאָס מאָל, האָט דער קאַברען, אָט דער שוואַרצער בסורע־אָנזאָגער, דאַכט זיך, געזאָגט דעם עמעס. ווײַל באַלד, פֿאַר די אויגן פֿון פּאָליציי און מיליטער, האָבן עטלעכע „פּאַטריאָטן“ מיט אַ געשריי: „ביי זשידאָוו אי סאָצאַליסטאָוו“[2] — צעמיימעסט דעם שאַמעס פֿון קאָרשול און דעם אַלטן דאָקטער יעליסייעוון.

דעמלט, אויך אין יענע שאָען, בא טכילעס אָוונט, שטעלט ער זיך אַרײַן, אַקיווע, און ווידער מיט יענעם סימכע־גלאַנץ אין די אויגן, און שוין אַן אויסגעפּוצטער — אין אַ שוואַרצער פּעלע־רינע, אין אַ ברוין־פֿילצענעם הוט, מיטן פֿידל אונטערן אָרעם, — און זאָגט צו איר, צו איוועז:

— קיין טנאָים וועלן הײַנט ניט זײַן.

פֿרעגט זי אים דערשראָקן און מיט אַ קאָל פֿון אַ פֿאַרשווערערן:

— האָט עפּעס מיט איר געטראָפֿן?

---

[1] למה יאמרו (העבר.). — דאָ: וואָס וועט מען זאָגן.

[2] שלאָגט ייִדן און סאָציאַליסטן (רוסיש).

— כאס־וועשאַלעם. די קאַלע איז באַם פולן געזונט.
— נאָר וואָס דען? דו האָסט איבערגעטראַכט? ווילסט מעשאַנע זײַן דײַן וואָרט?
— ניין, איווע, איך וואָלט אויסגעפּילט מײַן האַווטאַכע... נאָר ער... דער דאָקטער.
— וועלכער און וואָס פאַר א דאָקטער?
— דער דאָקטער רעמעז. ער איז קעגן דעם.
— און ווער, זאָג מיר, האָט עס אים אָוועקגעשטעלט פאַר א מאַזשגיעך איבער מיר?
— אָן אים וועסטו ניט קאָנען צוקומען צו איר... זי געפינט זיך באַ די עפּראָסעס.
— באַ וועמען?
און אַף אירע ביז גאָר איבעראַשטע און פאַרכידעשט־פרעגנדיקע אויגן, פירט ער זי אַף וואָס ווײַטער פון דער טיר, אהין, צום אקוואַריום, ווו דער טאָג איז שוין אין יענעם ווינקל קי־מאַט אויסגעגאַנגען, און דערציילט איר מיט קאַרגע, אָבער מיט זייער קלאָרע ווערטער: כיירוס איז באַהאַלטן באַ די עפּראָסעס. וועגן דעם, פאַרשטייט זיך, ווייסט דאָרטן ניט קיין יעלוד־אישע, קיינער האָט דאָרטן וועגן דעם קיין שום אָנונג ניט.
דאָ האָט אקיווע א גרויסן טאָעס געהאַט. גראָד ער, דער אַלטער פּראָפעסאָר עפּראָס, האָט עס יאָ געוווּסט.
דערנאָך דערוויסט זי זיך פון אקיוון, אַז כיירוס איז אהינצו פאַרפירט געוואָרן צוזאַמען מיטן פּראָפעסאָרס אייניקל, וואָס האָט אויך באַנאַכט אָנטיילגענומען באַם אָפּשלאָגן די פּאָלי־טישע און בייס דער שיסערײַ, אַגעוו, ווען מ׳איז שוין גאָר ווײַט און שוין גאָר אָן א זײַט געווען, איז ער, דעם פּראָפעסאָרס אייניקל, דאָרט פאַרוואונדעט געוואָרן.
— ווי דו זעסט, איז עס הײַנט אומעגלעך! ס׳איז הײַנט ניט די שאָ אַף דעם און ניט דאָס אָרט.
— דו האָסט מיך מוירע פירן אַפן פײַער?
— ניין, איווע. ס׳איז ניט אַזוי געפערלעך פאַר דיר, ווי פאַר איר. די אָכראַנקע און די פּאָליציי שלאָגט זיך אַף די פיס, קריכט פון דער הויט. מ׳האָט צעשטעלט אַף שריט און טריט מאָסרים און נאָכקוקערס. דו וועסט דאָך גאָרנישט ניט פאַרלירן און ניט אָנווערן, אַז דו וועסט זיך טרעפן מיט איר שפּעטער, אַז אין שטאָט וועט ווערן רויִקער און שטילער.
פאַרשטייט זי עס, איווע, זייער גוט און באַנעמט עס ביזן סאָף:
— דו ביסט גערעכט, אקיווע, דו ביסט אין אַלצדינג גערעכט... נאָר דו וועסט מיך הײַנט פירן צו איר. די זעלבע געפאַר וועט זײַן מאָרגן און איבערמאָרגן. ס׳וועלן שטיין מאָסרים און נאָכקוקערס...
— נאָר הײַנט איז עס ביכלאַל אומעגלעך. אכוץ אַלעמען, איז נאָך דאָרטן באַ די עפּראָסעס א יאָמטעוו.
— אָט פאַרוואָס דו ביסט אַזוי אויסגעפּוצט, באַ דיר... וואָס איז עס דאָרטן פאַר א יאָמטעוו באַ די עפּראָסעס?
— הײַנט איז דער פּראָפעסאָר א באַלסימכע. ס׳ווערט אים זיבעציק יאָר.
— מיטן פּראָפעסאָר זײַנען מיר אַלטע פרײַנט. „ויר הײַסען זי הערצלעך ווילקאָמען“.
— איווע, דאָרטן וועלן דאָך זײַן די געקליבענע און די געזיפּטע... די יעכידיי־סגולע, דער גאַנצער מעיוכעסדיקער ערעוראַוו. און ס׳איז גאָרניט אויסגעשלאָסן, אַז אַלעקסאַנדער זאָל דאָרט זײַן.
— דאָס קאָן ניט זײַן. נאָך אוונערס טויט...
— דאָרטן קאָן אויך זײַן שיפּרע. אַף איר איז עס צו גלייבן.
— זאָל זי זײַן. מיר איז עס אַלציינס.
— איווע, וויאַזוי קאָנען מיר ביידע אהין אַרײַנגיין? מיר וועלן קומען אהין אַף ביזוינעס... שלאָגט זי אים דאָ מיטאַמאָל איבער:
— זאָג מיר, אקיווע, וועגן דעם נעלעם ווערן... האָסטו זיך דערוווּסט שוין נאָכן אַרײַנ־וואַרפן דעם בריוו צו יעלענען?
— יאָ, שוין נאָכדעם, — בלײַבט ער שטיין פּאַשעט פאַרלוירן, — שוין נאָכן אַרײַנוואַרפן... נאָר פונוואַנען ווייסטו ביכלאַל פון א בריוו, און ביפראַט נאָך, צו וועמען כ׳האָב דעם בריוו נעשיקט?
— דאָס ערשטע, אַז דו האָסט געשריבן א בריוו, האָבן מיר דערציילט דײַנע שכיינים, און דאָס צווייטע, צו וועמען דו האָסט געשריבן, דאָס האָט מיר דערציילט טאַקע זי אַליין.
— זי?.. יעלענאַ איז דאָ געווען באַ דיר?
— דו האָסט זיך נאָך מיט איר ניט געזען?
— ניין, איווע, ניין. ס׳איז זייער א שווערע באַגעגעניש. מײַן „טויזנט און צווייטע“, מײַן

„פארפייסעכדיקע“ נאכט איז זייער א פארפלאָנטערטע. זי וועט עס ניט פארשטיין, יעלענא. דאָס איז שווער צו דערקלערן. וויאזוי דערקלערט מען טאקע יענעם, אז אין איין רעגע קאָן אויסוואקסן אין דיר א גאנצע וועלט און אין איין רעגע קאָן זי כאָרעוו־וועניכרעוו ווערן... אז כ׳האָב געשריבן יעלענען דעם בריוו, איז זי געווען פאר מיר אלע וועלטן! אזעלכס דארף מען איבערלעבן. אויב עמעצער האָט עס ניט איבערגעלעבט, זײַנען עס פאר אים פוסטע רייד... ווי נאָר אָבער כ׳האָב אראָפּגעלאָזט דעם בריוו אין פּאָטשט־קעסטל, איז אָנגעקומען דער דאָקטער רעמעז. ער איז געגאנגען צום פּראָפעסאָרס אייניקל...

— האָט ער דיר דערציילט וועגן כיירוסן?

— יאָ, איווע, אָבער ווי נאָר ער האָט ארויסגערעדט איר נאָמען, אזוי האָב איך דערפילט, אז איך האָב אָנגעשריבן יעלענען א פאלשן בריוו... אז אין דער וועלט איז פאראן פאר מיר נאָר איין מענטש, כיירוס... איווע, מיר קאָנען אהינצו ביידע איניינעם ניט גיין!

— פארוואָס ניט? מיר וועלן מיט דיר, אקיווע, יאָ גיין איניינעם. אונדזער קומען אהין וועט שוין אין איין וועג זײַן אויך אן ענטפער דעם גאנצן מעיוכעסדיקן ערעווראוו... און דער דאָקטער רעמעז וועט מיך יאָ צו איר ארײַנפירן! ער געדענקט דאָך געוויס, איליא איליטש, ווי דאניִעל האָט אים געזאָגט, אז איך וועל זיך נייטיקן אין א גרויסן פרײַנט. דאניִעל האָט שוין פאר זײַן טויט געוווסט, אז איך וועל אינגיכן בלײַבן גאָר איינע אליין, שוין גאָר פארשטויסן פונעם לעבן. כ׳וועל בלײַבן אפן וואסער אָן וועסלעס... הײַנט דארף איך אים האָבן, דעם גרויסן פרײַנט! פרײַנטעלעך האָב איך פײַנט! איך האָב זיי פײַנט בעטאכלעס־סינע, יענע, וואָס קומען מיר אלעמאָל דערמאָנען, אז זיי האָבן מיך ליב...

— אָבער אין אזא הוילעך קאָנסטו דאָך אהינצו ניט קומען.

— דאָס איז, אקיווע, מײַן גאנצער גארדעראָב. מײַן גאנץ האָב־און־גוטס.

— צום פּראָפעסאָר אף די אימענינעס קאָנסטו אזוי ניט ארײַנקומען. מיט דעם וועלן מיר זיך באלד ווי־ס׳איז אן אייצע געבן. א קלייד, איווע, וועט זײַן... נאָר פארגעדענק, דו ביסט געקומען באגריסן דעם פּראָפעסאָר, אים נאָכאמאָל באדאנקען, וואָס ער האָט דיך בייס דײַן קרענק... נו, גוט, גוט, איך לערן דיך ניט!

האָט מען זיי דערנאָך ווידער אף דער שפּיגל־גאס געזען פאָרן. באביידן האָט דער באַיארישער מאזיק געשפּילט אין די אויגן. האָבן ווידער קרעמער און סאָכרים, אָט די פּילשפּראכיקע און פּילפארביקע, מיט די וואָג־ און מאָס־פינגער געטײַטלט, דעריקער אף איר, אף איווען:

— איר זעט, איר זעט, נאָך אלעמען פאָרט זי נאָך ארום, די כצופע, איבער דער שטאָט.

— וואָס כידעשט אײַך דאָ? אז מ׳קאָן ווארפן א מאן און שטעלן די לאנדעס צו אזא ביזאָיען, איז וואָס איז דאָ פאראן זיך צו וווּנדערן?

— בעפּיירעש גערעכט. א הולטײַקע האָט דען מוירע פאר גאָט, האָט דען כארפּע פאר לײַטן?

— איך פרעג נאָר: מיט וועמען? פארבײַטן אלעקסאנדער לאנדע אפן באלעגאָלעס בען־יאָכיד!

— נו, און פארבײַטן רעב נאָסן לאנדע אפן אשמעדײַ?

נאָר אז דער שליטן איז פאר דעם נײַעם, פאר דעם גרויסארטיקן מאגאזין פון פארטיקע קליידער שטיין געבליבן, און זי, איווע, — באגלייט פון אקיווען — איז אהין, צו איר געוועזענעם שוואָגער, ארײַנגעגאנגען, און דערנאָך פון דאָרטן שוין אן אויסגעפּוצטע און מיט פודעלעך אין ביידע הענט צוריק ארויסגעגאנגען, — האָט מען שוין נאָר מיט די ווִיעס געפּאטשט און שוין גאָר דאָס לאָשן פארלאָרן.

שפּעטער האָט מען דערציילט, אז ער, יוינע וואנדער, דער כאָלוש, האָט פאר דער צײַט, וואָס די געוועזענע שוועגערן איז בא אים אין קלייט געווען, די קאָלערליי קליידער און מאנטלען געמאָסטן, און דער קלעזמער־יונג האָט מיט וויצן געשאָטן און מיט מעזומאָנים געצאָלט; פאר אָט דער צײַט האָט ער, יוינע, א פלעשעלע הארץ־טראָפּנס און א קעסטעלע פּילן אראָפּגעשלונגען. מ׳האָט אים הערנאָך דרײַ שאָ נאָכאנאנד געמינטערט.

IX

אין יענעם אָוונט — א ווײַסער אף דער ערד און אן אויסגעלאָשן־שווארצער אין די הייכן, ווי די זאווייע וואָלט פון די הימלען אלע שטערן אראָפּגעריסן און פארטראָגן, — האָט בא די עפּראָסעס, ווי זיי, אקיווע מיט איווען, האָבן געקלערט און זיך פאָרגעשטעלט, ניט זייער גערוישט און מיט געסט דאָרט געווימלט.

די שויבן־טירן האָבן זיך דאָרטן ניט אָפּט פאַנאַנדערגעעפנט, און דער געלי'ענער שווייצאַר האָט שטייענדיקערהייט דעם קאָפּ אָף דער ברוסט אַראָפּגעלאָזט, געדרעמלט.

און די שוין יאָ געקומענע געסט זיינען צומיינסטנס געווען פון די, וואָס וווינען אין דער נאָענט, אין דעם אַרום, און דאָס אויך זיינען זיי אַריינגעלאָפן, ווי פון עמעצן געטריבן אָדער אַנטלאָפן געוואָרן. אין זייערע אויגן האָט מען כּיוו און אָפּקומעניש געזען, און דריקער יענע אומצופרידנקייט, וואָס מ'וועט דאַרפן שפּעט אין אָוונט זיך אומקערן אַהיים בײַ דער שפּעט אופגייענדיקער לעוואָנע, — דעמלט קאָן מען דאָך דיר מיט אַ געלעכטער דעם גאָרגל איבער־שניידן.

און דאָ, אַז צווישן די געסט פעלן ניט נאָר פון דער מעסיבע, נאָר אַפילו פון די גאָר נאָענטע און ליבלעכע, דאָ דערזעט מען פלוצלינג, ווי דער שווייצאַר בײַ דער טיר, אין דעם שוואַרצן סורטוק מיט די זילבערנע שנירעלעך, פון דער „קרעדיט־געזעלשאַפט”, וואָס איז אַהער מיט דעם מיין גענומען געוואָרן צו פאַרהאַלטן און צו פאַרשטעלן דעם אַרײַנגאַנג פאַר אַנגעטראָגענע און ניט־געבעטענע געסט, יענער, וואָס האָט נאַרוואָס אַזוי זיס געדרעמלט אָף זיין צעצווייט־שפּיצעכיקער, ווייס־צעקעמטער באָרד, יענער העלפט שוין מיט אַ באַזונדער מין העפלעכקייט דער געוועזענער לאַנדעס שנור אַראָפּצונעמען פון זיך דעם מאַנטל. און ניט נאָר איר, — אויך אים, אקיווען, העלפט ער די פעלערינע אויסטאָן.

פון זייער אַרײַנקומען בלייבן אַלע פאַשעט געפעלפּט.

דערצו נאָך זיינען זיי אַרײַן מיט יענער איבערגעטריבענער פריילעכקייט, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן.

גראָד אָט די אַרויסגעשטעלטע פריילעכקייט ווערט טייקעף אופגענומען און אויסגעטײַטשט ווי אַן אומקאָוועד, ווי אַ גרינגשעצונג און כּויזעק: אַלע ווייסן דאָך, פאַרוואָס און אָף וועלכן מין אויפן זי, איוועו, האָט היינט דעם געט באַקומען... אַרויסגעגאַנגעט דאָס קינד פון די איידעלע לאַנדעס, עס אָפּגעשיקט אין כּוטאָר אַרײַן צו איר טאַטן דעם אָקסנהענדלער און אַליין זיך גלייך איבערגעקליבן מיט דעם פידלער אין האָטעל אַרײַן.

און נאָך מער: שוין נאָך דעם אַלעמען איז זי, די אומפאַרשעמטע, לעהאַכעס דער גאַנצער שטאָט, געפאָרן מיט אים צו איר געוועזענעם שוואָגער זיך נייע קליידער קויפן.

דאָס איז שוין מער ווי פאַרשייטקייט.

פאַר דעם קומט איר שוין צו געבן גאָר אַן אַנדער פּסאַק, אַזאַ, אַז בײַ אירע קינדס־קינדער זאָלן פלאַמען די פּענעמער... ביפראַט נאָך איצט, ווי שוין גאָר אַן אומדערהערטע כוצפע, אַז זי איז מיט אים אויך אַהער געקומען.

און שוין, אַכוץ דעם אַלעמען, דערזען זיי ביידע אַרײַנקומען מיט יענער איבערגעטריבענער פריילעכקייט, עמעס, בלאָסע, באַזונדערס זי, איוועו, — וואַרפט מען באַהאַלטענע בליקן אָף יעלענאַ עפראָס: וואָס וועט זי דאָ זאָגן און טאָן?

מ'האָט דאָך אַלע גוט געוווּסט, אַז דער שיינער און דורכגעטריבענער אקיווע, האַגאַם דער פּראָפעסאָר איז פון דעם שטאַרק אומצופרידן, איז די לעצטע צײַט געווען דאָ גאָר אַן אָפּטער אַרײַנגייער, ער האָט זיך געדרייט אַרום דער טאָמיד־פאַרטרויערטער יעלענען, און אַלע האָבן געזען, ווי איר פּאָנעם האָט זיך די לעצטע צײַט געגומען לײַטערן, ווערן ליכטיקער.

דערצו נאָך האָט זי, די פּראָפעסאָרשע, נאָך היינט אינדערפרי, נאָך איידער די שטאָט האָט זיך פון איוועס יערידע און שווערע כאַטאָים דערוווּסט, עמעצן פון די בוזעם־פרײַנט אײַנגעגע־רוימט: ס'איז זייער מעגלעך, אַז היינט אין אָוונט וועט ניט נאָר דעם פּראָפעסאָרס געבוירנטאָג געיאָמטעוועט ווערן, נאָר אויך אַ צווייטע געשעעניש... יעלענאַ וועט אַ קאַלע ווערן פאַר אקי־ווען. און שוין גאָר סוידעסדיק האָט זי, די פּראָפעסאָרשע, מאַריאַנאַ יוליעוונאַ, צוגעגעבן:

— צוליב פריילעכקייט וועט מען אַפילו ברעכן טעלער...

און דאָ גאָר שטעלט ער זיך אַרײַן, אקיווע, און ניט אַליין, נאָר אויך מיט איר, מיט דער קעפּסווייב, און ביידע, מיט פריש־ווייסע בלומען אין די הענט, לאָזן זיך גיין באַגריסן דעם פּראָפעסאָר, וואָס שטייט, ווי טאָמיד אין ערנסטע פאַלן, צוגעדריקט די עלנבויגן צו די זייטן און אָף די דאַלאָניעס, ווי אָף וואָגשאָלן, וועגט ער עפּעס זייער פאַרטיפט און אופגערעגט.

נאָך פון גאַנצפרי אָן איז דער פּראָפעסאָר אַ פאַרוואָלקנטער. ער, אַלבערט בערנאַרדאָוויטש, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן מיט קאָוועד זיך ניט געקאָנט אָנזעטיקן — אגעוו, אומעטום און אָף שריט־און־טריט זיין אַניוועס און פּאַשטעס אַרויסגעשטעלט, זיך אָפּט אַפילו פאַר יענעם גע־לייקנט און זיך מעוואַטל געמאַכט, — ער, דער פּראָפעסאָר עפראָס, האָט דאָס מאָל און בעפּייִרעש אָף אַן עמעס, מיט אַלע קויכעס זיך געוועלט און מיטן גאַנצן האַרצן ניט געוואָלט די געגרייטע טישן, די פּילקאָלירנדיקע אָנגעצונדענע ליכט, וואָס ווייזן אָף אים מיטן גערוף פון רייכן יאָרצײַט — אַ יאָרצײַט נאָך זיין לעבן.

און אָט ערשט ניט לאַנג, דאַכט זיך, אַנומלטן, נאָך גאָר א יינגל, האָט ער, אַלטערקע באָרוך דעם שויכעטס, פוירעץ־געדער געווען — דעם צאַם ארום זיך צעבראָכן, די געמאָרע און די ווענט פון דעם טאַטנס כסידישער שטוב פאַרלאָזט און אין דער וועלט אַרײַן אַוועקגעגאַנגען. פריִער צו דײַטשלאַנד, צו בערלין, און דערנאָך צו דער שווייץ, צו בערן, און אויך דאָרטן נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין רײַסן די יערושע־קייטן און וואַרפן זיי אפן מיסט.

שפּעטער, שוין אָנגענומען און געשעצט אין דער מעדיצינישער וועלט, האָט ער, דער פּראָפעסאָר עפּראַס, פאַרטראַכט זיך אומקערן צוריק אין דער אַלטער היים און איבעראַנדערשן דאָרטן, אין רוסלאַנד, דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן...

עמעצער גייט און טראָגט אים ווידער אונטער בלומען? ער דאַרף שוין ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל צו עמעצן שמייכלען און דאַנקען?

פאַר די אויגן שטייט אים נאָך יענץ ווײַבל, וואָס קומט מיט די קינדער, שוין דאָס דריטע יאָר, און זיי טראָגן אַלע אין די הענט בינטלעך צעצוויטעטע ווערבע־ריטער... זי, דאָס ווײַבל, קומט אים אַלץ דאַנקען, דעם פּראָפעסאָר, וואָס ער האָט איר דאָס לעבן געראַטעוועט און אירע פינף קינדער זײַנען ניט פאַרבליבן קיין יעסוימים.

אָבער ער, דער פּראָפעסאָר עפּראַס, ווייסט דאָך גוט, אַז דאַנקען דאַרף זי ניט אים, נאָר יענעם, דעם דאָקטער רעמעז. ווען ניט יענער... בייס דער אָפּעראַציע האָבן בא אים, באַם אַלטן און געניטן און בארימטן פּראָפעסאָר, די הענט גענומען זיך טרייסלען... האָט אים זײַן טאַלמיד, דער דאָקטער רעמעז, זייער אײדל, נאָר טייקעף באַזײַטיקט, און ער, דער פּראָפעסאָר עפּראַס, איז אָפּגעטראָטן, געשטאַנען א רעגע מיט די אופגעהויבענע הענט, דערנאָך זיך אויסגעדרייט און שוין אָף טאָמיד דעם אָפּעראַציע־זאַל פאַרלאָזט.

דאָס ווײַבל מיט אירע קינדער, באַזונדערס די פינף בינטלעך ווערבע־ריטער, האָבן אים הײַנט נאָכאַמאָל דערמאָנט, אַז ער, אַלבערט בערנאַרדאָוויטש, איז שוין בא דער וועלט אָף קיצווע־קאָוועד.

און ערשט ניט לאַנג האָט דאָך בעעמעס נאָך געטומלט מיט אים און געראַשט. ער אַליין, דער פּראָפעסאָר עפּראַס, האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין אָנהייבן... ער דאַרף נאָך, ער וועט נאָך! און ווי לאַנג, דאַכט זיך, אָט ערשט, איז ער יונג און פול מיט קויכעס געווען: איבער די אַלפּן־בערג געקראָכן און געקלעטערט, צו די העכסטע שפּיצן זיך דערקליבן, און פון דאָרטן, מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם זיך געקוויקט מיט דער שיינקײַט פון דער וועלט און מיטן פאַרשי־קערנדיקן טאַם פון לעבן.

ער האָט דעמלטן, דאָרטן אין די אַלפּן־בערג, טאָגטעגלעך געקאָנט שאָענווײַז אָפּשטיין בא דעם וואַסערפאַל און גאַפן פון דעם פינקל און שימער, וואָס יאָגט און פאַלט פון דער גרויסער הייך.

און אַצינד שנײַדט אים אין די אויגן דאָס קרישטאָל און דאָס געשליפענע גלאָז אָף די טישן.

די שטוב איז פול מיט בלומען, און ער, אַלבערט בערנאַרדאָוויטש, גייט איינער אַליין נאָך דער לעווײַע פון זײַנע זיבעציק יאָר.

נאָר אָט די אַלע, וואָס קומען זיך צונויף, מיט די בלומען אין די הענט, האַלטן, אַז די לע־ווײַע נאָך זײַנע זיבעציק יאָר, נאָך זײַן לעבן, איז א גרויסער יאָמטעוו.

ער, דער פּראָפעסאָר עפּראַס, דאַרף אַלץ אָפּטרעטן און אָפּגיין... יענער, דער דאָקטער רעמעז, פאַרנעמט שוין דעם אויבנאָן. יענער איז שוין אומעטום דער לייב פון דער געזעלשאַפט.

און אַפילע דאָרטן, טאַקע דעריקער דאָרטן, אין די אָרעמע געסלעך, רעדט מען שוין וועגן אים, וועגן דעם דאָקטער רעמעז, מיט אַזאַ היספּײַלעס, מ׳קוקט דאָרט אָף אים מיט אַזעלכע אויסגעבענקטע אויגן, מ׳וואַרט דאָרטן אָף זײַנס א וואָרט אַזוי, ווי אין זײַנע רייד אַליין וואָלט שוין געלעגן פאַר זיי די רעפוע. ער, דער פּראָפעסאָר עפּראַס, האָט אומזיסט אַזויפיל מי אַהין, אין יענע געסלעך, אַרײַנגעלייגט, אומזיסט אַזויפיל געזונט אָף זיי געפּאַטערט.

נאָך איצט, שוין שפּעטער מיט אַזויפיל יאָרן, טראָגט נאָך אַלץ דער פּראָפעסאָר עפּראַס א ביטערן פאַרדראָס אָף יענע „אָרעמע געסלעך“. ער, אַלבערט בערנאַרדאָוויטש, האָט דאָך מיט א סאַך יאָרן פריִער, טאַקע צוליב זיי, צוליב די אָרעמע ייִדישע געסלעך, די שטאָט בערן, דעם אייגענעם שפּיטאָל דאָרטן, אין דער וווּנדערבאַרער שווייץ, פאַרלאָזט, און מיט אַזאַ מי און סאַוור־לאָנעס, קיינמאָל קיינעם פון זיי ניט אָפּגעזאָגט, אין דער שאָ פון מיטן נאַכט אופגעשטאַנען, אין שניי און אין רעגן צו א פאַרוואָרפן שטיבל מיטן טאַם, מיט דעם באַלעגאָלע, מיטן אַשמעדײַ, זיך געשלעפּט. אויך עטלעכע מאַטבייעס אָפן טיש דאָרט איבערגעלאָזט — מ׳זאָל קאָנען די רעפוע קויפן... און דאָך, שוין דעמלט אַפילע, טאָמיד געפילט פון זיי, פון יענע געסלעך, א קאַלטן דערעכערעץ און א מעשונעדיקע אָפּגעפרעמדטקײַט.

קאָן ער עס נאָך ביז הײַנטיקן טאָג ניט פאַרשטיין. ער האָט דאָך דאָרטן, אין די אָרעמע געסלעך, מיט אַלעמען זיך גוטברודעריש געפירט. די קינדער צו זיך אַף די קני געזעצט, אין די נאַקעטע בײַכלעך זיי געקיצלט, און אַפילו אײנמאָל דעם שמײַסער, אָט דעם טאַם, דעם באַלעגאָלע, וואָס פאַרשטייט ניט פונדאַנען אַהין, צו זיך אין שטוב און צום טיש אים פאַרבעטן און אַ קיבעד פאַר אים געשטעלט:

— ליבער פרוינדע, נעמען זי ביטע... ביטע, לאַסען זי זיך ניכט שטערען! ביטע, ביטע, אײַנען שטאַרקען טעע מיט ציטראָן אונד בלעטער טײַגקוכען!

דער אַשמעדײַ, שוין אויך דעמלט מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, ווי שוין דעמלט אָנגעהויבן צו עפּעס־וואָס זיך צוקוקן און צוהערן, האָט פון דעם פּראָפעסאָרס רייד אויפגעכאַפּט נאָר דעם „זי" און בלוטיק זיך באַליידיקט: וואָסי, ער איז דען, כאַלילע, קיין מאַנצבל ניט? ער האָט זיך געדרייט, דער באַלעגאָלע, אין דעם ווייכן פּליושענעם שטול, ווי מ׳וואָלט אים אוועקגעזעצט אַף שטעכלקעס. צום קיבעד האָט ער בעשום־אויפן ניט געוואָלט זיך צורירן און געהאַלטן מיט רוגזע אין איין איבערכאַזערן:

— האַדי, נו, אַ „זי" גאַר... האַדי, נו, אַ נעקיוווע גאַר... וואָסי?

און דער פּראָפעסאָר, האַגאַם יענער קאַוועד־קאַדאַכעס איז שוין פון לאַנג פאַרבײַ, קאָן זיך אָבער נאָך ביז הײַנטיקן טאָג ניט שטילן און זיך באַרויקן: דאָס באַגערטסטע, און עפשער טאַקע דאָס סאַמע איקערדיקע אין זײַן לעבן, האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן... און צוליב דעם האָט ער דאָך געבראַכט אַפּן מיזבייעך זײַנע שענסטע יאָרן. ער האָט זיך דאָך פאַר גאָרנישט ניט אָפּגעשטעלט. ער האָט געשריבן און גערעדט. ער איז אַפילו אין די באַטעמעדראָשים, ווי אַ מוסער־באַלדאַרשן, אַרויסגעטראָטן צווישן מינכע און מײַרעווו, איבערגעטרייסלט דאָרטן זײַן דײַטש מיט לאַשנקוידעשדיקע פּסוקים פון טאַנאַך און מיט אַראַמעיִשע שטעלן פון טאַלמוד. ער האָט געקלאַפּט אין די פענצטער און איז געשטאַנען הינטער די טירן פון אַלע הויכע און קליינע סראַרעס, — אומעטום אונטערגעזאָגט און געוייצעט... און דאָך איז ער, אַלבערט עפראַס, ניט געוואָרן דער מאָזעס מענדעלסאָן פונעם רוסישן יידנטום.

פריִער פלעגט עס דער פּראָפעסאָר דערקלערן פּאַשעט: ס׳האָט אים געפעלט דער האַדראַס־פּאָנעם! באַ אים איז ניט נאָר אַ גרוי־וואָכעדיק, נאָר שוין אַפילו אַן אינדערוואָכעדיק פּאָנעם. און שוין דעמלט, ווען די גאַנצע שטאָט האָט אים געוווּסט און געקענט, שוין דעמלט אַפילו, שטעלט אים אײנער אַפּ אינמיטן גאַס:

— איר וועט מיר אַמאָל פאַריכטן דעם וואָנזייגער?

אים, דעם פּראָפעסאָר עפראַס, האָט מען אַזוי לײַכט געקאָנט פאַרבײַטן מיט עפּעס אַ זייגערמאַכערל... נײַן, מיט אַזאַ גלאַט־אינדערוואָכעדיק פּאָנעם קאָן מען קיין מאַנהיג, באַזונדערס באַ יידן, ניט ווערן. צו דעם מוז מען האָבן אײנס פון די ביידע: אָדער מוישע־ראַביינוס האַדראַס־פּאָנעם, אָדער מוישע מענדעלסאָנס... הויקער! יאָ, יאָ, דער רוּעך זאָל עס נעמען, אײנס פון די ביידע...

מיט עפּעס דאַרף מען זיך פונעם האַמוין־אַם אויסשיילן און אויסטיילן: אַוודע וואָלט געווען דאָס בעסטע צו פאַרמאָגן אָרן האַקויהענס שטעקן... יענעם פּראָסטן שטעקן, וואָס צעבליט זיך איבער איין נאַכט. דעם האַמוין איז דאָך ניט וויכטיק, וואָס דער שטעקן וועט קיינמאָל ניט געבן קיין פּרוכטן, אים איז דער איקער, וואָס דער שטעקן בליט... אָט דער האַמוין־אַם וויל און דאַרף, ער פּאַדערט אַפילע, אַז מ׳זאָל אים פּלעטן און פאַרבלענדן.

נאָר שפּעטער, באַזונדערס די לעצטע יאָרן, האָט דער פּראָפעסאָר עפראַס אויפגעהערט צו שפּילן מיט זיך אין באַהעלטערלעך. אין די שלאָפלאָזע ווינטערדיקע לאַנגע נעכט פלעגט ער זיך אַפּן מוידע־אומיסוואַדע זײַן: ער איז געגאַנגען מיט אַ קרומען וועג. ער האָט דאָס גאַנצע לעבן אין אַלץ און אין אַלעמען געצווייפלט. ער איז מיט ביידע פיס קיינמאָל ניט געשטאַנען אַף דער ערד. טאָמיד זיך געוואַקלט און געקווענקלט... אַ גאַנץ לעבן האָט ער געהאַלטן אין דער האַנט אַ וואָגשאָל און קעסיידער, אָן אויפהער, געוויגן און איבערגעוויגן... און דאָס סאַמע שרעקלעכסטע: אין דער וואָג אַליין האָט ער דאָך אויך ניט געגלייבט!

און אַז ער, דער פּראָפעסאָר עפראַס, איז סאַפקאָלסאָף צו אָט דער אונטערשטער שורע דערגאַנגען און צוגעקומען, האָט ער שוין אָבער, באַ דער שקיִע פון זײַן לעבן, ניט געקאָנט אָט די וואָגשאָל אַרויסוואַרפן. ס׳האָט אים שוין געפעלט דערצו ניט אַזוי ווילן און מוט, ווי קויכעס און צײַט. און דעריקער: אויב ער וועט אַרויסשלײַדערן די וואָגשאָל, וואָס ער האָט פופציק יאָר אין דער האַנט געהאַלטן, וועט ער שוין דעמלט גאָר פאַרבלײַבן אין אַ גײַסטיקן מידבער... און ווען? אַז ער שטייט שוין מיט ביידע פיס אין קייווער?

פאַרן פּראָפעסאָר איז די הײַנטיקע, די לעצטע נאַכט פון זײַנע זיבעציק יאָר די סאַמע פײַנלעכע געווען: ס׳האָט זיך אים אַפילע ניט אויסגעדאַכט, נאָר אין דער פינצטערניש האָט ער

מאמעש מיט די אייגענע אויגן געזען, ווי אים אליין, דעם אלטן פּראָפעסאָר עפּראַס, האָלט עמעצער אויך אַף אַ וואָגשאַל...

און ער האָט זיך דערפילט ניט אַף זײַן בעט ליגן, נאָר ערגעץ אינדערלופטן, ערגעץ דאָרטן אין דער הייך, דער קאָפּ דרייט זיך אים אַזוי, אַז ער האַלט זיך דאָרטן קוים אויף אַף דער וואָגשאַל.

דערצו נאָך קומט אים דאָרט אַרויף אַ שרעקלעכער געדאַנק: און וואָס וועט זײַן, אויב יענעם, וואָס האַלט אים דאָרטן אַף דער וואָגשאַל, וועט עס נימעס ווערן, יענער וועט פּלוצעם אײַנזען, אַז ס׳איז גאָר ניט קעדײַ צו פּאַטערן אַף אים, אַפן אַלטן פּראָפעסאָר, אַזויפיל צײַט און קויכעס, און ער וועט אים מיטאַמאָל גאָר, שוין אָן צווייפלעניש, פון האַנט, איניינעם מיט דער וואָגשאַל, אַרויסלאָזן?

פון אָט דער מאַכשאָווע ווערט דער פּראָפעסאָר באַדעקט מיט אַ קאַלטן שווייס און באַפאַלן פון אַ ווילדער איימע.

און מעשונע: ווי נאָר אַזעלכס איז אים אַפן זינען אַרויף, אַזוי האָט יענער דאָרטן אים, דעם אַלטן, פון האַנט אַרויסגעלאָזט, און ער, אַלבערט בערנאַרדאָוויטש, האָט מיטן קאָפּ אַראָפּ, טאַקע איניינעם מיט די וואָגשאַלן, גענומען אין שוואַרצן אָפּגרונט אַרײַן פאַלן.

פאַרהאַלטן און זיך אָפּשטעלן קאָן ער ניט. פאַרקערט, וואָס ווײַטער, הייבט ער אָן צו פאַלן געשווינדער און נאָך האַסטיקער: דאָס האַרץ גייט אים צום גאָרגל אונטער.

כאַפּט ער זיך אָן, ווי אין דער איינציקער רעטונג, מיטביידע הענט פאַר די אײַזערנע קייטלעך פון די וואָגשאַלן. פאַרשטייט ער אָבער און ווייסט גוט, דער אַלטער עפּראַס, אַז די וואָגשאַלן פאַלן דאָך אויך מיט אים איניינעם אין קאָפּ־האַקעלאַ. נאָך מער: גראָד זיי, די וואָג־שאַלן, שלעפּן אים דאָך און וואַרפן אים אַהין. ס׳איז דאָך טיפשעס, ווײַט פון סייכל־האַיאָשער, ס׳איז שוין אַפילע כאָסערדייע צו וועלן זוכן הילף און אָנשפּאַר בא די וואָגשאַלן. באַם אַראָפּ־פאַלן וועט ער דאָך פון זיי, פון די וואָגשאַלן, נאָך מער צעמאַזיקט און שוין גאָר נעהערעג ווערן.

גראָד אין יענער רעגע, פאַלנדיק מיט די וואָגשאַלן אין טהאָם אַרײַן, שלאָגנדיק זיך מיט דער דייע, וואָס טאָן און וויאַזוי ווײַטער צו האַנדלען, גראָד דעמלט, אין זײַן שווידערהאַפטן צושטאַנד, אַ באַדעקטער מיט קאַלטן נויט־שווייס, דערהערט ער זײַן אייניקלס קאָל און אויך אַ פרעמד קאָל — פון אַ פרוי...

און דאָ האָט ער שוין אין ווינקל־פענצטער אויך דערזען די ווײַטע פלאַמען פײַער איבער דער שטאָט. דערפרייט ער זיך אַפילע מיט דער סרייפע: ניט נאָר ער איינער, דער פּראָפעסאָר עפּראַס, נאָר די גאַנצע וועלט פאַלט, דאַכט זיך, מיט אירע וואָגשאַלן אַהין, אין דעם פײַערדיקן טהאָם אַרײַן... ס׳פאַלט אַהין און ס׳שלעפּט מיט זיך מיט דאָס בעסטע און דאָס שענסטע: זײַן אייניקל, דער פינף־און־צוואַנציקיאָריקער באָכער, דער אויסגעשפּילט־געראָטענער אַרכיטעקט־טאָר, וואָס זיי זײַנען פרײַער געווען מיט אים, מיטן זיידן, ווי צווי גוטע כאַווירים, ניט געהאַט איינער פאַרן אַנדערן קיין שום סוידעס, האָט זיך פאַר דער לעצטער צײַט אַזוי פון אים דער־ווײַטערט. שוין פון אַנדערע האָט ער, אַלבערט בערנאַרדאָוויטש, זיך דערוווּסט, אַז זײַן אייניקל כאַפּט אויך היספּײַלעס פון די קרומע געסלעך מיט זייער אויסגעקרימטן לעבן, אַז ער לערנט זיך דאָרט אַפילע צו רעדן אַף זייער „אומגליקלעכן זשאַרגאָן“. אויך ער, זײַן אייניקל, ווערט אַרײַנגעשלײַדערט אין אָט דעם טהאָם — אין דער אַזויגערופענער „מאַסן־באַוועגונג“.

דער אַלטער עפּראַס איז ביז גאָר אופגערעגט: די לעצטע צײַט האָט דער אייניק אָנגעהויבן נאַכט אַף נאַכט זיך אומקערן מיטן פאַרטאָג אַהיים; ס׳האָט אָבער ביז הײַנט נאָך ניט געטראָפן, אַז ער זאָל ביז צו דער שטוב־טיר צופאָרן, און דערצו נאָך, ניט אַליין, נאָר מיט אַ פרוי...

וואָלט זיך דאָ פאַרלאָפן אַ מין ליבע־געשיכטע, וואָלט עס אים, אַלבערט בערנאַרדאָוויטשן, ווייניק וואָס געאַרט. אויך ער אַליין, ניט נאָר, ווען ער איז געווען אין יענעמס יאָרן, נאָר אויך שפּעטער, דאָס גאַנצע לעבן ניט ריין געווען פון זינד, און אַפילע פון שווערע.

און דאָ, אַז דער אַלטער עפּראַס נעמט זיך אין דער פינצטער מוידע־אומיסוואָדע זײַן, הייבט אָן צו שמײַסן זיך, אָן שום ראַכמאָנעס, פאַר זײַנע באַגאַנגענע זינד, דערהערט ער ווידער דעם אייניקלס קאָל. אָבער דאָס מאָל כאַפּט ער אוף מיט זײַן געניטן רופּע־אויער אַ פאַרשטיקט געשריי, וואָס רײַסט זיך פון אַ שטאַרקן ווייטעק אַרויס.

קאָן ער שוין מער אין זײַן בעט ניט אײַנליגן: עפּעס אַן אומגליק האָט מיט זײַן אייניקל געטראָפן. און עפּעס, דאַכט זיך, אַזעלכס, וואָס וועט זיך ניט לאָזן צו פאַריכטן און צו ענדערן.

אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט זאָרג און אומרו, און שוין ניט רעכענענדיק זיך מיט גאָרניט, לאָזט ער זיך דורך די קאַלטע קאָרידאָרן, דורכן פאַרשטעלטן און זײַטיקן הינטערגאַנג אַהין, צום אייניקלס אָפּגעזונדערטער דירע.

נאָר דאָרטן, ווו אונטער דער טיר, אפֿן דיל, ליגט אַ האַלבע ראָד שײַן, בלײַבט דער פּראָ־פֿעסאָר שטיין ווי אײַנגעגראָבן. ניט אַזוי דער יאַדאָפֿאָרם־רייעך שטעלט אים אָפּ, דעם רייעך האָט ער שוין פֿריִער געהערט, אָט דער רייעך האָט אים טאַקע פֿון בעט אויפֿגעהויבן, — אים פֿאַרהאַלט און שטעלט אָפּ דעם דאָקטער רעמעזעס קאָל.

— די קויל, — דערהערט דער פּראָפֿעסאָר, — קאָנט איר באַהאַלטן לעזיקאָרן.

— אַ קויל? איז ער ערגעץ־ווו פֿאַרוווּנדעט געוואָרן? — שטאַמלט דער אַלטער עפֿראָס. — שוין אַזוי ווײַט פֿאַרגאַנגען?.. און די קויל האָט אַרויסגענומען ניט ער, דער זיידע, נאָר אַ פֿרעמ־דער, דער דאָקטער רעמעז.

און האַגאַם, שוין בייסן לויפֿן אַהערצו, האָט ער געוווּסט, שוין אַפֿילו אויף זיכער געוווּסט, אַז מיט זײַן אייניקל האָט זיך אַ גרויסער אומגליק געטראָפֿן, דאָך, דערהערט דעם דאָקטער רעמעזעס רייד, בלײַבט דער אַלטער עפֿראָס שטיין אַ דערשיטערטער. ער קאָן זיך בעשום־אויפֿן ניט גלייבן, אַז זײַן אייניקל, וועלכן ער האָט אַזויפֿיל יאָרן געלערנט צו צווייפֿלען אין אַלץ, אים געלערנט טאָמיד אַלצדינג מעסטן און וועגן...

— און דאָס באַדאַרף זיך טרעפֿן הײַנט, און גראָד אין דער נאַכט, ווען ס'גייען מיר אויס די זיבעציק יאָר?

די נאַכט־קעלט קריכט אים אין די ביינער אַרײַן. ער פֿילט שוין, ווי פֿון דער קעלט הייבט אים אָן ווי טאָן די פּיאַטע פֿון דעם רעכטן פֿוס: ער, דער פּראָפֿעסאָר עפֿראָס, איז דאָך געקו־מען אַהער אַ באָרוועסער און אַ האַלב־נאַקעטער... ער הערט זיך צו, ווי הינטער דער וואַנט, אין דרויסן, קלינגען נאָך אַלץ די גלאָקן, און די זאַווייע, דאַכט זיך, פֿונעם הימל ביז דער ערד, גייט איר ווילדן מאַכשייפֿע־טאַנץ.

די האַלבע ראָד שײַן איז שוין פֿון אונטער דער טיר לאַנג פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. מ'הערט שוין אויך מער ניט קיין לעבעדיק קאָל פֿון דאָרטן, נאָר ער, דער אַלטער עפֿראָס, מיטן ווייטעק אין דער רעכטער פּיאַטע, אַ פֿאַרטראָגענער און געפּלעפּטער, שטייט נאָך אַלץ אין דעם קאַלטן, אין דעם שוין גאָר פֿינצטער געוואָרענעם קאָרידאָר, די עלנבויגן צו די זײַטן צוגעדריקט, און אויף די דאַלאָניעס, ווי אויף וואָגשאָלן, וועגט ער נאָך אַלץ עפּעס זייער לאַנג און מיט גרויס קאַוואָנע.

סאַפֿקאָלסאָף גייט ער צוריק צו זיך אין קאַבינעט אַרײַן, ווו שוין באַלד פֿיר יאָר שטייט הינטער די שפּאַנישע ווענטלעך זײַן עלנטער געלעגער, פֿאַרקריכט אַהין, דערוואָרעמט זיך און נעמט ווײַטער פֿירן דעם כעזשבן־האַנעפֿעש — מאַכן דעם לעצטן סאַכאַקל פֿון זײַנע זיבעציק יאָר לעבן אויף דער ערד.

נאָר אַז ער, דער אַלטער עפֿראָס, דערזעט, שוין באַ דער שײַן פֿון דעם שניי־ווירבלדיקן פֿאַרטאָג, אַז פֿון דעם כעזשבן־צעדעק, פֿון דעם אומראַכמאָנעסדיקן וויקועך, פֿון דעם שמײַסן זיך אַליין, ווערט ער גאָר צעקריגט מיט זײַן לעבן, אַז זיי, ער און זײַן לעבן, ווערן זיך באַלד ביטערע פֿײַנט, אייביקע סאָנים, מאַכמעס די אונטערשטע שורע, דער נאָך־אַלעמען, אויב ניט קיין שוואַרצער, ווערט שוין אָבער גאָר אַ טונקעלער...

דערשרעקט ער זיך, דער פּראָפֿעסאָר, און נעמט אַפֿגיך אַרופּוואַרפֿן זײַן לעבן צוריק אויף די אַלטע וואָגשאָלן.

און ער, אַלבערט בערנאַרדאָוויטש, וועגט זײַן לעבן נאָכאַמאָל און איבעראַמאָל, לאָזט עפּעס אַראָפּפֿאַלן, וואַרפֿט עפּעס אַליין פֿון די וואָגשאָלן אַראָפּ, דריקט צו מיטן גראָבן פֿינגער אויף יענער וואָגשאָל, ווו ס'ליגן זײַנע מײַסים־טויווים... ווערט מיטאַמאָל פֿון אַ באַשולדיקער אַ פֿאַר־טיידיקער, טײַטשט און דערקלערט שוין אַ סאַך זאַכן אַנדערש, מילדער און ווייכער, פֿאַרפֿײַ־נערט און קאַשערט, און אויף אייניקע געווג זײַנע טוט ער פֿאַשעט אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי אויף פּיזמוינים...

X

און דאָך איז דער פּראָפֿעסאָר אויפֿגעשטאַנען אַ פֿאַרוואָלקנטער. און וואָס ווײַטער און וואָס טיפֿער אין טאָג אַרײַן, אַלץ פֿינצטערער און כווישעכדיקער איז ער, דער אַלטער עפֿראָס, גע־וואָרן. דערצו נאָך האַלט מען אין איין טראָגן און אונטערטראָגן בלומען. מ'טראָגט אים פֿאַר־שנייטע בלומען. אין דרויסן ווייעט... אַ זאַווערוכע מיט בלומען!

ער, וואָס האָט זיך אַ גאַנץ לעבן מיט זיי געקוויקט, אַ מינדסט פֿעלד־בלימל פֿלעגט באַ אים אין די שווערסטע רעגעס פֿון צווייפֿל און קוואַנקלעניש אַרויסרופֿן באַרויִקונג, פֿאַרענטפֿערונג און טאָמיד שטילע פֿרייד, ער, דער פּראָפֿעסאָר עפֿראָס, וועט הײַנט פֿון זיי, פֿון אָט די בלומען, שוין באַלד אָן אָטעם בלײַבן און שוין גאָר דערשטיקט ווערן.

יעדער בלום־שטענגל, וואָס ווערט אים געבראַכט און דערלאַנגט, מערט זײַן פאַרדראָס און ייִעוש.

די ערשטע, קימאַט מיטן אָנברוך אַף טאָג, האָט אים געבראַכט בלומען דאָס ווײַב, וואָס איז ייִנגער פון אים אַף פינף און צוואַנציק יאָר. מיט יעדער יאָר איז זי, מאַריאַנאַ, געוואָרן ייִנגער און ייִנגער פון אים. און אויך די שיינקײַט האָט זיך איר פון יאָר צו יאָר פאַרגרעסערט. צום אָנהייב, אַז ער איז נאָך ניט ווײַט פונעם פינפטן צענדליק געווען, אין די ערשטע יאָרן מיט איר, האָט עס אים גרויס פרייד געבראַכט און נאַכעס פאַרשאַפט. נאָר וואָס ווײַטער און שפּעטער איז אָט די יונגקײַט און שיינקײַט אירע געוואָרן פאַר אים די אייביקע קלאָלע.

שוין באַלד פינף יאָר, ווי זי איז פון אים אָפּגעשיידט און אירצט אים. אָט ווערט שוין פיר יאָר, ווי ער האָט זיך איבערגעקליבן צו זיך אין קאַבינעט אַרײַן, — הינטער די שפּאַנישע ווענטלעך שטייט דאָ זײַן עלנט געלעגער.

פון איר אַרײַנקומען צו אים אַזוי פרי, נאָך פאַרן טאָג, ניט קיין אָנגעטאָנענע — און אויך ניט געירצט אים — דעריקער פון איר ארומנעמען און פון איר שטאַרקן קוש, ווי דערמיט, וואָס ס׳איז אים געוואָרן זיבעציק יאָר, האָט ער איר דעם לעצטן כעסעד און די גרעסטע טויווע געטאָן, דערפילט ער, נאָך דער איבערגעלעבטער נאַכט, ווי דאָס לעבן כויזעקט שוין פּאָשעט פון אים אכזאָריעסדיק. און דאָס ערשטע מאָל אין לעבן ווערט אים אַ ראַכמאָנעס אַף זיך אַליין.

אפּאָנעם, אַז אויך פון דאַנקבאַרקײַט פּראָוועט זי אים אַזאַ ראַשיקן געבוירן־טאָג, שטעלט אָן אַזעלכע איבערגעפּולטע טישן. פאַר וועמען? זײַן אייניקל וועט דאָך אַפילע ניט קאָנען זײַן. ער ליגט דאָרטן, נאָכן אַרויסנעמען די קויל, געוויס מיט היץ... און וויאַזוי וועט ער, דער גרויסער באַלסימבע, פאַר די געסט עס דערקלערן?

און וואָס דאַרף ער, דער זיידע, דאָ ביכלאַל טאָן? דאַרף ער אויך ווײַטער זיך מאַכן ניט זעענדיק און ניט וויסנדיק... האָט ער, הייסט עס, גאָרנישט ניט געזען און גאָרנישט ניט געהערט.

שוין טיף אין פרימאָרגן האָט ער אַרײַנגעקוקט אין „קהלת" (קויהעלעס), געזוכט דאָרטן אין דעם גאָר אַלטן, אין דעם קאַדמוינעסדיקן סייפער, דעם איבערגעפּולטן מיט לעבנס־כאָכמע, פאַרלײַכטערונג און מענוכע, געוואָלט דאָרטן געפינען טרייסט פאַר זײַן ניט אויסגעשפּילט לעבן און אויך פאַר זײַן זיקנע און שקיִע...

דער קאַלטער געדאַנק פון העוול־האַוואָלים האָט אים אָבער ניט געקאָנט שטילן און באַרויקן.

פּרוווט ער שוין, אַלבערט בערנאַרדאָוויטש, ווי ניט איין מאָל אין די לעצטע כאָדאָשים, נעמען די קאָנצערטינע אין די הענט און זיך וועקלאָזן מיט איר אַהין, אַף וואַלין, אין יענער וואַלד־געגנט, צו יענעם זאַמדיקן שטעטעלע, אין זײַן יוגנט אַרײַן, צו זײַן טאַטנס שטוב, וווּ ער האָט זײַן ערשטע פרוי, די זעכצניאַריקע, מיטן קינד אַף די הענט, אָן אַגונע געלאָזט... און שפּילן דאָרטן יענע כסידישע ניגונים, וואָס זײַנען פול געווען מיט הייסער נעשאָמע און מיט גרויסן גלויבן.

נאָר שפּילנדיק אַף דער קאָנצערטינע דעם כסידישן טיש־ניגון, וואָס הייבט זיך אָן שטיל, ווי אַ געבעט, מיט טאַכנונים און געבראָכנקײַט, — די אופגעהויבענע הענט ציִען זיך צו עמעצן נאָך הילף, נאָך אָנשפּאַר און ליכטיקײַט, וואָס ווײַטער ווערט אָבער דער ניגון געשטאַרקט, זיכערער, גייט אַלץ העכער און העכער, קומט צו צו פרייד און גייט אַריבער אין סימכע... דאָ, שפּילנדיק אַף דער קאָנצערטינע, — און איז, ווי זײַן טאַטע, באָרוך דער שויכעט, אַרײַן אין היסלײַוועס, — דאָ קומט אַרײַן זײַן באַס־זקונים, יעלענאַ.

אויך זי, די טאָכטער, איז אַרײַן מיט קאַלטע, נאָך מיט שניי־פאַרוויִעטע בלומען — טונקל־רויטע, ווי פאַרבאַקן בלוט... אָבער אין איר קאָל, אין איר אַרומנעמען זײַן קאָפּ, אין איר צוטוליען זיך צו אים פילט ער גרויסע ליבשאַפט און אויך שרעק און ציטער פאַר יענעם טאָג, ווען זי, יעלענאַ, קאָן אים, דעם אַלטן פאָטער, פאַרלירן און שוין בלײַבן גאָר אײנע אַליין.

— איך וועל נאָך לעבן, יעלענאַ, לאַנג...

— אָט אין דעם, פּאַפּאַ, האָב איך קיינמאָל ניט געצווייפלט.

און קעדיי אָפּצוווענדן סײַ זיך און סײַ אים פון שווערע געדאַנקען, דערציילט זי:

— אין שטאָט איז זייער אומרויִק, די סרייפע, זאָגט מען, איז אויסגעבראָכן ניט פון זיך אַליין. מ׳האָט אונטערגעצונדן... אין שפּיטאָל זײַנען געווען זשאַנדאַרמען. זיי האָבן אַרײַנגעקוקט אין אַלע ווינקעלעך. באַזונדערס האָבן זיי געגנישטערט אין די פּרויען־פּאַלאַטעס.

— אָן מײַן דערלויבעניש האָט מען זיי אַהין אַרײַנגעלאָזט?

— זיי האָבן דען עמעצן געפרעגט? זיי האָבן זיך פּאָשעט אַהין אַרײַנגעריסן.

— העפקיירעס און טיפּשעס. אגעוו, גייט עס טאָמיד באַנאַנד... און וואָס זוכן זיי?

— בייס דער סריפע זײַנען פון דער עטאפ־טורמע אנטלאָפן געוואָרן זעקס פּאָליטישע. צווישן זיי א פרוי.

— א פרוי?

— וואָס כידעשט עס דיך אזוי? בייסן אנטלויפן, זאָגט מען, איז זי פארוווּנדעט געוואָרן.

— פארוווּנדעט געוואָרן?

— וואָס האָלטסטו זיך אין איין וווּנדערן?

— א פרוי זאָל קריכן אין אזא קעסלגרוב...

— ס׳איז, זאָגט מען, די זעלבע, וואָס איז ארויסגעטראָטן מיט דער רעדע פאר די אר־בעטער. דאָרט בא דער דעפּאָ.

— יענע, זאָגסטו, וואָס האָט געהאַלטן די רעדע? — פרעגט איבער דער אַלטער עפראָס, און ס׳באַפאַלט אים אן אינערלעכע טרייסלעניש.

פון אירע רייד ווערט אים שוין צופיל קלאָר, וואָס באַנאַכט האָט געטראָפן און וואָס פאר א מאַטאַנע ס׳האָט אים, אף די אַלטע יאָרן, צו זײַן זיבעציקסטן געבוירן־טאָג, אונטערגעטראָגן דאָס איינִיקל. טוט ער שיר ניט א געשריי: ניט זי, ניט יענע, נאָר ער, דער פלעמעניק דײַנער, ער איז פארוווּנדעט געוואָרן. און יענע איז ניט אין שפּיטאָל, נאָר דאָ, בא מיר אין שטוב, באהאַלט זי זיך אויס.

— שטעל ארײַן, פאפא, די בלומען אין וואסער. אין די הענט וועסטו זיי צעברעכן. יענע איז איווע לאַנדעס א קרוּיווּע...

— נו, איז וואָס דערפון?

— זי איז באַנאַכט אויך אנטלאָפן.

— ווער איז באַנאַכט נאָך אנטלאָפן?

— די איווע לאַנדע...

— פונוואַנען ווייסטו עס? און צוליב וואָס דאַרף איך עס וויסן?

און אויך אף איר, אף דער טאָמיד פארטרויערטער טאָכטער, הייבט ער אָן קוקן מיט כשאַד און מוירע: זי, וואָס מ׳דאַרף בא איר טאָמיד ארויסרײַסן א וואָרט מיט קויעך, זי זאָל אף איין מאָל אזויפיל ארויסברענגען... אזא באַריידעוודיקײַט קאָן קומען נאָר פון פּלוצעמדיקער אינער־לעכער אופטרייסלעניש! א סוואַרע, אז אויך זי, יעלענא, זאָל דאָ זײַן פארפּלאָנטערט און ארײַנ־געמישט?

אירע רייד — אָן אופהער און אָפּשטעל, דערצו נאָך צעשאָטענע, ניט געקניפּטע און געבונ־דענע; אָט רעדט זי וועגן דער באַנאַכטיקער סריפע, און מיטאַמאָל וועגן דער איווע לאַנדע, — וואָס אַרט און וואָס פּײַניקט זי אזוי, אָט די איווע לאַנדע? — און פּלוצעם שפּרינגט זי אריבער:

— דו געדענקסט, פאפא, ווי אַמאָל, אז איך בין נאָך גאָר א קינד געווען, האָסטו מיר פון דער שווייץ געבראַכט צו פירן א לעבעדיק מאַלפּעלע. נאָר דאָס מאַלפּעלע האָט געלעבט איין־און־איינציקן מעסלעס...

אירע רייד, איר אופגעטרייסלטער אויסזען, פארפּלאָמט־און־צעטומלטקײַט, נעמט בא אים שוין גאָר אָפּ יענע געזעצטקײַט, יענע רויִקײַט פון וועגן־און־מעסטן, און אז זי טוט אים מיטאַמאָל א פרעג: „דו וועסט אים אופנעמען?“, ווייסט ער שוין בִיכלאַל ניט, וועגן וואָס און וועמען זי רעדט.

— אופנעמען? — פרעגט ער שטיל איבער.

— איך ווייס, אז ער איז דיר ניט צום הארצן.

— דו ביסט דען געווען בא אים?

— איך בין געווען בא איר...

— בא איר? און דו האָסט גערעדט מיט איר?

— איך האָב זי געוואָלט וואָרענען און... דעריקער אויסקלאָרן.

— וואָס איז דאָ פאראַן וואָס צו וואָרענען און צו אויסקלאָרן? דאָ איז געשען אן אומגליק!

— דו ביסט אין דעם זיכער? און מיר דאַכט זיך...

ערשט דאָ כאַפּט ער זיך, אז ער האָט דאָך שיר־שיר אַליין ניט אנטפּלעקט דעם סאָד, וואָס אונטערן דאַך פון זײַן הויז איז באַנאַכט זיך פארלאָפן.

ער הייבט דאָ אָן צו פארשטיין, אז איר, יעלענעס, פארפּלאָמט־און־צעטומלטקײַט האָט מיט דער באַנאַכטיקער סריפע, מיטן שפּיטאָל, מיט די זשאַנדאַרמען און מיט „יענער“ קיין שום שײַכעס ניט.

גאָר עפּעס אנדערש האָט זי, יעלענען, מיט אזא צערודערטקײַט אהער צו אים געבראַכט.

הערט ער זי שוין ווײַטער מיט מער יִישעוו־האדאס, הייבט אויך אָן פון אירע ניט גע־קניפּטע און ניט געבונדענע רייד אויסצוקלאַרן, אז דאָ גייט גאָר א רייד וועגן דעם קלעזמער־יונג, וועגן יענעם וואַגלער־לעץ, וואָס לעצוועט איבערן טכום־האמוישעוו אף גאסן און געסלעך...

א סוואַרע, אז ס'איז שוין מיט אַט דעם אקיוועו אזוי ווײַט פארגאנגען? דאָס וואָלט דאָך געווען פּאַשעט ניט אזוי פאר אים, פארן פּראָפעסאָר עפּראָס, ווי פאר איר אליין, פאר יעלענען, א מוירעדיקע יערידע... פאַלט ער טאקע בעעמעס, אַלבערט עפּראָס, שוין ניט נאָר אין כאַלעם, נאָר שוין מיט אָפענע אויסגעשלאָפענע אויגן אין טהאָם אריַין?

און האגאם זי רעדט איצט וועגן אקיוועון, ווי וועגן א זאך, וואָס דארף צעשטרייען און פאר־ווײַלן, נאָר דער אַלטער עפּראָס הערט שוין אין איר קאָל יענעם אומרו און ציטער, וואָס צע־שטערט דעם אָנשטעל. ער דערפילט מיטאמאָל, אז זי, יעלענא, איז ניט געקומען מיט אים זיך אייצענען. זי איז אויך ניט געקומען צו בעטן בא אים זײַן האסקאָמע, זי איז געקומען אים פּאַשעט צו וויסן געבן...

אירע אויגן, די בלוי־גרינע, וואָס זײַנען פריִער געווען צו אים אזוי וואַרעם און פול מיט ליבשאַפט, יענע אויגן זײַנען איצט פול מיט טײַנע, מיט פארדראָס און אפילע מיט סינע, ווי ער וואָלט קעגן איר ניט נאָר אָן אוולע, נאָר א פארברעכן באגאנגען: זי ערגעץ־ווו געפירט און פארפירט.

און באַלד דערזעט ער זי שוין ניט קיין פארפלאָמטע, נאָר א ווײַס־געוואָרענע.

— ליבע, — זאָגט זי פּלוצעם, — האָט מיסטאמע ניט קיין אייצעגעבער.

— אָבער, יעלענא, — ציט ער אויס צו איר די הענט, — באטראכט זיך און וועג אָפּ!

— איך האָב שוין געגוג געטראכט און איבערגעטראכט... כ'האָב שוין גענוג געמאָסטן און געוויגן...

און זי גיט צו, שוין מיט א ניט באהאלטענעם קאס:

— צי דען האָסטו בעעמעס געמיינט, אז דו האָסט מיר טאקע אײַנגערעדט, און איך וועל דאָס גאנצע לעבן אין דעם גלייבן, אז איך בין דער שטאָלצער אָדלער, וואָס זיצט אפן הויכן בארג?.. — זי לויפט קימאט ארויס און טוט א קלאַפּ מיט דער טיר.

דעמלט פארבלײַבט שוין דער אַלטער עפּראָס מיט דער אינערלעכער טרייסלעניש אָן אונטערגעבראָכענער און א פארוואָלקנטער דעם גאנצן טאָג אליין.

ער דרייט זיך ארום בא די ביכער־שראנקען, צווישן די מיט בילדער פארהאנגענע ווענט, ווי פון אַלעמען פארגעסן און איבעריק געוואָרן. האגאם ס'ווערן אים פון צײַט צו צײַט אונ־טערגעטראָגן אף א זילבער־טעצל, פון הי און אויסלאנד, באגריסונג־טעלעגראמעס און בריוו, ווו ס'ווערט אים אויסגעדריקט פון קאָלעגן און טאַלמידים גרויס אנערקענונג און דאנקבארקײַט פאר זײַן פיליאַריקער שיין־פּראַקטישער און נוצלעך־וויסנשאַפטלעכער מי, אָבער ס'דערוואַ־רעמט ניט זײַן הארץ. פארקערט, ס'ווערט פון אים אופגענומען מיט דערצאָרנטקײַט, ווי פון איינעם, וואָס דארף אַט דעם קאָוועד איבערגעבן זײַנעם א פריִערדיקן גוטנפרײַנט, מיט וועמען ער איז איצט צעקריגט אף טויט.

און דערצו נאָך נעמט זי, יעלענא, פארנאַכט שפּילן מאָצארטס „רעקוויִעם", ווי זי וואָלט אין דעם שוין פינצטער געוואָרענעם, אין דעם מיידלשן צימער אירן אָנגעהויבן צו שיידן און צו געזעגענען זיך מיט בלוטיק נאָענטס, מיט עפּעס אזוינס, וואָס גייט אוועק, קערט זיך ניט אום און וועט אף אייביק פארלאָרן ווערן.

קאָן ער מער ניט, אַלבערט עפּראָס, פארבלײַבן מיט זיך אליין און לאָזט זיך אין דער גרויסער שטוב אריַין, ווו ס'ווערן די טישן געשטעלט, געדעקט און סערווירט.

פארבײַגייענדיק דאָס זײַטיקע צימערל, ווו ס'לעבט שוין א לאנגע צײַט זײַן שוועסטער — די לעצטע פון דער מישפּאָכע און ווי א זיקאָרן פון זײַנע אמאָליקע גאָר ווײַטע קינדער־ און־היים־יאָרן, — יענע, וואָס האָט איר שטוב אין דײַטשלאנד פארלאָזט, וווהין ער, אַלבערט בער־נארדאָוויטש, האָט זי אמאָל פון טאטע־מאַמעס כסידישער שטוב און פאנאטישער האזשאָכע ארויסגעריסן, זי געבראכט צו זיך, קיין דײַטשלאנד, איר דאָרטן וויסן און בילדונג געגעבן — אין דער גרויסער און אין דער ברייטער וועלט זי געלאָזט אריַינבליקן.

דער אַלטער עפּראָס, בא יענעם זײַטיקן צימערל, פארהאַלט זײַנע טריט... דערנאָך האָט ער די שוועסטער פאר דעם דאָקטער, שוין אין די יאָרן, פאר דעם שטילן און גוטן דײַטש, פונעם שטעטל, וואָס אפן זאאלע־טײַך אין טירינגער וואַלד, אין דאָס „גרינע הערץ דויטש־לאנדס", אהין אין יענער געגנט, פאר יאַכים שיראך כאסענע געמאכט.

דאָרטן, — אין טאָל, צופוסנס פון די באוואַלדעטע בערג, אינעם שטעטל בא דעם שטילן זאאלע־טײַך, — האָט זי א זון געבוירן און געלעבט, האגאם ניט רײַך, באשיידן און אויסגע־רעכנט, אָבער אין שאַלווע און אין שאַלעם־באַיִס.

אויך דער זון, פרידריך, אָדער ווי דער פאָטער, דער שטילער יאָאכים שיראך, פלעגט אים מיט שטאָלץ רופן „די בלאָנדע בעסטיע“, אויך ער, דער זון, האָט פרייד און נאכעס פארשאפט. ער איז געווען געטריי און צו פאָטער און מוטער צוגעבונדן און איבערגעגעבן.

ער, פרידריך, אז ער האָט שוין אין הויכשול געלערנט, אפילע דעמלט, פלעגט ער אין די בייך־האזמאנים פון יעדער מין לוסט־רייזע זיך אָפזאָגן און נאָר געוואָלט מיט זיי, מיט די עלטערן זיינע, די פרייע צייט פארברענגען. און זי, דעם פראָפעסאָרס שוועסטער, יענטל, די שפעטערדיקע, שוין אין פראָטעסטאנטישן גלויבן, עלזע, זי איז גליקלעך געווען.

האָט דער זון די הויכשול פארענדיקט און איז אהיים אלס דיפלאָמירטער אינזשעניער געקומען.

דאָס מאָל שוין ניט אף לאנג: ער דארף קיין דיסעלדאָרף, אף זיין שטעלע, פאָרן. און דערביי האָט ער, פרידריך, אויך די בסורע אָנגעזאָגט: ער האָט א קאלע. זי וועט אין עטלעכע טעג ארום אהער, און אויך מיט אירע און זיינע כאווײרים, אף אן אָוונט קומען.

זיינען די שיראכס, באזונדערס זי, די מוטער עלזע, פון דער הויט געקראָכן און א גרויסארטיקן, אריבער די מיטלען און קויכעס, א מאָלצייט גענומען גרייטן.

און אז אלצדינג איז שוין גרייט און פארטיק געוואָרן, די קאלע מיט אירע באגלייטער האָבן שוין געזאָלט אָנפאָרן, דאָ האָט דער זון ארויסגעפירט די מוטער עלזע אינעם סעדל, ווו די ווייסע רויזן האָבן געבליט, ארומגענומען דאָרטן די „מוטי“, א קוש געטאָן, זי באדאנקט פאר דער גרויסער טירכע, פאר די שיין צוגעגרייטע טישן, און... ער, פרידריך, האָט צו איר, צו דער מוטער, א גרויסע ביטע: זי זאָל אים נאָר ריכטיק פארשטיין און באנעמען... זי ווייסט דאָך, ווי ער, פרידריך, ליבט זיין מוטי... אָבער ס׳קאָן אים שטערן אין זיין קאריערע, אין זיין גאנצן וויי‍טערדיקן לעבן... זיין „פארלאָבטע“ איז רייך און פון געהויבענע עלטערן. די „פארלאָבטע“ און אירע אלע באגלייטער וויסן ניט און זיי טאָרן ניט וויסן, אז זיין מוטער איז א יידישע... ער בעט זי, די מוטער, מיט טרערן אין די אויגן, נאָר דאָס מאָל און נאָר אף דעם איינעם אָוונט פון זייער קומען, אוועקפאָרן פון דער היים...

הערט ער, דער פראָפעסאָר, ווי זי, די שוועסטער, זאָגט דאָרטן, אין יענעם זייטיקן צימערל, ווי טאָמיד אין די בייך־האשמאָשעס, איר אָוונטיקע טפילע: געלאָבט זייסט דו, הערויגער, אונזער גאָט און גאָט אונזער פאטער. גאָט אבראהאמס, גאָט איזאאקס און גאָט יאקאָבס, גראָסער, מעכטיגער אונד פירכטבארער גאָט! הער אין די האָהען... — טוען באם אלטן אלבערט בערנארדאָוויטשן די געלבלעכע האָר ארום גרויסן שארבן, די ווייסע וואָנצן און די אונטערשטע ארויסגערוקטע פול־בלאָזלעכע ליפ א ציטער, און ער נעמט מיט די פינגער טאפן אלץ, וואָס ארום זיך: צי ס׳האָט נאָך ווארעמקייט, אָדער ס׳הייבט שוין דאָ אָן, אין שטוב, אלצדינג צו קילן און צו גליווערן.

דאָרטן, אין דעם גרויסן, אין דעם העל־באלויכטענעם זאל, ווו די פענצטער זיינען מיט געדיכט־געפאלדעטע ווייסע זיידענע שטייפע פאָרהאנגען פארוקט, — דאָס מעבל איז ארויסגעטראָגן, ס׳איז א מין בינע אופגעשטעלט און מיט פארביקן שטאָף ארומגעקלאָפט געוואָרן, מיט מעשופעדיקע פולטן אויסגעשטעלט, ווי עס שיינט, וועט אן אָרקעסטער שפילן. זי, דאָס ווייב, וויל זיינע זיבעציק יאָר מיט מוזיק און טענץ ארויסבאגלייטן... דאָרטן, אין דעם העל־באלויכטענעם זאל, שוועבן ארום פיר קעלנער, אין שווארצן געקליידט, — פון רעסטאָראן אראָפגעבראכט אף צו דערלאנגען און צו באדינען. זיי שפרייטן און דעקן די פירעקטערדיקע טישלעך, — פונוואנען און וועו האָט מען זיי אהערצו געבראכט? זיי, די קעלנער, טראָגן וויינען און געטראנקען, ווייסע און האָניק־לעקעכער, פלאָדנס און טאָרטן, געבאקנס און געפרעגלטס.

דערנאָך טראָגן זיי, אלע פיר קעלנער צוזאמען, אף א מעשונע־גרויסער טאץ א ריזיקן טאָרט, — דאָס דארף שוין זיין לעקאָוועד אים, דעם פראָפעסאָר, דעם באל־יויוול. עפעס ניט קיין טאָרט, נאָר א מין באָוול־טורעם מיט א גילדענער רויז אין דער שפיץ, און פון דאָרטן, פון דער גילדענער רויז, הייבט זיך ארויס א וויים־ליכטיקער, מאמעש א שטראלנדיקער „70“.

און וויי‍טער, נאָכן טאָרט, ווערט אריינגעבראכט א געבראָטן קוויטשערל, א פייכטס, א ראָזעווע, ווי ערשט פון באָד ארויסגענומען, און ס׳ליגט, דאָס כאזערל, אפן בייכעלע, די פיסעלעך אונטער זיך, דאָס פיסקעלע אויסגעצויגן, די אייגעלעך צוגעזשמורעט און ס׳קרעכצט, דאכט זיך, פון טייגעג און האנאָע.

נאָכדעם קומען שוין קאָלערליי און פארשיידענע צובייסנס און פארבייסנס — געזאלצנס און שארף־געווירצטס אף צו וועקן און צו רייצן דאָס זוילעל־וועסויוועדיקע.

און צום סאָף קומט שוין אלבערט בערנארדאָוויטשעס באליבט מייכל: די געפעפערט־געפילטע פיש — די העכטן און די זילבער־ און שפיגל־קארפן.

דאָרטן, אין יענעם גרויסן זאַל, ווו די ווענט זײַנען אַרומגעשטעלט מיט בלומען און דאָס געשליפֿענע גלאָז פֿינקלט, בליצט און שנײַדט דאָס אויג, ווערט אים, דעם אַלטן עפּראָסן, פֿון אַט דעם אַלעם, שוין גאָר ניט גוט. ער דערפֿילט זיך דאָ פּאַשעט ווי אַ יורעד אַף אַ פֿרעמדער סימכע, ווי איינער אַף אַ פֿרעמדער וועלט, וואָס גאָרנישט רירט אים ניט און גאָרנישט רופֿט שוין אַפֿילע קיין קינע ניט אַרויס, אַ יורעד, וואָס ווינטשט דאָ פּאַרט אַלעמען אַלדאָסגוטס און פֿאַרבלײַבט דאָ יעדערן אַ פֿרײַנט.

און דאָך און פֿונדעסטוועגן בײַטשט אים דאָרטן, אין דעם העל־באַלויכטענעם זאַל, אַלצדינג איבער דער נעשאָמע. אַלץ, אַפֿילע די קאַלטע אויבסן אַף די קרישטאָלענע וואַזעס, וואָס ווערן פֿון דער שטוב־וואַרעמקײַט מיט טוי און מיט געדיכטן נעפּל באַדעקט.

אין אַט דעם זאַל וועט ער דאַרפֿן דעם גאַנצן אָוונט אויפֿנעמען און שפּילן דעם אָנגעזעענעם זאַקן, וואָס האָט מיט סייכל און ייִשעוו־האַדאַס אַ גרויס לעבן, אַ שטיק ראַשיקע געשיכטע פֿון דער וועלט דורכגעשפּרײַזט, געהאָלפֿן דער מענטשהײַט, אין מעשעך פֿון אַ האַלבן יאָרהונדערט, מיט אַלע זײַנע קויכעס, צו שטופּן דעם וואָגן פֿון דוירעס אַלץ ווײַטער און העכער... און וווּהין האָט ער געשפּאַרט און געשלעפּט דעם וואָגן? און וואָס איז געוואָרן פֿון זײַן אַמאָליקן געשריי: צופֿיל פֿירט מען! מ׳שלעפּט מיט זיך צופֿיל איבעריקע מאַסע! מ׳דאַרף וואָס מער פֿון וואָגן אַראָפּוואַרפֿן! וואָס מער מ׳וועט וואַרפֿן, אַלץ גרינגער וועט זײַן דער גאַנג און דער וועג! וואָס מער מ׳וועט אַראָפּוואַרפֿן, אַלץ גיכער וועט מען אָנקומען און דערגרייכן אַהין!.. וווּהין? און דעריקער, מיט וואָס? אַט שטייט ער שוין מיט די זיך־טרייסלענדיקע פּיס אַפֿן באַרג יאָרן — אַף די זיבעציק יאָר זײַנע, אַף די טויזנטער טעג און הונדערטער כאַדאָשים פֿון זײַן לעבן, און וואָס וועט ער קאָנען זאָגן און ענטפֿערן די געסט, וואָס וועלן דאָך געוויס און אַוודע באַ אים פֿרעגן:

— הער פּראָפֿעסאָר, און ווו איז אײַער אייניקל?

XI

אין יענעם אָוונט — אַ ווײַסער אַף דער ערד און אַ שוואַרצער אין די הייכן, ווי די זאַווייע וואָלט בעעמעס פֿון אַלע הימלען די שטערן אויסגעלאָשן, — שטייט ער, דער אַלטער עפּראָס, דער באַלסימכע, מיט די צוגעדריקטע עלנבויגן צו די זײַטן, און אַף די ווייך־ברייטע דאַלאָניעס האַלט ער נאָך אַלץ עפּעס אין איין וועגן און איבערוועגן. ער ענטפֿערט דערבײַ אויך אַף די בראָכעס און ווינטשעוואַניעס, שמייכלט צו די געסט, וואָס קומען דאָך און מערן זיך, ניט געקוקט אַף אַלע מעניִעס — אַף דער אומרויִקײַט אין שטאָט, אַף דער נאָך ניט אײַנגעשטילטער זאַווייע, אַף דער ווײַטקײַט: ער, דער פּראָפֿעסאָר, וווינט דאָך באַם שפּיטאָל, שוין קימאַט אין וואַלד, און דער גאַנג אַהער איז איבער הורבעס שניי. פֿונדעסטוועגן ווערט דער אוילעם גרעסער. ער דאַרף פֿאַר זיי צוקלײַבן און צוזוכן אין זיקאָרן עטלעכע לאַטײַנישע ווערטער, וואָס זאָלן קאָנען דערקלערן און פֿאַרענטפֿערן, האַלעמײַ זײַן אייניקל קאָן דאָ הײַנט, גראָד הײַנט, ניט זײַן און בײַזײַן...

און אַט דערזעט ער, דער פּראָפֿעסאָר עפּראָס, די פֿאַרענדערטע, די נישטוימעם־געוואָרענע פּענעמער, דערפֿילט די דראָענדיקע שטילקײַט, וואָס שטעלט זיך מיטאַמאָל אַרום אים. וואַרפֿט ער אויך, ווי אַלע, זײַן בליק צו דער אַרײַנגאַנגס־טיר און בלײַבט אויך שטיין איבעראַשט און ביז גאָר פֿאַרוווּנדערט.

פֿון דאָרטן, פֿון די שויבן־טירן, אויסמײַדנדיק אַלץ און אַלעמען, גייט און דערנעענטערט זיך צו אים אַ פּאָרל מיט בלומען.

אים דערקענט ער טייקעף. אים קאָן מען מיט עמעצן ניט פֿאַרפּלאָנטערן... דאָס איז דאָך דער גאָלעס־קלעזמער, זײַן טאָכטערס אויסדערווײלטער, זײַן קומענדיקער איידעם. פֿון הײַנט אָן וועט ער, דער פּראָפֿעסאָר עפּראָס, דאַרפֿן מיט אים אין איינע דאַלעדאַמעס שטיין.

ער, אַלבערט בערנאַרדאָוויטש, וועט שוין באַלד אָנהייבן צו גלייבן אין באַשערטקײַט, אין געטלעכער האַזשגאָכע: אויך זי, יעלענאַ, גייט מיט דעם זעלבן וועג פֿון איר עלטערער שוועסטער. האַגאַם יעלענאַ האָט יענע קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען, און ביידע זײַנען אַפֿילע ניט פֿון איין מאַמע... יענע, די ערשטע טאָכטער זײַנע, איז שוין לאַנג טויט. פֿון יענער איז אים פֿאַרבליבן דאָס צוועלפֿיאָריקע ייִנגל. ניט גרינג איז אים, דעם פּראָפֿעסאָר, אָנגעקומען עס איבערדערציִען און פֿאַר אַ לײַט מאַכן. אַזויפֿיל מי און צײַט אָפּגעגעבן. און צום סאָף האָט אים דאָס אייניקל צום זיבעציקסטן געבוירן־טאָג אונטערגעטראָגן הײַנטיקע נאַכט אַזאַ מאַטאָנע.

און ווער גייט עס מיט אים, מיטן גאָלעס־קלעזמער, באַנאַנד? הם... דאָס איז דאָך די איווע

לאַנדע. יענע, צו וועלכער ער איז אין אָנהייב ווינטער צוויי מאָל א טאָג געבראַכט געוואָרן, און דערנאָך, אין איינעם א טאָג, זיך אָפּגעזאָגט פון איר. מער צו אַזא כוילע ניט געוואָלט פאָרן.

דער פּראָפעסאָר עפראָס גלייבט נאָך איצט אויך ניט, אַז פון אַזא קרענק זאָל מען זיך פון בעט קאָנען אופהייבן און אַף די פיס זיך קאָנען שטעלן.

וויפל דער דאָקטער רעמעז זאָל עס דאָרטן ניט דערקלערן מיט איר שטאַרקן ווילן און ליבשאַפט צום לעבן, מיט איר אַקשאָנעס... ס'זײַנען אָבער פאַראַן ביִאָלאָגישע געזעצן, וואָס זײַנען ווי די געזעצן אין מאַטעמאַטיק: בא אַלע אומשטענדן, אין אַלע צײַטן און אַף אַלע פּלאַנעטן וועט צוויי מאָל צוויי טאָמיד און קעסיידער זײַן — פיר.

אַוואַדע איז דראַנג און ווילן א גרויסע זאַך פאַר א קראַנקן, נאָר אַז די קויכעס פאַלן, מינערן זיך, ווערן מיט יעדער טאָג קלענער און ווינציקער, מוז דאָך שוין בעמיילע אויך די אַקשאָנעס פאַלן. זאָל אַפילע אָט די אַקשאָנעס זײַן, ווי רופט ער עס דאָרטן אָן, דער דאָקטער רעמעז: א באַיאַרישע — אַן אַקשאָנעס א באָיאַרישע...

דאָ טוען באַם אַלטן עפראָס א לויכט אוף די אויגן, ווי ער וואָלט מיטאַמאָל אַן אויסוועג און אַפילע אַן אויסלייזונג געפונען: זי, איווע לאַנדע, איז דאָך אַהער ניט צו אים געקומען, נאָר צו יענער, צו איר קרויווע. אַוואַדע איז דאָס פון איר, פון אָט דער איווען, אַן אײַנשטעלעניש. נאָך די אַלע רייד, וואָס גייען אַרום וועגן איר אין שטאָט, איז איר קומען אַהער פון יענע העלדישקײַטן, וואָס גרענעצן זיך מיט שיגאָען... אָבער ווי ס'זאָל דאָרטן ניט זײַן, איז איר קומען אַהער א מאַזלדיקער צופאַל.

נאָר אַז איווע איז שוין לעבן אים געשטאַנען, פּאָנעם־על־פּאָנעם, מיט דער ציטערנדיקער האַנט און מיט יענער איבערגעטריבענער פרייִלעכקײַט די בלומען אים דערלאַנגט, אָנגעהויבן מיט איר האַרציק־וואַרעמען קאָל צו באַגריסן אים מיט די זיבעציק יאָר, מיט זײַן שיין לעבן, וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן דעם מענטשן אַף צו היילן און צו שטילן יענעמס ליידן און פּײַנען... ווערן דאָ באַם אַלטן עפראָס די אויגן אויסגעלאָשן און ער ווערט בלאַס.

שוין פון דעם פּראָפעסאָרס פריִער אופגעלויכטענע אויגן, פון זײַן פריידיקן באַגעגענען זי, ווי איינע, אַף וועלכער מ'האָט געוואַרט, אַרויסגעקוקט, און וואָס איז, סאָפּקאָלסאָף, אין דער געענגטער, אין דער נויט־שאָ, געקומען אַף צו העלפן, לעכאָלהאַפּאָכעס, אַף צו לינדערן און צו פאַרגרינגערן... — און באַלד זײַן בלאַס ווערן, זײַן אָנגעשטרענגטער און פּלוצעם דערשראָקענער בליק, — פון דעם אַלעמען כאַפּט זי אַרום א נײַער גרויסער אומרו און זי בלײַבט שטיין פאַרן פּראָפעסאָר, ווי פאַר א נײַעם גזאַר.

זי קאָן מיט אַלע אירע כושים, מיטן שאַרפן אויג און קויעך־האַדימיען ניט טויפעס זײַן און באַגרײַפן, וואָס אַזעלכס קומט דאָ פאָר צווישן איר און אָט דעם אַלטן עפראָס.

זי דערשפּירט אָבער, אַז עפּעס בינדט זי דאָ מיטן פּראָפעסאָר, אַז אויך ער טרעט אין איר לעבן אַרײַן.

נאָר צוליב וואָס און מיט וואָס? און נאָך וואָס קומט ער אַהין, אין איר לעבן, אָן דעם דאָך און אָן דער שוועל?

און וואָס קאָן ער דאָרטן דאַרפן, דער אַלטער עפראָס, אין איר סאַרפּעדיקער עלנט און אין איר מידבערדיקן וואָגל?

אַן אַנדערשמאָל, דערפילנדיק, אַז נאָך עמעצער וויל זיך מיט פאַרשטעלטע קאַוואָנעס אין איר לעבן אַרײַנרײַסן, וואָלט זי, איווע, גלײַך אויווער געווען אַף אַלע דערעכערעצן און צו דעם א סאָף געמאַכט. נאָר איצטער, בא איר מאַצעוו, געקומען איז זי דאָך אַהער מיט א באַשטימטן מיין, מיט א באַשטימטער שליכעס פון איר לעבן, דאָ דאַרף זי זיך הײַנט באַגעגענען מיט יענער, נאָך הײַנט מוז זי, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, זיך טרעפן און נעמען בא איר די וועסלעס... — טאָר זי דאָ ניט מאַכן קיין איין פאַלשן טראָט.

דערצו נאָך איז שוין אַקיווע אויך ניטאָ. ער האָט געזאָגט דעם באַלסימכע יענע עטלעכע לאַקריץ־זיסע ווערטער, וואָס ווערן אין אַזוינע פאַלן געזאָגט, און איז גלײַך פונדאַנען אַרויסגעגאַנגען. זי וועט אים אַפילע ניט קאָנען פירהאַלטן. אַוואַדע האָט ער געמוזט טייקעף האָבן מיט יעלענען דעם שמועס.

בלײַבט זי אַף איר אָרט לעבן פּראָפעסאָר שטיין. זי קאָן דאָך דאָ, צווישן אָט דעם יִכעסדיקן ערעוורעוו, ניט פאַרבלײַבן איינע אַליין.

אָט די ווײַבער, וואָס האָבן פריִער, ביז איר אַרײַנקומען אַהער, שטילערהייט און ביגנייווע, געגענעצט אין די טיכלעך אַרײַן, באַטראַכט און באַקוקט איינע די צווייטע, געזוכט און אויסגעפונען איינע אַף דער אַנדערער מומים און כעסרוינעס, אָט די האַלב־נאַקעטע ווײַבער, האַגאַם אין לאַנגע קליידער מיט שלייפן, זיי, וואָס א גאַנץ לעבן באַרימט מען זיך מיט פאַרשימלטן און פאַרלעגערטן יִכעס, זיי וועלן זיך דאָך באַלד נעמען, ווי נאָר זי, איווע, וועט בלײַבן אַליין, אָפּ־

רעכענען און צעצאָלן זיך מיט איר, מיט דער דאָרפס־מויד, מיט דעם אָקסנהענדלערס, מיט דעם מאָכסנס, טאָכטער, וואָס האָט זיי, די יאכסנטעס, טאָמיד, פונעם ערשטן טאָג אָן, און די אַלע צען יאָר פון איר זײַן בא די לאַנדעס, אויסגעמיטן און פארבײַגעגאנגען, און אויב זי האָט זיך שוין יאָ מיט זיי געטראָפן, האָט זי זיך געפירט מיט זיי מיט אזא אונטערגעשטראָכענער איידלקײַט, אז ס׳האָט זיי געהאלטן פון איר אף א ווײַטן מעהאַלעך.

אָט די אַלע וועלן דאָך איצטער, נאָך איר פארלאָזן דאָס ווײַס־פירשטאָקיקע מויערל, נאָכן אפן ווילדן אויפן ארײַנגעשיקטן געט, נאָך די רייד, אז זי האָט זיך מיטן אשמעדײַס זון אין האָטעל פארקליבן און פארשפארט, דערצו נאָך, אז זי איז נאָך דעם אַלעמען אהערצו געקומען, זיי וועלן דאָך זי, איוועז, ווי נאָר זי וועט דאָ איינע אליין פארבלײַבן, צו שאנד און צו שפּאָט מאכן.

זיי קאָנען אפילע בא דער פראָפעסאָרשע, בא דער מאריאנא יוליעוונא, פאָדערן, אז מ׳זאָל זי, איוועז, די פארדאָרבענע, די קעפסווײַב, פונדאנען, פון דער געשעצטער געזעלשאפט, ארויספירן און ארויסשטעלן.

און דאָ נאָך, שוין גאָר ווי א קלאָלע, באווײַזט זיך אין די שויבן־טירן אַלעקסאנדער און אויך דער שוואָגער זײַנער, דער אדוואָקאט, כאנאן איסײַעוויטש. דערצו נאָך, שוין בעעמעס, ווי אן אָנשיקעניש, ווי א בייזער געשפענסט, דערזעט זי אין שפּיגל אויך זי, שיפרען.

אף אָט דער באגעגעניש, האגאם אקיווע האָט וועגן דעם געוואָרנט, האָט זי קלאָל ניט געקאָנט זיך ריכטן. זי האָט זיך בעשום־אויפן ניט געקאָנט גלייבן, אז ער, אַלעקסאנדער, וואָס קומט אף אזוינע אָוונטן צוליב בארימען און ארויסשטעלן זיך, ער זאָל נאָך אוונערס לעווײַע, דעריקער נאָכן הײַנטיקן טאָג, קומען אהער צו גיין.

די געסט, שוין אזוי אויך, פון פריִער נאָך, געפלעפּט־און־פארגאפטע, בלײַבן אצינד, פון אַלעקסאנדער לאַנדעס ארײַנקומען, גאָר אָן אָטעם שטיין. בא די ווײַבער, פון אונטער דער פודרע, פלאמען אויף די באקן: באַלד וועט דאָ פאָרקומען עפּעס זייער פארכאפּנדיקס און שוין ביז גאָר אום־ און אויסערגעוויינלעכס. ס׳וועט דאָך שפּעטער זײַן אף וואָכנלאנג פון וואָס צו רעדן און בארעדן. ס׳וועט דאָך זײַן מיט וואָס פון די הײַזער דעם לאַנגווײַל, באַזונדערס אין די אָוונטן, צו פארטרײַבן.

— ווי מיינט איר, ער זעט זי?

— זי שטייט דאָך לעם פראָפעסאָר, וויִאזוי זשע קאָן ער זי ניט זען?

— צום יובילִיאר מוז ער דאָך צוגיין?

— נו, יאָ... וואָס זשע וועט דאָ זײַן?

— דאָס זעלבע, מײַן טײַערע, וואָלט איך געוואָלט בא אײַך פרעגן.

— איז לאָמיר קוקן און האנאָע האָבן. איר זעט?

אויך זיי, אַלעקסאנדער און דער שוואָגער זײַנער, כאנאן איסײַעוויטש, דערזען דאָ איוועז, בלײַבן זיי שטיין מיט אויסגעצויגענע פּענעמער. אפילע זי, שיפרע, וואָס גאָרניט קאָן זי ניט פארהאלטן, — זי וועט גיין צום אָנגעמערקטן אָן אומוועגן און בײַוועגן, אפילע זי, שיפרע, דערזען דאָ איוועז, האָט צונויפגעצויגן די ברעמען און גענומען פינטלען מיט די דאָרשטיק־פינקלענדיקע אויגן.

פון זייער דערשראָקענעם שטיין בלײַבן, פון זייערע נאריש־אויסגעצויגענע פּענעמער און פון די פינטלענדיקע אויגן, זעט זי, איוועז, אז באַלד וועט דאָ בא די ארומיקע, שוין פון זיך אליין, אויסברעכן א געלעכטער.

האגאם זי זעט, אז ס׳קאָן דאָ באַלד צו נײַע ביזיוינעס קומען, און נאָך דעם הײַנטיקן טאָג — די זאווייע איז ניט איבער דער ערד, נאָר איבער איר הארץ געגאנגען — איז שוין איבער אַלע אירע קויכעס צו טרעפן זיך נאָכאמאָל מיט שיפרען און באַזונדערס מיט אַלעקסאנדערן — אָט די באגעגעניש וועט שוין ניט נאָר אף איר אליין, נאָר אויך אף איר קינד אן אומקאָוועד ווארפן. ער, אַלעקסאנדער, איז דאָך פאָרט דער פאָטער פון איר קינד, — און דאָך, האגאם ס׳גייט איר א קעלט און א געשריי איבערן גאנצן געביין, זי טאָר זיך דאָ ניט טרעפן און זיך דאָ ניט באגעגענען מיט זיי, צופיל קאָוועד פאר אָט דעם אוילעם, אז זי, איוועז, זאָל זיי אָנטאָן פארגעניגן און דערלאָזן צו אזא סקאנדאַל... — דאָך בלײַבט זי שטיין און רירט זיך ניט פון אָרט.

און ניט דערפאר בלײַבט זי שטיין, ווי אָט די אַלע מיינען, אז זי, איוועז, פון געפאַלנקײַט און פאכעד, זוכט שוין אָן אָנשפאר בא דעם אַלטן פרײַדענקער און אפיקוירעס: אין דעם פראָ־פעסאָרס אָנוועזנהײַט וועט קיינער ניט וואגן, די האָזע ניט האָבן, זי, אלס גאסט, אָנצורירן און צו באליידיקן. ניין. זי, איוועז, רירט זיך פון אָרט ניט, ווײַל גראָד דער הײַנטיקער, דער יעציִאס־לאַנדע־טאָג האָט איר יענעם קויעך געגעבן אף צו נעמען און צו שטעלן אף זיך. גראָד אין איר

דערשיטערטקייט, שוין באלד אפילע ייִעש, דערפילט זי, אז דער הייַנטיקער טאג פון וואגל און זוכענישן, — ניט אזוי דעם מאקעם־מענוכע, ניט אזוי דעם דאך איבערן קאפ, ווי דעם דאך איבערן לעבן... — אט דער הייַנטיקער וויכערדיקער טאג האט איר גוורע געגעבן אף צו בייַשטיין ניסיוינעס און צו גויווער זייַן אלדאסבייז.

און ניט נאר דער הייַנטיקער טאג אליין. שוין בעשאס איר שלאפקייַט, באם אפליגן קימאט דעם גאנצן ווינטער צו בעט, שוין דעמלט און דארטן האט זי עפעס אויסגעקרענקט און אויסגעליטן.

און אפילע ניט נאר דעמלט: שוין אויך פאר דער קרענק, נאך אין יענעם פארטאג, אין דעם ערעוו־ווינטערדיקן וואלד, פארנדיק אף קיוועד־אָוועס פון איר ליבע — צו דאניִעלן, שוין דארטן, האט זי אנגעהויבן צו זוכן עמעצן, וואס זאל איר דעם וועג אין איר וויַטערדיקן לעבן אריַין ווייַזן.

שוין די נעסיִע אליין, שוין דער שארך פונעם זאמדיקן וועג אין די רעדער, דער רויש פונעם פארטאג אין די סאסנעס, דער פריידיקער פויגל־געצוויטשערייַ באם זון־אויפגאנג, שוין אט דאס אלץ, נאך די צען יאר בא די לאנדעס, האט אופגעטרייסלט און אופגעוועקט אין איר דעם אמאליקן דארשט צום לעבן.

און איצטער, נאך דעם הייַנטיקן טאג, אז זי האט אין זיך די קויכעס און די גוורע געפונען אף צו קומען אהער, וועט זי שוין פונדאנען, מאכמעס נאך א ביסל אומקאוועד, ניט אפטרעטן: זי דארף זיך וואס גיכער אהין, צו כיירוסן, דערקלייַבן און צוקומען.

ס'איז מעשונע: ניט נאר זי קאן פון אים ניט אפטרעטן, נאר אויך ער, דער פראפעסאר, לאזט זי פון זיך ניט אפגיין. איז וואס וויל ער, און וואס דארף ער פון איר, דער אלטער עפראס?

און ער ווערט עפעס אלץ בלאסער און בלאסער. און זייַנע אויגן, די בלוי־גרינע, בעטן זיך בא איר: פארשטיי מיך אן ווערטער...

ער האלט נאך אלץ איר האנט אין זייַנער, קלאפט דערבייַ מיטן גראבן פינגער איבער איר האנט, ווי געוואלט דערמיט נאך מער ווענדן און פארשארפן איר אופמערקזאמקייַט. פלוצעם הייבט ער אן אף א קאל צו אייצענען: נאך איר שווערער קרענק וואלט איר, איוועו, זייער גוט געווען צו פארברענגען א פאר כאדאשים אין דער שווייץ. דארטן, אין די אלפן־בערג, צווישן די אזערעס, וואלט זי זיך מיט מונטערקייַט, מיט לעבנס־קראפט אנגענומען. ביכלאל וואלט יענער, דער שווייצארישער קלימאט איר געזונט פולקאם אופגעשטעלט.

— האבען זי דען זעגלספארט געלערן? — גייט ער פלוצעם אף דייַטש אריבער.

— איך באדאורע, נייַן! — ענטפערט זי אים אויך אף דייַטש, וואס זי האט זיך אויסגעלערנט נאך קינדווייַז צווישן די קאלאניסטן, וואס לעבן דארטן אין יענעם פאלעסיער ארום. — איך באדאורע.

אמאל האט זי זייער ליב געהאט צו שיפלען זיך אפן וואסער. נאר נאך יענעם פאל... דאס איז געווען און ס'האט געטראפן אין יענעם לעצטן זומער מיט דאניִעלן. דאס שיפל איז אפילע ניט געווען פון ברעטער, נאר פון א דעמבן־שטאם אויסגעהאקט און אויסגעדליבעט. געווען איז שוין הארבסט. אין איינעם פון יענע גאלדענע טעג, וואס קומען ווי א כידעש און א וווּנדער. די גרויסע ווייַסע זון איז געזונקען אין פייַערדיקן וואסער ארייַן. ס'האט זיך אנגערוקט אזא קישעפדיקע נאכט, אז ס'איז געווען א פארברעכן אויסצורעדן א ווארט און צו צעברעכן די שטילקייַט. דאניִעל האט קימאט דעם „טשאווען" ניט געטריבן — ער איז אליין געגאנגען אראפ־וואסער. דער פליעסק פון די ווערלעס האט נאך געדיכטער געמאכט די שטילקייַט. זייַנען זיי, פארטיפטע אין זיך, אין יענעם פארנאכט אינעם וואסער־געווירבל אריַינגעפאלן, און ווען ניט יִיצכאק באיאר, וואס איז אין דעם הויכן ראר אף זייַן שיפל געזעסן און לעקאוועד שאבעס פיש געכאפט, ווען ניט ער, יִיצכאק, וואס האט דאניִעלס געשריי דערהערט, — זי, איוועו, האט אין יענער סאקאנע־רעגע זיך גאר צעלאכט, — וואלטן זיי דעמלט אין יענעם וואסער־געווירבל פארדרייט און דערטרונקען געווארן... דאס איז געווען, דאכט זיך, נעכטן? און עפשער איז דאס געווען שוין זייער און זייער לאנג.

דער אלטער עפראס, האלטנדיק נאך אלץ איר האנט אין זייַנער, לאזט דורך איר ענטפער און הייבט עפעס אן מיטאמאל צו רעדן שטיל: ער קאן זי, אין דער שווייץ, אין ליוצערן, אין אט יענער ווונדערבאר־שיינער געגנט, מיט א ווױנונג באזארגן. דארטן ווױנט זייַנער אן אלטער פרייַנט, וואס וועט זי מיט אלצדינג באווארענען. און ניט נאר זי אליין, א, ניט נאר זי אליין... דער פרייַנט זייַנער וועט זיי אופנעמען מיט צעשפרייטע ארעמס.

דערווייַל פארשטייט זי פון זייַנע רייד און פון זייַנע אייצעס, אז ער, דער אלטער עפראס, איז דא אויסן איינס: זי, איוועו, זאל אהינצו, אין די אלפן־בערג, צונעמען אקיוועו און דערמיט אים, דעם פראפעסאר עפראס, פונעם גאלעס־קלעזמער באפרייַען... פאר איר וועט עס, פארשטייט

זיך, אויך לעטויווע זײַן — זי וועט מיט איין מאָל פּאָטער ווערן פון אָט די אַלע רעכילעסן און צווייִעסדיקע רייד.

נאָר דאָ, אַז יענע דרײַ, אַלעקסאַנדער, זײַן שוואָגער און שיפרע, דערנענטערן זיך פּאָרט, אונטער די כויזעק־בליקן פון די געסט, צו אים, צום פּראָפעסאָר, זיי קאָנען דאָך אים בעשום־אויפן ניט אויסמײַדן און פאַרבײַגיין, דאָ לאָזט דער אַלטער עפּראָס מיטאַמאָל אָפּ איר האַנט און טוט אַ זאָג, זייער שטיל און שוין אָף רוסיש:

— Подождите меня здесь, я вам покажу туда дорогу...[1]

פון אָט די ווערטער בלײַבט שוין איווע גאָר אומבאַוועגלעך און מיט אופגעריסענע אויגן שטיין: וויסט ער, הייסט עס, יאָ, דער באַלסימכע, וואָס מיט זײַן אייניקל האָט די נאַכט, בייס דער סרייפע, געטראָפן?.. און ער פאַרשטייט אויך, דער פרײַדענקער און דער באַרימטער אַפּיקוירעס, אַז זי, איווע, איז ניט אָף זײַן סימכע געקומען, נאָר צו יענער, וואָס ווערט דאָ בײַ אים אין שטוב באַהאַלטן.

און האָגאָם זי צווייפלט ניט, זי איז ביזן סאָף זיכער, אַז זי האָט זיך דאָ ניט טויע געווען, פונדעסטוועגן פאַרהאַלט זי אים:

— כ׳האָב אײַך, הער פּראָפעסאָר, ניט פאַרשטאַנען...

— נייִן, איר האָט מיך זייער גוט פאַרשטאַנען. באַנאַכט שלאָפן אַלטע לײַט שלעכט... — און ער לאָזט זיך אַנטקעגן יענע דרײַ גיין, ווי אויך פון אָט דער פײַנלעכער לאַגע איר ווען באַצײַטנס אַרויסהעלפן.

XII

שוין פריִער, ווי נאָר זי איז צום באַלסימכע מיט די בלומען צוגעגאַנגען, שוין מאַמעש פון דער ערשטער רעגע, ווי נאָר זי האָט די אופגעלויכטנקײַט און באַלד טאַקע די אויסגעלאַשנקײַט אין זײַנע אויגן דערזען, אַזוי האָט זי טייקעף דערשפּירט, אַז עפּעס וויל ער פון איר, דער אַלטער עפּראָס.

נאָר פריִער, אין אָנהייב, האָט זי בעשום־אויפן, אַפילע מיט איר קויעך־האַדימיען און שאַרפער ריִע, ניט געקאָנט אופכאַפּן, באַגרײַפן און פאַרשטיין, וואָס אַזוינס קאָן ער דאָרטן דאַרפן אין איר מידבערדיקן לעבן.

אַצינד אָבער, דערהערט פון אים די שוין ביז גאָר איבעראַשנדיקע רייד: ער וועט איר באַלד אַהין, צו ביירוסן, דעם וועג ווײַזן... ווערט איר אויך קלאָר דער באַדײַט און דער מיין פון די פריִערדיקע אייצעס און זאָרגן פאַר איר געזונט.

אַצינד פאַרשטייט זי שוין, איווע, צוליב וואָס דער אַלטער עפּראָס האָט געוווּנקען אָף די אַלפּן־בערג. ער האָט דאָ גאָרניט געמיינט אַקיווען, נאָר זי, ביירוסן... ער האָט דערמיט איר געגעבן אָנצוהערן: מ׳זאָל אַרויסטראָגן פון זײַן שטוב דאָס פײַער...

און ס׳ווערט איר אויך קלאָר, פאַרוואָס דער אַלטער עפּראָס האָט זיך אַזוי געביטן די גאַנצע צײַט אין פּאָנעם: אים, דעם אַלטן מאַסקיל, דעם פרײַדענקער, איז שווער געווען אויסלכס פאַרן מויל צו ברענגען און צו אַרויסזאָגן.

זי וועט אָבער אויך ווײַטער מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זי פאַרשטייט ניט דעם פּראָפעסאָרס רייד... זי קאָן אָף זיך ניט נעמען אַזאַ אַכרײַעס. זי וועט אַפילע ניט אַרויסווײַזן קיין ברעקל סימען, אַז זי ווייסט פון ביירוסן. אָף אַ פרעמדן און אַ זײַטיקן טאָר זי זיך דאָ ניט סוימעך זײַן.

נעמט זי זוכן מיט די אויגן אַקיוון. איז ער אָבער דאָ אין ערגעץ ניטאָ. און ס׳איז אויך ניטאָ בײַ וועמען צו פרעגן, בײַ וועמען צו בעטן, אַז מ׳זאָל אים געפינען און אַהערצו אַרײַנשיקן.

אַקיווע האַלט דאָרטן אײַנמיטן דעם שמועס מיט יעלענען. פריִער פאַר אַלץ נעמט ער דאָרטן אַראָפּ פון איוון די ווילדע כשאָדים און מאַכט אײַנמאָל אָף אַלעמאָל אַ סאָף צו די רעכילעס: זי, איווע, איז זײַנע אַ שוועסטער. זיי ביידע האָבן איין טאַטן אין די פאַלעסיער וועלדער, אין אַ פאַרוואָרפענעם כוטאָר. זאָל זי, יעלענע, עס דערציילן באַלד איר שטיפמוטער, וועלן עס גלײַך אַלע וויסן, וועט מען אופהערן צו קוקן אָף איוון מיט אַזעלכע פרום־צניִעסדיקע אויגן. און אויך איר פאָטער, דעם פּראָפעסאָר, זאָל זי, יעלענאַ, זאָגן: ער, אַקיווע, איז ניט נאָר אַ גאָלעס־קלעזמער, נאָר אויך אַ מאַמזער בײַ דער וועלט...

שטייט זי דאָ, איווע, אָפּגעשיידט און אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, בײַ אָט דער פרעמד־

[1] ווארט דאָ צו אָף מיר, איך וועל אײַך ווײַזן אַהין דעם וועג (רוסיש).

יאַמטעוודיקער בליק־ און פינקל־ליכט, איינע אַליין. דער איינציקער מענטש, וואָס דרייט זיך דאָ אַמאָל יאָ דורך פאַרביי און וואַרפט אַף איר ביגנייווע אַ לאַנגן בליק, איז יענער קעלנער פונעם האָטעל, וואָס ווערט אַף אַ האָר ניט ניספּאָעל, אַז מ׳כאַפּט אים שטיין הינטער דער טיר... יענער, מיט די פּעטע אייגעלעך און מיט די ווייַסע לאַנגע וויִעס, יענער פאַרשווין, — זי, איווע, דערקענט אים גוט, — איז דאָ אויך צווישן די באַדינער. ער איינער דרייט זיך אַלע מאָל דורך פאַרביי איר.

יענע דרייַ קעלנער, וואָס טראָגן אונטער אַף די טאַצן מאַשקאָעס און פאַרבייַסנס, יענע, די אויסגעבויגענע געשפּענסטער, שוועבן דורך ווייַט און מייַדן זי אויס. און ס׳דאַכט זיך איר: אויך זי, אין שוואַרצן קלייד, איז דאָ ניט מער ווי אַ געשפּענסט, אַ מין גילגל, וואָס וואַרט דאָ אַף אַ טיקון...

אויך ער, דער פּראָפעסאָר, האָט ווי פאַרגעסן אָן איר. שוין לויט דעם, ווי ער הערט זיך צו, וואָס דער אַדוואָקאַט הייבט אָן צו דערציילן, שוין פון דעם, וויאַזוי ער מישט זיך אין די רייד אַריין, איז צו זען, אַז ער, דער אַלטער עפּראָס, דאַרף עפּעס נאָכאַמאָל איבערמעסטן און איבערוועגן.

און יענער, דער אַדוואָקאַט, כאַנאַן איסייַעוויטש, דערציילט מיט זייַן זיכערן קאָל, ווי הייַנט האָט זיך באַ אים, אַפן וועג קיין פּעטערבורג, אָפּגעשטעלט אַף זעקס און דרייַסיק מינוט דער מיטגליד פון דער מעלוכע־דומע, איינער פון די מאַנהיגים פון דער קאַדעטישער פּאַרטיי, דער פּילגעשעצטער הער ווינאַווער, דער זעלבער, וואָס איז פאַראיאָרן אין דער יידישער דעפּוטאַ־ציע, צוזאַמען מיטן באַראָן גינזבורג, באַם גראַף וויטע געווען און געבעטן באַ אים — באַ דעם ליבעראַלן אַנטיסעמיט, — אַז ער, דער פּרעמיער פון ניקאָליי דעם צווייטן, זאָל בעטן באַ אים, באַם קייסער יאַרום הוידוי — באַ דעם גייַסטיקן פאָטער פונעם „סאַיוז רוסקאַוואָ נאַראָדאַ“[1], — אַז יענער, אַלעקסאַנדער דעם דריטנס זון, זאָל געבן, נאָך די פּאָגראָמען, דעם רוסישן יידנטום גלייַכבאַרעכטיקונג.

דערהערט אַזעלכס, פאַרגעסט מען גלייַך אָן איוען, און דאָס געזעמל אַרום כאַנאַן איסייַ־עוויטשן נעמט זיך אין איין מערן און פאַרברייטערן.

יעדער איינער וויל שטיין נעענטער און הערן, וויאַזוי וויטע, דער שייני־לעמעלעך, האָט אופגענומען דעם יידישן באַראָן.

האַגאַם וועגן די שטאַדלאָנים און דער שטאַדלאָנעס באַ דעם גראַף האָט מען פריִער און פון לאַנג שוין געוווּסט, דאָך וויל מען הערן, וואָס ווינאַווער אַליין, איינער פון די צעדערביימער פון דאָר, האָט הייַנט כאַנאַן איסייַעוויטשן דערציילט.

אַלע ווילן הערן, וויאַזוי ער, דער ראָש־האַמעמשאָלע, האָט באַשולדיקט די יידן אין צע־בלאָזן דאָס פייַער פון דער רעוואָליוציע, אַז זיי, די יידן, שטעלן זיך אַפילע אין אַ סאַך פאַלן בעראָש פון דער מערידע...

אַזעלכס הערן פונעם אַדוואָקאַט לעווי, וואָס האָט הייַנט אַליין גערעדט מיט ווינאַווערן, דאָס האָט שוין גאָר אָן אַנדער טאַם און גאָר אַ באַזונדער ווערט.

דאָ דערוויסט מען זיך שוין גאָר ברייטער און שוין גאָר פּראַטימדיקער, ווי ער, וויטע, האָט פּאַשעט און אָפן געענטפערט: דאָס קאָן קאָסטן די יידן זייער טייַער... זאָלן זיך יידן ניט אַרייַנמישן אין רוסישן לעבן, זאָלן זיך יידן פאַרנעמען מיט זייערע אייגענע איניאָנים... דאָס אייצעט ער, וויטע, ווי אַ פרייַנט. יידן דאַרפן געדענקען און וויסן...

שלאָגט אים דאָ איבער, דעם אַדוואָקאַט, דער, וואָס מיט די גלייַכע אַקסל און מיט די לאַנגע שוואַרצע האָר, דער יונגער דיכטער, וואָס רעדט מיט אַ קאָל פון אַ געווינערן:

— כאַנאַן איסייַעוויטש, אַזוי האָט ער טאַקע, וויטע, געזאָגט, אַז ער איז אַ יידן־פרייַנט?

— איר הערט דאָך...

— ס׳איז פּאַשעט ניט צו גלייבן!

— פּראָסטיטיע, נאָ ווי מעשאַיעטיע[2].

— נאָר מ׳קאָן עס דאָך רויִק ניט הערן!

— טאָ הערט ניט, ווער נייט אייַך?

— איר פאַרשטייט, דאַכט זיך, ניט, וואָס איך זאָג?

— וועגן דעם שפּעטער...

— טישע, פּאָזשאַלוסטאַ[3].

---

[1] „פאַרבאַנד פון רוסישן פאָלק“ — אַ שוואַרצמייעדיקע אָרגאַניזאַציע; [2] זייַט מויכל, נאָר איר שטערט; [3] שטילער, ביטע (רוסיש).

— ניין, איר הערט כאַטש? ער איז אַ ייִדן־פּריַינט!

— פּראָסטיטוטקע, איר ווילט הערן, וואָס מ׳דערציילט, אָדער איר ווילט אַליין רעדן?

און זי, איווע, שוין פֿון אַלעמען, אַפֿילו פֿון זיי אויך, פֿאַרגעסן און איבעריק געוואָרן, שטייט אין אַט דעם העל־באַלויכטענעם זאַל, ווו דאָס געשליפֿענע גלאָז שנייַדט ניט נאָר דאָס אויג, נאָר אויך די נעשאָמע, ווו די וווּנט אין דעם טונקעלן שפּאַליר, אַרומגעשטעלט מיט בלומען — פֿון דער וואַרעמקייַט ווערן זיי באַדעקט מיט בליצנדיקע טראָפּנס טוי, — האָבן, דאַכט זיך, פֿאַר איר, פֿאַר איוון, קיין אַרויסגאַנג ניט איבערגעלאָזט.

זי שטייט און ווייסט ניט, וואָס ווייַטער טאָן און צו וועמען קערן זיך און ווענדן... און דאָ דערזעט זי פּלוצלינג דעם דאָקטער רעמעז פֿון אַ זייַטיקער טיר, ווי אַ בען־באַיִס, אַרויסגיין.

דערזען אים, איליאַ איליטשן, האָט זי זיכערקייַט דערפֿילט, און יענער, דער אַלטער פּראָ־פֿעסאָר, איז מיטאַמאָל באַטל געוואָרן און שוין ערגעץ ווייַט פֿון איר לעבן פֿאַרבליבן.

זי וואָלט זיך גאָר קיינמאָל ניט געגלייבט, אַז זי קאָן זיך מיט אים, מיט אַט דעם שוואַרצ־בערדיקן און קורצזיכטיקן דאָקטער רעמעז, אַזוי דערפֿרייען.

אין אַט דער שאָ פֿון איר גרויסער פֿאַרלעגנהייַט, אין אַט דער רגע פֿון דאַרפֿן נעמען אַכרייַעס ניט נאָר פֿאַר זיך אַליין, נאָר שוין אויך פֿאַר אַנדערע, דערזען אים, איליאַ איליטשן, לאָזט זי זיך אים אַ פֿאַרוויטלט געוואָרענע אַנטקעגן גיין. זי וואַרפֿט אַפֿילו אָף זיך אַ בליק אין שפּיגל און פֿרייט זיך פֿון גאַנצן האַרצן מיט איר שיינקייַט.

און ער, — האַגאַם שוין פֿון באַטאָג געוווּסט און מיט האַרצקלאַפּעניש אָף דער באַגעגעניש געוואַרט, — אַז ער, איליאַ איליטש, האָט זי מיטאַמאָל דאָ דערזען, נאָך אַזויפֿיל יאָרן טרוימען און האָפֿן, ווי זי גייט אים מיט אויסגעשטרעקטע הענט אַנטקעגן, איז ער עפּעס שטיין גע־בליבן, און אַ שאָטן איז אים דורכגעלאָפֿן איבערן פּאָנעם...

אַט דער שאָטן אָף זייַן פּאָנעם האָט זיך פֿאַרהאַלטן איין־און־איינציקע רגע. עפּשער אַפֿילו נאָך ווייניקער, נאָר פֿאַר איר, פֿאַר איוון, איז דאָס שוין גענוג און איבערגענוג געווען. מיט יענעם וווּנדערלעכן כוש פֿון אַ פֿרוי האָט זי דערפֿילט און מיטן האַרצן דערזען פֿאַרלוירנקייַט און אומבאַהאָלפֿנקייַט.

איז זי שטיין געבליבן און פֿון שרעק און כאַרפּע פֿאַרמאַכט די אויגן. דער דורכגעלאָפֿע־נער שאָטן אָף זייַן פּאָנעם האָט מיטאַמאָל פֿאַרוויסט און ווי מיט די פּיס צעטראָטן איר גאַנצן גלויבן אין אים... דאָס איז געווען די שרעקלעכסטע רגע אין איר לעבן. אויך פֿאַר אים איז יענע רגע געווען די פֿאַרשאָלטנסטע.

און דערנאָך, אַז יענער שוידער, וואָס האָט זי באַם דערזען דעם דאָקטער רעמעז געהאַט אָפּגעלאָזט, הייבט איר ווידער אָן און נאָך שטאַרקער און נאָך אָפּטער, ווי פֿריער, אַרומצוגיין איבערן גאַנצן גוף, דאָ דערהערט זי פֿון ערגעץ־ווו — זי קאָן אַפֿילו מיטן אויער ניט אויפֿ־כאַפּן, פֿונוואַנען און פֿון וועלכער זייַט, — אַ רוישיקן געלעכטער, וואָס קומט און דערנעענטערט זיך, וועקט מיטאַמאָל אויף אין איר זיכּאָרן אַ ביז גאָר ווייַטן, שוין קימאַט פֿאַרגעסענעם, שפּרו־דלדיקן געלעכטער, — דאַניִעלס געלעכטער פֿון די אַמאָליקע, פֿון די שוין מיט גראָז פֿאַרוואַק־סענע יאָרן.

דאַכט און כאַלעמט זיך איר ווידער? איז זי דאָך הייַנט גאַנצפֿרי נאָכן אַרויסכאַפּן דאָס קינד, נאָכן אָפּשיקן עס מיטן אַשמעדייַ צו איר טאַטן אין כוטאָר אַריַין, נאָכן שטיין באַם פֿאַר־ווייעטן אַסאָקאָר־בוים און נאָכן גיין, אָפּצולאָכעס אַלע הענדלער און סאָכרים, איבער דער שפּיגל־גאַס, פֿאַרבייַ דעם אָפּגעברענטן מאַרק, צו איר פֿעטער אַבושן... איז זי דאָך איינדער־פֿרי דורך דעם פּראָוויוט־און־פֿאַרשניטן פּאַרק צו דער וואַסער־מיל געלאָפֿן, צו דאַניִעלן, ווו ער זיצט ניט ווייַט פֿון יענעם וואַסער־ווירבל, ווו זיי זייַנען דאָרט איינמאָל ביידע שיר ניט דערטרונקען געוואָרן... זי איז אָבער אַהין ניט דערלאָפֿן. שוין ניט ווייַט פֿון טייַך, אינעם טאָל, האָט זי אַוונער אָפּגעשטעלט און פֿאַרהאַלטן. האָט זי אים געפֿרעגט: וואָס וויל ער, שוין אויך אַ טויטער, פֿון איר לעבן? — האָט אַוונער, שווייַגנדיקערהייט, דערלאַנגט און אָפּגעגעבן איר יענץ פֿאַרבלוטיקט קוויטעלע...

דערנאָך איז שוין שיפֿרע דאָרטן אין שניי אָף די קני געשטאַנען, און שפּעטער די אַלטע, וואָס אין דעם שוואַרצן שאַרף אָפּן קאָפּ זילבערנע האָר און מיט די געלבלעכע הענט אָפּן הויכן באַוועגלעכן בויך... ניין, זיי אַלע, אַפֿילו דאַניִעל מיט אַוונערן, און אויך די מאַמע אירע, וואָס איז געזעסן אָפּן שניי אַ באַרוועסע, מיטן לייַוונט אָף די קני, דעם אָפּגעשוירענעם קאָפּ צו דער ברענענדיקער לעוואָנע, און געבעטן זיך: „איווע, די סרייפֿע פֿאַרשלאָגט מיר די ריִע, העלף מיר, איווע, אַרייַנסילען דאָס בייַוועלע, כ׳דאַרף דאָך אַמאָל פֿאַרענדיקן נייען די טאַכריכים!” — ניין, גאָרנישט דאַכט און כאַלעמט זיך איר ניט. דער געט, די פֿייַערדיקע און די רויכיק־שוואַרצע בערד, איר פֿעטער אַבוש, וואָס מ׳קאָן אַפֿילו באַ דער טאָג־ליכט זייַן פֿאַרצעף־פּאָנעם ניט אויפֿ־

כאפן, און אַט דער דאָקטער רעמעז, וואָס שטייט אנטקעגן איר און האַלט ביידע הענט אין דער שיינער באָרד, — אַט רייַסט ער זי באַלד ארויס... זיי אַלע און אַלץ, וואָס ס׳איז מיט איר היינ־טיקן טאָג געשען, איז מאַמאַשעס און דער ביטערער עמעס פון איר לעבן.

נייַן, ס׳כאַלעמט און ס׳דאַכט זיך איר דאָ גאָרניט: יענער געלעכטער, דער הילכיק־פריידי־קער, דער גוטהאַרציקער, דער דאַניעלישער, דערנעענטערט זיך אַלץ מער און מער און גייט אָף איר, ווי אַ הויכע ראַשיקע כוואַליע און מיט אַזאַ אימפּעט, אַז זי, איווע, בייגט זיך אַפילע איינ — ס׳זאָל זי פון די פיס ניט אומוואַלגערן.

דער געלעכטער ווערט מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן, און פון יענער זייַטיקער טיר, פון דער זעלבער, וואָס דער דאָקטער רעמעז איז נאָרוואָס אריינגעקומען, באַווייַזט זיך אַ מאַנצבל. ער איז, ווי צוויי טראָפּן וואַסער, ענלעך אָף יענעם דאַניעלן, צו וועלכן זי איז אין די זומער־פאַר־טאָגן, ביגנייווע און קעגן דעם ווילן פון דער מישפּאָכע, צו דער וואַסער־מיל געלאָפן — באַ־געגענען איינינעם מיט אים דעם אופגאַנג פון דער זון... טוט זי, איווע, שיר ניט קיין געשריי און פאַרשליסט די אויגן, ווי זי וואָלט זיי שוין מער ניט פאַרגלייבט און פאַרטרויט.

אויך ער, דער אַלטער עפראַס, דערהערט דעם גוט־באַקאַנטן שפּרודלדיקן געלעכטער, דער־זען אריינגיין דעם איינעק, און מיט אַזאַ אויסזען, ווי ס׳וואָלט באַנאַכט מיט אים גאָרנישט ניט פאַרגעקומען, טוט דער פּראָפעסאָר פון פריידיקער אופרעגונג אויך שיר ניט קיין געשריי...

ווי ס׳זאָל שוין דאָרט ווייַטער ניט זייַן, האָט דער איינעק דערווייַל אראָפּגענומען באַ אים, דעם זיידן, כאַטש אָף אַ קורצער צייַט, דעם שווערן שטיין פונעם האַרצן. ער וועט ניט דאַרפן זוכן פאַלשע ענטפערס פאַר די געסט, און דעריקער און דאָס וויכטיקסטע: ער, דער אַלטער פרייַדענקער, וועט ניט דאַרפן זיך אומקערן צום פריערדיקן שמועס וועגן יענער מיט אַט דער איווע לאַנדע.

זאָל זיך יענע אויסבאַהאַלטן די פאָר טעג דאָ אונטערן דאַך. זי קאָן זיך דאָ סייַוויסיי לאַנג ניט פאַרהאַלטן. אהערצו, צו אים, צום פּראָפעסאָר אין שטוב אריין, און אויך צו זייַן איינעקל, צו דעם יונגן, נאָר דעם שוין אָנגענומענעם ארכיטעקטאָר, וועט קיינער ניט קומען זוכן.

און יענער, דער אריינגעקומענער, נאָך דעם, ווי ער נעמט ארום דעם זיידן, דעם באַלסימכע, טראָגט אים אונטער אַ מאַטאָנע: אַ מיזרעך־קעסטעלע, פון העלפאַנדביין געשניטן און געשניצט, שוין קימאַט שוואַרץ פון אַלטקייַט, שוין בעעמעס אַן אַנטיקל און אַ גרויס יעקאָר־האַמציִעס, — נאָך דעם לאָזט ער דעם אַלטן, וואָס איז ביז טרערן גערירט, מיטן אדוואָקאַט לעווי אין יענעם געזעמל ווייַטער בלייַבן, און אַליין גייט ער צום דאָקטער רעמעז, און שוין בעמיילע בלייַבט ער פאַר איווען שטיין.

און האַגאַם ער רעדט צו דעם דאָקטער, נאָר זייַנע אויגן נעמט ער פון איר, פון איווען, ניט אראָפּ.

אויך זי קוקט שוין אָף אים אָפן און גלייַך אין די אויגן אריין: זייַן שיינקייַט שרעקט זי... און דאָך איז אַט דער מיט קיין האָר ניט ענלעך און ניט געראָטן אָף דאַניעלן. באַ יענעם איז געווען אַ שטילע, אַ פאַרבאָרגענע שיינקייַט — ניט פאַר אַלעמען זיך אַנטפּלעקט און אין די אויגן אריין זיך ניט געוואָרפן. באַ יענעם זייַנען די אויגן געווען באַגייַסטערטע, טאָמיד פול מיט אַזאַ כידעש, ווי ער וואָלט פלוצעם עפּעס אַזוינס דערזען, וואָס טרעפט זיך נאָר איין מאָל אין לעבן.

און באַ דעם זייַנען די אויגן ווייַטע... מ׳קאָן זיך צו זיי גאָרניט דערקלייַבן. אַזעלכע אויגן טרעפט זי, איווע, צום ערשטן מאָל. שוין צו שוואַרצע. דו שטייסט, דאַכט זיך, פאַר דער פינ־צטערניש אַליין.

און דאָ דערהערט זי זייַן שטים:

— ווי איר זעט, דאָקטער, האָב איך נאָך געווען קויעך.

ס׳טריקנט איר מיטאַמאָל איבער אין האַלדז. עפּעס אַ קנויל שטעלט זיך איר אין גאָרגל: מיט אַזאַ קאָל און קימאַט מיט די זעלבע ווערטער האָט אויך דאַניעל אין יענער נאַכט, אין דער לעצטער, גערעדט מיטן דאָקטער רעמעז.

— אָבער ניט אָף לאַנג, — וואָרנט אים איליאַ איליטש, — מיט אַזאַ טעמפּעראַטור...

— כ׳האָב געמוזט קומען, — זאָגט ער צו איווען, ווי צו אַן אַלטן גוטנפרייַנט, וואָס נאָר איר איינער קאָן ער פאַרגלייבן און פאַרטרויען, — ווען איך קום ניט, וואָלט עס ארויסגערופן אַ כשאַד באַ אַלע געסט און באַזונדערס באַ מייַן זיידן.

— אייַער זיידע, — זאָגט אים איווע, — ווייסט פון אַלץ!

— וואָס ווייסט ער? — כאַפּט ער זי אָן פאַר ביידע הענט, און איווע דערפילט, אַז די שוואַרצקייַט פון זייַנע אויגן לאָזט זיך אראָפּ ווי אַ כאַלעף אָף איר האַלדז־און־נאַקן, — וואָס, — פרעגט ער זי איבער, — וואָס ווייסט ער אַזוינס, מייַן זיידע?

זי נעמט ניט ארויס אירע הענט פון זײַנע — הייסע, פיבערדיקע הענט. די בריִענדיקע פינגער קלאַמערן זיך אין איר.

אין דער בלאַסקייט פון זײַן פּנים — קימאַט א ווײַסער — איז צו זען, ווי די ווונד פאַרשאַפט אים גרויסע ווייטאָקן און ביטערע יִסורים.

זײַן קומען אַהער, דאָס ניט וועלן פאַרשטערן דעם זיידן די שׂימחה, זײַן האַלטן זיך אין אַזאַ צושטאַנד אַזוי, אַז קיינער קאָן זיך אין גאַרנישט ניט אָנשטויסן, דאָס איז פאַר איר, פאַר איוועץ, ניט נאָר הארץ, נאָר אויך גרויסע גוווּרע. זי לאָזט זיך אים אָנשפּאַרן אַף אירע הענט.

— צום באַדויערן, — כאַזוערט זי איבער, — ווייסט איַער זיידע אַלצדינג.

— פונוואַנען נעמט איר עס? — מישט זיך אַרײַן דער דאָקטער.

— ער האָט מיר נאַרוואָס, אַט דאָ טאַקע, ווו מיר שטייען, אַליין געזאָגט.

— איר זײַט אין דעם זיכער?

— אַוואַדע. ער ווייסט אַפילע, אַז אויך זי, מײַן קרויווע, געפינט זיך דאָ אין שטוב.

— זי איז שוין דאָ ניטאָ!

איווע בלײַבט שטיין, ווי איינע, וואָס מ׳האָט פאַרפירט און אָפּגענאַרט.

— ווו דען איז זי? — פרעגט זי מיט אײַנגעהאַלטענעם צאָרן.

— דאָס קאָן איך אײַך ניט זאָגן.

— דאָס האָט איר, איליא איליטש, זיך אַזוי געפלײַסט... איך זאָל זיך מיט איר ניט קאָנען באַגעגענען? איר האָט עס געטאָן פון געטרײַשאַפט?

— מ׳האָט זי געמוזט צונעמען פונדאַנען, — דערקלערט איר שטיל דער דאָקטער, — אַקיווע האָט דאָ דערקענט דעם אָפּיציאַנט פון אײַער האָטעל. דאָס איז אַ „שפּיצל“... די אָכראַנקע האָט עפּעס אָנגעטאָפּט. מ׳דאַרף זיך דאָ יעדער מינוט ריכטן אַף זשאַנדאַרמען.

— און פאַר אים, איליא איליטש, איז עס קיין סאַקאָנע ניט?

— מ׳דאַרף האָפן... — ענטפערט ער איר נאָך שטילער און דערקענט זײַן אייגן קאָל ניט.

דער דאָקטער מיט דער שיינער שוואַרצער באָרד פילט: ער פאַרלירט זי דאָ, איווען.

און זי, אַן אָרומגעכאַפּטע מיט אַ נײַעם אומרו און זאָרג — די הייסע, פײַערדיקע הענט לאָזן זי ניט אָפּ, די בריִענדיקע פינגער קלאַמערן זיך נאָך שטאַרקער אין איר, יענע שוואַרצקײַט איז פאַרשווּנדן געוואָרן, זײַנע אויגן זײַנען שוין גאָרניט אַזעלכע ווײַטע, זי ווייסט שוין, איווע, אַז זי וועט אים, אַט דעם, וואָס איז אַזוי ענלעך אַף דאַניִעלן, ניט איבערלאָזן דאָ איצט איינעם אַליין אַ פאַרוווּנדעטן, און דערצו נאָך אין אַזאַ שאָ פון סאַקאָנע.

XIII

און דערנאָך, טאַקע אין יענעם אָוונט, בא די עפּראָסעס, האָט דער באַלשׂימחה, דער אַלטער פּראָפעסאָר, אַליין, וויסנדיק, אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד זײַן אייניקל געפינט זיך, אַז לאַנג דאָ פאַרבלײַבן וועט ער ניט קאָנען, געהייסן אויסלעשן די עלעקטרע־שײַן און אָנצינדן די ליכט נאָך זײַנע זיבעציק יאָר.

ווערט די עלעקטרע־שײַן אויסגעלאָשן, און די זיבעציק פילפאַרביקע גרויסע ליכט ווערן אָנגעצונדן.

פון די זילבערדיקע עמערלעך אײַז ווערן אַרויסגענומען די קאַלטע פלעשער שאַמפּאַניער ווײַנען און צום סוף הייבן אָן אַרויסשיסן די קאָרקעס.

אַלע, אַרום די פירעקעדיקע געגרייטע טישלעך, פילן אָן די קויסעס און זײַנען שוין גרייט, שטייענדיקערהייט, אויסצוטרינקען פאַרן באַל־יוֹוּל, וואָס האַלט שוין באַם ענטפערן אַף די באַגריסונגען, אַז ער, דער פּראָפעסאָר עפּראָס, איז איצט, בא זײַנע זיבעציק יאָר, געגליכן צו יענעם וועג־וואַנדערער, וואָס איז אין דער גרויסער שטאָט אַרײַן. ווו די היץ איז גרויס געווען, די ענגשאַפט ביז צו דערשטיקעניש, דערצו נאָך האָט זיך דער וואַנדערער געלאָזט פונעם האַמוין־אַם אַפן יאַריד־מאַרק פאַרשלעפּן, ווו ס׳קאָכט, ווי בא אַ וואַסער־מיל, און ווו מ׳פאַרבט איבער ווײַסע שאָף אַף שוואַרצע הינט, און פאַרקערט: שוואַרצע הינט אַף ווײַסע שאָף; פּאַיאַצן ציִען דאָרט פון די מײַלער פילקאָלירנדיקע סטענגעס, און שווינדלער, מיט ערנסטע פּנעמער, שלינגען פײַער...

דאָרטן, אַף יענעם יאַריד־מאַרק, האָט ער, דער וועג־וואַנדערער, דעם גאַנצן טאָג זיך געשפּאַרט, געדרייט, געשטויסן מיט די עלנבויגנס, ביז ערשט צו פאַרנאַכט־צו האָט ער פון דאָרטן און פון דער שטאָט אַ מיד־פאַרמאַטערטער און אַ צעבראָכענער זיך אַרויסגעשלעפּט.

ער האָט זיך אָפּן באַרג אַרופֿגעקליבן און פֿון דאָרטן, פֿון דער הייך, אַף דער שטאָט זײַן בליק געוואָרפֿן און איז דערציטערט געוואָרן: פֿאַר זײַנע אויגן זײַנען געלעגן וווּנדער־שיינקייטן...

ערשט פֿון דאָרטן, פֿון דער הייך, באַ דעם זון־פֿאַרגאַנג, האָט ער דערזען, דער וועג־וואַנדערער, וויפֿל שיינקייטן ס׳איז דאָרטן, אין שטאָט, פֿאַראַן און וויפֿל כידושים ער האָט דאָרטן דורכגעלאָזט און פֿאַרבײַגעגאַנגען און זיי אַפֿילו ניט באַמערקט.

דעריקער האָט ער דאָך דאָרטן ניט אָפּגעטאָן דאָס סאַמע וויכטיקע, נאָך וואָס ער איז אַהין, אין שטאָט אַרײַן, געקומען. און דאָס, וואָס ער האָט שוין יאָ דאָרטן געטאָן, דאָס זעט ער ערשט אַצינד דאָ פֿונעם באַרג, איז אָפּגעטאָן געוואָרן שלעכט. מ׳דאַרף עס וואָס גיכער ענדערן און איבערמאַכן און איבעראַנדערשן.

האָט דער וועג־וואַנדערער זיך גענומען לויפֿן פֿון באַרג, געוואָלט צוריק אין שטאָט אַרײַן, איז אָבער דאָרט דער טויער אַף נאַכט פֿאַריגלט און פֿאַרשלאָסן געוואָרן — שוין נאָך דער שקיע געווען.

נאָכן פּראָפֿעסאָרס טרויעריקן ענטפֿער־וואָרט אַף אַלע באַגריסונגען און בראָכעס, שוין דעמלט, אַז פֿונעם אַלטן עפּראָסעס פּאָנעם האָט דאָך אָנגעהויבן צו ווייען מיט שלעפֿעריקער גוטמוטיקייט, דעמלט, אַז מ׳האָט שוין געהאַלטן באַם אויסטרינקען די דריטע שוימיקע קויסע, אַז מ׳איז שוין אַרײַן אין דעם העכסטן גראַד פֿריילעכקייט און יאָמטעוודיקייט, דעמלט האָבן אָנגעהויבן צו פּלאַצן די שויבן־טירן.

אײן שטײַן, א גאַנץ היפּשער, דורך די געדיכט־געפֿאַלדעטע שטײַף־זײַדענע פּאַרהאַנגען, האָט געטראָפֿן אין דעם פּרעכטיקן טאָרט. פֿון דער גילדענער רויז איז דער ווײַס־ליכטיקער, דער מאַמעש־שטראַלנדיקער „70“ אַף דער ערד אַראָפּגעפֿאַלן.

אונטער די פֿיס וואַלגערט זיך שוין דאָס געבראָטענע קוויטשערל, יענץ פֿײַכט־ראָזווע כאַזערל, וואָס איז נאַרוואָס, ווי נאָך אַ באָד, געלעגן אָפּן בײַכעלע, די פֿיסעלעך אונטער זיך, דאָס פּיסקעלע אויסגעצויגן און געקרעכצט פֿון גדולע און האַנאָע...

אין יענעם אָוונט באַ די עפּראָסעס, אַז זי איז געבליבן, איווע, איינע אַליין, — אַקיווע האָט זיך שוין מער אַהערצו ניט אומגעקערט, אויך זי, יעלענען, האָט מען שוין מער דאָ אין זאַל ניט געזען, — דעמלט, אַז ס׳האָבן אָנגעהויבן פּלאַצן די שויבן־טירן, דער געלױַענער שווייצאַר, וואָס איז גענומען געוואָרן אַהער אַף צו היטן און צו באַוואַכן דעם אַרײַנגאַנג, יענער, וואָס האָט שטייענדיקערהייט, מיט דעם אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אַף דער ברוסט, געדרעמלט אַף זײַן אַלטער באָרד, יענער האָט נישט נאָר דעם אַרײַנגאַנג ניט פֿאַרשטעלט, נאָר ברייט פֿאַר די גאַסן־יונגען, פֿאַר די גאַרגלשנײַדער, די טירן צעעפֿנט און אַליין, מיטן עלנבויגן, אויסגעזעצט די ערשטע שויב אין טיר — דעמלט, בייס דעם טומל און דער בעהאָלע, די פּראָפֿעסאָרשע, מאַריאַנאַ יוליעווּנאַ, האָט שוין מיט אַ האַרצרײַסנדיק קאָל און מיט אַ שלוקערץ באַווײנט איר צירונג, וואָס איז זייער געהיט און ביז גאָר איידל פֿון איר אַראָפּגענומען געוואָרן, דער גאַזלען, אַראָפּנעמענדיק די אוירינגלעך, האָט זיך פֿאַשעט באַ איר געבעטן: „מאַדאַם, גאָלובושקאַ, ראַדי באָגאַ, ניע וואָלנויטעס“...[1] — דעמלט, אין יענעם טומל און מעהומע, האָט דער דאָקטער רעמעז פֿון ערגעץ יאָ זי, איווען, גערופֿן און געשריִען צו איר, נאָר זי האָט זיך שוין אַליין פֿון אָרט ניט געקאָנט רירן, דאָס קאָל איז איר אַפֿילע פֿאַרלאָרן געוואָרן.

דורך די אויסגעזעצטע פֿענצטער האָט געכוואַליעט פֿינצטערע זידלערײַ און פֿינצטערע נאַכט, אויסגעמישט מיט שניי און ווינט. אַלע ליכט זײַנען אויסגעלאָשן געוואָרן, נאָר באַ איינער האָט נאָך געהאַלטן אין ציטערן דאָס רויטלעכע פֿלעמל.

דערצו נאָך דערזעט זי, איווע, טאַקע באַ יענעם איינציקן ציטערדיקן רויטלעכן פֿלעמל, ווי דורכן פֿענצטער איז אַרײַנגעשפּרונגען איינער, אַ מעגושעמדיקער, אַ ווילד־פֿאַרוואַקסענער, און גייט גלײַך אַף איר... דאָ איז אונטערגעשפּרונגען דעם פּראָפֿעסאָרס אייניקל און האָט דערלאַנגט יענעם אַ טשמעל אין צורע, אים פֿון די פֿיס אומגעוואָרפֿן, און זי, איווען, אָנגענומען באַ דער האַנט און פֿון דאָרטן אַרויסגעפֿירט.

ער פֿירט זי פֿאַר דער האַנט, דורך אַ פֿינצטערן קאָרידאָר. זײַן האַרץ קלאַפּט שווער. פֿון זײַנע טרוקן־הייסע פֿינגער איז צו פֿילן, אַז ער איז אין גרויסער היץ. אויך זי אַליין, איווע, פֿיבערט:

— גיט מיר אײַער צווייטע האַנט. ס׳איז דאָ אַ שרעקלעכע פֿינצטערניש.

און דאָרטן, אַז זי איז שוין די שוועל פֿון זײַן שטוב אַריבערגעטראָטן, די טרוקן־הייסע פֿינגער זוכן באַ איר וואָס ווײַטער גרעסערן אָנשפּאַר און שטאַרקערע הילף, דאָרטן אין דעם

[1] מאַדאַם, טײַערע, אום גאָטס ווילן, ערגערט אײַך ניט (רוסיש).

מוירעדיק־גרויסן צימער, ווו לעם דעם ווענעציאַנער פענצטער, דער פּאָרהאַנג פּאַנאַנדער־געגרוקט, ווי א סימען, אז קיינער באַהאַלט זיך דאָ ניט אויס, דאָרטן, ווו פונעם ווינקל, אַפּן נידעריקן נאַכט־טישל, וואָס באַם ברייטן דיוואַן, קוקט אַרויס א סאָווע מיט צוויי גרין־בליאַס־קענדיקע אויגן, דאָרטן, בא אַט דער שיַין, וואַרפט זיך איר, איוועס, אין די אויגן אַריַין די איבערגעדעקטע מאָלבערט.

די סאָווע באַליַיכט אויך, פון א זיַיט, נאָר מיט איין אויג, דעם לאַנגן אַרכיטעקטאָר־טיש, ווו אַף שטיַיפע בויגן פּאַפּיר זיַינען פאַרשיידנאַרטיקע געביַידעס אָנגעוואָרפן. מ׳זעט דאָ אויך רעפּראָדוקציעס פון שטיין־פּליטעס און האָלץ־שניצעריַי. יענער האָט דאָך אויך ליב געהאַט צו שניצן. בא א סאַך פון דער מישפּאָכע געפינען זיך זיַינע אויסגעשניצטע שעפּעלעך און לייבן, אָדלערס און הירשן.

דאַניִעלס מאָלבערט איז געשטאַנען אין דער אַלטער קרעטשמע, אויך אין אַזא גרויסער שטוב... אַהינצו פּאָרט זיך צונויף די מישפּאָכע אַף יאָמים־נויראָים, ס׳ווערן דאָרטן, אין די פּאַרטיקע טעג, געשלאָסן צווישן זיך שידוכים. מאָצע־יאָמקיפּער פּראַוועט מען דאָרטן, אין יענער גרויסער שטוב, די קנאַסמאָלס, און סימכאַסטוירע הייבט מען אָן צו שפּילן די כאַסע־נעס, — זיי ציִען זיך ביז נאָך כאַנעקע.

דאָס האַרץ בא אים איז שטילער געוואָרן. די פינגער זיַינע ווערן רויִקער. זיַין קאָפּ, אויך א ווילד־געקרויזטער, שוין אויך וויַיס אין די שלייפן, אויך דער ווערט יונג גראָוו, — זיַין קאָפּ נייגט זיך אַלץ מער און מערער צו איר אַקסל. פון זיַין פּאָנעם שלאָגט אַף איר מיט גרויסער היץ.

די שטוב, דאָס זעט זי שוין גוט, איוועס, איז מיט גאָרנישט ניט ענלעך אַף יענער אַלטער קרעטשמע, און אויך אָט די מאָלבערט, פונעם שוואַרצן עבן־האָלץ, איז מיַילן־וויַיט פון דאַ־ניִעלס פאָשעטער ברעט, דאָך וואַרפט זי א בליק אין פענצטער אַריַין, ווי זי וואָלט אויך וועלן דערזען דעם גאָרטן און דעם נידעריק־געזעצטן באַרנבוים, יענע קרומע צוויַיג, אַף וועלכער כיירוס פלעגט ליב האָבן, אין די באָטאָגן, צו זיצן מיטן ביכל אין האַנט, וויגן די באָרוועסע פיס אינדערלופטן, און פון קאַמער אַרויס האָט זיך געהערט, ווי דער „שטילער זומער" רעדט פאַר זיך אַליין: „אַזא מוידע, קיין איַינהאָרע ניט, קיין ביז אויג זאָל איר ניט שאַטן, זאָל נאָר טאָמיד זיצן אַפּן בוים, וואָסי, מ׳קאָן שוין גאָר קיין אַנדער אָרט ניט געפינען?"

— פאַרוואָס, — נעמט זי אים אָן פאַרביידע הענט, — זיַיט איר אויך ניט אוועקגעגאַנגען צוזאַמען מיט איר?

— פאַראַן דאָ א סאַך סיבעס.

— איר מוזט דען זיך שטעלן אין אַזא סאַקאָנע?

— אויב זיי קומען און טרעפן מיך ניט...

— וואָלט עס געווען פאַר זיי אָן אָפענע קאָרט?

— פאַרשטייט זיך.

— אָבער איַיער וווּנד קאָן דאָך איַיך אויסגעבן.

— אַלץ קאָן געשען... נאָר פונוואַנען ווייסט איר עס?

זיַין קאָפּ פאַלט אַף איר אַקסל. אין דעם גרויסן ווענעציאַנער פענצטער שטייט א שוואַרצע פינצטערניש. פון דאָרטן טראָגן זיך קוילע־קוילעס. שוין דער צווייטער מעסלעס, ווי די נעכט גייען דאָ אָפּ מיט פלאַם־פיַיער און מיט וויי־געשרייען... און דאָך וויל זי אים אַף זיַין געלעגער אוועקלייגן, מיט אַלדאָס נייטיקע באַזאָרגן, און אַליין פונדאַנען וואָס גיכער אוועקגיין און פאַרט זיך דערקלייַבן אַהין, צום האָטעל, ווו אַקיווע וועט זי געוויס דאָרטן זוכן, זיך ערגערן און זיך קיין אָרט ניט קאָנען געפינען. אויך אים, אַקיוון, קאָן זי דאָך איינעם אַליין ניט איבערלאָזן.

נאָר דאָ דערפילט זי, העכער פון עלנבויגן, א פיַיכטע וואַרעמקיַיט, — דאָס בלוטיקט דאָך בא אים די וווּנד. דאָס בלוט האָט דאָך שוין דורכגעווייקט אויך דעם אַרבל פון איר קלייד.

— פאַרוואָס זשע שוויַיגט איר?

— באַאומרויִקט זיך ניט... ס׳איז ניט געפערלעך. — און ער פּאָרוקט די פינגער פון ביידע הענט, ווי דאַניִעל, אין דעם צעשויבערטן קאָפּ האָר אַריַין. — ווען איר זאָלט ווייסן, ווי איך בין גליקלעך. דאָס וואָרט „גליק" איז אַפילע ניט דאָס וואָרט.

מיט אופגעריסענע אויגן, מיט עפּעס א מין ליכטיקן פאַכעד — נאָך פון אַזא זיס־ביטערן מאַצעוו ביז איצט ניט געוווסט — וואַרט זי, אַז ער זאָל איר באַלד זאָגן: „איוועס, דו וועסט זיַין די ליד פון מיַין לעבן!"

ער שוויַיגט. זיַין אָטעם ווערט שווערער און הייסער. ס׳הערט זיך דאָס פיַיפן פון פּאָליציי. איבערן גאַנצן געביין גייט איר דורך א קאַדאָכעסדיקער געשריי. זי נעמט אַפגיך אים איבער־בינדן די וווּנד — דער ווינקלבינד איז אַף דורך און דורך אויסגעווייקט געוואָרן אין בלוט. פונ־

וואנען נעמט ער די קראפט און די סאוואָנעס אַף איבערצוטראָגן אזא ווייטעק? די סאָווע מיט די גרין־בליאסקענדיקע אויגן קוקט איר אונטער די הענט. אָט די שײַן רייצט און שטערט איר.

די פּאָליציי־פּײַפעריי דערנעענטערט זיך. הינטערן פענצטער ווערט א געלאָף־טופּעריי — די ראָצכים פארשטייען, אז זיי דארפן זיך איבערטראָגן אַף אן אנדער גאס.

איווע, ארומגעכאפּט מיט צאר און אײַנציײַטיק אויך מיט עפּעס א מין גרויסער פרייד, שטארקט און מונטערט זיך: זי וויל וואָס רויִקער און געלאסענער, דעריקער וואָס גיכער, פארענדיקן מיטן איבערבינדן.

און אז זי איז שוין פארטיק געוואָרן, פרעגט זי אים:

— איר האָט פאר מיר א וועלכן־ס׳ניט־איז מאנטל? מײַן מאנטל האָט מען דאָך געוויס צוגענומען.

— איר גייט דען אוועק?

— איר וועט גיין מיך באַגלייטן...

— דאָס איז גוט. מיר וועלן זיי גיין אנטקעגן. דאָס איז זייער גוט! דאָס איז גלענצנדיק!

— אײַער בערן־פעלץ איז פאר מיר א ביסל צו שווער און צו לאנג...

— אין וועג, ווינטער באנאכט, מיר קומט אויס אָפט צו זײַן אין וועג, קאָן מען אין אים אפילע שלאָפן.

— וואָס איז מיט אײַך?

— שוין, שוין... כ׳האָב שוין אָנגעטאָן.

— ס׳טוט אײַך שטארק וויי?

— שטארק. ס׳איז אָבער פון די ווייטעקן, וואָס דערהייבן און שטארקן.

— ווי איך בין אײַך מעקאנע! מײַנע אלע ליידן ביז אהער האָבן נאָר דערנידעריקט... און איר האָט זי פריִער געקענט?

— וועגן וועמען פרעגט איר?

— וועגן דער, פאר וועלכער איר האָט דאָס לעבן אײַנגעשטעלט.

— ניין, כ׳האָב זי ניט געקענט. אגעוו, קען איך זי איצט אויך ניט. כ׳האָב זי נאָר געזען... טויט אָן די וואלענקעס. וויִאזוי זײַט איר עס אין אײַערע טופליעלעך אהער פארגאנגען?

— זי איז א שטארקער מענטש. אין אָכראנקע האָט זי געהאט א סאך אויסצושטיין.

— יאָ, זי איז, ווײַזט אויס, א מענטש א שטארקער. און וויִאזוי זאָל איך אײַך רופן?

— מיך? פּאָשעט — איוואַ. קומט, זיי זײַנען שוין אין קאָרידאָר. איר הערט? זיי זײַנען שוין אין קאָרידאָר... איר זײַט זייער בלייך. לאכט! בא אײַך איז דאָך אזא וואונדערלעכער געלעכטער, אײַער קאָל...

און דאָ, ווען זיי זײַנען שוין באם ארויסגאנג געוועזן, שטויסן זיי זיך צונויף מיט יענע, מיט די זשאנדארמען, וואָס קומען פונעם פינצטערן קאָרידאָר ארויס, ווי זיי וואָלטן אהער דעם פארבאָרגענעם וועג געוווּסט. זיי קומען מיט לאמטערנס און רעוואָלווערן אין די אויסגעצויגענע הענט, זיי ווארפן זיך גלײַך צו איווען...

און זי צעעפנט ברייט דעם קאָלנער פונעם פעלץ, ווי דערמיט געזאָגט: וואָס, ניט מיך האָט איר דאָ געהאָפט צו טרעפן? — און ווי דעמלט אפן שיפל, בייס זי איז שיר מיט דאניִעלן ניט דערטרונקען געוואָרן, לאכט זי אויך איצט פונעם גאנצן הארצן.

אין יענעם אָוונט, דאָרטן, בא דער ליכט פון די גרין־קײַלעכדיקע סאָווע־אויגן, האָט ער ווידער, שוין צום צווייטן מאָל, גרויס קויעך, מעסירעסנעפּעש ארויסגעוויזן, געלאָזט זיך פאר איר מאפקיר זײַן: אז איינער פון די זשאנדארמען איז מיט יענעם כוצפּעדיקן שמייכל פון „אלץ איז דערלויבט" גראָב און אומפארשעמט צו איר צוגעגאנגען, האָט ער, בעלי־גוזמע, אָנגענומען יענעם פארן קאָלנער און פון יענער זײַט שוועל אים ארויסגעשטעלט.

איז דאָ טייקעף וועגן דעם א פּאַפּיר צונויפגעשטעלט געוואָרן: „דער ארכיטעקטאָר אדריִאן גריגאָריעוויטש דינאָר האָט זיך דער מאכט קעגנגעשטעלט און אָנגעווענדט קראפט קעגן דעם סאָלדאט ניקאָלײַ קאָנדראטיעוויטש קראסילניקאָוו, וואָס האָט זיך געפונען באם אויספילן זײַנע דינסטלעכע היסכײַוועסן".

ערשט שפעטער, שוין נאָך יענעם אָוונט, אין עטלעכע טעג ארום, שוין נאָך דעם, ווי דער „פויער" האָט זיי אלע, און אויך כײַרוסן, בעשאָלעם אַף דער פור פון שטאָט ארויסגעפירט, ווערט זי עטוואָס רויִקער.

אלע אין וואָגן, און אויך זי, איווע, זײַנען איבערגעטאָן אין פויערשע יאָמטעוודיקע פאר־ביק־אויסגענייטע קליידער — מ׳פאָרט פון א כאסענע.

דער „פויער" — זײַן פארמעגלעכקײַט און געזעצטקײַט ווארפט זיך אין די אויגן, לויט די ארײַנגעפלאָכטענע סטענגעס אין די פערדישע גריוועס, און אפילע לויט די פידקאָוועס אַף

די אָפּצאַסן פון זײַנע יוכטאָווע שטיוול, איז צו זען: א פויער א באַלעבאַס, א באַלעגוף, א גאַטס־פאַרכטיקער, פאַרט מיט זין און שניר פון א סימכע, און מ׳איז נאָך אַלץ אונטער דער קויסע.

דער „פויער" פאַרט שטיל, באַלעבאַטיש, האַלט אײַן די פערד און רייכערט דעם שטאַרקן מאַכאָרקע־ציגאַר.

דער טאָג פאַרגייט. די ערד פאַרכלינעט זיך אין די וואַסערן. די זון האַלט באַם זעצן זיך אין די אויסגעפּרילינגטע ווײַטן. אָט דער געבענטשטער זון־פאַרגאַנג שטילט זי, איווען. דעם „פויערס" גענאַסנקײַט מונטערט און שטאַרקט זי. כיירוסעס רויִקײַט איז ביז גאָר ענלעך אָף דער רויִקײַט בא דער מומע ליבע און בא איר פאָטער ייִצכאָקן. אויך בא איר קומט די רויִקײַט פון גרויסן גלויבן.

איווע זיצט צווישן אים און כיירוסן. אין וואָגן שווײַגן אַלע. מ׳איז מיד פון דער כאַסענע...

אקיווע זיצט פון הינטן, מיטן רוקן צו די פערד, אין די אויסגעפּוצטע שטיוול מיט די געקנייטשטע כאַליעווקעס, אין דער ווײַסער סוויטע, מיט דער האַרמאָשקע אָפן אקסל, און פון אונטער דעם גרוי־קאַראַקולענעם יאַלעם שלאָגט אים אָף דער זײַט אַרויס דער שוואַרץ־געלאָקטער „טשוב".

ער, אקיווע, היט דעם וועג פון הינטן. אויב ער וועט עפּעס דערזען דאָרטן כשאַדימדיקס, אזוי וועט ער גלײַך אָנהייבן זינגען און צושפּילן:

Ой, там за яром
Брала дівка льон...[1]

ווי נאָר אָבער מ׳איז אָפן זײַטיקן וועג אַראָפּגעפאָרן, האָט דער „פויער" גענומען טרײַבן די פערד. דער וואָגן פאַלט אַלעמאָל מיט אן אנדער ראָד אין א גרוב ארײַן — דאָס וואַסער פאַרגיסט מאַמעש די אויגן. די פערד גייען אָף געהאַרגעט צו ווערן — די צײַמלעך זידן אין זייערע מײַלער, און ס׳שלאָגט אַרויס א רויטלעכער שוים. די פערד טראָגן זיך אזוי — פון אונטער די טלאָען פליִען שטיקער ערד, — אז דער וואָגן וועט באַלד צעטרייסלט ווערן און די הינטערשטע רעדער וועלן אַרוף אָף די פעדערשטע.

איווען דאַכט זיך אָבער: צו שטיל פאָרט מען... זי וואָלט שוין וועלן עס איבערקומען — זײַן וואָס גיכער אין דער היים און וואָס גיכער פון דאָרטן אוועקפאָרן ווײַטער.

דאָס מאָל איז איר נאָך שווערער צו טרעפן זיך מיט דער אָפּגעשוירענער מאַמע, וואָס זיצט דאָרטן מיטן באָק־לעמעלע אָפן בעט.

נאָך שווערער וועט איר זײַן צו באַגעגענען זיך מיט די ברידער און מיט די שוועגערנס. זיי וועלן שוין אצינד, נאָך איר פאַרלאָזן די לאַנדעס, נאָכן צושיקן דאָס קינד אהער, אָף קעסט, אז זי אליין וועט קומען שוין ניט ווי די גרויסשטאָטישע נעגידעסטע, נאָר ווי אן אָפּגעריסענער בלאַט אָפן ווינט, אָן א דאַך און אָן א שוועל, — און געוויס וועלן זיי מיינען, אז זי איז געקומען אָף צו פאַרבלײַבן דאָ, וועט מען זי שוין ניט באַגעגענען ווי פאַראַיאָרן, מיט די הוסטעלעך און מיט די לײַטיש־בענימעסדיקע פּענעמער. די דאַרע ביילע, מיטן ניט פאַרקנעפּלטן שוך אָפן לינקן פוס, וועט זיך שוין ניט וואַרפן אזוי אָפן האַלדז: „אוי, איוועניו, כיִעס מײַנער!"

די פור יאָגט אַרײַן אַלץ טיפער אין דער נאַכט — אין א געדיכטערער פינצטערניש. דער וואַלד רוישט נאָך שטאַרקער אָפן ווינט. נאָר פון רעכטס, צווישן די קימאַט שוואַרצע יאָדלעס, זילבערט דער מוילעד די אָסיקע־ביימער.

מ׳איז ווידער געבליבן שטיין אין טאָל. דער „פויער" רעדט ווידער מיט „סטאַרצעס"[2]. אויך ער, אקיווע, איז דאָרטן. פונוואַנען קען זיך אקיווע מיט זיי? פאַראַיאָרן, פאָרנדיק צו דאַניִעלן, האָט מען זיי אין ערגעץ ניט געזען, און איצט איז מיט זיי, מיט די בעטלער, פול דער וואַלד. פרעגט זי וועגן דעם כיירוסן:

— וואָס טוען זיי, די סטאַרצעס, אין וואַלד?

— זיי טוען א גרויסע זאַך, זיי פילן אויס א וויכטיקע שליכעס.

— אין וואָס באַשטייט עס?

— אָט זעסטו דאָך... אָט די בלינדע, וואָס זעען ניט די זון, הערן אָבער גוט די וועלט. אָט די לירניקעס שפּילן ניט נאָר צוליב א נעדאָווע. זיי זײַנען די באַלעבאַטים פון וואַלד. זיי ווייסן דאָ ווו איַין און ווו אויס. עמעס, נאָך זייערע טריט גייען סרייפעס, דער אָרעמער פויער פאַרשטייט נאָך ניט, אז דאָס צינדט ער זײַן האָב־און־גוטס. דאָס איז דערווײַל ניט מער ווי בלינ־

---

[1] דאָרט, הינטער דעם יאַר,
האָט א מיידל לײַן גענומען.

(פון אן אוקראַיִנישער ליד).

[2] בעטלערס (אוקר.).

דער פּאָלקס־צאַרן... דו האָסט מיסטאמע ניט איין מאָל געזען אפן יאריד די לירניקעס, וואָס זיצן בא די קלויסטערס, אף די שאָסייען, און רופן אונטערן קלאַנג פון די לירעס:

Ідіть, сини, погуляйте,
Пошукайте долі...[1]

— און דו מיינסט, אז די פּויערים אפן יאריד הערן זיך דאָרטן צו צו זייער געזאנג?

— ווער ס'דארף, הערט זיך צו... א סאך ווייסן שוין, ווו און וויאזוי מ'דארף זוכן די דאָליע.

דער „פּויער" מיט אקיווען קערן זיך אום און פארנעמען זייערע ערטער אפן וואָגן. זיי, די סטאַרצעס, אין די ברוינע סוויטעס, אין די בערעסטענע פּאַסטעלעס, מיט די טאָרבעס און לירעס, מיט די הויכע וואנדער־שטעקנס אין די רעכטע הענט, זיי, אָט די מערהאגלים, האָבן שוין דערקלערט דעם „פּויער", מיט וואָס פאר א וועג און וויאזוי מ'דארף וויַיטער פאָרן און האלטן זיך, ווייל נאָך דעם, ווי מ'האָט פארברענט דעם גראף באָגושעווסקיס גוט, ווימלט דער ארום מיט קאזאקן.

אגעוו־אורכע, האָט ער, אקיווע, זיך שוין דאָ דערוווסט פון זיי, פון די בעטלער, וועגן דעם אומגליק, וואָס ס'האָט געטראָפן דאָרטן, בייס דער סרייפע, מיט די צוויי באָיארס... אקיווע פארשוויַיגט און באהאלט עס אויס ניט נאָר פון איוועז, נאָר אויך פון כיירוסן: זיי וועלן זיך באלד וועגן דעם אליין דערוויסן.

די צוויי קארע פערד, — פון די פעל שלאָגט זיי א געדיכטע פּארע, און די פור גייט, ווי אין א הייסן שווער־רייעכדיקן נעפּל — די ווידלען אונטערגעבונדן, די גריוועס אין סטענגעס פארפלאָכטן, יאָגן וויַיטער איבער די זיַיטיקע מיט וואסער פארפלייצטע קרום־געבראָכענע וועגן.

פאראיאָרן, פאָרנדיק מיטן ברייטן טיף־הארבסטיקן שליאך צו דאניַיעלן, האָט זי, איווע, זיך געהאלטן אין איין בעטן באם אשמעדיַי: „מענטש איינער, יאָגט ניט אזוי די פערד!" אצינד אָבער איז איר דער וועג צו לאנג און די וויַילע צו גרויס. מיט אזא פאָרעניש, דאכט זיך איר, וועט זי פארשפּעטיקן און באציַיטנס ניט אָנקומען.

דעמלט, אין וועג, איז זי געזעסן אן איַינגעבויגענע, ווי א שווערע קלאָלע וואָלט אף איר געלעגן. זי האָט דעמלט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן אויסגעקוקט, אז עמעצער זאָל פון דער נאכט ארויסגיין, די קלאָלע פון איר אראָפּנעמען און דעם וויַיטערדיקן וועג אין לעבן אריַין איר וויַיזן.

דעמלט האָט זי די גאנצע ערעוו־ווינטערדיקע קאלט־ווינטיקע נאכט געהערט, ווו ערגעץ אף די זומפן שריַיט א קראנקער פויגל.

פון יענעם געשריי האָט זי זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען.

אויך בא איר, בא איוועז, האָט זיך אין יענער נאכט געריסן פונעם איבערגעטריקנטן גאָרגל א ווייטעקדיקער און עלנטער געשריי.

אצינד, פאָרנדיק מיט אים איבערן וואלד, אין פרי פון יאָר, שיקערן זי די רייכעס פון געפלאצטע קנאָספּן. אין די הימלען, האגאם שוין טיף אין אָוונט, ווערט ניט אנשווייגן דער אופגערעגטער געשריי פון די פייגל, וואָס קערן זיך אום צו זייערע אלטע נעסטן און פּאטשן מיט די פליגל איבער די ווינטן, ווי זיי וואָלטן דערמיט געבענטשט די ערד, די וועלדער, צו וועלכע זיי האָבן זיך בעשאָלעם אומגעקערט פון אזא וויַיט־שווערן וועג.

אָט דער פריידיקער פייגל־געפילדער איבערן וואלד וועקט אין איר דעם ציטער און אומרו פון וויַיטע, אָבער פון קיינמאָל ניט פארגעסענע פרי־פרילינגדיקע אָוונטן בא דער קאָ־כיקער הרעבליע...

אויך דער זיצט לעבן איר שטיל. אָט וועט ער, דאכט זיך, ווי יענער פארוואָרפן די רעכטע האנט ארום איר האלדז און זאָגן: „אף מיַין געלעגער האָב איך מיַין ליבהארציקע געזוכט..."

אקיווע טוט פּלוצעם קוים־קוים א שפּיל אף דער הארמאָשקע. ער גיט דערמיט דעם סימען: דער וועג בא די הינטערשטע רעדער איז ניט קעשורע. די מאנצבלען און אויך זי, כיירוס, נעמען דאָס געווער אין די הענט אריַין. בא איוועזן הייבט אָן דאָס הארץ אונטערגיין צום האלדז.

דער „פּויער" — דער איַיזנבאן־ארבעטער פּעטראָ גיידיַי — פארנעמט אָן א זיַיט פון וועג. נאָך א לאנגן צוהערן זיך ווערט קלאָר: יענע אנגעלאָפענע פור איז אוועק מיטן לינקן, מיט דעם אָפּגעצוויַיגטן וועג, וואָס פירט צום אָפּגעברענטן פריצישן גוט.

---

[1] גייט, קינדער, טוט א הוליע,
זוכט דאָס מאזל...
(אוקראַיניש).

און די צווײ קאַרע פערד טראָגן זיך ווײַטער. די פרילינג־וואַסערן אַרום רױשן און זידן. שױן דאָס פאָרן אַלײן, אין אָט דער נאַכט, וואָס איז פול מיט סאַקאָנע, איבערגעטאָנענע און פאַרשטעלטע, אָט דאָס טראָגן זיך איבער די הינטער־ און בײַוועגן, דורך לאָנקעס און טאָלן, ווי ניטגוטע, אַף געהאַרגעט צו ווערן, אָט דאָס פאָרן איבער וועגן, וווּ ס׳איז קײן סימען פון קײן ראָד ניטאָ, דאָס אַלץ וועקט אין איר ניט נאָר מוירע פאַר זײ, נאָר אױך א פרײד פאַר זיך.

אױך זי איז שױן אַרײַן אינעם גרויסן געראַנגל פון לעבן. און זי האָט זיך אַף וועמען צו אָנשפאַרן. ענדלעך געפינט זיך איר גוירל אין צאַרטע און אין שטאַרקע הענט.

די שטערן איבערן וואַלד ברענען מיט בלױער און רױטער שײַן. דער דאָרשטיקער ווינט טרינקט פון אונטער די שטאַמען די פאַרלעגערטע שנײען. די נאַקעטע וועלדער הײבן זיך שױן אָן צו רײכערן מיט גרינקײַט. ס׳יוירן און ס׳גיסן זיך אָן מיט זאַפט די בערעזעס און קליאָנען. פון די לײמיקע שיפּוּים ווײעט מיט רײכעס פון די ערשטע קוויטלעך, וואָס טוליען זיך נאָך באַנאַכט צו דער מאַמע־ערד. ס׳שמעקט מיט סאָסנע און מיט שנײ־וואַסער.

ס׳איז שױן, דאַכט זיך, ניט ווײַט פון איר אַמאָליקער הײם. ערגעץ אין אָט דעם ווינקל ליגט דאָס דאָרף, וווּ ס׳וווינט די מומע ליבע. איר וואָלט זי, איווע, געקאָנט אַלץ זאָגן און דערצײלן. נאָר די מומע ליבע דאַרף אַפילע ניט קײן רײד. יענע וואָלט שױן לױט די אױגן אַלץ געזען און פאַרשטאַנען.

שווער איז איר, איווען, אַרײַנפאָרן צום טאַטן אין הויף. באַלד וועט שױן זײַן דער בערעז־ניאַק, ס׳איז שױן ניט ווײַט דער ברונעם מיט די דרײַ אָלכעס... מ׳האָט שױן פאַרנומען פון וואַלד אַפן פעלד־וועג, פאַרבײַגעפאָרן די ווינטמילן, די פור וועט אײַנגיכן צו דער הרעבליע אַראָפּנידערן. די רעדער זינקען ביז די אַקסן אין בלאָטע. פון די פערד זעצט אַזאַ פאַרע, אַז ס׳פאַרשלאָגט דער אָטעם.

אין וואָגן כאַפּן זיך אַלע אָן מיט די הענט פאַר די דראַבינעס: די פור לאָזט זיך אַראָפּ צום טײַך, וווּ די קאָכיקע וואַסערן יאָגן איבער דער הרעבליע. ס׳גײען נאָך אױך קרירעס — זײ קריכן אײנע אַף די אַנדערע, שפּאַלטן און ברעכן זיך, טרינקען זיך און שווימען צוריק אַרוף, נאָר שױן אָפּגעריסענע פון די ברעגן וועלן זײ ערגעץ פאַרפאַלן ווערן.

— איווע, — זאָגט פלוצעם כײַרוס, — אין דײַן טאַטנס שטוב לײַכט זיך נאָך.

— איך זע... דאָס לײַכט זיך אין מײַן מאַמעס אַלקער. און דו האָסט דערקענט אונדזער שטוב?

— מיט פאַרמאַכטע אױגן וואָלט איך דאָ געטראָפן אַף די פאַרוואָקסענע סטעזשקעס.

— כײַרוס, האַלט זיך, מיר פאָרן אַרוף אַף דער הרעבליע. דער שטראָם זאָל אונדז כאָטש ניט אַראָפּטראָגן מיט דעם וואָגן אין טײַך אַרײַן.

XIV

זײ זײַנען אַרײַנגעפאָרן אַהין, צו די אַלטע באָיאַרס, אין א שאָ פון טיפן צאַר און טרױער. שױן באַלד, ווי נאָר זי, איווע, דערהערט דער מומע ליבעס קאָל — און די מומע ליבע איז דאָך ניט פון די גלאַט־קומערנס און אַרומגײערנס, זי קומט דאָך נאָר אין אַן אײס־צאָרע, אַז מ׳דאַרף א האַנט צולײגן און אַן אַקסל אונטערשטעלן, זי קומט דאָך נאָר דעמלט, אַז מ׳דאַרף דעם יִיעש אָפּשטעלן און פאַרטרײַבן. אױב זי, די מומע ליבע, האָט געוואָרפן איר שטוב מיט די קינדער, דערצו נאָך אין אַזאַ וואַסער, פאַרשטײט זי שױן, איווע, ס׳האָט דאָ געטראָפן אַן אומגליק: „די מוטער איז געשטאָרבן“...

נאָר דאָ לאָזט זיך הערן פון יענעם אַלקער דער מאַמעס קאָל:

— וואָס האָט איר מיך אוועקגעלײגט אַף דאַניִעלס בײנער?

— נעמט מיך אַראָפּ פון דאַניִעלס בײנער!

אָבער פון דעם, ווי אַלע, פון גרויס ביז קלײן, אין אַזעלכע שפּעטע שאָען פון דער נאַכט, זײַנען אַף די פיס, איז צו פאַרשטײן: אין הויף האָט געטראָפן עפּעס זײער שווערס און ביז גאָר אומראַכמאָנעסדיקס.

דאָרטן, בא די אַלטע באָיאַרס, האָט טאַקע אין יענע טעג געטראָפן א גרויסער אומגליק: סימכע מיט זכאַריען האָבן באַצײַטנס אַף אַן אַנדער וועג ניט פאַרנומען און זײַנען פאַרבײַגע־פאָרן דעם פריצישן גוט, וואָס האָט נאָך געהאַלטן אין ברענען. די פּויערים, די אָפּגעבראַכטע און אָפּגעבריזטע, די באַלײדיקטע און באַאַוולטע פון דויר־דוירעס, א סאַך פון זײ נאָך מיטן ווײטעק אין לײַב פון די ריטער, מיט וועלכע די גראַפן באַגושעווסקיס האָבן זײ אַמאָל אין די שטאַלן, ווי פּי, געשמיסן... זײ, סימכע און זכאַריע, זײַנען אָנגעפאָרן און אָנגעטראָפן זיך אַף אָט די פּויערים, וואָס אַקערן און זײען, שנײַדן און דרעשן, נאָר אַלײן איז מען מיט ווײַב און קינדער הונגעריק

און האַלב־נאַקעט, האָבן יענע, די פּויערים, אין זייער צאָרן שוין אויך אַף די צוויי ייִדן זייער האַס און קאַס אויסגעגאָסן. עמעס, פאַר זכאַריען האָבן זיך אייניקע גוט־באַקאַנטע ווײַסבערדיקע פּויערים אײַנגעשטעלט און אַ גוט וואָרט פאַרוואָרפן: ער, זכאַריאָ, איז אַ מענטש אַ בידנער. ער איז אַליין באַ דעם גאַווריִלאָ באַיאַר אין קנעכטשאַפט, גייט אַליין אויך אין דעם יאָך. ער, זכאַריאָ, האָט באַגראָבן אַלע קינדער, דאָס ווײַב... — האָט מען אים, זכאַריען, געשלאָגן ניט אַזוי בייז, און אַפילע מיט ראַכמאָנעס און מיטלײַד: שוין ניט ווי קיין „בלוטזויגער“, נאָר ווי אַ „יודאַ“, ווי אַ „קריסטוס־פאַרעטער“, ווי אַ „גאָטס־מערדער“.

סימכע, וואָס האָט ערשט פאַראיאָרן כאַסענע געהאַט מיט סטיסיען, — גאַווריִעל האָט זיי אָפּגעשפּילט די ברייטע כאַסענע און געוואַרט אַף דעם כויוו, אַף אַן אייניקל, ער, סימכע, אַ פאַרבלוטיקטער, דאָס לינקע אויג אויסגערונען, אומקערנדיק זיך אַהיים, האָט זיך צום פּירהויז דערשלעפּט, אָנגעשפּאַרט זיך מיטן רוקן אָן דער וואַנט, מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט פון דער נאַסער באַנק די גרויסע שווער־קופּערנע קוואָרט, אָנגעשעפּט זי פונעם הילצערנעם עמער אַ פולע, אָבער קויעך געהאַט נאָר ביז צום מויל זי דערטראָגן... די קוואָרט מיט וואַסער איז פון זײַנע הענט אַרויסגעפאַלן.

ער האָט נאָך מיט דעם איינעם, מיט דעם רויט־פײַערדיקן אויג, וואָס האָט געטריפט מיט בלוטיקע טרערן, געוואָלט זען זי, סטיסיען, נאָר שוין ניט געקאָנט. האָט ער אַ צאָרנדיקן כאָרכל געטאָן און גענומען זיך גליטשן איבער דער וואַנט צו דער ערד אַראָפּ. דאָ אָפּן אָרט האָט ער, סימכע, אויסגעהויכט די נעשאָמע.

און יענער, זכאַריע, ליגט אין דער אַלטער קרעטשמע, דאָרטן, באַ ייִצכאָקן, און ציילט די לעצטע רעגעס... באַ זײַן טויטן־בעט, פון די נאָענטסטע, זיצט איין דאָבציע. זי, מאַלקע, נאָך גרויסע וואַקלענישן און נאָך לאַנגע נעכט ניט שלאָפן, האָט זיך אין איינעם אַ פאַרנאַכט שטיל געשטעלט מיט הערשע־לייבן אונטער דער כופּע, איבערגעלאָזט דאָ איר קינד, שמוליקן, און אַליין מיט ראָכלס דרײַ יעסוימים אַוועקגעפאָרן אין שטעטל אַרײַן — פאַרבײַטן זיי די אומגעבראַכטע מאַמע.

דאָ, אין הויף, מאַכט קיינער אין די נעכט מיט קיין אויג ניט צו. אויך זיי, די ווײַבער, אַכוץ איר, סטיסיען, וואָס קאָן זיך קיין אָרט און קיין טרייסט ניט געפינען, זי לאָזט צו זיך צו נאָר איוועס טעכטערל און די מומע ליבע... די איבעריקע, אַפילע די קינדער, אויב זיי זײַנען נאָר דעם טיש איבערגעוואָקסן, גייען אַרום מיט די אײַזערנע פּרענטעס, מיט גאַווריִעלס געשניצטע דעמבענע שטעקנס אין די הענט, — גרייט אַף מעסירעסנעפעש.

זיי אַלע, מיט די אָנגעצונדענע לאַמטערנס, שאַרן אַ גאַנצע נאַכט פון יענער זײַט פּלויט, אַז קיינער זאָל זיך, כאָלילע, אַהער ניט דערקלײַבן, זיך ניט פאַרגאַנווענען און איבערקוילען מיט די קאָסעס די אָקסן, ניט איבערהאַקן באַ די פערד די אָדערן אַף די פיס, און דערנאָך ערשט אונטערצינדן די שטאַלן פון אַלע פיר זײַטן.

און ער אַליין, דער טאַטע, גאַווריִעל באָיאַר, שוין נאָכן שיווע־אָפּזיצן, גייט נאָך אַלץ פון שטוב ניט אַרויס, מישט זיך אין ערגעץ ניט אַרײַן, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַלע אַלן און מיסכערדײַגעס, — געוואָרן אַ גער באַ זיך אין הויף.

ער טרינקט אין קריגל בערעזע־זאַפט נאָכן צוויטן, ווי ער זאָל וועלן פאַרלעשן אין זיך דאָס העלישע פײַער, וואָס בריט און בראָט זײַנע אַלע געדערים. ער שאַרט מיטן רעכטן פוס — אַ סימען פון צאָרן — איבער דער ערד און כאַזערט איינס און דאָס זעלבע:

— ניטאָ אים, ניטאָ שוין סימכען, ניטאָ. נעמען און הארגענען אַ מענטשן... נעמען אַזאַ שטילן זכאַריען און אים אָפּשלאָגן די לונגען! איז וואָס וועט שוין זײַן ווײַטער?

ער, וואָס טראָגט שוין דעם ניט־געשטילטן פאַרדראָס אַזויפיל יאָרן ניט נאָר פאַר זיך אַליין, נאָר אויך פאַר עטלען — יענע האָט אַ שײַן געגעבן אין זײַן לעבן און איז גלײַך אויסגעלאָשן געוואָרן — און אויך פאַר איר, פאַר נעכען, טראָגט ער אַ פאַרדראָס, אויך נעכעס לעבן איז דאָך פאַרפינצטערט געוואָרן... — ער, גאַווריִעל באָיאַר, נאָך סימכעס קוווּרע, מיט די פאַרשאָטנטע קישעלעך אונטער די האַלב־צוגעמאַכטע אויגן, די געדיכט־ברייטע ברעמען, ווי טאָמיד, אין גרויס אופגעבראַכטקײַט צונויפגעפירט, אָן דעם היטל, אין די ווײַסע אַרבל, שפּאַלט אין די נעכט, אין דער ניט־געהייצטער, קאַלטער שטוב, די טרוקענע העלצער און שניצט פון זיי קאָלערליי שטעקנס, ווי ער וואָלט זיך געגרייט אַרויסגיין שלאָגן מיט דער וועלט.

אויך פריִער, ניט געהאַט וווהין אַהינצוטאָן דעם איבעריקן יוירנדיקן קויעך, און דעריקער פון ניט האָבן ווו צו שטילן דעם פאַרדראָס, וואָס וואַקסט מיט יעדן יאָר און מערט זיך, האָט ער, גאַווריִעל באָיאַר, אין אַ פרײַער צײַט, באַזונדערס אין די כויל־האַמויעדן, געשפּאָלטן סורקעוואַטע דעמבענע קלעצער.

אין די שאבייסענאכטסן, אז דער באַל־האַושגאָכע, דער נעמאָן זיינער, זכאריע, פלעגט קומען, — און דאָס גייט אַריין אין יענעמס היסכיַיוועסן, — אָנטאָן די אײַזערנע בריל, אַף איין אייגל, זיך אוועקזעצן אונטערן בליץ־לאָמפּ און נעמען פאַרלייענען אַף א קאָל, פאַרטײַטשן און דערקלערן פאַר די זין, שניר און אייניקלעך, פון דעם האַלב־צעשאָטענעם „יויסיפון"... דעמלט האָט גאוורי̄על באָיאַר, שוין מיט גאָר א באַזונדער מין אופגעטרייסלטקײַט, געשניצט און געשניטן די שטעקנס זיינע — די שטאָלענע מעסערס האָבן זיך געבראָכן און געקרישלט.

און אז ער, זכאריע, דערגייט צו די גאָר גרויסע רעדיפעס און שכיטעס, דאָרט, ווו ס׳דער־ציילט זיך, אז בלוט האָט זיך געגאָסן פון די הײַזער אַריבער די פענצטער אין דרויסן אַרויס, דעמלט קאָן שוין גאוורי̄על ביכלאַל מער ניט אויסהאַלטן און טוט א זעץ מיטן פוס אין דער ערד:

— גענוג, זכאריע, גענוג! זאָל אַף הײַנט זײַן גענוג! פונעם הערן אַליין קאָן צעריסן ווערן דאָס האַרץ... דאָ דאַרף מען האָבן א האַרץ פון א ייִדישן גאָט. נאָר ער קאָן אַזוינס צוהערן, צוזען, און ניט אַראָפּפאַלן פונעם הימל... נו, נו, זכאריע... איך קאָן דאָס ניט פאַרשטיין!

אין יענער נאכט, פאַר איוועס אָנקומען, זיצט דער אַלטער גוואר אין דער קאַלטער שטוב, צופוסנס פון זײַן ברייטן און הויכן שטול, וואָס איז פון איין שטיק דעמב געהאַקט — דאָס אָנלעך־וועגטל דערגרייכט קימאַט צו דער סטעליע, — און שניצט א נײַעם שטעקן.

די געוויכטן אַף די זילבערנע קייטלעך אין יענעם הויכן וואַנטזייגער באַוועגן זיך ניט. דער שפיגל איז נאָך פאַרהאַנגען מיטן שוואַרצן טוך. בא די פיקוסן זײַנען שוין פאַרגעלט געוואָרן די בלעטער. קיינער באַגיסט זיי ניט. פון די פעסער שמעקט מיט איבערגעטריקנטער ערד.

די מומע ליבע, מיט דער געלי̇ענער שאַל אַף די אַקסל, שטייט צווישן דעם קאַסטן מיט די אויסגעשײַערטע קופּערנע רייפן און דעם אָרנקוידעשל, וואָס מיט די אויסגענייטע לייבן אַפן גרין־סאַמעטענעם פאָרויכעסל, און קלײַבט זיך ווידער גיין אַהין, אין דער אַלטער קרעטשמע, ווו ניט נאָר דער „שטילער זומער", נאָר אויך די ווענט וועלן, דאַכט זיך, דאָרטן באַלד אָנהייבן צו שרײַען...

אכוץ זכאַריען, וואָס ראַנגלט זיך דאָרטן מיטן מאַלעך־האַמאָוועס, מאַטערט זיך נאָך אויך כיירוסעס קינד אין פיבער. זי, די מומע ליבע, פילט זיך דאָ שוין גאָר שולדיק: דאָס האָט זי, פאָרנדיק איבערן פעלד, געלאָזט ייִצכאָקן אַרויסנעמען דאָס קינד פון דער וואַרעמקײַט און האַלטן עס אַזוי לאַנג אַפן פראָסט. דאָס קינד אַף ייִצכאָקס אויסגעצויגענע הענט האָט געוויינט און געשרי̇ען און זיך אַזוי פאַרקילט.

די מומע ליבע, — יענער מין איבלעניש אונטערן לעפעלע לאָזט זי אַף א רעגע ניט אָפּ, אַזא שווערן טראָגן האָט זי נאָך מיט קיין איין קינד ניט געהאַט, — הערנדיק, ווי דער ברודער קרעכצט, קלאַפּט מיטן שטעקן איבער דער ערד, שעלט זיך מיט די גרעסטע קלאָלעס, — שווײַגט זי און ברענגט קיין וואָרט ניט אַרויס. וואָס קאָן זי אים, גאוורי̇עלן, דאָ זאָגן און מיט וואָס קאָן זי אים דאָ טרייסטן? און צי איז דען ביכלאַל פאַראַן אין דער וועלט אַזא טרייסט־וואָרט, וואָס זאָל זיך לייגן אַפן האַרצן און שטילן א טאַטן, וואָס אינמיטן העלן טאָג האָט מען בא אים געהאַרגעט א קינד... אויך דאָ, בא גאוורי̇עלן, איז שוין ניט קיין צאָרע, נאָר א גזאַר. אויך ער, דער רײַכער ברודער אירער, טרינקט שוין פונעם גרויסן קאָס פײַן און טרויער.

מיט פאַרמאַכטע אויגן, ניט פון איבלעניש און ניט פון מידקײַט, נאָר פון צאַר און צאָרן, וואָס אין ערגעץ קאָן זי מיט גאָרנישט ניט העלפן און איבעראַנדערשן, — אומעטום טויט און טרערן, די זון גייט אויף און פאַרגייט אין בלוט... זאָל ער, גאוורי̇על, קרעכצן, קלאַפּן מיט די שטעקנס, זיך שעלטן, זאָל דער וויי־קלאָג אים פאַרגרינגערן און שטילן דאָס געמיט, — יעדער האַרץ האָט זיך זײַנע אייגענע טירלעך, דורכוואַנען דער ווייטעק גייט אַרײַן און גייט אַרויס.

און האַגאַם די מומע ליבע ווייסט, אז די פלאָגן, די פוראָני̇עסן, די אָנשיקענישן זײַנען אומעטום צו גרויס, אז איר הילף איז גאָר קנאַפּ און קליין, דאָך גייט זי... אַוואַדע פאַלט איר דאָ יעדער רעגע שיר דאָס האַרץ ניט אַרויס: די קינדער זײַנען דאָרטן איינע אַליין מיט שמאַריען פאַרבליבן.

און בא אים, בא שמאַריען, איז פון לינקן אויג פאַרפאַלן געוואָרן דאָס ווינטשפינגערל. ער, שמאַריע, דער גרויסער אוישער אַף גלייבן אין ניסים, איז מיטאַמאָל געוואָרן א גרויסער דאַלפן אַף ביטאָכן.

זי ווייסט אויך, אז דער גרעסטער אומגליק האָט, דאַכט זיך, געטראָפן בא איר אין שטוב: שמאַריע, וואָס האָט אַזוי געגלייבט אין דער גאולע און יעשוע, דער פרומער און פאַרגלייבטער שמאַריע, איז מיטאַמאָל געבליבן אָן דעם פינקלענדיקן ווינטשפינגערל אין גרויסן שוואַרצן אויג און איז אַרײַנגעפאַלן אין א גרוב פון ייִעש. און דאָס ווייטעקסטע איז, וואָס זי, די מומע ליבע, קאָן אים שוין פון דאָרטן אַליין ניט אַרויסשלעפּן.

דעמלט, נאָך איר אוועקפאָרן, מיט דער איבערגעכאַפּטער פור, מיט יִצכאָק באָיאַרן, איז שטאָט אַרײַן, איז ער, שמאַריע, אַרײַן אין די בערעסטעצנע פּאָסטעלעס, געטראָגן וואַסער פון דער קרעניצע, האָלץ פונעם שטעלכל, געהאָלפן דער אַקערעס־האַבאַיִס, דער עלפיאָריקער טאָכטער, אין דער באַלעבאַטישקײַט, געשפּילט אַפּילע, ווי דאָס טרעפט נאָר איין מאָל אין יאָר, סימכאַסטוירע, מיט די קינדער אין „כאַפּערלעך“...

די קינדער האָבן געמעגט, אויך ווי אום סימכאַסטוירע, לאַכן פרײַ, אויפן גאַנצן קאָל. דער טאַטע האָט קיין איין מאָל ניט געפרעגט מיט יענער וואָרענענדיקער רוגזע: „ווער לאַכט, ווען איז דאָס אַזוי גוט געוואָרן?“ פאַרקערט, ער אַליין, ווי דאָס ווערט געטאָן אין דעם סימכאָס־טוירע־אָוונט, האָט בעקיוון אונטערגעגעבן כיישעק, געבראַכט צום לאַכן. עמעס, אַליין האָט ער ניט געלאַכט. נאָר לויט דעם, ווי ס׳האָבן געצוקט באַ אים די אַקסל, ווי די ווײַעס האָבן געפינטלט, און דעריקער, וויאַזוי די קײַלעכדיקע, די געקרײַזלטע באָרד שפּרינגט אים אונטער, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז ער, דער טאַטע, לאַכט.

אין שמאַריען האָט דעמלט בעפיירעש געקוועלט דאָס האַרץ: נאָך אַזויפיל יאָרן וואַרטן אויף אַ נעס, איז ער, דער נעס, אַרײַן אין זײַן געדונגענער כאַטע, וואָס איז מיט די בערעזעווע דרענגלעך אונטערגעשפּאַרט, — שיפרע, זײַן טאָכטער, די בכוירע, ווערט אַ קאַלע, און פאַר וועמען? פאַר רעב נאָסן לאַנדעס בען־זקונים. זי גייט אַרײַן אין אַזאַ ייִכעס, אין אַזאַ אַשירעס. עפּעס אַ ווערטעלע צו זאָגן: אַ מעכוטן מיט די לאַנדעס! מ׳וועט דאָך טײַטלען אויף אים, אויף שמאַריען, מיט די פינגער:

— אָן־אָ גייט ער, רעב נאָסן לאַנדעס מעכוטן!

— מ׳זאָגט, אַז ער, רעב שמאַריע, קומט אין שטאָט אַרײַן, צו דער טאָכטער, זעצט אים דער אַלטער דײַען אוועק לעם זיך אין מיזרעך־וואַנט, באַם אָרן־קוידעש.

— טאַקע אַ נעס מין האַשאָמאַיִם. אַ ייִד איז געשטאַנען אין בעסמעדרעש באַ דער טיר, און מיט איין מאָל אַ שפּאַן געטאָן צום אָרן־קוידעש.

— די טאָכטער האָט אים אָנגעטאָן אַ קרוין אויפן קאָפּ.

און פּלוצעם קערט זי זיך אום, דאָס ווײַב — די טויב, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט פון זײַן טייווע, געוואָרט, זי זאָל אים ברענגען דעם גרינעם בלאַט, דעם גוטן סימען, אַז פאַר אים, פאַר שמאַריען, איז טאַקע געפונען געוואָרן אַ שטיקל טרוקן אָרט, וווּ מ׳קאָן דעם פוס שטעלן, — ער שטייט דאָך שוין באַם אָפּגרונט, אויף דעם שלײַמיק־גליטשיקן, אויף דעם זיך וואַקלענדיקן ברעג — אָט־אָט פאַלט ער אַראָפּ...

און דאָ, מיטאַמאָל, אַ סאַך גיכער ווי אויסגערעכנט און דערוואַרט, קערט זיך אום דאָס ווײַב און טראָגט אין מויל ניט דעם גרינעם בלאַט, נאָר דעם ביטער־טרויעריקן שמייכל און דעם גרויסן צאַר אין די אויגן.

זי, ליבע, די מומע פון דער מישפּאָכע, וואָס זאָגט טאָמיד און יעדערן: „קריכט ניט אין טרויער אַרײַן. דער טרויער איז ווי דער פּאָלעסיער זומפּ, שטעל נאָר אַרײַן אַהין אַ פוס, קאָן מען שוין פון דאָרטן ניט אַרויסקריכן“... זי, וואָס טײַנעט מיט אַלעמען אײַן: „דער הימל איז קיינמאָל ניט באַ דער ערד“, זי זאָל אַרײַנקומען אין שטוב מיט אַזאַ צאַר און מיט אַזאַ טרויער אין די אויגן...

דערהערט פון דעם ווײַב, אַז ס׳איז ביכלאַל שוין ניטאָ באַ די לאַנדעס קיין מיזיניק, אַז אַבושעס רייד זײַנען געווען געגנייט מיט רעגן און געלאַטעט מיט ווינט, איז ער, שמאַריע, געבליבן ניט טויט און ניט לעבעדיק — דאָס ווינטשפּינגערל איז אים גלײַך פאַרפאַלן געוואָרן פונעם שוואַרצאַפּל.

און וואָס מער ער האָט געהערט — די מומע ליבע באַהאַלט גאָרניט אויס, פאַרלייקנט ניט, פאַרווייכערט און פאַרשענערט ניט, — אַלץ ווינציקער האָט ער פאַרשטאַנען, וואָס דאָרט האָט מיט יענעם אוונערן און דערנאָך מיטן אַלטן דײַען, און דעריקער, וואָס ס׳האָט געטראָפן און זיך פאַרקאָכט דאָרטן צווישן שיפרען און איוועס מאַן.

— וואָס הייסט, ליבע, ס׳געפעלט איר ניט אונדזער גאַנץ לעבן?

— ס׳געפעלט איר ניט אונדזער פירונג און אַלע אונדזערע גענג.

— מײַנע און דײַנע?

— ניין, שמאַריע, ניט נאָר מײַנע און ניט נאָר דײַנע!

— וועמעס זשע נאָך?

— איר געפעלט ניט אונדזער גאַנץ ייִדיש לעבן.

— אונדזער ייִדיש לעבן?

— ניט נאָר דאָס ייִדישע לעבן. דאָס וואָלט נאָך געווען צו דערטראָגן... נאָר אויף דעם ייִד אַליין שפּײַט זי שוין אויך קלעק.

— ליבע, און דאָס האָסטו אַליין געהערט פון איר מויל?

פון דעם ווײַבס שווײַגן פאַלט שמאַריע אַרײַן אין אַ שוואַרצן וואָלקן. ער דערפילט, ווי פון אָט די אַלע גרוסן גליטשט ער זיך פון יענעם שליימיק־גליטשיקן ברעג אין טהאָם אַראָפּ. באַנאַכט האָט אים די מומע ליבע געהאַלטן אין איין וועקן פון שלאָף:

— שמאַריע, וואָס איז מיט דיר ווידער?

— גיב מיר, ליבע, דײַן האַנט! שלעפּ מיך אַרויס פון דער גרוב...

— שמאַריע, די גאַנצע נאַכט כאַלעמט זיך דיר אין כאַלעם?

— איינער, ליבע, איינער און דער זעלבער.

— וואָס זשע זעסטו דאָרט אַזעלכס?

— זען זע איך דאָרטן גאָרניט. וואָס קאָן מען דאָרטן, ליבע, זען אָפן דנאָ פון אַ גרוב? איך דריי זיך דאָרטן אַרום אָפן דנאָ... די גרוב איז אַ נאַסע, אַ ליימיקע און ווינקלען — אַ קײַלעכדיקע גרוב, אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סאָף! ליבע, אָט די קײַלעכדיקײַט איז דאָס סאַמע שרעקלעכע... ס׳איז ניטאָ אַפילע קיין ווינקל, וווהין מ׳זאָל קאָנען זיך פאַרשטעקן און באַהאַלטן, — און שמאַריעס קאָל גייט ערגעץ אַוועק טיף, קוים וואָס מ׳הערט עס.

— שמאַריע, רעד העכער, דערצייל, וואָס זעסטו פון דאָרטן.

— זען זעט מען פון דאָרטן גאָרניט. אַ גאַנצע נאַכט הער איך נאָר, ווי ס׳גיסט פון די ווענט. דאָס וואַסער אונטער די פיס הייבט זיך... נאָר אַרויסקריכן פון דאָרטן איז אומעגלעך. די גרוב, ליבע, איז אַ הויכע, און די ווענט זײַנען פון נאַסער שטײַפער ליים, ווי פון האַרטער גומע. מ׳קאָן זיך אָן זיי ניט אָנכאַפּן, מ׳קאָן זיך אָן זיי ניט אײַנגראָבן מיט די פינגער. ליבע, מ׳קאָן גאָר פון דער גרוב ניט אַרויסקריכן!

— שרײַ, שמאַריע, שרײַ, רעד ניט אַזוי שטיל!

— איך שרײַ דאָך, ליבע, איך רוף דאָך, נאָר מײַן קאָל ווערט פאַרפאַלן, דערגייט אין ערגעץ ניט...

די מומע ליבע, וואָס אַלע אירע קויכעס פאַטערט זי אָף ניט אַרופּצולאָזן דעם ייִעש אָפן שוועל פון איר שטוב, דערהערנדיק שמאַריעס קאָל, שוין אַזאַ, וואָס גייט בעעמעס ניט פון לעבן, נאָר פון קייווער אַרויס, ווערט זי דערשיטערט: דער ייִעש האָט זיך פאַרט אין איר שטוב אַרײַנגעכאַפּט. און דאָס ווייטעקסטע איז, וואָס זי אַליין האָט אים, דעם ייִעש, אַהער אַרײַנ־געבראַכט.

שמאַריע איז שוין די סאָף נאַכט געזעסן הינטערן אויוון, אין דער פינצטערניש פאַרשטעקט, און געזאָגט אָף אויסווייניק אַ קאַפּיטל נאָך אַ קאַפּיטל טילים.

זײַן קאָל האָט זי נאָך מער געשראָקן: ער, שמאַריע, וואָס בעט טאָמיד באַ גאָט מיט טרערן, ער בעט איצט ניט, נאָר פּאַדערט... ער ווענדט זיך צום אייבערשטן מיט עפּעס אַ מין קאַס און צאָרן. ס׳דאַכט, אַז אָט באַלד וועט ער זיך פון אָרט אופהייבן און וועט זיך לאָזן ערגעץ גיין אָנטאָן בייזע מײַסים.

גאַנצפרי, באַם אָנבײַסן, האָט שמאַריע ווידער, ווי פון דער גרוב אַרויס, געקנעלט מיט די קינדער:

— פאַר פריש ברויט, זעט איר, דאַרף מען זיך היטן, ווי פאַר פײַער. פריש ברויט, זעט איר, איז טאַם־האַמאָוועס. טאַקע פּאַשעט סאַקאָנעס־נעפאָשעס, און געפערלעך איז עס נאָר דערפאַר, ווײַל ס׳איז אַזוי געשמאַק, טאַקע דערפאַר, וואָס ס׳שלינגט זיך אַראָפּ, נאָך איידער מ׳נעמט עס אין מויל אַרײַן. אין דעם ליגט טאַקע, זעט איר, די מאַקע. פון פריש ברויט טוט ווײי דער בויך. און קנאָבל, מיינט איר, איז אָף אַ סאַך געזינטער? ווייסעך וואָס, פון קנאָבל, זעט איר, ברענט אָפן האַרצן און ס׳נעמט נאָך, אַכוץ אַלעמען, אַ סאַך ברויט אָף זיך...

ווי טאָמיד, אַז אין שטוב שטעלט זיך אַ וואָלקן, אַזוי אויך איצט, האָט די מומע ליבע אויסגעפּוצט די קינדער אין דאָס ריינסטע און שענסטע, אַליין אויך אָנגעטאָן איר בעסטן מאַל־בעש — אַ רעשט פון די כאַסענע־קליידער, — געדעקט דעם טיש מיט אַ קלאָר־ווײַסן טישטעך, צוגעקליבן און אופגעראַמט, אָפּגעקאָכט אַ פיש־קאַרטאָפליע און אופגעזאָטן ציקאָריע מיט מילך.

נאָר שמאַריע איז ניט געלײַטערט געוואָרן. ער טרינקט די ציקאָריע פון אַ טעפּעלע, האַלט עס אַרומגענומען מיט ביידע הענט, די פאַרע זעצט אים אין פּאָנעם אַרײַן.

אַז דאָס טעפּעלע איז שוין ליידיק געבליבן, נעמט ער פּלוצעם אַרויס פון אונטער דער צונג דאָס פּירקאַנטיקע שטיקעלע צוקער און לייגט עס צוריק אַוועק פאַר אַלעמענס אויגן אָפן טישטעך.

דאָס אַכטל ציגעלע צוקער ליגט ווי אַ קישעף — אַ טרוקנס און אַ ווײַס.

— צוקער, זעט איר, — לערנט ווײַטער שמאַריע די קינדער מיט יענעם פאַרפאַלן געוואָרן קאָל, — צוקער האָט מורע פאַר וואַסער. ווער שמועסט נאָך פאַר הייסער... דאַרף מען האַלטן

דעם צוקער אין מויל אזוי, אז ער זאָל זיך ניט קאָנען באַגעגענען מיט דער הייסער וואַסער. דאָס, זעט איר, איז וואָדע ביז גאָר שווער. נאָר מיט דער צייַט וועט איר זיך דאַרפֿן אויס־לערנען. מיר איז דאָס אויך אָנגעקומען ניט גרינג. אוי, ניט גרינג!

פֿון זייַנע רייד ווערט זי, די מומע ליבע, שוין גאָר אופגעציטערט: שמאַריע, וואָס האַלט דעם גרינעם בעזמען אַפֿן מאַרק נאָר לעיוויצע־וועגן — ער מעסט דאָך ניט און וועגט ניט, ער גלייבט דאָך יעדן איינעם אַפֿן וואָרט, און אַז ער זעט אַפֿילע, ווי מ׳נאַרט אים אָפּ, שווייַגט ער אויך, אַפֿילע דעמלט קאָן ער ניט אָנכאַפּן אַזאַ איינעם בא דער האַנט און שטעלן אים צו שאַנד און צו ביזאָיען, ער, שמאַריע, ווערט פֿאַר יענעם, פֿאַרן שווינדלער, רויט, פֿאַרשעמט, טרעט אָפּ און גייט שטיל אוועק אָן אָפּגענאַרטער... און דאָ הערט די מומע ליבע, ווי שמאַריע נאַרט אָפּ זייַנע אייגענע קליינע קינדער, וואָס קוקן אים ביטמימעס אין די אויגן אַרייַן. דאָס ברעקל צוקער האָט ער דאָך אַפֿילע אין מויל ניט גענומען. ער האָט עס צווישן די פֿינגער באַהאַלטן. שמאַריע ווייסט דאָך שוין יאָרנלאַנג ניט דעם טאַם פֿון צוקער.

דערצו נאָך, בייס שמאַריע, מיט יענעם קאָל פֿון דער גרוב אַרויס, קנעלט מיט די קינדער הילכעס דאַלפּאָנעס, דאָ, שוין ווי דער לעצטער קלאַפּ, שוין בעעמעס, ווי א מעסער ביזן קלינגל אין רוקן אַרייַן, — דאָ קומט אָן פֿון שיפֿרען יענץ פֿאַרפּייסעכדיקע פֿינפֿערל...

אויך פֿריִער האָט שמאַריע פֿאַרשטאַנען: אין אָט דעם שיפֿרע־פֿינפֿערל ליגט ניט אַזויפֿיל געטרייַשאַפֿט, ווי וועלן אים דערמאָנען אָן יענעם יאָר־יאַריד, ווען ער האָט זי געשמיסן אינמיטן העלן טאָג, אונטער דער זון, צווישן די צעגרינטע פֿעלדער און צעבליטע סעדער, בא דער גרויליקער שטילקייַט, וואָס האָט זיך געשטעלט אַפֿילע אַפֿן יאַריד.

אויך פֿריִער, אַלע יאָר, באַם באַקומען דאָס „נעקאָמע־פֿינפֿערל״ פֿלעגט ער, שמאַריע, אופ־געדרודערט ווערן. דאָך האָט ער מיט אָט די געלטער דעם פּייסעך אַרייַנגעבראַכט, צימוקים־ווייַן אָף אַרבע־קויסעס געקויפֿט.

אצינד אָבער, נאָך דעם ווייַבס אומקערן זיך פֿון שטאָט מיטן טיפֿן צאַר אין די אויגן, בא־קומען פֿון דער טאָכטער דאָס פֿינפֿערל, ווערט ער געל, דערנאָך ווייַס: דאָס פֿינפֿערל איז דאָך ניט נאָר א פֿאָרוואורף: דאָס פֿינפֿערל קומט דאָך ניט נאָר פֿון א נעקאָמע־געפֿיל, ס׳קומט שוין פּאַשעט, ווי א מין שפּייַ אין פּאָנעם, און דעריקער, ניט נאָר אים אַליין...

און האַגאַם מ׳וועט בלייַבן אָן מאַצע, ס׳וועט ניט זייַן מיט וואָס צו פּראַווען די סעדאָרים, אַכט טעג וועט מען דאַרפֿן אויסקומען מיט א קאַרטאָפֿליע, דאָך פֿאַרטראַכט ער זיך אַפֿילע ניט, שמאַריע, און שיקט גלייַך אָפּ אָף צוריק דאָס פֿינפֿערל.

דערנאָך, ווידער פֿאַר דער מומע ליבע אומדערוואַרט, שמאַריע האָט זיך אין ערגעץ ניט געקליבן גיין, נעמט ער פּלוצעם קלאַפּן אין דער וואַנט — צו דעם באַלעבאָס פֿון דער דירע, צו דעם בלינדן פּאַנאַסן, וואָס זינגט און שפּילט צו אָף דער לירע:

Гей, колись була розкіш-воля,
А теперенька — недоленька...[1]

— פּאַנאַסע, טשויעש?[2] — קלאַפּט שמאַריע אין דער וואַנט מיט אומגעדולד, ווי מער און ווייַטער קאָן ער שוין ניט וואַרטן.

— טשויו, שמאַריאָ, טשויו!

— נא יאַרמאַרצי פּידעש?

— פּידו, שמאַריאָ, פּידו![3]

האָט די מומע ליבע אים פֿון שטוב מיט איר גוטן טרויעריקן שמייכל אַרויסבאַגלייט:

— גיי, שמאַריע, גיי, מיר האַנדלען דאָך מיט גאָט ניט אַפֿן טאָג, נאָר אַפֿן יאָר!

זי האָט זיי ביידן, פּאַנאַסן מיט שמאַריען, אַרויסגעפֿירט פֿון דעם גרויסן פּאַנאַנדערגעוואָר־פֿענעם דאָרף צו דעם גערדיכטן דוירעסדיקן וואַלד אַרייַן: זאָל ער גיין, שמאַריע, אַפֿן יאַריד, זאָל ער שפּאַנען מיט דעם זאַק אונטערן אָרעם, מיטן גרינעם בעזמען אין קעשענע, מיט דער צעבלוטיקטער נעשאָמע איבער די פֿאָלעסיער וועלדער. אין וועג וועט דער ווינט צעבלאָזן אין אים דאָס פֿייַער פֿון ביטאָכן, אויסשייַערן דאָס ווינטשפֿינגערל, און אין זייַנע גרויסע קוקערס וועלן ווידער נעמען אופֿגיין ניסים־וועניפֿלאָעס.

דאָס מאָל האָט אָבער אויך זי, די מומע ליבע, א ריינעם טאָעס געהאַט: דאָרטן, אין דער וואַלד־געדיכטעניש, ווו ס׳גייט שוין אוף אַפֿילע אין די פֿרימאָרגנס א הייסע שייַן, ווו אַפֿן זוניקן ווינט, צווישן די לעצטע שנייען, רוישן די סאָסנעס, דאָרטן, ווו שמאַריע פֿלעגט טאָמיד זען

---

[1] היי, אַמאָל איז געווען א פּראַכט — א פֿרייַהייַט, און הייַנט איז א שווערער גורל... (פֿון אַן אוקראַיִנישער פֿאָלקסליד); [2] פּאַנאַס, דו הערסט?; [3] איך הער, שמאַריע, איך הער. אַפֿן מאַרק וועסטו גיין? איך וועל גיין, שמאַ־ריע, איך וועל גיין (אוקר.).

גרויסע כידושים, אַף שריט און טריט בראַכעס געמאַכט, אומעטום געלויבט דעם באַשעפער פון דער וועלט... — דאָרטן, אַף דעם ווײַס־פאַרגעלטן וואַלד־וועג, האָט בא דעם שווארצן, ווי ערשט פונעם מידבער ארויס, שמאַריען דאָס ווינטשפּינגערל¹ אין די גרויסע טאָמיד עפּעס זוכנדיקע אויגן ניט אופגעשײַנט און ניט אופגעלויכטן.

דערצו נאָך האָט דער בלינדער פאַנאַס דערציילט, ווי מ׳האָט נעכטן צוויי זשידקעס, פון די אָקסנהענדלער, וואָס ווינען בא די סטאַווקעס, אַף טויט צעמיימעסט.

— פאַרוואָס? — בלײַבט שמאַריע שטיין. — פאַרוואָס? דאָס זײַנען דאָך, פאַנאַסע, מײַן ווײַבס קרוויוים. פאַרוואָס?

— דאָס פאָלק, שמאַריאָ, איז אופגעבראַכט. אוואדע איז עס אַ גרויסער שאָד... נאָר אַז מ׳האקט אַ וואַלד, פליִען שפּענדלעך.

— זײַנען מיר, פאַנאַסע, די שפּענדלעך?

און ניט וואַרטנדיק אַף קיין ענטפער, לאָזט זיך שמאַריע לויפן, ווי ס׳וואָלט אים מיטאמאָל אַ וואַסער צום מויל אונטערגעגאַנגען.

— שמאַריאָ, כ׳קאָן דיר ניט נאָכלויפן. לויף ניט, שמאַריאָ, אַף קיין גרויסן יאַריד האָף ניט.

— ניט אפן יאַריד לויף איך, פאַנאַסע!

— וווהין זשע, טשאָלאָוויטשעו, לויפסטו אַזוי?

— אַהין איז פאַרפאַרן אַ הייליקער מאַן, לויף איך צו אים...

שמאַריע שווײַגט שוין דעם גאַנצן וועג. דער סטאַרעץ, וואָס גייט שוין אַזויפיל מאָל מיט זײַן שאַכן אַף און פון יאַרידים, ווערט אַפילע דערשראָקן: אַזאַ שמאַריען האָט ער נאָך ניט געקענט. ער, שמאַריאָ, רעכנט זיך ניט מיט אים, מיטן בלינדן, רײַסט זיך פון אים אַלעמאָל אָפּ, קערט זיך דערנאָך אום אַף צוריק, וואַרט, ביז ער, פאַנאַס, לייגט אים ווידער די האַנט אַפן אַקסל, און לויפט ווײַטער...

אַז מ׳איז אין שטעטל אַרײַן, האָט שמאַריע ניט צוגעפירט, ווי טאָמיד, דעם בלינדן צום קלויסטער, ניט באַזעצט אים דאָרטן און באַוואָרנט, נאָר טייקעף, נאָך בא די מאָהילקעס, זיך צעשיידט מיט אים, אויסגעמיטן דעם מאַרק, ווו דער יאַריד שטעלט זיך, און געלאָזט זיך גלײַך צום היגן נאָגיד, צו רעב שיִעלע מײַדענער, אין שטוב אַרײַן, ווו דער טשערנאָבילער, שוין דעם דריטן טאָג, פאַרברענגט דאָרטן מיט זײַנע כאַשעווע כסידים.

אַף אַ רעגע בלײַבט שמאַריע בא דער טיר שטיין. די קינבאַקן צוקן אים מוירעדיק. די גרויסע אויגן, וואָס זוכן אין דער וועלט אַן אָנשפּאַר, אַ שטיקל טרוקן ערד, וווהין דעם פוס אוועקצושטעלן, זיי, די טאָמיד פײַכטע אויגן, ווערן אים מיטאמאָל טרוקן און פון שוואַרץ רויט, — אָט באַלד וועלן זיי אים פון קאָפּ אַרויסשפּרינגען.

לעכאַטכילע, אַז מע דערזעט דעם אַרײַנגעקומענעם אין אַזאַ מעשונעדיקן, צעטראָגן־און־צעטומלטן אויסזען, ווערט עס אויסגעטײַטשט ווי פאַרשעמטקײַט, ווי אַ מין אַניוועס פאַר לאַמדאָנים און אָנגעזעענע באַלעבאַטים, און מ׳פאַרבעט אים, שמאַריען, אין ראָד אַרײַן.

אַלע קענען דאָך אָט דעם דאָרפס־ייִד, דעם שטילן קאַפּצן, דעם ערלעכן דאַלפן, דעם פרומען און דעם פײַערדיקן כאָסיד פונעם טשערנאָבילער... דאָס האָט ער דאָך, שמאַריע, צוריק מיט דרײַ טעג, אַז דער רעבע איז אין שטעטל אַרײַנגעפאָרן, אויסגעשפּאַנט די פערד און זיך אַליין דער ערשטער אין וואָגן אײַנגעשפּאַנט און געפירט דעם רעבן מיט געזאַנג און ווילדער היספּײַלעס.

דערנאָך אָבער, אַז שמאַריע צעשטופּט און צעשפּאַרט מיט די עלנבויגן דעם סאָסן־וועסימכעדיקן, דעם צעפּלאָמט־פאַרשיקערטן עוילעם, דערקלײַבט זיך צום אויבנאָן־טיש, ווו דער רעבע, זאָל לעבן, זיצט, און כאַפּט אים אָן מיט בײדע הענט פאַר דער באָרד... — דאָ ווערן שוין אַלע דערציטערט, געפּלעפט און מאַמעש געליימט.

— הייליקער צאַדיק! — שרײַט שמאַריע אַזוי, אַז אָט באַלד וועט ער צעטרייסלט און צעשאָטן ווערן. — ביזוואַנען וועט איר קאָרמעווען מיט מאָרגנס? זאָגט, ווען וועט איר שוין ברענגען די געולע?.. — און שמאַריע מיט אַלע קויכעס טרייסלט דעם רעבן פאַר דער באָרד. — זאָגט, איר קאָנט ברענגען די יעשועו, צי איר קאָנט ניט?! איר הערט? איך קאָן שוין מער ניט וואַרטן. שלעפּט מיך אַרויס פון דער גרוב...

אוואדע, נאָך דעם ווי מ׳האָט אים, שמאַריען, געבראַכט אַף אַ פורל אַהיים, איז ניט נאָר אָן אוולע געוועזן, נאָר אַ גרויסע זינד צו איבערלאָזן אים אַף די קינדערס האַזשגאָכע. נאָר וויאַזוי קאָן זי, די מומע ליבע, לעבן נאָר פאַר זיך אַליין? פון די אייגענע צאָרעס און פון דער שטוב־

¹ מענטש איינער (אוקר.).

ווארעמקײַט טריקנט די נעשאָמע. זי קאָן ניט, די מומע ליבע, זיך געפינען קיין מענוכע, אַז פרעמדע הערצער שיקן אַ יעדיִע און רופן.

די מומע ליבע ווייסט, אַז איין בין קאָן קיין סאך האָניק ניט אָנטראָגן, דאָך, אָבער... סײַוויסײַ וואָלט זי ניט געקאָנט אײַנזיצן און ניט קומען מענאכעם־אָוול זײַן גאווריִעלן. און ווי קאָן מען עס ניט גיין מעוואקער־כוילע זײַן זכאריען און דערבײַ מיט עפּעס־וואָס ניט מיטהעלפן דעם „שטילן זומער", וואָס איז געבליבן מיט כיירוסעס קראנק קינד אף די הענט.

זי, די מומע ליבע, האָט אויך געמוזט קומען צו דער יונגער אַלמאָנע, צו סטיסיען, וואָס נאָך סימכעס טויט ווערן די שוואָגערס זי ווײַלן גיך ארויסמעשאַלייעך זײַן פון הויף.

און דעריקער, אין אזא ענגער שאָ האָט זי געמוזט גיין צוהעלפן דאָ ייִצכאָקן. באַ יענעם בייגט זיך ווידער דער רוקן, ווי ער וואָלט זיך גערײכט אף עפּעס אַ נײַעם קלאַפּ.

זי ווייסט, די מומע ליבע, אַז גראָד ער, ייִצכאָק, אָט דער אָפּגעבלעטערטער דעמב אפן ווינט, נייטיקט זיך דאָ אין איר מער פון אַלעמען.

אויך האָט זי געמוזט קומען און טייקעף שיקן גאווריִעלן צו איוווען. יענע איז דאָרט געבליבן אַליין צווישן הימל און ערד. דארף גאווריִעל פאָרן און. זי אונטערהאַלטן, זי אוועקשטעלן אף די פיס, זי קאָן דאָרטן, כאָלילע, אין איר ווערן לויפן אין דער וועלט ארײַן, מאכן אַ שלעכטן טראָט.

איווע לויפט פון אשירעס, און איר טאָכטער, שיפרע, אָן בושע און כארפּע, לויפט, אף געגנזיקט ווערן, צו רײַכקײַט, ווי דאָס גליק פון לעבן וואָלט בעעמעס געלעגן אין רײַכטימער.

דעמלט האָט די מומע ליבע נאָך אַלץ זיך ניט געוואָלט גלייבן, אַז איר טאָכטער זאָל קאָנען אזוי ווײַט פארגיין, נאָר ווען זי האָט זי געפרעגט: „טאָכטער מײַנע, איז שוין טאַקע אף דער וועלט גאָר ניטאָ קיין הייליקס, קאָן מען שוין טאַקע אָפּלעבן אזוי אַ לעבן?.." און אַז שיפרע האָט אַ קרומען שמייכל געטאָן, ווי זי, די מאמע אירע, וואָלט גערעדט און געפרעגט נאַריש־קײַטן, איז דאָ, אַלס ענטפער, פון יענער זײַט טיר געקומען יענער שרעקלעכער הילכיק־טרוקע־נער שאָס: אַז מ׳לעבט אָן הייליקס, בלײַבט מען אָן לעבן. אוונער איז געבליבן אָן הייליקס, האָט ער געמוזט אוועקגיין פון דער וועלט.

ניין, זי, שיפרע, וועט עס קיינמאָל ניט פארשטיין. איווע האָט עס יאָ פארשטאַנען. דערפאר לאָזט זי זיך לויפן זוכן עפּעס הייליקס... שיפרע וועט האָבן אַלצדינג, נאָר אַלצדינג וועט זײַן באַ איר אָן פרייד. און דאָך טראַכט זי, די מומע ליבע, דארף מען נאָכאמאָל פאָרן אין שטאָט ארײַן, מ׳דארף זיך נאָכאמאָל פּרווון אָפּשטעלן שיפרען.

— וואָס שווײַגסטו, ליבע? — פרעגט זי גאווריִעל, וואָס שניצט פארביטערט דעם שטעקן צופוסנס פון דעם ברייטן און הויכן דעמבענעם שטול. — שווײַג ניט! דערקלער מיר... דו ביסט דאָך אין דער מישפּאָכע די קלוגע מומע ליבע.

— פונוואַנען, גאווריִעל, האָט דאָס געקאָנט, אשטייגער, קומען צו מיר די גרויסע כאָכמע? וויפל האָט עס, מישטיינסגעזאָגט, געקאָנט אָנקומען אף מײַן כײלעק פון יענער קיסלעצע, וואָס די מוטער כאווע, מײַנע רייד זאָלן איר דאָרטן ניט זײַן צו שווער, האָט אראָפּגעגאַנוועט פון יענעם בוים?

— וואָס הייסט עס, ליבע? ניטאָ שוין מער סימכען. מ׳האָט אים אויסגעהאַקט מיט דער האַק פונעם לעבן. אוועקגעגאַנגען סימכע פון דער וועלט און ניט איבערגעלאָזט אפילע קיין קינד. ניט געבליבן פון סימכען אפילע קיין זייכער.

— ס׳וועט זײַן, גאווריִעל, ס׳וועט זײַן.

— וואָס, ליבע, וואָס וועט זײַן?

— אַ קינד וועט זײַן. זי, סטיסיע, איז אף דער צײַט.

— האַ? ליבע, האַ? — שפּרינגט אוף דער אַלטער באַיאַר. — ליבע, זאָג מיר נאָכאמאָל!

— זי טראָגט, סטיסיע, זי טראָגט.

— ליבע, כ׳וועל ניט לאָזן פאַלן אף סטיסיען קיין שטויבעלע... אַ קינד פון סימכען!

און דאָ, נאָך דער פריידיקער רעגע, וואָס סימכע איז ניט אוועק פון דער וועלט, ווי אַ שאָטן, לאָזט ער זיך, גאווריִעל, אראָפּ צוריק אף דער ערד.

— ס׳איז אוודע, ליבע, אַ גרויסע בסורע. דער ווייטעק ווערט אָבער דערפון נאָך גרעסער. ער איז ניטאָ... ער האָט אזוי געכאַלעשט נאָך אַ קינד. ווו נעמט מען קויכעס אף דאָס איבער־טראָגן? זאָג מיר, ליבע, פונוואַנען נעמסטו אזעלכע קויכעס אף איבערטראָגן דײַנע צאָרעס און נאָך קריכן אין פרעמדע אומגליקן?

— טאקע פון די צאַרעס, גאָוריקל, טאַקע פון די אומגליקן אַליין... ערגעץ גייען מיר דאָך. איבּיק קאָן דאָך אין אונדזער גאָרטן קיין שטיינער ניט פאַלן... דו הערסט, גאָוריקל?

— יאָ, ליבע. עפּעס צו שטאַרק ביזן די הינט אָפּ ווער צו דער הרעבליע.

און גאָוריקל באַיאַר, אָן דעם היטל, אין די ווייסע אַרבל, כאַפּט פון ווינקל זײַן שוואַרץ־סוקעוואַטן שטעקן, וואָס מיט איין זעץ פאַלט פון אים אַן אַקס, און לאָזט זיך — און נאָך אים זי, די מומע ליבע, — אין דרויסן אַרויס. דאָרטן טרעפן זיי זיך צונויף מיט די פּלוצעם־אָנגעפאַרענע.

XV

און פון יענער, פון דער פרי־פרילינגדיקער, פון דער פאַרפייסעכדיקער נאַכט וועלן שוין די באַיאַרס האָבן אָף צו ריידן און צו דערציילן: די אָנגעפאַרענע, דעריקער זי, כיירוס, האָבן אָף לאַנג אופגעטרייסלט און אופגערודערט דעם גאַנצן דרײַצנטן שיוועט.

אין יענער נאַכט — דער טײַך בא דער הרעבליע קאָכט, זידט און שפּריצט ביז צו די ווייטע און טיפע בלויקײַטן, לעשן זיך דאָרטן, אין די הימלען, שטערן אויס און פאַלן אין די וואַסערן אַרײַן.

דער בערעזניאַק, אין יענער שפּעטער שאָ, לויכט זיך נאָך מיט יענעם רעשטל שײַן, וואָס די זון האָט דאָ איבערגעלאָזט אָף נאַכט. זי, די גרויסע האַרעפּאַשניצע פון דער וועלט, פאַרגייט שוין מער ניט ווײַט און אָף לאַנג, נאָר זי זעצט זיך שפּעט אין די אונטן, טאַקע ערגעץ דאָ, אין די וועלדער.

די נאַכט איז נאָך קאַלט, ס'פּילט זיך אָבער, אַז אָט־אָט וועט זיך לאָזן הערן דער ערשטער דונער, און ס'וועט אין פרי פון יאָר אַראָפּ דער גרויסער געבענטשטער רעגן.

אין יענער נאַכט, ווי מ'איז אַלע געווען אָף די פיס — געהיט דעם הויף פון אַן אונטער־געוואָרפן פײַער, האָט לעכאַטכילע איוועס אָנקומען מיט די פרעמדע לײַט, און אַפילע מיטן הוי־לעך זייערן, קיין גרויסן וווּנדער ניט אַרויסגערופן: זי ווייסט דאָך ניט פונעם אומגליק, וואָס ס'האָט דאָ מיט סימכען געטראָפן — האַגאַם שלעכטע בסורעס קומען אָן גיך... זי, איווע, איז דאָך שוין אַן אָפּגעגעטע, זי איז דאָך שוין ווידער אַ ווינט אין פעלד, — איז זי אויך איצט, ווי אַמאָל, בייס איר לערנען אין שטאָט, אין אירע מיידלשע יאָרן אַראָפּגעפאָרן אַהער מיט אַ כאַליאַסטרע אָף פייסעך.

אָט דער ווילד־מעשונעדיקער אַרײַנפאָר אינמיטן דער נאַכט האָט צום אָנהייב אַפילע באַרויקט די ברידער און באַזונדערס די שוועגערנס, וואָס האָבן די לעצטע טעג זיך געסוידעט: איווע וועט קומען און זיך באַזעצן דאָ. דאָס קינד האָט זי שוין פריִער צוגעשיקט... און זי איז דאָך צוגעווווינט צו פירן אַ ברייט און רײַך לעבן, מיט זייער אויסקומעניש וועט זי זיך דאָ ניט באַגיין. דאָס האָט מען שוין געזען פאַראַיאָרן, ווען זי איז אַרײַנגעפאָרן אַהער אַן אויס־געפּוצטע. נאָר דעמלט איז זי אַראָפּגעפאָרן אַהער נאָך קאָוועד און ליבשאַפט...

אַציינד אָבער, אַז זי איז שוין אַ „לײדיקע", וועט זי זיך דאָ באַזעצן און אַרײַנעמען דעם אַלטן אין אירע הענט. יענער, דער טאַטע, וואָס לאָזט אָף איר קיין שלעכט וואָרט ניט פאַלן, — איבער איר קינד ציטערט ער שוין, ווייסט שוין ניט וווּהין עס אַוועקזעצן, — וועט זיך טייקעף לאָזן אָנטאָן אַ ציימל. זיי, די ברידער מיט די שוועגערנס, וועט נאָר בלײַבן צו שלינגען די גאַל.

און האַגאַם ס'איז געווען צו זען, אַז איווע איז ניט געקומען אָף צו פאַרבלײַבן דאָ, אָבער וואָס ווײַטער רופט אַרויס איר קומען ניט נאָר כידעש, נאָר שוין אויך אומרו... די פור, אַ פאַרגאָסענע מיט וואַסער, די פערד פאַרמאַטערטע, די זײַטן אײַנגעפאַלן, די קעפּ אַראָפּגעלאָזן, איז אַפילע אין הויף ניט אַרײַנגעפאָרן.

ווי נאָר די מאָדנע פאַרשווינגען האָבן דאָרטן, הינטערן פּלויט, פון יענער זײַט סאַד, פון וואַגן זיך אַרויסגעקליבן, אַזוי האָט דער „פּויער", וואָס האָט ניט געלאָזט דאָס פּאָנעם זיך אָנ־קוקן, געוואָרפן אַ פּאָר ניט פאַרשטענדלעכע ווערטער און גלײַך די פערד פאַרקערעוועט און ווידער אַוועקגעשמיסן אַהין, — ס'איז דאָך פּאַשעט צו שטוינען! — צו דער וואַסער־קאָכיקער הרעבליע, ווו מ'קאָן דערטרונקען ווערן אײַנינעם מיט די פערד.

אָט דאָס אײַלעניש, דעריקער דאָס שוויַיגעניש און אויך דאָס, וואָס זי, איווע, דערלאַנגט די האַנט נאָר דעם טאַטן, — און צו די איבעריקע וואַרפט זי אַפילע ניט, אָף אָפּקומעניש, קיין „גוטן־אָוונט", — כאַפּט אַרום די מומע ליבע און לאָזט זיך מיט איר אין אַלקער אַרײַן צו דער קראַנקער מוטער, — אָט דאָס אַלץ ברענגט שוין אַלעמען אַרײַן אין פאַרלעגנהײַט. דערצו נאָך ווערט דאָרטן, ווהין מ'האָט פאַרפירט די אָרכים, קיין שײַן ניט אָנגעצונדן, — מ'לאָזט זיי זיצן

אין דער גרויער פינצטערניש, בא דער האַלבער קיילעוונער ליכט, וואָס ברענט צוגעשמאָלצן צו דער באַנק.

דערנאָך שוין דערקענט מען לויטן קאָל אים, דעם קלעזמער, אַקיוועץ, וואָס פאַרבלייַבט אין דרויסן, מיט דער האַרמאָשקע איבערן אַקסל, גייט צו מייַסע־מעכוטן, נעמט גאַווריִעלן אונטער דער האַנט און פירט אים דורכן סאַד צום ברונעם אַרויס.

ווערן זיי, די הויף־לייַט, שוין גאָר נישטוימעם: „וואָס פאַר אַן אויער־געשעפטן קאָן דאָ האָבן דער אַלטער מיט יענעם קאַטאָוועס־טרייַבער?" האַלט ביילע מער ניט אויס:

— וועלוול, זאָג מיר, אָקאָרשט, וואָס פאַר אַ בלינדע כאַסליערע שפּילט זיך דאָ אָפּ?

— שטיי, ביילע, און שווייַג!

— וועלוול, מיר געפעלט ניט זייער שטומלאָשן.

— און מיר, ביילעניו, געפעלט עס גראָד יאָ.

— האַלעוויי, וועלוול, זאָל איך בעסער בלייַבן אַ ליגנערטע...

— ביילעניו, האַנאַע מייַנע, דערוואַרג זיך מיטן צונג!

— און איך זאָג דיר, אַז דאָס איז איוועניו געקומען אַראָפּנעמען די סמעטענע.

— ביילעניו, נאָך דייַן קאָפּ זאָל איך בלייַבן, האַלט זיך בעסער צו פאַרן גאַנעק, דער ווינט זאָל דיך, כאַס־וועשאָלעם, ניט אוועקטראָגן.

— ווייסט דערנאָך דערמאָנען מייַנע רייד, וועלוול, שאַר אַראָפּ דעם אַש, אונטן ליגט פייַער...

— טויב מייַנע, גענוג שוין צו וואָרקען! דו הערסט?

— דייַן שוועסטערוניו גייט אַרייַן אין שטוב, ווי אַ פוקס...

— און דו, ביילעניו, הריזעסט מיך, ווי אַ וואָלף.

— וועלוול, נעם אייַן די קאַפּאָרע. הער, וואָס איך רעד צו דיר!

— גוואַלד, וואָס דריבלסט זי מיר דעם מויעך? איר הערט מיך, — ווענדט זיך וועלוול צו די ברידער און שוועגערנס, וואָס שטייען נאָך אַלץ דאָרטן הינטערן סאַד, באַם פּלויט, — ביילעס רייד איז גערשטענע פאַלאַווע! דאָ קומט פאַר עפּעס אַנדערש... מיר דאַכט זיך, אַז דער קלעזמער צעבינדט דאָרטן בא דער קרענעצע דעם זאַק און נעמט אַרויס פאַרן טאַטן די קאַץ.

— און וואָס פאַר אַ מעכוטן איז דער קלעזמער?

— אַ קלעזמער, ביילע, איז אַ מעכוטן אַף אַלע כאַסענעס. גיי באַלייג די קינדער שלאָפן. מיר וועלן דאָ צוואַרטן. דער טאַטע וועט דאָך ניט שטיין דאָרטן מיטן לעץ אַ גאַנצע נאַכט.

און ער, גאַווריִעל באַיאַר, וואָס לאָזט זיך קיינמאָל פון קיינעם ניט פירן, לעבט נאָר מיט זייַן אַקשאָנעס און קראַפט, גלייבט ווייניק־וואָס אין געטלעכער האַזשגאָכע, ער, וואָס בייסן גיין שאַרט ער מיט די פיס, ווי מוירע האָבנדיק פון דער ערד זיך אָפּרייַסן, ער, גאַווריִעל, מיטן הוילן קאָפּ, אין די ווייַסע אַרבל, לאָזט זיך פון אַקיוועץ פירן צום ברונעם.

די דרייַ אַלכע־ביימער, די אייַנגעבויגענע פון יאָרן, מיט די מאַכיקע בערד, — אָט די אַלטע אײדעס אין דער מישפּאָכע באַיאַר פון פאַרשייַטער פרייד און גרויסן טרויער, — זיי שפּיגלען זיך אין דער נאַכט, אויסגעצירטע אין די צימרינג־פאַרביקע אווירינגלעך, אין די קוואַל־קאַלטע ברונעם־וואַסערן.

דאָרטן, בא דער קרענעצע, שפּאַרט זיך גאַווריִעל אָן אַפּן שטעקן, ווי אַף ניט אומצופאַלן, — אויך בא אים, בא דעם גוואַר, וויגט זיך די ערד אונטער די פיס:

— פריִער פאַר אַלץ זאָג מיר, וויִאַזוי נעמט מען און מ׳האַקט אויס מיט דער האַק אַזאַ שיינעם סימכען פון לעבן? און פאַרוואָס נעמט זיך באַם דייַען אַ קינד אַליין דאָס לעבן? און וויִאַזוי גייט עס אַרייַן שיפרע און טרייַבט אַרויס מייַן טאָכטער פון איר שטוב? און וויִאַזוי האָט עס מאַלקע געקאָנט אויסמעלקן די בעהיימע און זיך אוועקשטעלן אין די קויטיקע שטיוול מיט הערשע־לייבן אונטער דער כופּע? און וויִאַזוי האָט שמאַריע, דער פרומער, געקאָנט אָנכאַפּן דעם טשערנאָבילער פאַר דער באָרד? און וויִאַזוי...

— הע, רעב גאַווריִעל, ס׳איז ערשט פאַר פייסעך, און איר פרעגט שוין די קאַשעס. דערצו נאָך, אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, איז אין דער האַגאָדע של פייסעך ניטאָ דאָרט קיין איינע פון אייַערע קאַשעס... איר קאָנט נאָך באַלד אָנהייבן פרעגן: וואָס איז דאָס פאַר אַ מין אָנפאָר און אַרייַנפאָר?

— ווער פאָרט עס טאַקע איצטער איבער דער הרעבליע? דאָס קאָנען טאָן נאָר מעשוגאָיִם אָדער אַזעלכע, וואָס לויפן פונעם מאַלעך־האַמאָוועס.

— איר וועט נאָך, רעב גאַווריִעל, באַלד נעמען פרעגן, פאַרוואָס דאַרף מען עפּעס זיצן אין דער פינצטער, און ווער זייַנען עס יענע צוויי, דער אָדאָם מיט דער כאַווע?

— זאָג שוין, צי ניט בא דער נעשאָמע. ווער זייַנען זיי? וואָס פאַר אַ בוזעם־פרייַנט זייַנען זיי מיט איוועץ?

— אף דער לעצטער קאשע, רעב גאווריִעל, וועל איך זיך פּרוּוון אײַך ענטפערן.

קיין קלאָרע רייד אָבער הערט ער ניט. לויט זײַנע, אקיוועס, אָנצוהערענישן, לויט די פּאַר־באָרגן־פאַרשטעלטע ווערטער, לעפּי די רעמאָזים, דארף ער, גאווריִעל, פאַרשטיין, אז אין אָט דעם מאַנצבל, וואָס זיצט דאָרטן אונטער די פּיקוסן, איז זי, איווע, פאַרקאָכט געוואָרן און וועט פאָרן מיט אים פונדאַנען ווײַטער...

— שטוסערײַ און גוזמע! — מאכט עס גאווריִעל אוועק מיט דער האַנט. — ווען און ווו? ניט געשײַנט, ניט געוואַרעמט, און מיטאַמאָל א פײַער? ניין! אָ, ניין! ניט אַזאַ איז איווע. גאווריִעל באַיאַרס טאָכטער איז ניט פון די, וואָס בלײַבן שטיין פאַר א זאַכער, ווי אַן אָקס מיט די הערנער אַן דער וואַנט.

— און אָט זעט איר דאָך...

— ניט צום גלייבן. צען יאָר — און זי האָט ניט געקאָנט צוגעווינט ווערן צו אַלעקסאַנדערן... זי האָט געפירט דאָרטן אַן אָפּגעזונדערט לעבן. באַזונדערס די לעצטע צײַט, נאָך דאַניִעלס טויט. וואָלט יענער געלעבט, איז אוואַדע צו גלייבן, אַז זי וואָלט זיך מיט יענעם געלאָזט איבער די האַרעכווישעך. נאָר מיט דעם?.. איבערן טײַך איז געפלויגן א קו...

— איז אָט שטעלט אײַך פאָר, רעב גאווריִעל.

— אַן אײַנרעדעניש... וואָלט נאָך דאָ געגאַנגען די רייד וועגן דעם דאָקטער, וועגן יענעם מיט דער שיינער שוואַרצער באָרד... יענער שטאַרבט דאָך נאָך אירע טריט. ער האָט עס אפילע דאָ ניט אויסבאַהאַלטן. און ווער איז דער? און אַכוץ אַלעמען, איז זי דאָך א מאַמע. אף וועמען וועט זי דאָ איר קינד איבערלאָזן?

אקיווע שווײַגט. אויך ער, גאווריִעל, בלײַבט שטיין פאַרטראַכט. באַלד אָבער שרײַט ער קימאַט אויס:

— זי וועט, זאָג איך דיר, פונדאַנען ווײַטער ניט פאָרן! צוליב דעם האָסטו מיך אַהער אַרויסגעפירט?

גאווריִעלן ווערט מיט יעדער רעגע שווערער צו בלײַבן מיט אקיווען אויג־אָף־אויג. אָט דאָס אומגעריכט־פּלוצעמדיקע שטיין דאָ באַם ברונעם אינמיטן דער נאַכט, נאָך דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין יענעם פּרײַטיק־צונאַכטס מיט נעכטן און מיטן באַלעגאָלע... אָט די ערשטע באַגעגעניש מיט אקיווען פּאָנעם־על־פּאָנעם וואַרפט אים, גאווריִעלן, וואָס ווייסט ניט פון קיין מוירע, האָט ליב אַרײַנקריכן אין פרעמדע געשלעגן, אין א פּאַכעד אַרײַן. דאָס איינציקע, וואָס באַרויִקט אים א ביסל, איז די נאַכט — ער טרעפט זיך ניט מיט אקיוועס אויגן.

— זי וועט מיט אים, רעב גאווריִעל, יאָ פאָרן ווײַטער. איווע איז דאָך, ניט צו פאַרזינדיקן, אויך א באַיאַר.

— הא, וואָס? נו, יאָ, אוואַדע איז זי אויך א באַיאַר... און וואָס ליגט באַ אים די נעשאָמע?

— דאָס ווייס איך ניט. נאָר ווי מיר דאַכט, ליגט זי באַ אים ניט אין קיין האַרטער שאָלעכץ.

— זײַנען באַ אים אָפענע אויגן?

— דאַכט זיך, אַז יאָ.

— שמעקט ער אויך מיט פעפער?

— יאָ, רעב גאווריִעל, ער שמעקט מיט שוואַרצן געריבענעם פעפער.

— קענסטו אים, הייסט עס, יאָ?

— ניין, כ'קען אים ניט.

— המ... און וואָס איז זײַן טועכץ?

— ער איז אַן אַרכיטעקטאָר.

— כ'האָב עפּעס געהערט פון אַזעלכס... נאָר מיט וואָס עסט מען עס?

— ער בויט הײַזער, ווילעס.

— נו יאָ... א מין פּאָדריאַטשיק, הייסט עס. ווי רופט מען אים?

— אַדריִאַן.

— וויִאַזוי זאָגסטו, הייסט ער?

— אַדריִאַן.

— ער איז א קריסט?

— ניין. דעם פּראָפעסאָר עפראָסעס איינִיקל.

— אַזוי? דער זיידע א פּראָפעסאָר... גאָר א ייִדישער נאָמען אַנדריִאַן? אָבער דער כידעש איז דאָ פּאָרט קלענער. דער זיידע — א פּראָפעסאָר! באַ שיִעלע מײַדענער, באַ אָט דעם גאָטס־גאַנעוו, וואָס יעדער פּייע איז ווי א פלעשל און וועגט אוואַדע אַן אָקע, באַ יענעם מיקוועניק איז פאַראַן אַן איינִיקל, וואָס מ'האָט קלײנערהייט גערופן שלוימע, שפּעטער האָט ער שוין אָנגעהויבן זיך רופן — סאָלאָמאָן, און הײַנט איז פון אים געוואָרן — סאָלאָ... אויב מ'וועט מיר זאָגן, אַז

ס'איז שוין פאראַן א יִדישער נאָמען טוקענער שמאַלץ, וועל איך שוין אויך גלייבן. קום אין שטוב אַרײַן, כ'וועל רעדן מיט איוועןǃ

נאָר אקיווע רירט זיך ניט פון אָרט. ער זיצט אַף דער ברעט מיט דער הארמאָשקע איבערן אקסל, און פון זײַנע דורכגעווייקטע מאַלבושים טריפט אין ברונעם אַרײַן. גאווריִעל האָט דאָ ניט אויסגעהאַלטן און דערשראָקן אויסגעשריִען:

— זאָג, וואָס ווילסטו פון מיר?

— אײַ וואָלט איר, רעב גאווריִעל, געוואָלט, אז איך זאָל פון אײַך עפּעס וועלן... איר וואָלט מיר אפילע אָפּגעשריבן א האַלב פארמעגן.

— יאָ, אקיווע, יאָ, — זאָגט ער גאָר שטיל, — כ'בין עס גרייט צו טאָן. אָבער ניט דערפאַר, ווײַל איך וויל זיך בא דיר אויסקויפן. ס'איז א גרויסער ווייטעק, אקיווע, וואָס אזעלכע צוויי בלוט־נאָענטע זײַנען צווישן זיך אזעלכע ווײַט פרעמדע. לאָמיר זיך כאָטש ניט זײַן קיין סאָנים.

אקיווע שווײַגט. ער קוקט אין דער נאכט אַרײַן, ווי ער וואָלט דאָרטן דערזען דער מאמעס אויגן פאר איר טויט און אויך דערהערט איר קאָל:

— האָב אים ליב, דעם אשמעדײַ, ער איז א מענטש אָן א גאַל, נאָר ער איז ניט דײַן טאטע...

און דאָ גייען בא איר די שוואַרצאַפּלען ערגעץ ארויף, אין שטערן אַרײַן. זי טוט א פאַל אַפן רוקן, דער קאָפּ טוט איר א זעץ אין דעם לײַלעך־ווענטל פון דעם בעט. דער דאָזיקער קלאַפּ פון דער מוטערס קאָפּ באגלייט אים, אקיוון, דאָס גאנצע לעבן. זי האָט פארן אוועקגיין פון דער וועלט א זעץ געטאָן מיט דער טירǃ נאָר אַפּאָנעם, אז וועגן אָט דעם מענטשן, וואָס שטייט איצט, אין דער נאכט, פאר אים, האָט זי פארן טויט גערעדט מיט א ניט אויסגעלאָשענער בענקשאַפט.

— איך ווייס, אקיווע, אז דו ווייסט אַלצדינג, דו ווייסט עס נאָך פון קליינערהייט אָן. דער אויסוואָרף, נעכעס ברודערל, אבושל, א בראַנד אים אין מויעך אַרײַן, האָט דאָס דיר דערציילט. און טאקע דאָרטן אַפן בעסוילעם, ווי נאָר מ'האָט זי אין דער ערד ארײַנגעלייגט... דער מענוּוול, זײַן נאָמען זאָל פארשאָלטן ווערן, איז דערנאָך געקומען און האָט עס מיר אַליין דערציילט.

— ווילט איר עפּשער, רעב גאווריִעל, האָבן מיט מיר אינמיטן דער נאכט א דין־טוירע פאר די הייליקע שטערן?

— איך וועל דיר גאָרנישט ניט זאָגן, מײַנע רייד וועלן פאר דיר קיין שום ווערט ניט האָבן. איך אַף דײַן אָרט וואָלט אויך געשפּיגן קלעק אַף אזוינע רייד.

— רעב גאווריִעל....

— ווי איך זע, ווילסטו, אז איך זאָל פאר דיר בלײַבן א „רעב גאווריִעל". זאָל זײַן, ווי דו ווילסטǃ עפּשער וועט עס טאקע אזוי זײַן גלײַכער. נאָר איינס וויל איך דיר זאָגן: אָט ווערט שוין דרײַסיק יאָר, ווי איך טראָג דײַן מאמע ווי א גרויסע הייליקײַט אין מײַן הארצן. דו ביסט בא מיר אויך פון יענער הייליקײַט.

— איך? פון יענער הייליקײַט?

— איך האָב דיר קיין איין מאָל מיט גאָרנישט ניט געהאָלפן, און דו ווייסט פארוואָס? נאָר דערפאַר, ווײַל איך בין א גוויר. וואָלט איך געווען א קאַפּצן, וואָלט איך זיך געטיילט מיט דיר מיטן לעצטן ביסן, מיטן לעצטן העמד. דעם לעצטן ביסן וואָלסטו בא מיר גענומען. דאָס פאַר־לאָטעטע העמד וואָלסטו גענומען. דאָס וואָלט דיך ניט דערנידעריקט... דעם הונדערטער אָבער וואָלסטו מיר געשמיצט אין פּאָנעם אַרײַן. דו וואָלסט מיר געזאָגט: איר ווילט, רעב גאווריִעל, האָדעווען דעם אָקס, אז די פעל זאָל זײַן א גלאַטעǃ ניין, אקיווע, כ'האָב ניט געוואָלט אַף דיר קיין גלאַטע פעלǃ דו געפעלסט מיר בעסער מיט דײַן כויזעק און מיט דײַנע שטעכווערטלעך.

— רעב גאווריִעל, — אקיווע הייבט זיך האסטיק אוף און שטעלט זיך אוועק אַף די פיס, — אויב אזוי, טאָ לאָמיר אופהערן מאכן די כעזשבוינעס. דעם גרויסן כעזשבן וועלן מיר מיט אײַך נאָך מאכן... נאָר ניט איצט. ניט צוליב דעם האָב איך אײַך ארויסגעפירט אהער צום ברונעם.

— מיט וואָס זשע ווילסטו מיך דאָ, בא דער קרענעצע, אָנפּאָיען?

— די נאכט שטייט ניט, רעב גאווריִעל. יענע פור וועט זיך מער אהערצו ניט אומקערן. שפּאַנט אײַן אין אײַער בריטשקע, וואָס מיטן גרינעם שאראַבאַן, די צוויי שוואַרצע פערד, יענע, וואָס מיט די „ווײַסע שקאַרפּעטקעס" אַף די פעדערשטע פיס...

— איווע וועט פונדאַנען ווײַטער אין ערגעץ ניט פאָרןǃ

— איך וואָלט עס אויך געוואָלט. נאָר די פור דאַרף מען ניט פאר איוועןǃ... זיך פארהאַלטן דאָ בא אײַך אַן איבעריקע שאָ איז פאר כיירוסן א גרויסע, גאָר א גרויסע סאַקאָנע.

באַם דערמאָנען כיירוסעס נאָמען פאַלט באַם אַלטן באָיאַר ארויס דער שטעקן פון האַנט:

— רעב אקיווע... יענע? ייִצכאָקס טאָכטער?

— יאָ, רעב גאווריִעל, זיי ביידע: אי יענע, אי ייִצכאָקס טאָכטער.

XVI

און דאָרטן שטייען זיי נאָך אַלץ, די ברידער. די נאַכט ווערט אַלעמאָל שוואַרצער, דער אָנ־געלאָפּענער ווינט טרײַבט אַרײַן אין אויסגעשטערנטן הימל שווער־רעגנדיקע וואָלקנס, — פֿון די ווײַנשלבײמער שמעקט מיט אַנגעקוואָלענער קאָרע, פֿון דעם פּריש־געטעסטן, פֿון דעם געהובלט־דעמבענעם פּלויט שלאָגט מיט איבערגעטריקנטע זשאַלודיעס, פֿון די שטאָלן גייען רייכעס פֿון קאָנישינע און פֿון די הײַזער ווייעט מיט דעם זויער־ווײַניקן, מיט דעם פּייסאַכ־דיקן בורעקעס־באָרשטש.

דאָרטן, ניט ווײַט פֿון נעכעס פֿענצטער, וווּ פֿון די שפּאַרונעס פֿאַלן אַף דער נאַסער ערד ווײַסע פֿעדעם שײַן, שטייען זיי, אין די דיאַכט־געשמירטע שטיוול, די גאַדיכטבערדיקע זין, וואָס האָבן נאָך דאָ אין הויף קיין דייע און קיין וואָרט ניט, זיי וואַרטן, שוין דורכגענומענע מיט קעלט, פֿאַרביסן, מיט באַרישער אַקשאָנעס, אַפֿן טאַטן.

די ווײַבער, באַלייגט די קינדער שלאָפֿן, אויסגעלאָשן די לאָמטערנס, אין די שאָפּענע פֿעלצן האַלטן זיך פֿון די מאַנען פֿונדערווײַטנס, — יענע זײַנען שוין מאָלע־קאָס, און פֿון ניט קאָנען אויסגיסן דעם צאָרן אַפֿן אַלטן, וועט עס אויסגיין צו זייערע קעפּ.

זיי וואַרפֿן זיך איבער מיט רייד וועגן די אָנגעטראָגענע אָרכים, וואָס האָבן זיך שוין איבער־געטאָן און זיצן פֿאַרשטעקטע אין דער פֿינצטערניש אונטער די פּיקוסן.

דעריקער אָבער הערט מען זיך צו, וואָס באַ דער שוויגער אין אַלקער קומט פֿאָר. זי, איוועס, איז שוין דאָרטן. זי קאָן זיך דאָ קיין אָרט ניט געפֿינען. ניט ס׳טראָגט, נאָר ס׳וואַרפֿט זי פּאָשעט אַרום איבער דער שטוב. זי זעט, דאַכט זיך, דאָ גאָרניט און קיינעם ניט.

ווי נאָר זי האָט זיך איבערגעטאָן, אַזוי איז זי אַרײַנגעלאָפֿן צו סטיסיען. קיין איין וואָרט האָט זי דאָרטן ניט געלאָזט פֿאַלן, געשטאַנען אַ רעגע באַ טאַמאַרעלעס געלעגער, לעבן איר שלאָפֿנדיק קינד, און איז באַלד, האַלטנדיק זיך פֿאַר דער מומע ליבעס האַנט, צו דער מוטער אין אַלקער אַרײַן.

פֿאַר די לעצטע צען יאָר טרעט זי, איוועס, דאָס ערשטע מאָל די שוועל פֿון אָט דעם אַלקער אַריבער. אַמאָל איז דאָס געווען איר מיידלשער צימער. דורך אָט דעם פֿענצטער, וואָס איז איצט מיטן אינווייניקסטן לאָדן, שוין כאַדאָשימלאַנג, פֿאַרמאַכט און פֿאַריגלט — נעכע זאָל אַ שויב ניט צעברעכן און זיך אַ מײַסע־ראַ ניט אָנטאָן, — דורך אָט דעם פֿענצטער פֿלעגט זי, איוועס, אין די זומער־קאַיאָרן, שפּרינגען אין דרויסן אַרויס און באָרוועסערהייט לויפֿן איבער די פֿײַכטע מע־זשעס, צווישן די הויכע, מיט טוי־באַדעקטע, קאָרנס, צום טײַך, וווּ דאַניעל האָט שוין געוואַרט.

איינמאָל האָט די מאַמע זי געכאַפּט און פֿאַר די האָר, טאַקע דורך אָט דעם פֿענצטער, צוריק אין שטוב אַרײַן פֿאַרטריבן. „קאַלזמאַן איך לעב, — האָט זי איר זייער שטיל, אַפֿן אויער, ווי אַ גרויסן סאָד פֿאַרטרויט, — קאַלזמאַן איך לעב, וועט דאַניעל קיינמאָל ניט זײַן דײַנער!“

פֿאַראַיאָרן, באַ איר קומען אַהער אַפֿן קיידער־אָוועס פֿון איר ליבע, איז זי אין אָט דעם אַלקער ניט געווען. ניט געקאָנט, קיין קויעך ניט געהאַט אַהער אַרײַנגיין.

פֿאַראַיאָרן האָט זי זיך מיט דער מאַמען געטראָפֿן אומגעריכט: יענע איז אין לאַנגן העמד, אַ באָרוועסע, מיטן אָפּגעשוירענעם קאָפּ, פֿון שטוב אַרויסגעלאָפֿן.

איוועס האָט דעמלט, באַ איר שאַרפֿער ריִע, באַ איר טיפֿן זיקאָרן און שטאַרקן קויעך־האַדימ־יען, בעשום־אויפֿן ניט געקאָנט דערקענען יענע מאַמע, וואָס האָט זי, נאָך דער כאַסענע מיט אַלעקסאַנדערן, פֿונעם הויף אַרויסבאַגלייט, און שטייענדיק אַפֿן פּראָסט, אָן אַ וואַרעמען מאַל־בעש, אַ הויכע, אַ פֿולרײַביקע, מיט סינע־פֿײַערן אין די אויגן געזאָגט:

— גאַוורי׳עלע, ס׳איז ערשט אָן אָנהייב. איך וועל אַף די קינדער אויך קיין ראַכמאָנעס ניט האָבן. גאַוורי׳עלע, דו וועסט באַ מיר אויך צאָלן מיט יעסורים!

נאָר ווער האָט זיך דען דעמלט צום באַדײַט פֿון אָט די ווערטער געקאָנט דערטראַכטן? ערשט אין צען יאָר אַרום, אין יענעם פּרײַטיק־צונאַכטס, נאָכן אַשמעדײַס קלאַפּ אין טיש, איז פֿאַר איר אַלץ קלאָר געוואָרן. און די מאַמע מיט איר גאַנצן צאַר און פּלאָג איז אויך אין איר, אין איוועס, נעשאָמע אַרײַן.

אַריבערגעטראָטן די שוועל פֿונעם אַלקער, דערזעט זי: די מאַמע אירע איז שוין ביז גאָר קליין און אײַנגעשרומפּן געוואָרן. זי ליגט אין אַ קינדערש־הילצערן בעטל. דאָס מויל אײַנ־געפֿאַלן און שוואַרץ, דער קורץ־געשוירענער ווײַסער קאָפּ, אַ באַדעקטער מיט שוויס־טראָפּנס, וואַרפֿט זיך אַפֿן ציצן־געקווייטלט ציכל, און דאָ דערהערט זי ווידעראַמאָל:

— נעמט זי אַראָפּ פֿון דאַניעלס ביינער!

איוועס שטייט אַפֿן שוועל אַ דערשיטערטע.

— מומע, — רעדט זי קוים ארויס, — מומע, וואָס מיינט זי דערמיט?

— ס׳מאַטערט זי... — זי פּילט די שולד און זינד. שרײַט עס פון איר ארויס.

— ניין, מומע, ניין, איך פיל ביז ווייטעק, אז זי מיינט דאָ גאָר עפּעס אנדערש.

— דעהײַנע, וואָס?

— עפּעס וואָרנט זי מיך...

— דיך? וואָס דיר קאָן זיך אויסמאָלן און פאָרשטעלן!

און פלוצעם, ווי נאָר צוליב דעם האָט זי, איווע, ארײַנגעפּירט אהער די מומע ליבע, קיין אנדער אָרט און צײַט איז שוין ניטאָ, און גראָד דאָ מוז זי איר עס זאָגן — בא דער מאמעס טויטן־בעט, בא אָט דעם לעמפּל, וואָס הענגט אונטער דער סטעליע און גיט ניט קיין שײַן, נאָר א טוכלען גרוי־שוואַרצן שאָטן:

— מומע, ער האָט דאָך איבערגעלאָזט א קוויטעלע...

— נו, איז וואָס דערפון? איווע, קיין שום קוויטעלע קאָן ניט פאַרענטפערן, די אַלע קוויטעלעך זײַנען נאַריש.

— וואָס הייסט, מומע, נאַריש? דאָס קוויטעלע קאָסט דאָך אים דאָס לעבן!

— דערפאַר טאַקע איז עס נאַריש. וואָס פאַר א ווערט, פרעג איך דיך, קאָנען האָבן אנט־קעגן דעם לעבן די גרעסטע צאָרעס און דײַגעס? סאַרא ווערסנע ס׳איז האיאַר, סאַרא וואַסערן... איוועניו, זיי וואַשן דאָך אָפּ ניט נאָר די בלאָטע פון דער ערד, נאָר אויך די נעשאָמע. אין דער־אָ צײַט האָב איך ליב גיין באדערנאַכט מיטן וואַלד. אײַ, איז עס, איוועניו, א טײַנעג, א בראָכע פון גאָט אליין! דו גייסט און הערסט, ווי די ווערסנע קלאַפּט מאַמעש אין יעדער בוים... אײַ, איז שיין דאָס ערשטע גרינע גרעזל! דער אָסיען איז אויך זייער שיין. אָסיען־צײַט קאָן מען זאַט זײַן נאָר מיט די רייכעס. אָבער מיט דער ווערסנע, איוועניו, לעב איך דאָס גאַנצע יאָר.

— מומעניו, טײַערע, ניט אַלע...

— וואָס ניט אַלע? אוודע זײַנען אונדזערע אומגליקן גרויס.

— און אז מ׳לעבט נאָך אָן דער שיינקייט פון לעבן?

— דאָס איז שוין, זעסטו, איווע, א גרויסע שטראָף פון זײַן ליבן נאָמען. וועגן דעם האָט ער אָנגעשריבן אין קוויטעלע?

— מומע, נאָך ערגערס... אין דער היים, האָט ער געשריבן, איז קיין וועלט ניטאָ, און אין דער וועלט איז קיין היים ניטאָ.

— ס׳א ליגן! — שרײַט אויס די מומע ליבע און וויקלט זיך אײַן אין דער געלײַענער שאַל, ווי ס׳וואָלט זי מיטאמאָל באַפאַלן א קעלט.

זי בלײַבט שטיין א בליך געוואָרענע, ווי מ׳וואָלט זי דאָ נאָרוואָס אומזיסט בלוטיק באליי־דיקט און דערנידעריקט:

— ס׳איז א ליגן, איווע, ס׳איז א גרויסער ליגן!

די אויגן מאַכן זיך איר צו, ווי פון א פלוצעמדיקן ווייטעק:

— דאָס איז, איווע, דער גרעסטער בילבל אָף אונדז!.. וואָס הייסט, אין דער היים איז קיין וועלט ניטאָ, און אין דער וועלט איז קיין היים ניטאָ? וועלכע וועלט האָט ער געזוכט אין דער היים, און א וועלכע היים האָט ער געזוכט אין דער וועלט?.. דער, וואָס זעט גאָרניט אין דער היים, דער זעט אויך גאָרניט אין דער פרעמד. ער איז פאָשעט ארײַנגעפאַלן אין דער גרויסער וועלט און איז דאָרטן, ניט פאַר אונדז געדאַכט, פאַרלוירן געגאַנגען. ער האָט געוואָלט פאַרקריכן אין א פרעמדער נעסט און זינגען מיט א פרעמדער שטימע?.. איז אוודע ארויסגעקומען פאַלש! אזא פויגל טרײַבט מען פון אַלע נעסטן. ווײַל א נאָכקרימער נעמט מען אָן פאַר א כויזעקמאַכער... די וועלט איז געוואָרן פאַר אים א געהענעם. ניט זײַן טויט, איווע, — זײַן לעבן איז געוואָרן א שרעקלעכס. ער איז פון זײַן שטוב ארויס און איז אין קיין צווייטער ניט ארײַן... האָט ער געמוזט גיין פונעם לעבן.

— מומע, טײַערע, ס׳ברענען שוין ניט נאָר די פּאָדעשוועס פון די שיך, נאָר ס׳ברענען שוין די נעשאָמעס.

— איווע, פאַר מיר פאַרלייקן ניט. דאָס לויפסטו מיט אים, מאַכמעס אין דער היים איז קיין וועלט ניטאָ?

און דאָ זעצט זי זיך אויף, נעבעך, לאָזט אראָפּ דורכן לייטערל פון בעטל די נאַקעטע פיס און אין די אויגן נעמען זיך איר צינדן די גרינע פײַערלעך:

— איווע, אנטלויף ניט מיט אים! לויף ניט מיט אים, לויף ניט מיט דאַניִעלס כאַוועך. דו הערסט, איווע, לויף ניט מיט אים... אקיווע איז דײַנער א ברודער. דײַן טאַטנס א זון!

— מאַמע, — לויפט צו איווע און וויל זי צוריק אוועקלייגן, — מאַמע, מ׳דאַרף ניט...

— אז איך קאָן שוין אָבער מער ניט שווײַגן.

— לייג זיך, מאמע, לייג זיך... עפשער דיר עפעס געבן?

— כ׳האָב שוין, איוועַ, אַלצדינג, — שטופּט זי אָפּ אירע הענט, — מיר פעלט שוין גאָר־ניט. סימכע גרייט שוין פאַר מיר דאָרטן צו אַן אָרט. פאַרוואָס קומט ניט אבוש? כ׳וויל זאָגן ווידע... איך, נעכע, כאַים־אַרן דעם ראָווס טאָכטער, האָב דאָ אַף דער וועלט געפּעלשט, געטאָן אַלע שווערע אַווייריעס, געגאַזלט... אַכוץ מיר זײַנען דאָ אַלע געווען פרומע און ערלעכע לײַט.

באַם פּלויט, ווו ס׳פאַלן פון נעכעס פאַרשפאַרטן פענצטער אַף דער שוואַרצער קאַלט־נאַסער ערד וואַרעמע פּעדעם ליכט, בלײַבן די ווײַבער, אין די שאַפּענע פּעלצן מיט די אופגעשטעלטע גרויסע קעלנער, א היפשע ווײַלע שטיין פאַשעט אָן לאָשן: ס׳ווערט זיי דאָ אויך, פון דער שווי־גערס רייד, קלאָר ניט נאָר יענער פּרײַטיק־צונאַכטס, נאָר שוין אויך דעם שווערס האַלטן און פירן זיך מיטן באַלעגאָלע, בייס יענער האָט אַהער געבראַכט צו פירן איוועס מיידעלע.

דער אַלטער האָט זיך פאַרשפּאַרט דעמלט מיטן אשמעדײַ אין דער קאַלטער שטוב, גע־טרונקען מיט אים בראַנפן, אפילע ניט פאַרביסן, און געהאַלטן עפּעס מיט יענעם אין איין אײַנ־טײַנען.

שפּעטער, אַז דער באַלעגאָלע איז שוין געזעסן אָפן וואָגן, האָט גאַווריעל אליין ארויסגע־פירט פון שטאָל די בעסטע פאָר פערד און זיי צוגעבונדן צו די דראַבינעס.

— רעב לייזער, — האָט ער מאַמעש געכאַלעשט פאַרן אשמעדײַ, — נעמט פון מיר צו אָט די מאַטאָנע!

האָט דער אשמעדײַ זיך א קראַץ געטאָן מיטן בײַטש־שטעקל אין דער קיינמאָל ניט צע־קעמטער, אין דער פּילשפּיציקער באָרד אַרײַן, אָפּגעמאָסטן גאַווריעלן פון אויבן אראָפּ מיט א לאַנגן קוק פון אונטער די קימאַט פאַרמאַכטע אויגן און א זאָג געטאָן:

— האָדי, נו!

און איז מיט די צוגעבונדענע צוויי פערד צו די דראַבינעס ארויסגעפאָרן פון הויף.

נאָר דאָרטן, אין פעלד, האָט דער אשמעדײַ איבערגעשניטן מיט א מעסער די שטריק און א פײַף געטאָן מיט דער בײַטש אזוי, אַז די צוויי אַגערס האָבן זיך א וואָרף געטאָן אָן א זײַט, אָנגעבויגן די קעפּ, פאַריסן די ווידלען און זיך אוועקגעטראָגן פײַל־אויסן־בויגן איבער די ראַכוועסן. מ׳האָט זיי שפּעטער קוים געכאַפּט.

— נו, וועלוול, ווער ס׳איז שיין, און איך בין קלוג...

— איך האָב אין דר׳ערד, ביילעניו, דײַן גאַנצע כאָכמע.

— וואָס זשע, וועלוול, ווען איך זאָל זײַן א נאַר, וואָלט שוין געווען בעסער?

— דענסטמאָל וואָלסטו כאָטש געווען מיט אַלע מײַלעס.

— דײַן מאַמע האָט פאַרן טויט אויסגעזאָגט דעם ביטערן עמעס.

— וואָס זשע קאָנסטו דאָ, ביילעניו, מאַכן?

— גאָרניט, וועלוול, גאָרניט. אָבער א מאַזלטאָוו מיטן ברודערל מעג איך דיר דאָך אָפּגעבן?

— הער, ביילע, אויב דו וועסט באַלד ניט אנשויגן ווערן, וועל איך דיך אזא טרייסל טאָן, אַז די האָר פונעם קאָפּ וועלן זיך דיר אָפּשיטן.

מישן זיך אַרײַן די ברידער מיט די שוועגערנס: וואָדע טאָר מען דאָ ניט אוועקמאַכן דער מאַמעס רייד מיט דער האַנט. מיט אים אָבער, מיט אקיוון, וועט נאָך זײַן צײַט צו פאַרנעמען זיך. איצט דאַרף מען וויסן, ווער זײַנען עס יענע, די אָנגעפאָרענע און די פאַרשטעלטע.

אָבער וואָס לענגער דער טאַטע פאַרהאַלט זיך דאָרטן מיט אקיוון באַם ברונעם, אַלץ מער דערלאַנגט עס ניט נאָר ביילען אליין, נאָר שוין אויך זיי אַלעמען ביז צו דער זיבעטער ריפּ. אפילע דער קאַלט־מעיושעוודיקער זײַנוול, וואָס לייגט זיך קעסיידער ווי ווײַט מעגלעך צווישן דעם טאַטן און די ברידער אין שאַלעם אַרײַן, אפילע ער האַלט ניט אויס:

— בעפּיירעש... וואָס שפּילט מען דאָ מיט אונדז אין באַהעלטעניש? וואָס, ס׳איז דען הײַנט הוישײַנעראַבע, אַז מ׳זאָל שטיין און קוקן אין הימל אַרײַן? וועגן וואָס איז דאָרט פאַראַן אזויפיל צו רעדן?

— וואָס רעדסטו, זײַנוול, — שיט אונטער ביילע פײַער, — א טאַטע האָט זיך געטראָפן מיט א זון...

— ביילע!

— וואָס ווילסטו שוין פון מיר ווידער, וועלוול?

— ביילע, פאַרבינד די צונג. מיר דאַכט, אַז זיי צעגייען זיך שוין.

— יאָ, דער קלעזמער איז אוועק צום בערעזניאַק.

— געוויס צו ייִצכאָקן. וווהין דען קאָן ער גיין?

— און וואָס דאַרף ער דאָרטן אינמיטן דער נאַכט בא ייִצכאָקן?

— ביילעניו, דו פאַרגיסט שוין נײַע רעטענישן? שטילער, דער טאַטע גייט.

גאווריִעל באַיאַר, אָפּטרײַבנדיק פֿון זיך די הינט, לױפֿט דורך דעם סאָד, קלאַפּט מיטן שטעקן איבער די שטאַמען פֿון די נאַסע ביימער און פֿאַרהאַלט זיך לעבן די זין און שניר:

— איר וואַרט, איך זאָל אײַך זאָגן, ווער די אַרכים זײַנען?

— מיר וואָלטן דאָס אוודאי געוואָלט וויסן, — זאָגט פֿאַר אַלעמען מיט האַכנאָע דער רודעף־שאָלעם זײַנוול, און דער בכאַר, וועלוול, רײַניקט דורך מיט אַ הוסטעלע דעם גאַרגל.

דער אַלטער שווײַגט אַ רעגע. ער שטייט פֿאַר זיי אָן דעם היטל, און דער שטאַרקער ווינט שוױבערט אים דעם ווײַסן קאָפּ האָר. די באָרד האַלט ער אין דער לינקער האַנט.

— איר האָט דאָ גאָרנישט ניט געהערט און גאָרנישט ניט געזען.

— מיר האָבן דאָ טאַקע קיינעמס פּאָנעם ניט אָנגעזען. נאָר וואָס דאַרף עס הייסן?

— אָט דאָס הייסט, וועלוול, אַז טאָמער, כאַס־וועשאָלעם, עפּעס־וואָס, האָט איר גאָרנישט ניט געהערט און איר האָט גאָרנישט ניט געזען. טאָמער כאָלילע עפּעס־וואָס, וועל איך אַליין פֿאַר אַלצדינג ענטפֿערן.

— וואָס קומט דאָ, טאַטע, פֿאָר?

— פֿאַר וואָס און פֿאַר וועמען דאַרף מען דאָ ענטפֿערן?

— איך וועל אײַך זאָגן, קינדער, אין דרײַ ווערטער: דאָס פֿאָרט דורך פֿאַרבײַ ייִצכאָקס מיזינקע.

— וואָס רעדסטו, טאַטע, יענע?

— יענע, זײַנוול, יענע!

— וואָס זשע, מ'האָט זי שוין באַפֿרײַט?

— פֿרעג ניט, ביילע, קיין שײַלעס.

— איז דאָס וואַרט זי אַף דער פֿור?

— ניין, וועלוול, יענע פֿור וועט זיך שוין אַהער מער ניט אומקערן.

— איז וויאַזוי זשע וועט עס דאָ זײַן? מיט וואָס וועט זי פֿאָרן?

— איך וועל געבן פֿערד־און־וואָגן.

— טאַטע, ס'איז דאָך אַ גוואַלדאָוונע סאַקאָנע.

— יאָ, וועלוול, ס'איז אַ גרויסע סאַקאָנע. גאָר אַ גרויסע.

— טאַטע, דאָס הייסט דאָך קריכן מיטן קאָפּ אין פֿײַער אַרײַן.

— מ'וועט דאָך אונדז אַרויסטרײַבן פֿון דאָרף און מ'וועט דאָך אונדז פֿאַרשיקן אַף סיביר.

— שווער, האָט כאָטש ראַכמאָנעס אַף אונדזערע קינדער...

— אַלץ, וואָס איר זאָגט דאָ, איז גאָלע עמעס. ס'איז אָבער פֿאַראַן נאָר צוויי וועגן: אָדער איר העלפֿן פֿאָרן פֿונדאַנען ווײַטער, אָדער גיין זי מאַסערן. נו, איצט זאָגט, וואָס דאַרף מען דאָ גיין טאָן?

און גאווריִעל, אין דער פֿינצטערניש, קוקט אַרײַן יעדן איינעם פֿון די זין אין פּאָנעם אַרײַן. ער אָטעמט מעשונע שווער און פֿון די נאָזלעכער שלאָגט אים אַ היץ. ער געפֿינט זיך ווי אין אַ מין קאַדאַכעס. אים דאַכט זיך, אַז זײַן גאַנץ לעבן האָט ער נאַרוואָס אַוועקגעשטעלט אַף אַ קאָרט. און האַגאַם ער קלאַפּט שוין, פֿון אומגעדולד, מיטן שטעקן איבער דער ערד, דאָך טרײַבט ער זיי ניט און כאַזערט אַפֿילע נאָכאַמאָל איבער:

— אוודאי איז די ריזיקע גרויס, ביז גאָר גרויס! מע ריזיקירט דאָ ניט נאָר מיטן האָב־און־גוטס, נאָר מע ריזיקירט דאָ מיטן לעבן! נו, ווער פֿון אײַך וועט קאָנען גיין מאַסערן?

— וואָס פֿרעגסטו אונדז, וואָסי, מיר זײַנען דען כאָלילע מאַסרים?

— ווי קאָן דיר, טאַטע, גאָר אַזעלכס אַרופֿקומען אַפֿן געדאַנק?

— און דו, וועלוול, וואָס זאָגסטו?

— ס'איז דאָ טאַקע קיין אַנדער אויסוועג ניטאָ... מע מוז איר געבן פֿערד־און־וואָגן.

— אַ דאַנק דיר, גאָט! — אָטעמט אָפּ גאווריִעל פֿרײַ. — צווישן מײַנע קינדער זײַנען ניטאָ קיין מאַסרים. ווען, גאָט באַהיט, כ'זאָל בעסער צו דעם ניט דערלעבן, ווען צווישן מײַנע קינדער טרעפֿט זיך איינער אַזאַ... איך וואָלט אים מיטן שטעקן צעשפּאָלטן דעם קאָפּ אַפּצווייען. גייט, קינדער, און גיט אַכטונג אַפֿן הויף. פֿון דעם האָט איר ניט געהערט און ניט געזען.

זײַנע ווײַסע אַרבל שווינדלען אוועק ווײַטער צווישן די נאַס־גלאַנציקע שוואַרצע ביימער אין דער נאַכט אַרײַן — ער לױפֿט צו נעכצען. ער הערט שוין פֿון לאַנג איר קאָל...

און ער קומט צו דער צײַט: נעכצע האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון איוועס הענט און יאָגט אַהין, הינטער די פּיקוסן, וווּ די אַרכים זיצן איבערגעטאָנענע און זײַנען שוין ווידער גרייט צו לאָזן זיך אין דעם געפֿערלעכן וואַנדל־ און וואָגל־וועג.

— נעכצע, נעכצע! — טוט גאווריִעל אַ קרעכץ און נעמט דאָס ווײַב אַף די הענט. — גיי, ליבע, זאָג זיי, אַז איך וועל באַלד פֿאַר זיי שפּאַנען די פֿערד... נעכצע, נעכצע!

די מומע ליבע טוט א גלעט איוועס אקסל:

— ווייַן, איווע, ווייַן, מיט א רייַנער טרער טאָר מען זיך ניט שעמען.

און זי לאָזט איבער איוועס מיטן טאטן, און אַליין גייט זי אין זאַל אַרייַן, צו יענעם געדיכט־כאַשכעסדיקן ווינקל.

— באַלד וועט מען שפּאַנען פאַר אייַך די פערד... קום, כיירוס, ניטאָ דאָ וואָס צו וואַרטן אַף אַקיוועזן. ווי לאַנג ביסטו שוין דאָ ניט געווען?

— אַכט יאָר.

— דאָס זייַנען געווען די פעטע אַכט יאָר...קום, כיירוס, דייַן קינד איז א ביסל צוגעקילט... אַפּאַנעם, דעמלט, אַז דער טאַטע האָט דאָס אַרויסגעכאַפּט פון שליטן, געוואָלט דיר באַווייַזן...

— כ׳האָב געזען, מומע... כ׳האָב געזען, ווי דער טאַטע האָט געהאַלטן דאָס קינד אַף די אויפגעהויבענע הענט. נאָר וואָס איז מיט מייַן קינד?

— צוגעקילט. קום, כיירוס. קומט איר אויך, — זאָגט זי צום מאַנצבל. — די פור וועט קומען אַהין.

איבער דער גאַנצער שטוב טראָגט זיך נעכעס געשריי:

— וויפל קאָן מען דען ליגן אַף דאַניעלס ביינער?

גאַווריעל פאַרמאַכט גוט די טיר פון נעכעס אַלקער, גייט מיט איוועסן אין זאַל אַרייַן און וויל דאָרטן אָנצינדן ליכט. לאָזט זי ניט.

— אין אַזאַ פינצטערער נאַכט זעט מען שייַן ווייַט.

— איווע, כ׳וועל דיך ווייַטער אין ערגעץ ניט לאָזן פאָרן. דו ביסט מיט זיי קיין מעכותן ניט!

זי שווייַגט. זי גייט אַרום הין־און־צוריק. איבער דער וואַנט וויגט זיך איר שאָטן.

— איבער מייַן גוף, איווע, וועסטו אַריבערטרעטן.

זי בלייַבט א ווייַלע שטיין, נאָר באַלד נעמט דער שאָטן ווידער זיך באַוועגן איבער דער ווייַסער וואַנט, — זי לאָזט זיך גיין אַפן טאַטנס קאָל, שטויסט זיך אָן אָן טיש, וואַלגערט אום א בענקל און פאַלט אַליין שיר ניט אום.

— צוריק מיט צען יאָר, — דערהערט גאַווריעל הינטער זייַנע פּלייצעס איר קאָל, — צוריק מיט צען יאָר האָט איר דאָ אַלע, דו, און די מאַמע, און די ברידער, און די שוועגערנס... — איר קאָל איז צוגעשטיקט און פול מיט צאָרן, — אַלע זייַט איר דעמלט אַריבערגעטראָטן ניט נאָר איבער מייַן גוף, נאָר אויך איבער מייַן נעשאָמע. איר האָט זי געטראָטן און צעטראָטן, מייַן נעשאָמע. איר האָט זי מיר צעבלוטיקט אַף לאַנגע יאָרן. טאַטע, שטעל זיך מיר ניט אַף מייַן וועג!

— אַף וועלכן וועג זאָל איך זיך דיר ניט שטעלן?

— איך האָב איצט איין וועג. מיט זיי...

ס׳קרייען די צווייטע הענער. פונעם פאַרשפּאַרטן אַלקער דערטראָגט זיך ווידעראַמאָל יענער אומזיניקער געשריי:

— וויפל קאָן מען ליגן אַף דאַניעלס ביינער?..

גאַווריעל טוט א שווערן קרעכץ, הערט זיך א רעגע צו, וואָס דאָרטן אין אַלקער טוט זיך. נעכע פּרוּווט אויפרייַסן די טיר... איווע שטייט הינטער זייַנע פּלייצעס. נאָך ווייַטער, הינטער די פענצטער, רוישט דער סאָד, ווי פאַר א געוויטער.

— בלייַב איבער אַף אַכט טעג. אויב דו וועסט ביז דענסטמאָל ניט איבערקלערן, וועל איך דיר מאַכן באַם גובערנאַטאָר א פּאַס און דו וועסט זיך פאָרן.

— ניין, איך וועל פאָרן מיט זיי הייַנט און באַלד...

— דו ווילסט זיי ניט איבערלאָזן אין א סאַקאַנע אַליין? און אַף וועמען לאָזטו דאָ איבער דייַן קינד, דייַן קראַנקע מאַמע, און מיך אַף וועמען לאָזטו דאָ איבער אין אַזאַ ביטערער שאָ?

ער דרייט זיך אויס צו איר מיטן פּאָנעם.

— איווע, אָט שטעל זיך פאָר, אַז זיי האָבן שוין אַראָפּגעוואָרפן דעם קייסער. ניט ניקאָלייַ דער צווייטער, נאָר, ווי הייסט ער דאָרטן... דייַן אַנדריאַן ווערט באַלעבאָס איבער מייַן לעבן. אַנדריאַן דער ערשטער... נעמט ער דאָך גלייַך צו מייַן גאַנץ האָב־און־גוטס. איך בין דאָך אָן עקספּלאָטאַטער, א בלוטזויגער... און ער קלייַבט זיך טאָן מיט מיר דאָס זעלבע, וואָס די פויע־רים האָבן געטאָן מיט דייַן ברודער, מיט סימכען. פאַרשטייט זיך, דייַן אַנדריאַן וועט עס אָפּטאָן איידעלער, פייַנער, פּאַ זאַקאָנו, פּאַ ווסיעם סטאַטיאַם...[1] איז אָט, איווע, שטעל דיר פאָר, אַז אין איינער אַזאַ נאַכט, און מעגלעך גאָר, אַז אין א ווינטערדיקער נאַכט, אין א פראָסט, און אין א זאַווערוכע, פאַרשאָטן און פאַרוויעט, מ׳זעט ניט די וועלט, אין אָט אַזאַ מין נאַכט לויף איך

[1] לויטן געזעץ, לויט אַלע אַרטיקלען (רוסיש).

אויך פון דער טפּיסע, פון אנדריִאנס טפּיסע, איך ראַטעווע זיך אויך דאָס לעבן, און איך, שטעל זיך פאַר, האָב אויך אַנדער ברייִרע ניט, ווי פאַרלויפן צו ביירוסן, צו מײַן קרויווע, צו ייִצחאָקס טאָכטער... איז אָט, פרעג איך דיך, איווע, זי, ביירוס, וועט מיך אויך אויסבאַהאַלטן? זי וועט מיר אויך געבן פערד־און־וואָגן אַף צו קאָנען לויפן ווײַטער? זי וועט אויך אײַנשטעלן פאַר מיר דעם קאָפּ?

און גאַווריִעל באַיאַר, ניט וואַרטנדיק אַף קיין ענטפער, לאָזט זיך ווידער אין די ווײַסע אַרבל, אָן דעם היטל, צו דער טיר:

— כ׳גיי שפּאַנען די פערד. טו זיך גוט אָן!

ער נעמט דעם שטעקן אין ווינקל:

— די גרענעץ זאָלט איר אַריבערפאָרן מיט די פערד. פאַרקויפט זיי ערגעץ דאָרטן.

XVII

און דערנאָך, שוין דאָרטן באַם שליאַך, הינטער די ווערבעס, ווו די גערטענער ווערן אין דער־אַ צײַט, אין פרי פון יאָר, מיט די סטאַוו־וואַסערן פאַרפלייצט און פאַרטרונקען, דאָרטן, אין דער אַלטער קרעטשמע, ווו ביירוסעס קינד, אַ צוגעקילטס אין וועג, אָדער שוין פון פריִער שלאָף געווען, ליגט שטיל, פרעגט און מאָנט שוין ניט: „ווו איז די מאַמע און ווען וועט זי קו־מען?" ס׳קוקט נאָר מיט די גרויסע גרויע אויגן, אויך אַזעלכע שרײַענדיקע, ווי בא דער באָבע אירער, בא דעם „שטילן זומער"... און ער, דער הויכער, דער ברייטפּלייציקער, קנאָכיקער ייִד, וואָס אין זײַן לאַנגער שוואַרצער באָרד כאַפּט זיך מיט יעדן טאָג אַלץ טיפער אַרײַן אַ פרישע פּאַסמע ווײַסקײַט, ער, ייִצחאָק באַיאַר, אין יענער נאַכט, מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיט אַ האַלב־אָפן מויל — פון די אומראַכמאָנעסדיקע און אומדערוואַרטע קלעפּ וועט ער שוין באַלד ניט קאָנען כאַפּן דעם אָטעם, — ער זיצט לעבן זכאַריען, וואָס ראַנגלט זיך מיטן שוואַרצן טויט, דעם רוקן ווידער געבויגן, דעם קאָפּ צום רעכטן אַקסל פאַרנייגט, דעם האָריקן אויער אָנגעשטעלט... און דאָ דערהערט ער דעם קלאַפּ אין פענצטער.

— האַ, ווער איז דאָרט, ווער?

— איך, רעב ייִצחאָק, איך... עפנט אויף!

— דו, אקיווע?

— איך, מיר זאָלן אַזוי הײַנט ביידע טרינקען יאַש מיט אינגבערלעך, ווי דאָס בין איך.

— וואָס איז די סימכע?

און ייִצחאָק באַיאַר נעמט דורך מיט זײַן בליק אקיוועס הוילעך — די פויערשע מאַלבושים, פון וועלכע ס׳שלאָגט אַ פּײַכטע וואַרעמקײַט, דעם אַף דער זײַט פאַרוקטן גרוי־קאַראַקולענעם יאַלעם, די האַרמאָשקע איבערן אַקסל.

— אקיווע, — פרעגט ער איבער, — וואָס איז די סימכע?

טוט אקיווע אַ קוק ייִצחאָקן אין די אויגן, מאַכט צו נאָך זיך די שטוב־טיר און רעדט צום „שטילן זומער", וואָס שטייט איבערן קינד:

— מ׳דאַרף, טראַכט איך מיר, זיך אַרײַנכאַפּן אין דער אַלטער קרעטשמע. אין אַזאַ וועסנע־נאַכט, באַם סטאַוו, ווו אַף די ווערבעס שפּילן פריילעך אונדזערע האַרפעס... אין אַזאַ נאַכט, טראַכט איך מיר, ראַנגלט זיך געוויס רעב ייִצחאָק מיט יענעם מאַלעך, מיט וועלכן ס׳האָט זיך אַמאָל געראַנגלט זײַן עלטערזיידע, רעב יאַנקעוו באַיאַר, אַלעווהאַשאַלעם. דאָס האָט זיך דאָך, דאַכט זיך, רעב ייִצחאָק, געטראָפן אויך אין אַזאַ וועסנע־נאַכט. און טאַקע אַקוראַט ערעוו פּײַ־סעך, און פאַר שאַבעס־האַגאָדל, און טאַקע ערגעץ דאָ אין די פּאָלעסיער וועלדער...

— דער מאַלעך דײַנער, — פרעגט ייִצחאָק, און דער רוקן בייגט זיך אים אײַן נאָך שטאַר־קער, — דעם מאַלעך דײַנעם האָסטו איבערגעלאָזט אונטער די ווערבעס?

און ער וואַרפט אָן אויג אַף ריוווקען. באַם „שטילן זומער" וועלן די אויגן שוין בעעמעס באַלד אָנהייבן צו שרײַען אַף אַ קאָל.

אויך זי, ריוווקע, דאָס איז גוט צו זען, פאַרשטייט, וועגן וואָס די רייד גייען דאָ, און וואָס פאַר אַ ווינט ס׳האָט אים, אקיווען, אין אָט דעם אויסזען, אַ פאַרשטעלטן, קומען צו דערקענען, אַהערצו אינמיטן דער נאַכט, געבראַכט און פאַרטראָגן.

— ניין, רעב ייִצחאָק, דער מאַלעך איז ניט אונטער די ווערבעס, נאָר דאָרטן, בא גאַווריִעלן אונטער די פּיקוסן.

כאַפּט אָן דער „שטילער זומער" אקיוועןן פאַר ביידע הענט און רעדט קוים אַרויס:

— דאָרטן?.. מײַן אײן־און־אײנציקע לעבעדיקע טאָכטער... — און ווי זי גייט און שטייט, לאָזט זי זיך אין דער נאכט אַרײַן, איבער די וואסערן, אהין, צו גאוורישעלס הויף.

אפן וועג אָבער, אין בערעזוניאַק, ווו ס'טראָגט מיטן שארפן געדוך פון פאראיאריקע בלעטער, ווו די ארומיקייט, דעריקער די נידערנישן, ליגן אין נעפל, קימאט אין פינצטערניש, און דאָ, אין וועלדל, שטייט אַ דורכזיכטיקע לופט, אַ מין שײַנענדיקע קלאָרקייט... — דאָ, אין בערעזניאַק, האָט זיך דער „שטילער זומער" געטראָפן מיט דער טאָכטער און איז אַ פארכאלעשטע געבליבן ליגן אף כיירוסעס הענט.

יִצחאָק באַיאר שטייט אינמיטן דער שטוב, דער רוקן איז אים קימאט קײַלעכדיק געוואָרן, דער קאָפּ צום אונטערגעהויבענעם אקסל אזוי פארנייגט, אז דאָס סויבלנע היטל — די יערושע פונעם עלטערזיידן, וואָס באַם זוים איז עס שוין ביז גלאַנץ אויסגעריבן, — וועט באַלד אף דער ערד אראָפּפאלן, דער אויער איז אים אָנגעשטעלט צום ווינטיקן אינדרויסן, צום שליאך — הערט זיך צו עפּעס צו. מיטאמאָל הייבט ער אוף די אויגן אף אקיווען:

— דער וועלט האָט שוין געפעלט נײַע טוירעס. די אסערעס־האדיבערעס האָט מען דאָך שוין מעקײַעם געווען? די וועלט איז דאָך שוין ריין פון האריגאָס, פון גזיילע, פון גנייווע, פון זנוס און קינע, פון האס און סינע... דעם נאַוויס רייד זײַנען דאָך שוין מעקויעם געוואָרן, מ'האָט שוין איבערגעשמאָלצן די שווערדן אף אקער־אײַזנס, איין פאָלק אפן צווייטן הייבט שוין מער ניט אוף די שווערד... דער וועלט פעלט שוין גאָר נײַע לוכעס, ס'פעלט איר שוין נײַע נעוויִים, נײַע קויהאנים, נײַע לעוויִים... זי טראָגט דער וועלט נײַע לוכעס...

— רעב יִיצחאָק, ווידער פון ברײשיס?

— שוויַיג, אקיווע, שוויַיג... אונדז לאָזט מען איבער אף די אייגענע קויכעס. מיר בלײַבן אף דער עלטער אליין. מיר גייען איבערן הייסן וועג און שלינגען דעם טרוקענעם זאמד. דער וועג ווערט פול מיט הארוגים, ס'דערגייט שוין צו אונדזער שוועל... טו אַ קוק אף זכאַריען! איר צעלויפט זיך פון אונדז, איר גייט זיך ברענגען פאַר קאָרבאָנעס אפן מיזבייעך פון דער וועלט. פאַר דער גאנצער וועלט, און ניט ווייניקער... אקיווע, ליב האָבן די גאנצע וועלט איז ניט שווער, נאָר אָט פרווט, ווי די מומע ליבע, ליב האָבן יעדער מענטשן באַזונדער... מיר האָבן אלע אמאָל געמיינט, אז אויך זי וועט מען רופן אין דער מישפּאָכע „מומע כיירוס"... זי איז אָבער פארטראָגן געוואָרן. איצט קומט זי צוריק. אוודע דאַרף מען דאָ מאכן צוויי בראָכעס: שעכעיאָנו און מאַטיר־אסורים...

ער קוקט זייער אָנגעשטרענגט אף אקיווען, אף אוראָמען מיט דאָבציען, וואָס שטייען בא זכאריעס צוקאָפּנס, דערנאָך דרייט ער מיטאמאָל ארויס שטארקער דעם קנויט אין לאָמפּ, ווי ס'וואָלט אים געפעלט שײַן אף עפּעס בעסער צו דערזען:

— אז ס'איז דאָ אפילע קיין שמאד־וואסער ניט געווען. דאָס ווייס איך שוין גוט. קיין שמאד־וואסער, ווייס איך, איז דאָ ניט געווען... מ'האָט איר פּאָשעט געקויפט באַם גאלעך אַ פּאפּירל פאַר אַ צענערל. אוודע איז אזא פּאפּירל אַ פארברעכן... נאָר וויפל איז זי דענסטמאָל אלט געווען? ס'איז איר ערשט געוואָרן קוים זעכצן יאָר. אַ קינד נאָך, קומט אָן קיין פּיטערבארג איינע אליין, האָט ניט וווהין דעם קאָפּ אוועקצולייגן, ווערט געיאָגט און געטריבן... זאָלן פאר־שאָלטן ווערן די, וואָס בייטן יידן צו נעמען אזוינע פּאפּירלעך.

ער שטעלט צו די האנט צום אויער, הערט זיך אַ רעגע ווידער צו צום שליאך — דער ווינט רוישט אין די ווערבעס.

— כ'וועל דיר, אקיווע, זאָגן נאָך שענערס: דאָס ביסל שמאד־וואסער וואשט אויך ניט אָפּ פון אונדז דאָס יידישקײַט. דאָס פארשטייען שוין די סוינע־יִיסראָעל איצט גוט. און דאָך צאַפּלען זיי, דאָס כײַעס גייט זיי אויס, אז אַ ייִד זאָל זיך שטעלן אונטערן גלאָק... דאָס גייט בא זיי פון קרענקלעכן פארדראָס, וואָס דאפקע מיר גלייבן ניט אין אים... לויט זייער סייכל־האיאָשער וואָלטן מיר באַדאַרפט אין אים גלייבן... דאָס וואָלט דאָך אונדז געלוינט. און מיר, זאָגט איר, אזעלכע הענדלער, שפּעקוליאַנטן, גאָלד־שלינגער, מיר זאָגן זיך גאָר אָפּ פון אים. וואָלטן מיר איבערגע־קערט דעם פּעלץ, וואָלטן מיר דאָך געהאט אלע פראַוועס און אלע פריווילעגיעס... דאָס וואָלט דאָך אונדז זייער און זייער געלוינט. מיר זײַנען דאָך זײַנע עמעסע אייניקלעך. מיר זײַנען דאָך מיט אים פון איין בלוט. אויך יויכאַנאַן האטאַוולי און אלע זייערע אַפּאָסטאָלן זײַנען דאָך מיט אונדז פון איין מאמע... מ'וואָלט דאָך אונדז מיט קאָוועד צוגעשטעלט אלע קיסיי־האגאַלאָכעס, די קיסיי־האַארכירייען... מיר וואָלטן דאָך געקאָנט ווערן די הייליקע אין זייערע מאָנאַסטירן. איז ניין. שוין צוויי טויזנט יאָר, ווי אָט די קלייטניקעס, די שווינדלער, רווידעפט מען, מ'קוילעט, מ'בראָט און מ'ברענט זיי אפן פײַער... אקיווע, — פאַלט מיטאמאָל בא יִיצחאָקן דאָס קאָל, און דער רוקן בייגט זיך אים נאָך שטארקער אײַן, — אקיווע, זי גייט.

אין דער אָפענער טיר, בא דער שײַן פונעם לעמפּל מיטן פאַרייכערטן גלעזל, דערזעט מען זי, כיירוסן.

אין דער אַלטער קרעטשמע שטעלט זיך א גרויליקע שטילקײַט. אפילע דער נויטע־לאָמוס־דיקער זכאַריע דערשטיקט אין זיך די ווייטעקן און דרייט אויך אויס דעם קאָפּ אהין, ווו אַלע־מענס אויגן זײַנען שוין ניט אַף איר, אַף דער ארײַנגעקומענער, נאָר אַף יִיצכאָקן געווענדט.

ער, יִיצכאָק, שטייט אַן אויסגעגלײַכטער אַנטקעגן דער ארײַנגעקומענער טאָכטער מיט פאַר־מאַכטע אויגן, ווי געוואָלט זיך פאַרשטעלן און דערזען עפעס פאַרגאַנגענס און ווײַטס, אָבער ביז גאָר בלוטיק־נאָענטס און ביז שרײַענדיקן ווייטעק ליב און טײַערס... און טרערן, גרויסע, ווי אַרבעס, לויפן אים איבער דער שמאָל־לאַנגער באָרד און פאַלן אין דער אונטערגעשטעלטער האַנט ארײַן.

און זי, כיירוס, — אין איין וווּקס מיטן פאָטער, ניט נידעריקער פון זײַן אַקסל, און אויך ווי בא אים בייגט זיך איר פון צײַט צו צײַט דער רוקן אײַן: גרייט אופצונעמען די קלעפּ, וואָס איז ניט אויסצומײַדן און מוזן אַף איר פאַלן, אָבער אויך מיט יענעמס, מיטן פאָטערס, אַקשאָנעס־דיקײַט אַפן פּאָנעם, וואָס וואָרנט: אומזיסט די טירכע, מיך ברעכט מען ניט! — זי שטייט, כיירוס, אַף דער שוועל פון דער אַלטער קרעטשמע, שוין נאָך די אכט יאָר, וואָס זײַנען אַוועק פון יענער שלאַקסרעגנדיקער נאַכט, ווען זי איז דורכן פּרוכט־סאָד פון דער היים און פון טאַטע־מאַמע אַנט־לאָפן געוואָרן, אכט יאָר פון איבערמענטשלעכן גערַאַנגל, מיט גוף און נעשאָמע, אַף לעבן און טויט, — פאַר רעכט און גערעכטיקײַט!

דאָס סאַמע שווערסטע קומט איר אָבער אויס אין די לעצטע כאַדאָשים אויסצושטיין. נאָך ניט באַוויזן קומען צו־זיך פונעם ווײַטן שווערן וועג, דאָס קינד געפינט זיך נאָך באַם אשמעדײַ, פאַלט זי ווידער אמאָל ארײַן אין יענע בלוטיקע הענט...

העמלט, אינמיטן איר רעדע פאַר די אײַזנבאַן־אַרבעטער און סאָלדאַטן, גערופן צו פאַרניכטן די כאַרפּע פון רוסלאַנד — די זעלבסטהערשונג... דאָ, אינמיטן דער רעדע, אז איינער פון די איבערגעטאָנענע און אונטערגעשיקטע, פון די „עכט רוסישע פאַטריאָטן" האָט געוואָלט אויס־שיסן אין איר, נאָר א סאָלדאַט האָט יענעמס האַנט אָפּגעשטעלט און מיטן ראַנד קעסעלע יענעמס דעם קאָפּ געפּלעט, דאָ איז זי אויך געכאַפּט געוואָרן און שוין ניט נאָר ווי א מוירעד־בעמאַלכוס, נאָר שוין אויך ווי א שוטעף צום מאָרד...

און זי, כיירוס, איז ווידער ארײַנגעפאַלן אהין, אין דער אָכראַנקע, ווו די פענצטער זײַנען פאַרהאַנגען, ווו אַלצדינג איז פון זײַטיקן אויג פאַרשטעלט, באַהאַלטן און פאַרבאָרגן, ווו דאָס גאַנצע לאַנד איז אונטער א כשאַד, און יעדער איינער שטייט אונטער אַן אופזיכט... ווו די איינ־ציקע רײַע און דער איינציקער באַווײַז איז — די פויסט; דאָרטן, ווו גאָרניט האַלט און שטעלט ניט אָפּ, אבי צו דערפירן און צו ברענגען דעם אַרעסטירטן צו אַזא לאַגע און צושטאַנד, אז יענער, שוין אַן קויכעס געבליבן, א צעבראָכן־געוואָרענער, שוין מיט אַן אויסגעלײדיקטער נעשאָמע, זאָל נעמען אַף זיך די אַנגעוואָרפענע שולד און די כסימע שטעלן.

אין יענעם, אין דעם שוין זייער קאַלטן ערעוו־ווינטערדיקן טאָג, ווערט זי אהין, אין אָכ־ראַנקע, ארײַנגעשלעפּט, — ניט געקאָנט זיך אַף די פיס שוין האַלטן, אין וועג איז זי צעמיימעסט געוואָרן פונעם פּריסטאַוו, מיט די ווײַסע באַקענבאַרדן, וואָס זידלט זיך מיט די געמיינסטע ווער־טער און גיט הערבײַ אַלעמאָל צו: «Прости, господи»[1]. דער צווייטער, דער אָפּיצער פונעם דאַנער קאַזאַקנטום, מיט דער צעפּעכערטער קודלע האָר פון אונטערן דאַשעק ארויס, יענער שלאָגט שווײַגנדיקערהייט, ניט געכאַפּט, מיט עפעס א מין באַזונדערן פאַרגעניגן — די אויגן שמייכלען בא אים אפילע.

דאָרטן, אין דער אָכראַנקע, טרעפט זי אַזא שטילקײַט, אַזא טויטע שווײַגעניש, אז די האָר אין קאָפּ הייבן איר אָן שטעכן. און האַגאַם זי זעט: זשאַנדאַרמען, צוהאַלטנדיק מיט די הענט די שווערדן, מײַדן אויס און גייען אַרום אַף די שפּיץ פינגער א טראָגעדיקע קאַץ, וואָס ליגט אינ־מיטן צימער אַף א טעפּיכל... דאָך דאַכט זיך איר, אז דאָס גייען אַרום ניט קיין לעבעדיקע ברויִם, נאָר געשפּענסטער.

באַלד אָבער וואַרפט מען זי פונדאַנען אין א קעלער ארײַן, ווו ס'איז שוין קיין צײַט און קיין שײַן און קיין פינצטערניש אויך ניטאָ — א דורכויסיקע גרויקײַט, וואָס פאַרגייט, ווי ניט־געלאָשענער קאַלך, אין די אויגן ארײַן. און גראָד דאָ, אין דעם שטיינערנעם קעלער, ווו ס'איז ניטאָ קיין ברעקל, נאָך מער, קיין סימען פון לעבן, — א מויז אפילע לויפט ניט דורך, — גראָד דאָ, ווו ס'דאַרף פאַר דיר קלאָר ווערן: ס'איז ניטאָ פאַר וועמען און צוליב וואָס צו ראַנגלען און צו

---

[1] זײַ מויכל, גאָט (רוסיש).

שלאָגן זיך, פונדאַנען וועסטו סײַוויסיי ניט ארויסגיין און פון דײַן סאָף וועט קיינמאָל און קיינער ניט וויסן, — גראָד דאָ, טיף אונטער דער ערד, א צעבײַלטע, א צעשלאָגן־צעבלאָטיקטע, דער־פילט זי, כיירוס, נאָך שטאַרקער דעם זין און דעם דראַנג צום לעבן.

אהין קומען אַרײַן צוויי פאַרשוינען, אין ציווילע קליידער,ביידע גרויסוואוקסיקע, מעגושעמ־דיקע, — פון ביידן טראָגט מיט שיקרעס, — און זיי נעמען זיך, באַ דער שײַן פון דעם אַרײַנגעב־ראַכטן לאַמטערן, צו „באַארבעטן" די אַרעסטירטע, וואָס ליגט אפן שטיינערנעם, אף דעם נאַסן און קויטיקן דיל: איינער וואַרפט זי אַריבער אין אַנטקעגנדיקן ווינקל, ווו ס'בלײַבט שטיין דער צווייטער. יענער, אַרופשטעלנדיק דעם שטיוול אף איר ברוסט, זאָגט:

— נו, האַלט א פײַערדיקע רעדע!

די פאַרשוינענען בײַטן זיך רעגלמעסיק, אַלעמאָל אַן אַנדער פּאָר, און לויט דעם, ווי ס'קערן זיך אום יענע, די ערשטע צוויי, פאַרשטייט זי, כיירוס: אוועק א מעסלעס. ס'גייט שוין, אפּאָנעם, איר פערטער מעסלעס דאָ...

די וואונט ווערן באַדעקט מיט פּריר־טוי. אין גאַרגל ברענט איר. דער ווייטעק פון די קלעפּ ווערט אָבער וואָס ווײַטער קלענער. נאָר ניט פאַרלירן דעם באַוווסטזײַן!

איינער לעשט דעם ברענענדיקן ציגאַר אָן איר לײַב.

דער צווייטער לעשט דעם פּאַפּיראָס אָן דעם הויט־אָפּגעריסענעם, אָן דעם צעשלאָגן־צעבלו־טיקטן אַקסל:

— דו וועסט שרײַען! באַ אונדז רעוועון ווי בעהיימעס גאַנצענע דערפער.

נאָר דאָ, שטייענדיק אפן שוועל פון איר היים, וועט זי, כיירוס, דאַכט זיך, ניט קאָנען דער־שטיקן דעם וויי־געשריי. דאָס אַלטע, היימישע שטוב־מעבל לויפט איר אַנטקעגן. די זאַכן האָבן זיך דאָ אויך געעלטערט. דער הויקערדיקער בופעט האָט שוין גאָר די פאַרב פאַרלוירן. די סטע־ליע ליגט שוין מאַמעש אפן קאָפּ. די וואונט, ווי אַמאָל, באַהאַנגען מיט דאַניִעלס פּייזאַזשן. אָבער דאַניִעל איז דאָ ניטאָ. ער, וואָס יעדע מינדסטע אוולע אין לעבן האָט אים געברענט און גע־בראָטן, איז געפאַלן אין יענער נאַכט, ווען די זשאַנדאַרמען זײַנען געקומען נאָך אווראַמען... און דאָס איז ער, אווראָם? אים איבערגעלאָזט נאָך קימאַט א קינד. ער שטייט פונדערווײַטנס און וואַרט, ביז ער וועט קאָנען צוגיין צו איר. אווראָם איז געבליבן דאָ איינער. די פּריילעכע, די טאָמיד קוועלנדיקע ראָכל וועט שוין אויך קיינמאָל אַהער ניט קומען. מאַלקע איז אוועק צו ראָכלס קינדער. דער שווײַגנדיקער זכאַריע פּרוווט זיך אָן־אָ, מיט גרויס מאַטערניש אופהייבן דעם קאָפּ. און דאָ פאַלט שוין איר אויסגעבענקטער בליק אף דאָס סאַמע ציטערדיקסטע אין איר לעבן: אפן קינד, וואָס ליגט מיט אָפענע אויגן. האַלבע נאַכט, און ס'שלאָפט ניט. ס'איז ניט פאַרויטלט, ס'פלאַמט פּאַשעט פון היץ.

פאַר די זיבן כאַדאָשים, וואָס זי, כיירוס, האָט דאָס קינד ניט געזען, איז עס גאַרניט צו דערקענען. דאָס קינד קוקט אף איר און דערקענט זי אויך ניט.

און די מאַמע, דער „שטילער זומער"... זי טרעט שוין פון איר, פון כיירוסן, ניט אָפּ. אירע אויגן... דעם טאַטנס טרערן... פאַר איר און פאַר אַלעמען.

דאָס האַרץ, דאָ אפן שוועל פון איר היים, ווערט איר אַזוי פאַרקלעמט, אַז באַלד וועט זי ניט קאָנען דערוואַרגן אין זיך דעם געשריי. זי שטאַרקט זיך אָבער און זאָגט רויִק און שטיל, — פון איר קאָל נעמט יִיצכאָקן אַדורך א ציטער. אַלע יאָרן האָט ער געבענקט נאָך אָט דעם קאָל, וואָס גייט, ווי א ניגן, אין האַרצן אַרײַן.

— טאַטע, — זאָגט זי, — איך קאָן דאָ ניט בלײַבן! און ניט דערפאַר, ווײַל די סאַקאָנע...

— און איך וויל עס דען יאָ? — טוט יִיצכאָק א טראַט צו איר נענטער, ווי געוואָלט דער־מיט דעם וועג פאַר איר ווײַטער אין שטוב אַרײַן פאַרשטעלן. — און איך וויל עס דען יאָ?.. — דער רעכטער אַקסל שפּרינגט אים אונטער. — אַז איך וויל עס גאָר ניט, אַז איך וויל גאָר ניט, דו זאָלסט דאָ בלײַבן!

— יִיצכאָק! — דערהערט זיך דעם „שטילן זומערס" קאָל.

באַ יִיצכאָקן בייגט זיך גלײַך אײַן דער רוקן.

— יִיצכאָק, יִיצכאָק, אין טאַכטער געבליבן, איינע...

— יאָ, ריווקע, יאָ, איינע... — און דער אײַנגעבויגענער רוקן הייבט זיך אים אָן פּאַוואָלינקע אויסצוגלײַכן. — אַז איך וויל גאָר ניט, דו זאָלסט דאָ בלײַבן! — רעדט ער ווײַטער צו כיי־רוסן. — און ניט מאַכמעס מוירע. כאַס־וועכאָלילע! פאַר מײַן קינד וועל איך גיין מיט אָן אופגע־הויבענעם קאָפּ אין טפיסע, אין סיביר... דאָס איז נאָך ניט פון די גרעסטע ניסיוינעס. ס'גיסן זיך יעדער טאָג אף אונדזערע קעפּ אומגליקן, ווי זודיקער פּעך: ראָכל, דאַניִעל, סימכע, זכאַריע... און וואָס וועט זײַן ווײַטער? ס'קאָן דאָך קומען, די שאָ זאָל גאָר ניט זײַן, א נײַער נעוווזאַראַדן, א נײַער האַמאָן...

ער מאַכט נאָך א טראַט צו כיירוסן:

— דאָרטן, באַם דאָקטער, האָב איך ניט געזאָגט דעם גאַנצן עמעס. דאָס, וואָס כ'האָב דאָרטן געזאָגט, איז טאַקע ריכטיק. דו וועסט אינמיטן וועג דײַנע לוכעס ניט וואַרפן. צופיל בלוט און יעסורים קאָסטן זיי דיך. פון א טוירע קאָן זיך אָפּזאָגן נאָר דער, וואָס האָט פאַר איר קיין בלוט ניט פאַרגאָסן... און דאָס, וואָס כ'האָב זיי געזאָגט, אז נעמען דיך אהיים איז אלצײַנס, ווי באַהאַלטן פײַער אין א סקירדע שטרוי, דאָס איז אויך עמעס. איינס אָבער האָב איך זיי, די פאַטלאַטע נעוויִים, דאָרטן ניט געזאָגט. און ניט געזאָגט האָב איך זיי דאָס סאַמע וויכטיקסטע, דעם איקער... איך וויל ניט, דו הערסט, איך וויל ניט, אז דו זאָלסט זיך אָפּשטעלן! איך וויל גאָר ניט, אז זאָלסט אינמיטן וועג וואַרפן דײַנע לוכעס... גיי דיר מיט דײַן וועג, זאָל זיך אקיווע פאָרן אף זײַן קישעף־וועגעלע, זאָל זיך שיפרע גיין מיט איר וועג, איך וועל מיר גיין מיט מײַן וועג... לאָמיר אלע גיין! ערגעץ אף די וועגן דאַרף דאָך און ס'מוז דאָך געלייזט ווערן אונדזער גוירל, און אויך אלעמענס גוירל... ווײַטער אזוי לעבן קאָן מען שוין ניט, און מ'טאָר טאַקע ניט. די קויכעס וועלן באַ אונדז אויסגיין אין וואַרטעניש און אין אויסקוקעניש. מיר וועלן פאַלן באַ זיך אליין אין די אויגן...

— ייִצחאָק! — דערהערט זיך ווידער דעם „שטילן זומערס" קאָל. — ייִצחאָק, דאָס קינד!

— האַ? — בלײַבט ייִצחאָק מעוואָלוואָל שטיין. — דאָס קינד... ריוועק, איך בעט דיך, שטיל אײַן דײַנע אויגן! — און דער רוקן הייבט זיך אים אָן אײַנבייגן.

דאָס קינד אין בעטל האָט דערקענט כיירוסן און אויסגעצויגן צו איר די הענטלעך:

— מאַ־מאַ!

XVIII

און מיט א האַלבער שאָ שפּעטער, עפּשער נאָך ווייניקער, אן אנדערשמאָל קוקט מען זיך אף זיי, אף אָט די ברעקלעך צײַט, אפילע ניט אום, זיי גייען אין טאָגטעגלעכן לעבן, ווי וואַסער אונטער דער מיל־ראָד... נאָר דאָ, אין יענער נאַכט, אין דער אלטער קרעטשמע, באַ דער שוין גאָר אומגעריכטער באַגעגעניש מיט איר, מיט כיירוסן, האָט יענע האַלבע שאָ, ווי אן אומראַכמאָנעסדיקער גזאַר־דין, אלעמען אופגעטרייסלט, דערשיטערט און אין הארצן ארײַן, אף שוין קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן.

דערצו נאָך, — אין דער אָנגעוויטעקטער שטילקײַט, מ'הערט נאָר כיירוסעס קאָל, א וונדערלעך־רויִקס, האַגאַם די אויגן פאַרלאָפן מיט טרערן, זי פאַרוויגט אף די הענט דאָס קינד מיט עפּעס א מײַסעלע וועגן א פאַרשפּאַרטן פויגל אין די בערג... — זעצט זיך דאָ אוף אָפּן בעט זכאַריע און מיט א שײַנענדיק פּאָנעם, אף א פרייִלעך קאָל, און אויך מיט די הענט, נעמט ער פאַרבעטן עמעצן צו א געדעקטן טיש:

— הײַנט איז באַ מיר א גרויסער יאָמטעוו!

זכאַריע רעדט צו דער שטוב. דאָס פּאָנעם פון אונטערן פאַרטריקנטן בלוט לויכט זיך אים אלץ שטאַרקער און שטאַרקער. ער, דער קליינוווּקסיקער זכאַריע, ווערט מיטאַמאָל א סאַך ברייטער און העכער — ער ווערט פּאַשעט שיין.

— אף דער שאָ, — רעדט ער מיט באַגײַסטערונג צו דער שטוב, — אף דער שאָ האָב איך אַרויסגעקוקט דאָס גאַנצע לעבן... קינדער, לאָמיר טרינקען לעכאַיִם! צום לעבן, קינדער מײַנע! שטיי ניט, מײַן ווײַב! נעם, לייע, נעם, גיב די קינדער עסן. זיי זײַנען דאָך פון אזא ווײַטן וועג... וואָס, דו ביסט אויך פונעם וועג אָן קויכעס? איז רו זיך אָפּ, לייע, רו זיך אָפּ. ס'איז דאָך יאָמטעוו... קינדערלעך, וואַרט ניט, ביז די באָבע וועט אײַך דערלאַנגען. נעמט אליין, נעמט, אָט אזוי!

פון זכאַריעס רייד פאַרשטייען אלע, אז ער האָט אופגעהויבן פון די קוואָרים דאָס ווײַב, די פרי־געשטאָרבענע קינדער, און האָט זיי, זײַנע זין און טעכטער, מעזאַקע געווען מיט קינדער און זיך מיט פיל אייניקלעך, און דאָס פראַוועט ער, דער גליקלעכער פאָטער און זיידע, א מאָלצײַט פאַר זיי.

און מעשונע: גראָד די לעבנגעבליבענע, די איינציקע טאָכטער זײַנע, מאַלקען, און איר קינד, זײַן איין־און־איינציק אייניקל, שמוליקן, וואָס איז מיט דער מוטער, נאָך איר שטיין מיט הערשעלען אונטער דער כופּע, אין שטעטל ארײַן ניט געפאָרן — זיך אויסגעבאַהאַלטן אזוי, אז מ'האָט אים ניט געקאָנט געפינען, איצט ליגט ער, שמוליקל, א פאַרטײַעטער, אפן אויוון און פירט פון כיירוסן דאָס אויג ניט אָפּ... און אויך זי, די פלעמעניצע, דאָבציען, וואָס שטייט באַ זײַן צוקאָפּנס, זיי, די לעבעדיקע, רופט ער ניט, זכאַריע, און פאַרבעט זיי ניט צום טיש.

— קינדער, — רעדט ער צו די געשטאָרבענע, — קינדער, נעמט אלע די קעלישעקלעך. לעכאַיִם! — ער הייבט אוף די האַנט מיט די אײַנגעבויגן־צעשפּרייטע פינגער, ווי ער וואָלט גע־

האלטן ארומגענומען א גרויסן קאָס. — לעכאַים איז דער טײַטש: צום לעבן!.. מ׳האָט מיך, קינ־דער, געשלאָגן מיט די דרענגלעך, מיט דעמבענע און מיט בערעזעווע, נאָר דערהאַרגענען מיך האָט מען ניט געקאָנט. און מ׳וועט עס קיינמאָל ניט קאָנען. קיינמאָל ניט! איר הערט? וויאַזוי פאַרשטייט מען עס ניט? שוין אַזויפיל דורעס, און מע קאָן עס ניט פאַרשטיין. אויב מיר האָבן געקאָנט האַרגענען א גאָט, האָט דאָך שוין דער טויט אף אונדז קיין שום שליטע ניט. לעכאַים, קינדער!

און דאָ דרייט אויס זכאַריע דעם איבערגעבונדענעם קאָפּ צום פּראָפעסאָרס אייניקל און ווינקט צו אים מיט א פינגער:

— דאַניעל, וואָס שטייסטו דאָרט בא דער טיר? וואָס מיינסטו, דאַניעל, דו ביסט בא מיר א קלענערער גאַסט? דו ביסט דאָך מײַן אײדעם...

דער „שטילער זומער״, וואָס שטייט איבער ביירוסן, האַלט ביידע הענט אף אירע אַקסל, ווי זי וואָלט ניט געלאָזט זי פון בענקל זיך רירן, ווידער פון דער היים און פון איר קראַנקן קינד אוועקגיין און ווײַטער אין דער וועלט אַרײַן לויפן... זי, ריווקע, דערהערט זכאַריעס לעצטע ווער־טער, הייבט זי נאָכאַמאָל אוף אפן אוירעך די אויגן: איר, ריווקען, האָט זיך, הייסט עס, ניט אויס־געדאַכט... אפילע ער, זכאַריע, מיט די צעשלאָגענע אויגן זעט עס.

— זאָגט מיר, — פרעגט זי בא יענעם מיט א פאַרשטיקט קאָל, — זאָגט מיר, ווי רופט מען אײַך?

יענער, דאָס זעען אַלע, ביז גאָר אופגערעגט, אין גרויסער פאַרלעגנהײַט, ענטפערט צעטראָגן און מיט עפּעס א מין ביטערן שמייכל:

— איך ווייס שוין, אז איך בין דאָ אף עמעצן ענלעך... קינדווײַז האָט מען מיך טאַקע גע־רופן דאַניעל.

— ייִצכאָק, דו הערסט זײַן קאָל?

— כ׳הער... ס׳איז עפּעס, ראַכמאָנע־ליצלאָן, א נאָכקרימעניש.

נאָר דאָ קומט אַרײַן איווע מיט דער בלאַסקײַט פון א מענטשן, וואָס איז נאָרוואָס אויסגע־שטאַנען, גויווער געוווען און אַריבערגעשפּאַנט איבער עפּעס אַזוינס, וואָס נאָך דעם קאָן שוין מער גאָרנישט ניט אָפּשטעלן און ניט פאַרהאַלטן.

מ׳זעט, אז זי איז געטריבן געוואָרן פון גרויסער שרעק, זי באַהאַלט עס אַפילע ניט אויס. דער מאַנטל איז איר אַרופּגעוואָרפן אף די אַקסל, ווי אין גרויס אײַלעניש.

זי בלײַבט שטיין בא דער טיר מיט דער בײַטש אין דער האַנט. בא ייִצכאָקן — דערזעען די בײַטש — רײַסט זיך אַרויס, ניט מיט זײַן קאָל, א קרעכץ.

— ס׳האָט עפּעס געטראָפן? — פרעגט ביירוס בא איווען.

— בא אונדז איז דער פּריסטאַוו מיט צוויי סטראַזשניקעס.

— די פור איז דאָ?

— הינטער די ווערבעס.

בא ביירוסן זשמורעט זיך צו דאָס לינקע אויג. זי פאַרטראַכט זיך א רעגע. באַלד אָבער, דאָס זעט מען גוט, טרײַבט זי אָפּ פון זיך עפּעס א שווערן געדאַנק און זאָגט:

— פאָרן מיר ווײַטער?

— שוין? — קלאַמערט זיך אײַן דער „שטילער זומער״ מיט די פינגער אין ביירוסעס אַקסל. — שוין, טאַכטער? און דאָס איז עס, קינד מײַנס, מ׳דאַרף זיך שוין שיידן? מ׳דאַרף שוין יאָגן?.. גאָטעניו, איך קלאָג זיך דען, כאָלילע, איך פרעג נאָר, פאַרוואָס קומט עס מיר?

קושט ביירוס דער מאַמעס שוין ביז גאָר אויסגעהאָרעוועטע טונקל־אָדערדיקע הענט, באַזונ־דערס יענע האַנט, וואָס דריקט איר די נאָך ניט פאַרהיילטע ווונד אפן אַקסל. ווען זי, די מאַמע אירע, זאָל וויסן, וואָס פאַר א ווייטעק זי האָט איר פאַרשאַפט...

— מאַמע, לאָז מיך אופשטיין!

זי הייבט זיך אוף מיטן קינד, וואָס ליגט א פאַרטראָגנס צוגעטוליעט צו דער ברוסט, און גייט עס אַרײַנלייגן אין בעטל.

פון איוועס אַרײַנגיין, מיט דער בײַטש אין דער האַנט, גלײַכט זיך אים אויס, ייִצכאָק, דער רוקן אַזוי, אז די ריפּן שפּאַרן אים אַרויס פון אונטער דער ענגער קאַפּאָטע, — דער שטאַרקסטער קלאַפּ איז מיטאַמאָל דערלאַנגט געוואָרן.

פאַר דעם, וואָס ער האָט די לעצטע צײַט אַזוי מוירע געהאַט, יענץ האָט זיך נאָרוואָס פון אַן אַנדער, און שוין בעעמעס גאָר פון אַן אומגעריכטער, זײַט מיט איווען אין שטוב אַרײַנ־געריסן.

ער קוקט נאָך א ווײַלע אף דער בײַטש, אף דער געפלאָכטן־ווייכער פּושעלע, וואָס איז פון

אויבן אַרומגעגייט מיט געלן לעדער, נעמט אַרײַן די שפּיץ באָרד אין מויל אַרײַן און בלײַבט שטיין מיט צוגעמאַכטע אויגן.

אויך זי, די מומע ליבע, וואָס האָט שוין צוגענומען בא כײַרוסן דאָס קינד, קוקט מיט שרעק אַף דער בײַטש. ייִצכאָק ווערט דאָך ווידער דאָ געשטעלט פאַר אַ נײַעם ניסאָיען: גאַווריִעל האָט געגעבן פערד־און־וואָגן, צוגעשטעלט מיט עמעצן די פור צו דער שטוב און איבערגעשיקט די בײַטש אַהער מיט איווען: פירן כײַרוסן ווײַטער, דאָס דאַרף שוין, הייסט עס, ייִצכאָק אַליין. עמעס, גאַווריִעל האָט דאָרטן בא זיך די שיינע געסט, און ער דאַרף זיי דאָרטן פאַרהאַלטן.

— הא, — דערהערט זיך ייִצכאָקס קאָל, אַ געבראָכנס, קימאַט אַ ייִעשדיקס, — וואָס זאָגסטו, ליבע?

זעט זי, די מומע ליבע, ווי אין ייִצכאָקס לאַנגער שוואַרצער באָרד שפּינט זיך אַרײַן נאָך אַ ווײַסע פאַסמע האָר, און פאַרבײַסט די ליפּן: וואָס קאָן זי דאָ אין אַ נאַכט פון אַזעלכע יעסורים און ניסיוינעס עמעצן, און ביפראַט נאָך אים, ייִצכאָקן, וואָס שטייט שוין ווידער אַן אײַנגעבויגענער, עפּעס זאָגן און. אײַצענען? ווען זי איז בא אַלע אירע קויכעס, וואָלט זי פּאַשעט צוגעגאַנגען צו איווען, צוגענומען די בײַטש און אַליין זיי אָפּגעפירט. אויך ער, אַקיווע, דאָס ווייסט זי, וואָלט זיכער געטאָן דאָס זעלבע. איז ער אָבער שטומפּיק אַף דער באַלעגאָלישער איוורע. מיט גאַווריִעלס פערד וועט ער ווײַט ניט פאַרפאָרן. פאַלט דער גוירל אַף ייִצכאָקן מיט אוראָמען...

— ריווקע, איך בעט דיך, ריווקע, שטיל אײַן דײַנע אויגן!

— כ׳וועל זיי אײַנשטילן, ייִצכאָק, כ׳וועל זיי אײַנשטילן...

כײַרוס שטייט איבערן קינד, אַקיווע גייט פון שטוב צום וועג אַרויס. אין דער אַלטער קרעטשמע שטעלט זיך אַזאַ שטילשווײַגן, אַז ס׳ווערט מאַמעש שווער צו אָטעמען.

ייִצכאָק — דעם קאָפּ צום אַקסל פאַרנייגט, דעם אויער אָנגעשטעלט — הערט זיך צו, מיט פאַרמאַכטע אויגן, צו דער נאַכט. דער גאַנצער אַרום רוישט, ווי פאַר אַ געוויטער. יעדער רעגע, מ׳זאָל עס אַפילע ניט דערהערן, קאָן אַהערצו אָנטראָגן, ווי מיטן ווינט, די מאַלאַכיי־כאַבאָלע.

— אוראָם, — הייבט זיך אָן בא ייִצכאָקן אויסצוגלײַכן דער רוקן, — נעם בא איווען די בײַטש און פאָר! דער גאָט פון אונדזערע אָוועס וועט זײַן מיט דיר.

XIX

אין יענער נאַכט — דער ערשטער געוויטער־פרילינגדיקער רעגן איז אַף דער אָנגעקוואָלן־יווירנדיקער ערד אַראָפּ, די קרומע פײַערדיקע בליצן יאָגן פון די שוואַרצע הימלען אין די וועלדער אַרײַן און שפּאַלטן דאָרטן דעמבעס, די ליידיק־טרוקענע דונערן קײַקלען זיך איבער יענעם וועג, מיט וועלכן ייִצכאָק באָיאַר האָט געשיקט דעם זון וואָס גיכער אַוועקפירן פונדאַנען כײַרוסן, מאַכמעס דער כאַלעף איז אַף אַ האָר געהאַנגען, — די מעכאַבלים זײַנען שוין בא גאַווריִעלן אין הויף געווען, — אין יענער נאַכט האָט ייִצכאָק באָיאַר געמאַכט די בראָכע אָפן ערשטן דונער: מיט דײַן קויעך און גוווּרע איז פול די וועלט... און אַ דורכגעווייקטער ביזן לעצטן פאָדעם, דעם רוקן ווידער געבויגן, געבליבן שטיין אונטער די אָנהייב־צעגרינטע ווערבעס, וואָס וואַלגערן זיך שיר ניט פון די כוואַליעס־ווינטן אין סטאַוו אַרײַן.

די מומע ליבע, וואָס האָט פריִער אַוועקגעפירט דעם „שטילן זומער“ פון אונטער די ווערבעס — פונדאַנען איז די פור נאָרוואָס אַוועק אין דער צעבושעוועטער נאַכט אַרײַן, קערט זיך טייקעף אום, אַליין שוין אויך ביז צו די ביינער אַ דורכגעווייקטע, און פירט אים, ייִצכאָקן, בא דער האַנט אָנגענומען, אין שטוב אַרײַן.

— הא, ליבע, דו זאָגסט עפּעס?

— ניין, רעב ייִצכאָק, ניין...

זי איז צופרידן, וואָס דער רעגן פאַרשלאָגט איר די אויגן, און זי זעט ניט זײַן פּאָנעם. וואָס זאָל זי, די מומע ליבע, דאָ זאָגן ייִצכאָקן? און מיט וואָס קאָן מען דען טרייסטן אַ טאַטן, וואָס האָט נאָרוואָס אַוועקגעלייגט דאָס לעצטע קינד אַף דער אַקידע... אַוואַדע איז דאָ דער צאַר און פּײַן פיל גרעסער, ווי צו לייגן זיך אַליין אונטערן מעסער.

אין יענער נאַכט, דאָרטן אין הויף, בא גאַווריִעלן. דער פּריסטאַוו ווערט מיטאַמאָל אַ סוינע פון געלט, נעמט ניט קיין שמיר־מאַטבייע, פאַלט אין פרומקײַט אַרײַן, פון געטרײַשאַפט צום גאָטסגעזאַלבטן קערט ער וועלטן, וויל זיך פאַר די פרעמדע זשאַנדאַרמען אויספײַנען, לויפט אַפילע צו דער קראַנקער אין אַלקער אַרײַן:

— האָסטו, נעכאַ, קיין פרעמדע מענטשן דאָ ניט געזען?

— איז די טאָכטער פון דער שטאָט אַהער ניט אַראָפּגעפאָרן?

ווערן אלע שטוב־לײַט פֿארקילט און פֿארגליווערט. די מעטורעפּעס, האגאם זי ליגט פֿאר־טראַגן, אין הארצן שפּילן איר אלע פּײַפֿלען, קאָן דאָך פֿארט מיט א ווארט זיך ארויסכאַפּן.

נאָר נעכע עפֿנט די אויגן, — און ס׳איז געווען פּאַשעט צו באַוווּנדערן: אין די לעצטע אָנ־דערהאלבן יאָר אזעלכע אויסגעלאָשענע, באַקומען זיי פּלוצעם זייער אמאָליקע שווארץ־איבער־שווארצקײַט, — און הייבט אוף ביידע הענט אפֿן פּריסטאַוו:

— שטיי, גיי ניט ווײַטער, טרעט מיר ניט אָף מײַן קינדס פּארבלוטיקטע ביינער... טרעט ניט מיט דײַנע שטיוול אָף מײַן סימכעס מארך!

אין יענער נאכט, צו פֿארטאָג־צו, שוין נאָכן ארויספּאַטערן פֿון שטוב דעם פּריסטאַוו מיט די זשאַנדארמען, שוין נאָכן שלאָקסרעגן, זײַנען אין נעכעס אלקער, ארום די ווענט, געשטאַנען די זין, די שניר און די אייניקלעך.

דער לאָמפּ, אונטער דער פֿארייכערטער סטעליע, ברענט העל. דורך די לאָדן־שפּארונעס שלאָגט פֿון סאָד מיט נאסער קאָרע און רעגן־וואסער. גאַווריעל, אָף דער איבערגעקערטער טאבור־רעטקע, זיצט בא דער טיר, דעם צעשויבערטן קאָפּ אין די הענט ארײַנגענומען: זי, נעכע, גייט פֿון דער וועלט... און ער, גאַווריעל, איז היינטיקע נאכט מיט אלע פֿיר רעדער גאָר אין זומפּ ארײַן. וווּ וועט ער אָף דער עלטער נעמען אזעלכע קויכעס פֿון דאָרטן זיך ארויסצוהייבן?.. אויך זי, איוועון, האָט ער נאַרוואָס ווי אין קאָרטן פֿארשפּילט.

אויך יענער, אקיווע, דאָרטן באם ברונעם, האָט זיך ניט געלאָזט מעקארעוו זײַן... אין אָט די צוויי קינדער, ער קאָן עס אפֿילע ניט דערקלערן פֿארוואָס, האָט ער דאָך זײַן גאנצע האָפֿענונג, טקומע און די געבענטשטע מענוכע אָף די עלטערע יאָרן געזען. פֿאר אָט די צוויי קינדער איז בא אים דאָס הארץ טאָמיד געווען אָפֿן. און ס׳איז מעשונע: גראָד אָט די צוויי קינדער האָבן פֿון דאָרטן גאָרנישט ניט גענומען...

נעכעס פּיס, אין גראָב־וואָלענע שווארצע זאָקן, שטעקן פֿונעם בעטל ארויס. מ׳הערט פֿון איר קיין שאָרך און קיין אָטעם ניט. די אויגן — פֿארמאכט, דאָס אײַנגעפֿאַלענע מויל — אָפֿן. מאַשמאָעס, אז ס׳איז שוין נאָך אלעמען...

ווײַל דער בכאָר, וועלוול, נעמען רײַסן אָף זיך קריִע, שטעלט אים ביילע אָפּ, שלעפּט ארויס א פּעדערל און טראָגט עס צו דער שוויגער צו דער נאָז.

שטופּט זי, נעכע, אָפּ ביילעס האנט, און די פּײַפֿלען פֿונעם הארצן הייבן איר ווידער אָן צו שפּילן צאָרנדיק. אין שווארצן גריבעלע, אונטערן גאָרגל, נעמט מיטאמאָל זידן, ווי ס׳וואָלט דאָרטן עפּעס געבליבן שטיין.

און אויך די אויגן, ווידער מיט יענער אמאָליקער שײַן, עפֿענען זיך איר אוף. ווערן די שטוב־לײַט, באַזונדערס ער, גאַווריעל, שוין גאָר אופגעטרייסלט: אין איר בליק אזויפֿיל פֿאר־וווּרפֿן, אײַנצײַטיק אָבער אויך אזויפֿיל ווארעמע אָפּשײַן און מעכילע, אז מ׳דערפֿילט זיך דאָ אלע, אין דער לעצטער שאָ פֿון איר לעבן, שוין ניט נאָר שווער פֿארזינדיקט, נאָר אויך עפּעס זייער געפֿאַלן בא זיך.

— איך בעט דאָ בא אײַך אלעמען מעכילע... — דערהערט מען איר קאָל. — איך האָב אײַך, קינדער מײַנע, פֿארשאַפֿט גרויסע יעסורים און בושע... דאָס איז געווען מײַן נעקאָמע. כ׳האָב געכוויזעקט פֿון זיך, פֿון אײַך און פֿון דער וועלט... איך האָב אלץ געוואָרט אפֿן יאָם־האַ־דין... געוואָלט דערלעבן און צוזען, וויאַזוי ס׳וועט פֿאר מיר באַצאָלט ווערן. איצטערט דאַרף איך שוין גאָרניט. ס׳וועט מיר דערפֿון אין קייווער לײַכטיקער ניט ווערן...

אין אירע שווארצאַפּלען — שטארק העלע פּײַערלעך, זיי שלאָגן איר פֿון ערגעץ זייער טיף, ווי זיי וואָלטן צום לעצטן מאָל באַלויכטן איר לאַנגן וועג — פֿון דעם וויגל ביז צו דער גרוב. פֿון די זייער ווײַטע, קימאט אומגלייבלעכע, קינדער־יאָרן דערמאָנען זיך איר אזעלכע קלייני־קײַטן, וואָס זײַנען איר שוין קיינמאָל אפֿן זיקאָרן ניט געקומען: סאָף טאָג, דער ווינטער־ווינט וואָיעט נאָך שטארקער אין קוימען ארײַן. זי, קוים זעקס יאָר אלט, נעכעלע, האָט זיך אומגע־קערט, ווי אלע דאָנערשטיק, פֿון איר שליכעס אהיים — צעטראָגן איבער די באַלעבאַטישע הײַ־זער די הייוון אָף שאַבעס־כאַלע. זי זיצט באם טאַטן אָף די קני, און ער, דער טאַטע אירער, דער ראָוו, נעמט זי אונטער דער קאַפּאָטע, ווארעמט זי און וויגט זיך איבער דער געמאָרע מיט אזא קלאָגעדיקן ניגן, אז ניט פֿון דער קעלט, נאָר פֿון דעם טאַטנס ניגן שטיקט זי א געוויין.

זי דערהערט אויך מיטאמאָל און דערקענט שטימען פֿון שוין לאַנג פֿארשטאָרבענע מענטשן. זייערע פּענעמער זעט זי ניט. איבער א שמאָלן וועג לויפֿן מענטשלעכע שאָטנס.

נעכע טוט א פֿיר די פּײַערלעך אָף די, וואָס שטייען בא די ווענט, און ס׳באַפֿאַלט זי אן איימע: אויך דאָ, בא איר טויטן־בעט, וויגן זיך נאָר שאָטנס.

— זעט, — זאָגט זי צו די שאָטנס, — זעט, וואָס איר האָט פֿון מיר געמאכט. כ׳האָב אים, מײַן ברודער אבושן, ניט געפֿאָלגט. כ׳האָב ניט געפּאַסט, זיך ניט געמאָגערט, איך האָב געגעסן,

און א סאך געגעסן... און זעט, וואָס ס'איז פון מיר געבליבן! מײַן יעדער ביסן איז געפאַלן, ווי א טרוקן צווײַגל אף א פֿײַער... און פון דעם רייעך פון דעם איבערגעברענטן בלוט מײַנעם ווער איך שוין דערשטיקט...

איר אָטעם ווערט טאקע אלץ אָפּגעריסענער און שוואכער. ס'איז אן אָטעם פון א פאַרמאַטערט־פאַריאָגטער, פון איינער, וואָס איז שוין אָן קויכעס געבליבן, פון אזא, ווען זי זאָל שוין יאָ צונויפֿ־נעמען די לעצטע קרעפטן, איז שוין סײַ־ווי־סײַ פאר איר ניטאָ קיין וועג און קיין שטעג — ניטאָ וווּהין צו לויפן און ווי דאָס לעבן זיך צו פאַרהיטן.

זי וויל ניט שטאַרבן, נעכצע. אירע פינגער מיט די ווײַסע נעגל כאַפּן זיך פארן צודעק — זוכן א ברעקל אָנשפּאַר. איר גרוי־שוואַרץ פּאָנעם, דער קורץ־געשוירענער קאָפּ ווערן באַדעקט מיט געל־קאַלטע טראָפּנס שווייס. די פֿײַפֿלען פונעם האַרצן שפּילן איר ראַשיקער און צאַרנדיקער. די שוואַרצאַפּלען מיט יענע פֿײַערלעך לויפן אַרום איבער די טונקעלע ווינקלען פון אַלקער:

— זי איז דאָ ניטאָ, איווע? זי איז ווידער געקומען ניט צו מיר... זי ליגט אף דאַניעלס בעי־נער. נעמט זי אַראָפּ פון דאַניעלס ביינער... באַ מיר זײַנען די אויגן געווען פול מיט גאַל, מיט בייזן פֿײַער. אַזעלכע ביטערע אויגן, ווי מײַנע, האָט זי אין ערגעץ ניט באַגעגנט... איר האָט מיך גע־שוירן, ווי מ'שערט א שעפּס... נאָר איך בין אײַך, קינדער, מוחל! איך בעט באַ אײַך אַלעמען מעכילע. דעריקערשט בעט איך סליכע באַ איוווען.

די זין, אַרום דעם בעטל, רייניקן מיט שטילע הוסטעלעך די פאַרלייגטע גאַרגלען און וואַרטן, וואָס וועט זי נאָך זאָגן. ס'איז קיין סאָפּעק ניט, אז זי איז איצטער באַ אַלע געדאַנקען.

גאַווריִעל, אף דער איבערגעקערטער טאַבורעטקע, דעם אַראָפּגענייגטן קאָפּ אין די הענט, איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן באַ דער טיר.

נעכעס קאָפּ וואַרפט זיך איבער דעם געקווייטלטן ציכל — זי איז ווײַט פונדאַנען... זי לויפט אין די שוואַרץ־וואַלענע זאָקן איבער א שמאָלן ווײַס־שטויביקן וועג, צווישן שאָטנס און געשפּענ־סטער, זי זוכט דאָרטן עמעצן זייער אקשאָנעסדיק־אָנגעשטרענגט. מיטאַמאָל דערזעט זי יענעם, וואָס זי זוכט. ער שטייט אין סאַמע מיט פון דעם ווײַס־שטויביקן וועג. ער איינער איז דאָרטן ניט קיין געשפּענסט, ער איינער איז א לעבעדיקער — מיט פלייש און בלוט. ווערט זי נאָך אומרוי־קער, האָט מוירע, אז אויך ער זאָל ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין א שאָטן, אז אויך דער זאָל באַלד ניט פאַרלאָרן גיין.

— דו, גאַווריִעל, שטייסט דאָרט א לעבעדיקער.. דו איינער! — זי הייבט זיך אונטער אף די עלנבויגנס, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן צום נאַקן, די אָדערן אפן האַלדז אָנגעצויגן ביז צום פּלאַצן. — דיר, גאַווריִעל, קאָן איך ניט מוחל זײַן. איך וואָלט עס געוואָלט, נאָר איך קאָן ניט. איך קאָן דיר, גאַווריִעל, ניט מוחל זײַן. דו האָסט מיר פאַרשוועכט דאָס לעבן.

— נעכצע, אוי, נעכצע!

— איך קאָן דיר ניט מוחל זײַן!

— נעכצע, — הייבט אוף גאַווריִעל דעם קאָפּ, — איך בין אויך ניט קיין אייביקער. גאָט וועט אונדז מישפּעטן.

— ניין, גאַווריִעל, ניין... דו האָסט מיך טאָמע געמאַכט. דו האָסט מיר פאַרשוועכט דאָס לעבן... פאַר דעם איז קיין מעכילע און קיין סליכע ניטאָ.

די עלנבויגנס האַלטן ניט אוף איר גוף. זי פאַלט.

— פאַר פאַרשוועכן א לעבן איז שוין אפילע קיין שטראָף ניטאָ.

זי דרייט אויס צו אים דאָס שוין קימאַט שוואַרצע פּאָנעם. אונטערן גאַרגל, אין גריבל, קאָכט און זידט:

— איך קאָן דיר ניט מוחל זײַן. אַלעמען בין איך מוחל, און באַ אַלעמען בעט איך מע־כילע! ווען איווע זאָל דאָ זײַן, וואָלט איך געפאַלן פאַר איר קוירים... נאָר דיר...

— נעכצע, שווײַג, נעכצע.

— אײן גאָט ווייסט, ווי איך וואָלט עס וועלן... כ'פלעג דאָך אַמאָל אַרויסבאַגלייטן דעם שאַ־בעס־קוידעש מיט גאָט פון אווראָם, פון יִיצכאָק, פון יאַנקעוו און פון גאַווריִעל... מיט דײַן נאָ־מען ליכט געבענטשט, מיט דײַן נאָמען א בראָכע געמאַכט אפן ערשטן ביסן ברויט... און דו האָסט עס טאָמע געמאַכט... זאָלן פון אַלע מײַנע בראָכעס ווערן קלאָלעס אף דײַן עלטער! זאָלן פון אַלע מײַנע טרערן ווערן שטײַנער אף דײַן וועג!

— נעכצע, שווײַג, נעכצע!

— מער קאָן איך ניט שווײַגן. אַזויפיל יאָרן געשוויגן... פונעם שווײַגן בין איך אויסגע־דאַרט און אײַנגעקוואַרט געוואָרן... איך האָב ניט מיט וועמען צו פאַרבײַטן סימכען, און באַ דיר איז פאַראַן א זון, אקיווע, דײַן שטול וועט ווידער שטיין אף אַלע פיס!

און יענע שטאַרק העלע פֿײַערלעך אין די שוואַרצאַפּלען ווערן איר מיטאַמאָל אויסגעלאָשן. נעכע בלײַבט ליגן מיט אַ פֿאַרמאַכט מויל, ווי אַלץ, וואָס זי האָט דאָ געהאַט צו זאָגן, איז שוין געזאָגט געוואָרן.

— וועלוול, רײַס קריִע!

— גוט, ביילע...

אין יענער נאַכט, ביים געוויטער, שוין נאָכן אָפּריכטן דעם גרויסן מאָלצײַט פֿאַר די געשטאָרבענע ווײַב־און־קינדער, האָט אויך ער, זכריה, אין שווערער און אין ווייטעקדיקער גסיסע, אויסדרייענדיק דאָס צעשלאָגענע פּאָנעם צו די פֿײַערדיקע בליצן, אויסגעהויכט מיט אַ געשריי די נשמה.

די ערד, אין יענעם פֿרי פֿון יאָר, ווערט מאַמעש פֿאַרכלינעט אין די וואַסערן. די נאַקעטע סעדער ווייען מיט ווײַנשל־צוויט, און די פֿייגל, באַם זון זעצן זיך, פֿאַרגייען זיך אין אַ הייס־אויפֿגעברויזטן געזאַנג.

די קלויסטערס, אין די דערפֿער, ווערן אַפֿילע אין די נעכט ניט אַנשוויגן — מ׳רופֿט און מ׳טרײַבט פּויערים אָף די „סכאָדן“. קאַזאַקישע נאַהײַקעס פֿאַלן מיט אַ פֿײַף אָף די רוקנס. מ׳שטעלט זיי, די פּויערים, מיט ווײַב־און־קינד אָף די קני אין וואַסער: זיי זאָלן אויסגעבן די, וואָס האָבן געצונדן די פּריצישע גיטער.

דעם אַלטן וואַסיל, וואָס אָף דעם הילצערנעם קלעצל, — אַ האַלבן פֿוס, ביים דעם רוסיש־טערקישן קריג, האָט ער איבערגעלאָזט אין בולגאַריע, — אים, וואַסילן מיטן געאָרגי־קרייץ אָף דעם צעריסענעם העמד, וואָס איז אַרומגעגאַנגען און זיך נאָכגעפֿרעגט בײַ יעדן דורכגייער: צי ווייסט ער ניט, צי האָט ער ערגעץ ניט געהערט, ווו געפֿינט זיך שוין יענץ פּאַפּיר, וואָס דאָס פֿאָטערל דער קייסער האָט אונטערגעכאַסמעט און אַרויסגעשיקט, אַז אַלע פּויערים, וועלכע האָבן ניט קיין ערד, זאָלן טייקעף אַראָפּטרײַבן די פּריצים פֿון די מאַיאָנטקעס... אים, דעם אַלטן וואַסילן, וואָס האָט באַנאַכט, בײַ דער ליכט פֿונעם פֿלאַקערדיקן פּריצישן הויף, צעגראָבן מיט די הענט דעם שניי אין פֿעלד און געגלעט די ערד: „דו ביסט מײַנע, מײַנע, מײַנע!“ — אים האָט מען געקאַטעוועט דעם ערשטן אָפֿן פּלאַץ פֿאַרן קלויסטער...

און דער אַרום פֿאַרכלינעט זיך מיט פֿרילינג און מיט וויי־געשריי. מע פֿאַרנעמט זיי, די פּויערים, פֿון די הײַזער, מע יאָגט זיך נאָך זיי איבער די וועלדער, מע טרײַבט זיי, געשמידטע אין קייטן, איבער די בלאָטיקע וועגן. ווײַבער און קינדער לויפֿן נאָך מיט פֿאַרבראָכענע הענט, וואַרפֿן זיך אונטער די פֿערד, און פֿון די פֿרילינגדיקע שקיִעס שמעקט מיט וואַרעם בלוט.

דעמלט, מיטן וואַלד, מיטן פֿריִיאָריקן און פֿרימאָרגנדיקן, טראָגן די באַיאַרס אין דער מיטע זכריהן — ברענגען אים צו קיווער־ייִסראָעל. און וואָס ווײַטער, ווערט די לעווײַע גרעסער. איבער די ערעוו־פּייסעכדיקע זוניק־ווינטיקע, מיט בלאָטע און וואַסער פֿאַרפֿלייצטע וועגן יאָגן אַלעמאָל אָן אָף וועגענער און רײַטנדיק, פֿון די אַרומיקע און ווײַטע דערפֿער, באַיאַרס — קאַצאָווים און האַרבאַרעס, אָקסנהענדלער און סטאָליאַרעס, מילנער און פֿליטנטרײַבער, מויכערטוווּעניקעס און וואַלדהעקער, פֿישער און שטריקלדרייער, ליוועראַנטן און פֿעלצנמאַכער, קאָוואַליעס און וואַלדהענדלער, שאַרניקעס און סמאָלעטרײַבער — די „געקאַטשעטע“ קאַשקעטן מיט די גלאַנציקע ביינערנע דאַשעקעס אָף אַ זײַט, אין די מיט צאָרן אָנגעגאָסענע הענט אײַזערנע שטעקנס, די בערד צעשויבערט, די פּענעמער צונטער־רויט און אין די צוגעזשמורעטע אויגן געדיכטער טרויער.

די מיטע וויגט זיך אין דער הייך, איבער די קעפּ... אין דעם נאַקעטן וואַלד שטייט אַ פֿייגל־געפֿילדער. דער ווילדער בעז, די פּיאָלעט־ראָזע גלעקלעך און די ווײַס־פּוכקע קנײַלכלעך אָף די ווערבעס מינען זיך אין הער בלענדנדיקער ליכט. די אָלכע־ביימער שפּיגלען זיך מיט זייערע רויט־ברוינע אוירינגלעך אין די וואַסערן. פֿון די אָנגעקוואָלענע בערעזעס און קליאָנען שלאָגט מיט שיקערנדיקע רייכעס, און פֿון די שיפּוייעדיקע בערגלעך יאָגט אַ גרינקײַט.

די מיטע וויגט זיך איבער די קעפּ. שווײַגנדיק קנעט מען, אָטעמענדיק הייס, מיט די שווערע שטיוול די בלאָטע, וואָס דערגייט ביז צו האַלבע כאָליעוועס. אַלעמאָל שטעלט אונטער אַן אַנדער באַיאַר דעם אַקסל, כאַפּט אונטער די מיטע, און מ׳טראָגט אים, זכריהן, ווײַטער.

אַזאַ לעווײַע, מ׳זאָל דעם באַרמינען ניט פֿירן מיט דער אַקס, נאָר טראָגן אין דער מיטע, דורך פֿעלד און וואַלד, דערצו נאָך אין אַזאַ פֿאַרפּייסעכדיקן דרויסן, אַזעלכס האָט אין דער מישפּאָכע געטראָפֿן נאָר איין מאָל: בײַם דער הונדערטדרײַצניאָריקער זיידע זאָרעכל איז ניפֿטער געוואָרן.

נאָר צו יענעמס לעווײַע איז מען געקומען קימאַט אויסגעפּוצטע, ווי אָף עפּעס אַ מין

יאָמטעוו, מיט גײַװע און גאַדלעס: הונדערט און דרײַצן יאָר! א צווייט מאָל בארמיצווע געוואָרן... און ביז דער לעצטער רעגע געווען בא אלע אייוורים און באם קלאָרן זינען. א שאָ פאַרן טויט, זיצנדיק באם טיש, אלעמען, אפילע די וויג־קינדער געבענטשט... דעם לעצטן פּורים, בא דער סודע, נאָכן גוטן טרונק בראַנפן, האָט דער זאַקן, ווי אלע יאָר, — אף דעם שוין כאַזאַקע גע־האַט, — דערציילט די באַארישע מעגילאַס־מיריאַם, און דערבײַ האָט ער פּאַסמאַקעוועט א גענדזן פּיפּיקל פונעם טאָפּ געבראָטנס:

— אין די טעג פון די גרויסע מעלאָכים, דעם מיילעך פון די פראַנצויזן און דעם מיילעך פון די רוסן, אז אָט די צוויי מושלים איבער פעלקער און מעדינעס, נאַפּעליאָן מיט אלעקסאַנ־דערן, האָבן געפּירט צווישן זיך מילכאָמע...

דער מישפּאָכע־זיידע זופּט אלעמאָל פונעם גרויסן בעכער מעד, און די רייד גייען אים פון דער שניי־ווײַסער באָרד ארויס שיקערלעך־וואַקלדיק, מיט א פײַף.

— אין יענע טעג, אין די קליינע שאָען פון דער נאַכט, האָבן דראַגונער פון שליאַך זיך אראָפּגעשלאָגן און בא דער קרעטשמע זיך אָפּגעשטעלט. און ווײַבאַלד די נאַכט מיט דער פינצ־טערניש איז זיי אף א פרעמדן וועג צוגעפאַלן, צעלייגט מען א שײַטער. מע קאָכט אפן פײַער א געקעכץ און מע וואַרעמט פון דער קעלט די גופים. די נעכט זײַנען נאָך טרוקענע, אָבער שוין ארומגעכאַפּט מיט קעלט... דער עלטסטער זייערער, א מאַן גאָר א יונגער, נאָך אפילע ניט אין די מיטעלע יאָרן, אָבער שוין מיט גרויסע אקסעלבאַנטן, א שטאַלטנער און א שיינער, א יויסעף־האַצאַדיק... ער איז אין קרעטשמע ארײַן אף צו בלײַבן שלאָפן און זיך אויסרוען. נעמט אים אוף ביניאָמין באַאיאַר, אַלעווהאַשאָלעם, מיט קאָוועד־גאַדל. ער האָט געקאָנט רעדן מיט א פאַרעץ. מ׳דעקט דעם טיש, מ׳שטעלט יאַש, מ׳דערלאַנגט צום פאַרבײַסן און צום עסן — מיט דער ברייטער האַנט, מיט שעפע... אינמיטן דער נאַכט אָבער האָבן זיך די דראַגונער פלוצ־לינג אופגעזעצט אף די פערד, דער אוירעך, דער גענעראַל, האָט זיך זייער שיין און לײַטיש געזעגנט, א וואָרף געטאָן אפן טיש א זעקעלע מיט קלינגענדיקע און איז אַוועקגעפאָרן. באַלד אָבער כאַפּט מען זיך, אז די שנור, מיריאַם, ערשט א האַלב יאָר אין שטוב, איז ניטאָ! זוכט מען, רופט מען... א קאָל אין מידבער! בינימין, שוין מיט א פולן קאָפּ קוואָרעס־בלעטלעך, שוין גראַוו געווען, ווי א טויב, דערצו נאָך דעמלט אף די קריזשעס געפאַלן, אָבער נאָך אלץ א ייִד מיט שטאַלענע ביינער, ניט פון די, וואָס ציטערן אפן ווינט... נעמט ער די פיר זין, כאַפּט זיך ארוף אף די פערד, און מ׳לאָזט זיך נאָכיאָגן...

דאָ מאַכט דער זאַקן א סאָף צום בעכער מעד און טוט שעלמיש א ווונק צו די יונגע באַיאַרס:

— היט די ווײַבער! ס׳איז א סוואָרע, אז ניט דער גענעראַל האָט זי ארויסגעגאַנוועט, נאָר זי האָט אים ארויסגעגאַנוועט... שפּעטער האָט מען זיך הערוווסט, אז פון אונדזער מעריִמען איז געוואָרן א קניאַגיניע[1]. דעם נאָמען האָט זי ניט פאַרביטן. פאַרבליבן קימאַט בא איר נאָמען. זי האָט דער מישפּאָכע געטאָן א סאַך גרויסע טויוועס. אז דער אַלטער גראַף באַגושעווסקי, יימאַך שמוי וועזיכרוי, האָט געוואָלט ארויסטרײַבן בינימינען פון דער קרעטשמע, איז די קניאַגיניע מאַריאַ, ביכווידאַ, אליין אהער אראָפּגעפאָרן אין א זילבערנער קאַרעטע... איז גיסט אָן די בעכער!

בא די אַלטע באַיאַרס פלאַמען די פּנעמער. זיי גייען ארויס באַווײַזן די יונגע, וויאַזוי מ׳דאַרף טאַנצן דעם באַארישן פריילעכס. קיינער פון די יונגע קאָן אָבער לאַנג ניט אויסהאַלטן אזא אימפּעט, אזא ווינקערדיקײַט, און שטייען צו. דעמלט גייט ארויס צום טאַנץ דאָס עלטסטע פּאַרפאָלק אין דער מישפּאָכע. די ראָד ווערט גרעסער. בא דער באָבעצי בראָכע שײַנט דאָס פּאָנעם — עפּעס א באַזונדער מין שיינקײַט שלאָגט ארויס פון איר טיפער עלטער. זי פאַר־לייגט דאָס זײַדענע טיכל הינטער די אויערן, די הענט אין די זײַטן, דעם רעכטן פוס ארויסגע־שטעלט... און ער, דער זאַקן, פאַרשטעקט די פּאָלעס אונטערן גאַרטל, פאַרוקט די קלאָר־ווײַסע באָרד הינטערן אופגעשטעלטן קאָלנער פון דער קאַפּאָטע, טוט א דריי דעם דאַשעק צום נאַקן, און פאַר אלעמען שטייט שוין הער אויסגעדינטער ניקאָלײַעווער סאָלדאַט, דער אמאָליקער קאַנטאָניסט.

דאָס אַלטע פּאָרפאָלק, פון אָנהייב שטיל, אײַנגעהאַלטן, צניִעס־בעניִמעסדיק, נאָר וואָס ווײַטער — אלץ שטאַרקער און הייסער... לאָזט מען זיי אָבער לאַנג אליין ניט טאַנצן, מ׳כאַפּט זיי אונטער, און טראָגנדיק זיי אף די הענט, גייט מען ערשט אוועק דעם גרויסן באַארישן פריילעכס...

---

[1] א פירשטן (רוסיש).

צו יענעמס לעוויַיע איז מען געקומען קימאַט אויסגעפּוצטע, מ׳האָט אים, דעם מישפּאָכע־זיידע, געטראָגן איבער די פּאַלעסיער וועלדער מיט גייווע און גאַדלעס: ביז דער לעצטער רעגע געווען דער באַל־יויעץ אין דער מישפּאָכע. אַלע סימכעס באַשייַנט, זיי אַלעמען צו דער כופּע געפירט און אָף אַלע בריסן געווען סאַנדעק.

אַצינד אָבער, באַגלייטנדיק אים, זכאַריען, אין לעצטן וועג, טראַגנדיק די שוואַרצע מיטע, ווו אונטערן שוואַרצן געוואַנט ליגט דער אומגעבראַכטער באַל־פּינקעס פון דער מישפּאָכע, אין די יאָמים־נוירואָים־טעג, באַגלייַך מיט יִיצכאָקן, אויך דער שאַליעך־ציבור געווען, אין די כאַנעקע־טעג דערציילט פאַר גרויס און קליין פון אַנטיִאָכיסעס גזיירעס, פון כאַנען מיט אירע זיבן קינדער, פון די כאַשמוינאָים... — אַצינד אָבער, באַ דער לעוויַיע פון דעם שטילן זכאַריען, וואָס האָט פאַרן טויט געפּראַוועט אַ סודע פאַר זייַנע געשטאָרבענע וויַיב־און־קינדער, ער, זכאַריע, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן קיין קאָל ניט אופגעהויבן, האָט מיט אַזאַ גרויס געשריי די נעשאָמע אויסגעהויכט... — שפּאַנען זיי איצט, די באָיאַרס, מיט די אייַזערנע שטעקנס אין די הענט, די אויגן צוגעזשמורעט, איבערן בלאָטיקן און מיט וואַסער פאַרגאָסענעם פאַרפּייסעכדיקן וואַלד־וועג, און די ביינער גייען זיי פון צאַרן אונטער די קאַרטענע רעקלעך.

און אַז אַנטקעגן יאָגט אָן אַ מייע קאָזאַקן, טרעט קיינער ניט אָפּ, די באָיאַרס פאַרצאַמען אויך וויַיטער דעם וועג. יענע, נאָך אַ לאַנגער וואַקלעניש, שפּאַלטן זיך פאַרט אָף צוויי שורעס און מאַכן פריַי דעם וועג פאַר דער לעוויַיע. איינער האָט אפילע די פּאַפּאַכע פון קאָפּ אַראָפּגע־שלעפּט און זיך דערשראָקן איבערגעציילעמט.

— די וועלט האָט דערעכערעץ נאָר פאַר קויעך! — יִיצכאָק באָיאַר טרעט איבער די וואַ־סערן, דעם רעכטן אַקסל אונטער דער מיטע אונטערגעשטעלט, דעם רוקן אויסגעגלייַכט, דעם אויער צו דער וויַיט אָנגעשטעלט, ווי געוואָלט אופכאַפּן, וואָס דאָרטן, אין וועג, קומט פאָר און געשעעט מיט דער באַנאַכטיקער פור, מיט די קינדער. — די וועלט האָט דערעכערעץ נאָר פאַר מעגוישעמדיקן קויעך... אין אַ צייַט, ווען האָמאָן שטעלט אוף טליִעס פאַר זייַן אייגן פּאַלק, טאָרן מיר, יידן, זיך ניט פאַרלאָזן אָף ניסים. ניטאָ וואָס צו וואַרטן, אַז עמעצער וועט קומען און וועט זיך פאַר אונדז אייַנשטעלן, אַז עמעצער וועט זיך אָנעמען אונדזער קריוודע... מיר קאָנען ניט מער און מיר טאָרן ניט מער אָף קיינעם זיך פאַרלאָזן! גענוג סליכעס! איר הערט? גענוג! לאָמיר אַראָפּטרייסלען פון זיך די טרויעריקייַט... אונדזערע יעלאָלעס דערגייען נאָר ביז צו די שאַריי־ראַכמים. מיט סליכעס וועלן מיר דאָס שטיינערנע האַרץ פון די האָמאָנס ניט ווייך מאַכן. די האָמאָנס לאַכן מיט אַ כויזעק־געלעכטער פון גאָט, פון גערעכטיקייַט און פון ראַכמאָנעס... דאָס זייַנען די מוילעכס, וואָס דאַרפן האָבן דאָס הייסע בלוט פון קינדער...

דעם פאַרוואַקסן־האָריקן אויער מיטן זייער שאַרפן געהער נאָך אַלץ אָנגעשטעלט צו דער וויַיט און צו אַלע וועגן, רעדט ער, יִיצכאָק באָיאַר, אָף אַ קאָל, שרייַט קימאַט. די פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע שוין פּיטש־נאַס, די לאַנגע שמאָלע שוואַרצע באָרד מיט די וויַיסע פּאַסמעס, — די איידעס פון די אויסגעשטאַנענע יאָרן, אָנגעפּילטע, ווי קוישן, ביז אַריבער די ברעגן מיט צאַר און צאָרעס, — שפּאַלט זיך אים אָפּן פרילינגדיק־זוניקן ווינט:

— אויב די וועלט האָט דערעכערעץ נאָר פאַר מעגוישעמדיקן קויעך, שלאָגט נאָך אין אונדז דער אָדער פון שימשן־האַגיבער, לעבט נאָך אין אונדז דער אָדער פון די כאַשמוינאָים, דאָס בלוט פון מאַטיסיאָהו־האַקויהען איז נאָך אין אונדז ניט פאַרקילט געוואָרן. ס׳וועט זיך נאָך אויך הייַנט געפינען צווישן אונדז אַ יעהוישוע־בין־נון, וואָס וועט קאָנען אופהייבן די האַנט און אָפּשטעלן די זון פון אונטערגאַנג...

די לעוויַיע ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער. שוין אָף גוטע דרייַ ווערסט איז דער וועג פאַרשטעלט און פאַרנומען מיט די באָיאַרס. קיין וויַיבער און קינדער האָט מען ניט געבראַכט. זי איינע, די מומע ליבע, איז דאָ.

צווישן די נאַקעט־דורכזיכטיקע און דורכלויכטנדיקע וועלדער, וואָס שטייען מיט די פיס אין וואַסער און מיט די פּעק אין צאַרט־גרינלעכן רויך, וויגט זי זיך, די שוואַרצע מיטע, אָף די אַקסל פון די באָיאַרס.

דער ארום קלינגט פון די פייגל־געזאַנגען. און זי, די זון, די גרויסע האַרעפּאַשניצע פון דער וועלט, גייט איבער דער ערד און פּאַיעט אַלץ און אַלעמען מיט אייביקער ליכט און מיט כיִעסדיקער וואַרעמקייַט.

כאַים מאַלטינסקי

עס לאַכן די בלומען

בא דער אַזערע נאַריטש

ניט אומזיסט האָט איַיך, טויבן,
דער אוראַלטער נויעך
געשיקט צו געפינען יאבאַשע.
קריכט, טויבן, אין וואסער, קריכט!
ס׳וועט איַיך גאָרנישט ניט שאטן,
נישקאַשע.

אוי, קאַמישע טויבן,
איר זייַט אין מיַין פעטער געראָטן,
אין מוישלען — מיַין אלטן אקטיובינסקער פעטער.
ווי איר, האָט ער מוירע צום וואסער א טראָט טאָן,
אפילע אין שטיל־שטילסטן וועטער.

איר שרעקט איַיך לעם ברעג
פונעם נאַריטש
די לאַפּקעס פאַרנעצן.
און פליט גלייַך אוועק.

אָט, זעט, ווי עס פלאַטערן מעוועס,
אַף שוימיקע כוואליעס זיך זעצן.
געוואגט אינעם ברויזיקן וואסער
די קעפעלעך טוקן און טוקן.
מיט כּיעס אין הארצן
אַף זיי טו איך קוקן.

אין קאַפּוליער וואלד

אין ווייַסן ווינטערדיקן וואלד קאַפּוליער
בין איך אַן אַנגעלייגטער גאַסט געווים.
דאָס זשוואווע בלויערל צו מיר זיך טוליעט,
קלייַבט אוף די ברעקלעך לעבן מייַנע פיס.

די יעלן שטרעקן מיר פאַרשנייטע לאַפּעס.
דער פּיקהאָלץ אַף דער סאָסנע קלאַפּט צום טאַקט.
כ׳דערמאָן זיך, ווי אַמאָל האָבן די כאַפּערס
ביניאָמינען מיט סענדערלען געפּאַקט,
געפירט אין באָד אריַין...

די ביימער־שטילקייַט,
די זויבערקייַט מאכט ליכטיק מיַין געמיט.
א ווינטעלע באַגעגנט מיך מיט מילדקייַט
און צווישן צווייַגן ווייַסע בליטן שיט.

עס קוויקט דאָס הארץ די שייַן
פון שניי־בורשטינען:
איך ווענד צום וואלד מיט דאנקבארקייַט מיַין בליק,
כ׳וועד מיד פון גיין, און מיט א לייַכטן זינען
איך קער זיך אום אין שטעטעלע צוריק.

פארהיט האָט עס דעם אלטן ליבן נאָמען
קאַפּוליע — ס׳קלינגט אין הארץ בא מיר דאָס וואָרט.
דאָ שוועבט זיַין גייַסט, זיַין ליכטיקער „קאָל־יאָמיַי",
זיַין קלוגן שמייכל כ׳זע, זיַין ווייַסע באָרד.

נאַכסאָל

א גאַנצן טאָג זיך דרייט בא מיר אין קאָפּ
פון ליבער היים א ווערטעלע — נאַכסאָל.
אין וואלד איך בלאָנקע אום און שטעל זיך אָפּ
און שרייַ פון הארצן אויסעס אַפן קאָל:
נאַכסאָל! נאַכסאָל!..

און פרעגט בעכיירעס, וואָס דערבייַ איך מיין.
זאָל דוכטן, כ׳בין א פויגל (פּרוווט פאַרשטיין),
וואָס כאַזערט אָן א סאָף און אָן א צאָל
בלויז טריבע קלאַנגען צוויי —
נאַכסאָל! נאַכסאָל!..

איינעם א פּאָעט

ווער א קאַפּל היימלעכער,
כיינעוודיקער, העלער!
ווארף אוועק אין קאַפּעקאַל
דעם אַלטן בריוונשטעלער.

פּילפּונקטן און פּילפּונקטן,
צי ניט די אַצאַמעס.
פּאַשעטע, געוויינלעכע
פונקטן שטעל און קאַמעס.

לאָז צורו די פראַגעצייכנס,
קלאַץ און ווידער קאַשע.
ס׳ווערט שוין בא דיר טאַרגעם־לאָשן
אונקעלעס און ראַשע.

ווידער „גענדז" און קלאַמערן,
„סנאָסקעס" און פּיירושים.
זיי ווי קאַטיע מאַלאַדיצע,
וועל איך דיך צעקושן.

ווער א קאַפּל היימלעכער,
כיינעוודיקער, העלער!
ווארף אוועק אין קאַפּעקאַל
דעם אַלטן בריוונשטעלער.

• • •

באהאלט דיין אָנשטעל און דיין גייווע,
פארשיט זיי גוט מיט נאַפטאַלין,
זיי האָבן שוין אַצינדער סייווי
קיין האַפט, מאַמאָשעס און קיין זין.

ס׳איז פונקט וואָלסט אָנטאָן א צילינדער
מיט א מאָנאָקל און א פראַק,
צי ווי דאָס אַלטע פערד דאָס בלינדע
געגאַן וואָלט טאַנצן א האָפּאַק.

קענסט ניט א קאַץ דעם עק פארבינדן
און מיטן צונג שוין פלאָנטערסט שווער.
נאָר בלאָזט פון זיך, פונקט ווי אן אינדיק,
פונקט זיין וואָלסט שיידים וויסן ווער.

א ביסל דיכטערישע זעלבסטקריטיק

די פּוסטע שוואָכים הער איך שוין
אַצינדער, ווי דעם קאָטער.
איך בלעטער מיינס א סייפערל
די גרייס פון א טאַל־אומאָטער.

וואָס קירצער איז, אַלץ בעסער גראָד,
ניט דאָס איז דער כיסאָרן:
מיין וועג געמאָלט כ׳האָב שפּיגל־גלאַט,
ווי לאָשעקלעך — די יאָרן.

פאַר בושע ברענט מיין פּאָנעם איצט —
קיין שטיינדל ניט, קיין דאָרן...
געקייקלט האָט מיין דראָשקע זיך
אַף גלאַנציקע רעסאָרן.

און אַלץ איז ראָז — דער וואַלד, דאָס גראָז,
א שפּילכל יעדער מייל איז.
געוואַקסן איז טאָג־איין,
טאָג־אויס
מיין קעלבערנע היספּיילעס.

אַצינדער, אַז איך קוק זיך איין,
פארשעם איך מיך דעריבער —
געוועזן אַף מיין שליאַך דורכויס
קאָלדאָבינעס און גריבער.

• • •

ס׳איז אַלץ בא דיר
ווי ס׳דארף צו זיין:
דער שניי איז ווייס
און רויט דער וויין;
און רייך דער קלאַנג
און דער פארגלייך;
צום אָרט דער גראַם,
און ס׳האַלט דער
כעזשבן
פון די טראַפן.
בלויז ס׳פעלט פון יאַם
א טראָפּן...
זאַלץ,
און אויסער דעם
איז בא דיר
אַלץ...

לאָז צורו

לאָז צורו
מיט דײַנע סוידעס, נײַסן,
כ׳וועל מיט זיי
דעם שטשאַוועל ניט פאַרווײַסן.

שוין באַקאַנט,
פון וועלכע טיר און טויער
ס׳קומט אהער
דײַן שושקען זיך אין אויער.

ס׳איז פאַר מיר אינגאַנצן ניט
קיין כילעק —
אַלע דײַנע גוזמעס
זײַנען ביליק.

די נעוויִעס דײַנע
און רעמאָזים —
אויסגעזויגט פון פינגער,
אויסגעבלאָזן.

ס׳איז א מאָשל
פון א טאַרבע פלעקער.
דריי קיין היטל,
קעזעוו אַלץ און שעקער,

פאַק־פאַפּיר
אין זייף־ און הערינג־קראָמען.
ניט מיט פליאַטקעס
מאַכט מען זיך א נאָמען.

מיט דרײַען
ביסט קיינעם איצט ניט נוצלעך.
פראָסט און פּאַשעט —
דו ביסט א לוי־יוצלעך.

טשעפּע מיך ניט
מיט די סוידעס, נײַסן.
כ׳וועל מיט זיי דעם שטשאַוועל
ניט פאַרווײַסן.

האָב אין זינען אויך די מיל

כ׳מיין, דאָס מאַמאָשעס איז די העלע צווישן־
צײַט
פון גינענדיקן זינגען דער קוקאַוועס
ביז אירע הילכיק־זיסע אָונט־קלאַנגען.
איר קלוגער שווײַגן דאַן פאַר מיר באַטײַט:
ניט פוסט־און־פאַסעווע,
ניט האַווע,
נאָר מי זיך אין דער שטיל
און גיס זיך אָן מיט זאַפט,
ווי טווע־זאַנגען,
און האָב אין זינען אויך די מיל...
ווײַל יעדער רעגע
מוזט דאָך פּאַרט געדענקען —
א קורצן זומער טוט די ערד אונדז שענקען.

• • •

אין מאַכשאָוועס מײַנע,
ווי אין גענדז א טשאַטע,
האָט א בייזער שקאָץ
א וואָרף געטאָן א שטעקן —
אין זײַן טאַטנס טאַטן.
זיך צעפלויגן זײַנען זיי
אין אַלע עקן.

האָב איך איצטער יענע ארבעט
אומצולויפן
איבער גערטנער,
איבער הויפן —
קריק צונויפטרײַבן אין זינען
מײַן מאַכשאָוועס־טשאַטע.

• • •

דאָס צווײַגל וויגט זיך,
ציטערט לאַנג.
פאַרשטיי איך שוין,
מיט ווײַפּל דראַנג
און גרויסן
קויִ׳ד
עס קומט דעם פויגל אויס
זיך אָפּצושטויסן,
אופליִענדיק אין דער הויך.

אַנהייב מאַרט

כ׳בין אָנהייב מאַרט
אין וואַלד אַרײַנגעקומען.
עס וואַרעמט ליב די זון מײַן פּאַנעם.
די פליגלען ברייט צענומען,
שוועבט, ווי א פּאַווע, א וואַראָנע.
ס׳איז שוין אין לעכעלעך דער שניי,
און טונקעלער ווערן זײַנע דימענטן,
בריליאַנטן.
דעם ווינטערס ענדיקט זיך מעמשאָלע.
א יונגער פרישער ווינט פון דאַרעם-קאַנטן
צעוויגט האָט די בעריאָזעס. פריי זיך, פריי,
מײַן האַרץ. כאַפּסט אָנעט נאָך א פרילינג
בא דער פּאָלע.

דעם געווויסן שעצער

כ׳האָב דורכגעמאַכט א היפּשן לעבנסוועג;
נאָר ווו אהינגעקומען איז דער רויטער פּאָדעם,
וואָס דורכגיין ער באַדאַרף פון ברעג ביז ברעג
דאָס לעבן פון איעטווידן בען-אָדעם?

און אויב קיין פּאָדעם ניט, איז כאָטש א שנור,
וואָס אונטערשטרײַכן אַלע זאָל עטאַפּן.
איך בלאָנקע אום און זוך דעם מינדסטן שפּור
פון רויטן שנור צי פּאָדעם אָנצוכאַפּן.

און דאַן דעם שעצער גיב איך אָפּ אין האַנט.
ער קוקט דערפרייט
און שרײַבט אָן קיין שום פּכאַדים:
„דורך אַלע זײַנע ווערק גייט איין געדאַנק
אַדורך, פונקט ווי א רויטער פּאָדעם“...

סאָוועטישע שרײַבער — העלדן פון סאָציאַליסטישער מי

זיבן אָנגעזעענסטע סאָוועטישע שרײַבער — מיכאַיל שאָלאָכאָוו, קאָנסטאַנטין פעדין, אַלעקסאַנדער קאָרנייטשוק, לעאָניד לעאָנאָוו, מירזאָ טורסון-זאַדע, פּאַוולאָ טיטשינא און אַנדריי אָופּיט — האָט דער פּרעזידיום פונעם אויבער-סאָוועט פון פּססר באַלוינט מיטן טיטל העלד פון סאָציאַליסטישער מי.

ניט לאַנג צוריק זײַנען מיט דעם דאָזיקן הויכן טיטל באַלוינט געוואָרן דער 93-יאָריקער סקולפּטאָר סערגיי קאָניאָנקאָוו, דער וועטעראַן פון דער סאָוועטישער מאָלער-קונסט מאַרטיראָס סאַריאַן, דער קאָמפּאָזיטאָר דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש און דער שרײַבער ניקאָלײַ טיכאָנאָוו.

דאָס צוויגענען זיבן-שרײַבער דעם טיטל העלד פון סאָציאַליסטישער מי איז א גרויסער יאָמטעוו פון דער סאָוועטישער קולטור.

שטעלנדיק פאַר זיך אַ ציל צו באַקאַנען דעם ייִדישן לייענער מיט דער שאַפונג פונעם גרויסן העברעיִשן שרײַבער, לאַורעאַט פון דער נאָבעל־פּרעמיע שמואל־יוסף אַגנאָן, האָבן מיר באַשטימט אין דער ערשטער רײ צונויפזאַמלען און פאַרעפנטלעכן אַ ציקל דערציילונגען זײַנע, וועלכע זײַנען צעשפּרייט איבער פאַרשיידענע פּעריאָדישע אויסגאַבעס.

„סאָוועטיש היימלאַנד“ וועט אויך אָף ווײַטער דרוקן איבערזעצונגען פון ש. אַגנאָנס ווערק.

שמואל־יוסף אַגנאָן

דעם אָקס׳ טאַטע

א

אין ירושלאַיִם איז דאָ אַן אָרט, וואָס הייסט „דעם אָקס׳ טאַטע“, און הייסן הייסט עס אַזוי צוליב אַ מײַסע, וואָס איז זיך פאַרלאָפן. אויב איר ווילט, וועל איך אײַך דערציילן.

אין ירושלאַיִם האָט געלעבט אַן אַלטער מאַן. ער איז געווען רײַך אין יאָרן און נאַיִוו ווי אַ קינד. דער דאָזיקער זאָקן האָט ניט געהאַט ניט קיין ווײַב און ניט קיין קינדער, נאָר אַ קליין הײַזל, אַ פעלד און אַן אָקס. באַ אַן אָקס איז דער קויעך שטאַרק און דאָס האַרץ ווייך. האָט דער אָקס ראַכמאָנעס געהאַט אָף זײַן אייגנטימער און אים באַדינט ווי אַ קנעכט זײַן האַר. ער האָט אים געאַקערט זײַן פעלד, געשלעפּט אים וואַסער פון קוואַל, און ווען מע האָט באַדאַרפט, פלעגט אים דער אַלטער אופהענגען אַ טאָרבע אָפן האַלדז און זאָגן: „גיי אין מאַרק אַרײַן און ברענג עסן פאַר מיר“. דעם אַלטן האָט מיטן אָקס גאָרנישט געפעלט, האַלעווײַ זאָל אונדז אַזוי גאָרנישט פעלן ניט אָף דער־וועלט און ניט אָף יענער־וועלט. די שכיינים האָבן דעם זאָקן גערופן „דעם אָקס׳ טאַטע“.

איינמאָל איז דער סוינע באַפאַלן די שטאָט. סאָנים ברענגען קיינמאָל ניט קיין גוטס. זיי קומען בלויז ראַבעווען, רויבן און מאָרדן. האָבן זיי געראַבעוועט, גערויבט און געמאָרדעט. ווער עס איז ניט דערהאַרגעט געוואָרן, איז אַנטלאָפן, און ווער עס האָט ניט באַוויזן צו אַנטלויפן, האָט זיך אויסבאַהאַלטן. אויך אונדזער אַלטער האָט זיך באַהאַלטן אין אַ הייל.

איז געקומען דער אָקס, זיך אוועקגעשטעלט באַם אַרײַנגאַנג צו דער הייל און געקלאַפּט מיט זײַן צונג. האָט דעם אָקס׳ טאַטע אויסגעשטרעקט זײַן האַנט פון דער הייל, געגלעט דעם אָקס׳ הערנער און צו אים אַזוי געשעפּטשעט: „שווײַג, מײַן זון, שווײַג, וואָרעם די סאָנים וועלן נאָך דערהערן, וועלן זיי קומען און אונדז דערהאַרגענען“. האָט דער אָקס געברומט און זיך ניט גערירט פון אָרט. האָט אים דעם אָקס׳ טאַטע געפרעגט: „ווילסט עפּעס זאָגן?“ האָט דער אָקס ווידער געברומט. דער ברומט, און דער קרעכצט אונטער — און איינער פאַרשטייט ניט דעם צווייטן. ווי מע זאָגט אין ירושלאַיִם: אַן אָקס האָט אַ לאַנגע צונג און קאָן אַ וואָרט ניט אַרויסברענגען. האָט דעם אָקס׳ טאַטע ווידער געשעפּטשעט: „וואָס פאַרלאַנגסטו, מײַן זון?“ האָט זיך דער אָקס אויסגעצויגן פאַר אים און באַוויזן מיט דער צונג דאָס, וואָס זײַן מויל קען ניט זאָגן.

האָט דעם אָקס׳ טאַטע צונויפגעזאַמלט אַלע זײַנע געדאַנקען און גענומען טראַכטן און קלערן. איין געדאַנק שלעפּט נאָך זיך אַ צווייטן, ביז עס טרעפט — אַמאָל ווילנדיק און אַמאָל ניט ווילנדיק — מע דערטראַכט זיך דעם עמעס. אַזוי האָט אויך דעם אָקס׳ טאַטע סאָפּקאָלסאָף פאַרשטאַנען, וואָס דער אָקס מיינט, און ער האָט אים געזאָגט: „עפּשער האָסטו, מײַן זון, געפונען אַ בעסער אָרט, ווי די דאָזיקע הייל, און דו ווילסט, איך זאָל זיך דאָרט באַהאַלטן?" האָט דער אָקס אַ שאָקל געטאָן מיט די הערנער און אַראָפּגענידערט זײַן קאָפּ. האָט שוין דעם אָקס׳ טאַטע פאַרשטאַנען, אַז דאָס נידערט ער אַזוי פאַר אים זײַן קאָפּ, קעדיי ער זאָל זיך זעצן אויף אים רײַטנדיק, וועט ער אים ברענגען אין אַ זיכער אָרט, וווּ מע קאָן זיך אויסבאַהאַלטן פון סוינעס שווערד.

האָט דער אַלטער צונויפגעקליבן זײַנע ביינער אין זײַן אויסגעמאָגערטן לײַב, איז אַרויס פון דער הייל און זיך געזעצט אויפן אָקס׳ רוקן. רײַטנדיק אַזוי, האָט אים דער אָקס אַוועקגעטראָגן אויפן שלאַכטפעלד. דער אַלטער האָט דערזען די קריגסלײַט, איז אים אַנטלאָפן דאָס האַרץ. האָט דער אָקס אויף אים פרײַנטלעך אַ קוק געטאָן און גענומען קלאַפּן מיט דער צונג. אויב מע זאָל דאָס איבערזעצן אויפן מענטשלעכן לאָשן, וועט עס הייסן: איך שווער בײַ מײַן לעבן, מײַן האַר, אַז איך בין אויסן נאָר דײַן טויווע. און באַלד האָט דער אָקס גענומען שטויסן מיט זײַנע הערנער. ער האָט אַזוי לאַנג געשטויסן, ביז ער האָט דערהאַרגעט עטלעכע פײַנט, און די, וואָס ער האָט ניט דערהאַרגעט, האָט ער פאַרוווּנדעט, און די, וואָס ער האָט ניט פאַרוווּנדעט, די זײַנען אַנטלאָפן, און די, וואָס זײַנען אַנטלאָפן, זײַנען שוין מער ניט צוריקגעקומען.

אַז דער אַלטער האָט דערזען, וואָס זײַן אָקס האָט געמאַכט מיטן סוינע, האָט ער אויפגעלעבט, אָנגעשטרענגט זײַן האַלדז און גענומען רופן: „ברידער מײַנע, שטאָט־לײַט מײַנע, קריכט אַרויס פון אײַערע באַהעלטענישן און זעט די ישועה. זעט, וואָס גאָט האָט געמאַכט מיטן סוינע". האָבן אַלע, וואָס זײַנען נאָך באַם לעבן פאַרבליבן, אים דערהערט און זײַנען אַרויסגעקראָכן פון די גריבער, פון די לעכער, פון אונטער דער ערד — פון אַלע באַהעלטענישן.

האָבן אַלע דערזען די ישועה, וואָס דעם אָקס׳ טאַטע מיט זײַן אָקס האָבן געבראַכט, האָבן זיי זיך זייער שטאַרק דערפרייט. הלוואַי זאָלן מיר זיך שוין אויך אינגיכן פרייען, ווען דער

אייבערשטער וועט איבערגעבן אונדזערע סאָנים אין אונדזערע הענט. מע האָט געבראַכט בינטלעך מירטן־בלעטער, באַצירט מיט זיי דעם אָקס, געפּוצט פאַר אים אף פּײַקלעך, געזונגען און געטאַנצט פאַר אים, ביז מע האָט אים מיטן אַלטן געבראַכט אף אַן אָרט, אפן זעלבן אָרט, וואָס עקזיסטירט נאָך אַדהײַנט און טראָגט נאָך ביז הײַנט דעם זעלבן נאָמען.

ב

דעם אָקס' טאַטע האָט געהאַט אַ שאָכן. אַזעלכע שכיינים זאָלן גלײַכער ניט געבוירן ווערן. איינמאָל האָט ער זיך גענומען נאָך אַ ווײַב צו זײַנע ווײַבער. האָט ער פאַרבעטן אַלע זײַנע פרײַנט און געפּראַוועט פאַר זיי אַ מאָלצײַט. ער האָט פאַר זיי געקוילעט אַ שעפּס און אויסגעבראָטן דאָס פלייש. ווען עס זײַנען דאָ פיל עסער, פאַרשווינדט שנעל דאָס פלייש. איינער נעמט אַ שטיק פלייש און עסט מיטן פולן מויל, דאָסגלײַכן טוט אויך דער צווייטער, און צווישן זייערע הענט און זייערע מײַלער ווערט דאָס פלייש נעלעם. איז ער געגאַנגען און געשאָכטן פאַר זיי נאָך אַ שעפּס און נאָך אַ שעפּס. זײַנען זיי אַזוי געזעסן און געגעסן גאַנצע זיבן טעג. אַ שעפּס איז געגאַנגען נאָך אַ שעפּס, אַ שעפּס נאָך אַ שעפּס. דאָס, וואָס ס'איז געשען מיט די שעפּסן, איז אויך געשען מיט אַנדערע באַלעכאַיִם. זיי האָבן זייער לאַנג געפּראַוועט די סודע, אָבער מיר וועלן דאָס מאַכן בעקיצער. ער האָט געקוילעט און געקוילעט. ער האָט שוין אויסגעקוילעט אַ גאַנצע סטאַדע שעפּסן, ער האָט אויך ניט אָפּגעווענדט דאָס מעסער פון אַנדערע בעהיימעס, וואָס טויגן צום עסן. ער האָט ניט געלאָזט לעבעדיק קיין איין שעפּס און קיין איין ציג, און זייערע בײַכער זײַנען נאָך אַלץ ניט געווען פול.

אַז דער באַלעבאָס פונעם מאָלצײַט האָט געזען, אַז זיי וואַרטן אף נאָך פלייש, האָט ער זיך געטראַכט: כ'וועל גיין אין שטאַל אַרײַן, עפּשער וועל איך דאָרט נאָך געפינען אַ לעבעדיק געפעש, וועל איך עס קוילען. אפן וועג האָט ער באַגעגנט דעם אָקס. האָט ער אים גענומען פאַר די הערנער. דער אָקס האָט אין זײַן פּראָסטקײַט געמיינט: דער שאָכן וויל מיך אַוודע לויבן פאַר זײַנע געסט דערפאַר, וואָס איך האָב אים און די גאַנצע שטאָט געראַטעוועט פון טויט. איך וועל ניט זײַן צו באַשיידן און כ'וועל גיין מיט אים. דער שאָכן, ווידער, האָט געטראַכט: אַזאַ פליישיק באַשעפעניש וועט שוין זיכער פאַרשטאָפּן די העלדזער פון די פרעסער, וואָס זײַנען מיך באַפאַלן. בעקיצער, דער ציט, און דער שלעפּט זיך נאָך. דער אָקס טראַכט זיך: סאַראַ פײַנע באַשעפענישן מענטשן זײַנען. אַ מענטש האָט אַ סימכע אין זײַן הויז, פאַרגעסט ער ניט אין זײַן פרײַנט און ברענגט אים אף דער סימכע. ער האָט ניט געוווּסט, אַז ער ווערט געפירט ווי אַן אָקס צו דער שכיטע, און יענער שאָכן האָט ביכלאַל גאָרנישט געטראַכט, נאָר זײַן האַרץ האָט געצאַפּלט פון פרייד און זײַנע הענט האָבן אים געביסן. וואָס וועלן מיר דאָ לאַנג ברײַען? זיי זײַנען ניט דערגאַנגען צום הויז פונעם מאָלצײַט, און דער מענטש האָט געטאָן דאָס, וואָס ער האָט געהאַט צו טאָן.

צומאָרגנס איז דעם אָקס' טאַטע אופגעשטאַנען. ער האָט גענומען זײַן טאָרבע און זי געוואָלט אופהענגען אפן אָקס' האַלדז, ווי ער פלעגט עס טאָן יעדן טאָג, ווען ער פלעגט אים שיקן אפן מאַרק נאָך שפּײַז, וואָרעם ער איז ניט געווען פאַרבעטן אפן מאָלצײַט און איז געווען הונגעריק. האָט ער געזוכט זײַן אָקס און אים ניט געפונען. האָט ער גערופן: „אָקס מײַנער, אָקס מײַנער!" און קיינער האָט ניט געענטפערט. האָט ער געפרוווּט ברומען ווי אַ קו, און מע האָט אַלץ ניט געענטפערט. האָט ער זיך געווענדט איין מאָל אַהער, און זיבן מאָל אַהין, איין מאָל אַהין, און זיבן מאָל אַהער. גלײַך ווי דער אָקס לעקט אויס דאָס גראָז אין פעלד, אַזוי האָט דאָס פעלד אויסגעלעקט די שפּורן פון דעם אָקס. איז ער געגאַנגען און גערופן: „האָט איר ניט געזען מײַן אָקס?" און קיינער האָט ניט געוווּסט, וואָס אים צו ענטפערן. האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים, זיך אַוועקגעלייגט אף אַ זאַק, און זײַן האַרץ איז צעפּײַניקט געוואָרן פון צאַר. אַלע ווײַלע איז ער געלאָפן זוכן זײַן פאַרלוסט, אָבער וואָס דער בויך שלינגט אײַן, קאָן מען שוין צווישן לעבעדיקע ניט געפינען.

אין עטלעכע טעג אַרום איז דעם אָקס' טאַטע ווידער געגאַנגען זוכן זײַן אַווידע. גייענדיק אַזוי, איז ער צוגעקומען צום מיסטקאַסטן. האָט ער דערזען: צוויי הערנער סטאַרטשען פון מיסט. האָט ער דערקענט, אַז דאָס זײַנען זײַן אָקס' הערנער. איז ער אַרופגעקראָכן אפן מיסט־בערגל און גענומען ציִען די הערנער, ביז ער האָט זיי אַרויסגעשלעפּט פון מיסט. האָט ער זיי באַטראַכט און גענומען וויינען און קלאָגן: „אָקס מײַנער, אָקס מײַנער, פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזט, די הערנערלעך דײַנע אף וועמען האָסטו געלאָזט? די הערנערלעך דײַנע, וואָס האָבן דעם סוינע

געשטאָכן, דעם בלוטיקן פּינט, וואָס איז אַף אונדזער ערד פאַרקראָכן! וואַך אוף, איך בעט דיך, גיב אַ ריר מיט די הערנער, אַן דיר וועט מײַן פעלד פאַרוואַקסן ווערן מיט דערנער!״ אַזוי האָט דער זאָקן געוויינט און געליאַרעמט, עפּשער וועט דער וואָס אין הימל זיך אַף אים מעראַכעם זײַן, דער אָקס וועט קומען און ער וועט צוריקשטעלן די הערנער אַף זײַן קאָפּ.

דערווײַל איז דער טאָג פאַרגאַנגען, און די וועלט איז פינצטער געוואָרן. האָט דעם אָקס׳ טאַטע געקוקט אין דער פינצטער אַף די אָפּגעהאַקטע הערנער, און גייענדיק, האָט ער געטראַכט: פאַרוואָס האָבן די הערנער זיך אָפּגעטיילט פון זייער באַלעבאָס? ער האָט ניט געוווּסט, אַז דאָס האָט דער אָקס זיך אָפּגעטיילט פון אים און ניט איבערגעלאָזט נאָך זיך גאָרנישט, אויסער די הערנער. ענדלעך איז דעם אָקס׳ טאַטע אַוועק אַהיים און זיך געלייגט אַף זײַן געלעגער, די אויגן האָבן זיך אים גענומען קלעפּן, און ער איז אײַנגעשלאָפן. פלוצלינג האָט ער זיך אופגעכאַפּט און דערהערט אַ געיאָמער. אַזוי איין נאַכט, און צוויי נעכט, און דרײַ נעכט, ביז זיבן נעכט.

ג

דעם אָקס׳ טאַטע האָט געהאַט אַ כאַווער, אַ ייִד. איז דעם אָקס׳ טאַטע צו אים אַוועק און אים דערציילט, אַז יעדע נאַכט, שוין זיבן נעכט, הערט ער אַ געיאָמער. האָט אים דער ייִד געזאָגט: „מיך וווּנדערט עס אַנדערש ווי דיך. דו וווּנדערסט זיך איבער דעם געיאָמער, און איך וווּנדער זיך, וואָס דו זאָגסט, אַז זיבן טעג קעסיידער הערט ניט אוף דער געיאָמער. איצט גייען די סליכעס־טעג און מע בלאָזט שויפער. אָבער זיבן טעג קאָן דאָך ניט זײַן אָן שאַבעס, און שאַבעס בלאָזט מען דאָך ניט״. האָט דעם אָקס׳ טאַטע געפרעגט באַם ייִד: „וואָס זשע ראַטסטו מיר?״ האָט ער אים געענטפערט: „וואָס קאָן איך וויסן? אָבער דאָ איז פאַראַן איינער אַ קלוגער מאַן, דוקסוסטוס דער סויפער הייסט ער. מע רופט אים אַזוי צוליב זײַן טועכץ, וואָרעם ער שרײַבט רעפוע־קאַמייעס. לאָמיר צו אים גיין, עפּשער וועט ער דיר אַרויסהעלפן אין דײַן נויט״. האָט דעם אָקס׳ טאַטע גענומען זײַן אָקס׳ הערנער און אַוועק מיט זײַן ייִדישן כאַווער צו דוקסוסטוס דעם סויפער.

האָט דוקסוסטוס גענומען איין האָרן צו זײַן מויל, האָט זיך דערהערט אַ געיאָמער. האָט ער גענומען דעם צווייטן האָרן, האָט זיך ווידער דערהערט אַ געיאָמער. האָט ער געפרעגט דעם אָקס׳ טאַטן: „האָסט געהערט יאָמערן?״ האָט ער אים געענטפערט: „איך האָב געהערט״. האָט ער אים געזאָגט: „דאָס טוט אַ געשאָכטענער צו דיר יאָמערנדיק רעדן״. זײַנען באַם אָקס׳ טאַטן אַראָפּגעפאַלן די בעלמעס פון די אויגן, און ער האָט געזאָגט: „מײַנער אַ שאָכן האָט זיך גענומען אַ נײַ ווײַב צו זײַנע ווײַבער און פאַרבעטן אַ סאַך געסט. עפּשער האָט ער דאָס געקוילעט מײַן אָקס און מעכאַבעד געווען די געסט מיט זײַן פלייש, ווי מיינסטו, קלוגער דוקסוסטוס? זאָג מיר״. האָט דוקסוסטוס אַ שאָקל געטאָן מיט זײַן שפּיץ באָרד און אים געזאָגט: „איך מיין אַזוי ווי דו, אָקס׳ טאַטע. האַלעווײַ זאָל איך און אַלע ייִדן שוין אַזוי זוכע זײַן צו געניסן פונעם פלייש פון דעם שאָר־האַבאָר אַף דער גרויסער סודע, וואָס דער ריבוינעשעלוילעם וועט גרייטן פאַר זײַנע גאָטספאָרכטיקע לײַט, ווי יענע אומווירדיקע האָבן גענאָסן פון דעם פלייש פון דײַן אָקס״. האָט דעם אָקס׳ טאַטע זיך גענומען קלאַפּן מיט דעם קאָפּ אין דער וואַנט, שלאָגן מיט די פויסטן איבערן פּאָנעם און שרײַען: „ווײ, ווײ! יענער מענוואָל, יענער אויסוואָרף, יענער אומווירדיקער שעד האָט געקוילעט מײַן אָקס און מיט זײַן פלייש אָנגעקאָרמעט די פאַרשאָלטענע. איך שווער באַ מײַן אָקס, אַז איך וועל פון דער וועלט ניט אַוועקגיין, איידער איך וועל זיך ניט נויקעם זײַן אין יענעם געמיינעם נעפעש״.

אָבער דעם אָקס׳ טאַטע האָט נאָך ניט געוווּסט, וויאַזוי ער וועט פון יענעם נעקאָמע נעמען, וואָרעם יענער איז אַ טאַקיף, אַ ראָשע און אַ גיבער, און ער איז אַלט און שוואַך. דערווײַל איז פאַרבײַ אַ טאָג, און צוויי, און נאָך זיי — דרײַ טעג, און פיר טעג, ליגט עס אים ווי אַ יאָך אַף דער פּלייצע, און ווי זיך צו העלפן, האָט ער ניט קיין אייצע.

אין אַ צײַט אַרום איז דעם אָקס׳ טאַטע אַרויס אין דרויסן און איז געשטאַנען לעבן זײַן הויז. איז פאַרבײַגעגאַנגען אַן אַנדער שאָכן און האָט באַמערקט, אַז זײַן געזיכט איז אײַנגעפאַלן, זײַן געמיט איז געבראָכן און די קני ציטערן באַ אים און אינגאַנצן זעט ער אויס ווי אַן אָוול אין די שיווע־טעג. זאָגט ער אים: „ביסט עפּעס טרויעריק, האָט מיט דיר כאָלילע עפּעס בייזס פּאַסירט?״ ענטפערט ער: „מײַן אָקס איז פאַרשוווּנדן״. זאָגט ער אים: „דײַן אָקס איז פאַרשוווּנדן, און דו זוכסט אים גאָרניט?״ זאָגט ער: „איך האָב אים אומעטום געזוכט און ניט געפונען״. — „ניט געפונען, זאָגסטו? וואָס הייסט, ניט געפונען?״ זאָגט ער אים: „וויאַזוי קאָן איך אים געפינען, אַז ער איז טויט?״ זאָגט דער: „טויט? וויאַזוי איז ער געשטאָרבן?״ ענטפערט ער: „וויאַזוי? אַ הונט

האָט אים פּאַרצוקט״. און דעם אָקס׳ טאַטע האָט ווידער גענומען וויינען און קלאָגן: „אָקס דו מײַן, מײַן ליכט און מײַן שײַן! מײַן איינציקע פרייד האָט זיך פון מיר אָפּגעשיידט! מיט וואָס איז אַזוי גרויס מײַן זינד, אַז דיך האָט פּאַרצוקט אַ הונט? און מיך האָסטו געלאָזט אַליין, עלנט ווי אַ שטיין״.

האָט זיך דער שאָכן געטראַכט זײַנע מאַכשאָוועס און זיך צעשיידט מיטן אַלטן. האָט ער באַגעגנט יענעם, וואָס האָט געקוילעט דעם אָקס. זאָגט ער אים: „מיר שײַנט, אַז דעם אָקס׳ טאַטע איז פון זינען אַראָפּ״. — „פאַרוואָס?״ — „וואָרעם ער זאָגט, אַז אַ הונט האָט פּאַרצוקט זײַן אָקס. האָסטו אַמאָל געהערט, אַז אַ הונט זאָל פּאַרצוקן אַן אָקס?״ האָט דעם אָקס׳ קוילער דאָס דערהערט און געטראַכט: דעם אָקס׳ טאַטע זאָגט, אַז אַ הונט האָט פּאַרצוקט זײַן אָקס, מיסטאָמע שטויסט ער זיך אָן, ווער עס האָט זײַן אָקס געקוילעט. איז אים פאַר שרעק דאָס האַרץ אַרײַן אין די פּיאַטעס, האָט ער געטראַכט אַהין, געטראַכט אַהער: וואָס טוט מען מיט דעם אַלטן און ווי בעט מען אים איבער? האָט ער זיך מעיאַשעוו געווען און אַליין אַוועק צו אים.

ד

איז ער אַזוי געזעסן באַם אָקס׳ טאַטן און געשמועסט מיט אים, ווי איין שאָכן שמועסט מיטן אַנדערן, וועגן אייגעם, וואָס זײַן אייגענע מאַמע האָט אים דערהאַרגעט, ווײַל ער איז געווען אַזעלכער און אַזעלכער, וועגן איינער, וואָס שיידים האָבן געזויגן פון איר ברוסט, ווײַל זי איז געווען אַזעלכע און אַזעלכע, וועגן ליידיקע טעפּ, וואָס זידן, וועגן דעם זשאַנדאַרמס היטל, וואָס איז באַשאָטן געוואָרן מיט קרעץ, וועגן דעם מופּטיס וואָליקעס, וואָס מע האָט צוזאַמען מיט זייער באַלעבאָס אַרײַנגעלייגט אין גרוב אַרײַן. אַזוי איז ער געזעסן און געמיטלעך געשמועסט, ווי איין גוטער שאָכן מיטן אַנדערן. דערנאָך האָט ער איבערגעריסן זײַנע רייד און געטאָן אַ פרעג: „עפּעס, דאַכט מיר, זעט מען ניט דײַן אָקס?״ ענטפערט ער אים: „מע זעט אים ניט?״ פרעגט ער אים: „וווּ איז ער?״ זאָגט ער: „ער איז זיך אַוועק זוכן אַ ווײַב״. קוקט אים יענער אָן און טוט אַ פרעג: „האָט ער געפונען אָדער ניט?״ זאָגט ער: „געפונען״. פרעגט אים יענער: „ווער איז זי, זײַן ווײַב?״ זאָגט ער אים: „דאָס איז דײַן טאָכטער״. האָט יענער פאַרשטאַנען, אַז דעם אָקס׳ טאַטע האָט עפּעס בייזס פאַרקלערט וועגן זײַן טאָכטער, און זי איז בא אים געווען די ליבסטע פון אַלע זײַנע קינדער, וואָרעם איר מוטער האָט זי געבוירן אין זאַפראַן־פעלד, דעריבער הייסט זי טאַקע זאַפראַנע.

האָט ער געזאָגט צום אָקס׳ טאַטן: „דערלויב מיר, וועל איך דיך עפּעס פרעגן: צו וואָס טויג אים מײַן טאָכטער? ער קאָן זיך דאָך נעמען אַ קו, אַ שיינע קו, און אויב עס איז ווייניק, וועל איך אים געבן צוויי קי, צוויי שיינע געזונטע קי, וואָס האָבן נאָך ניט געוווּסט פון קיין יאָך. וואָס לאַכסטו אַזוי, אַלטער? איך רעד צו דיר גוטע און ערנסטע רייד״. האָט אים דעם אָקס׳ טאַטע געענטפערט: „דו, וואָס דו האָסט אפילע ניט קיין איין האָרן, באַנוגנסט זיך ניט מיט איין ווײַב און נעמסט דיר אַ דריטע און אַ פערטע, ביפראַט נאָך מײַן אָקס, וואָס האָט צוויי הערנער, קאָן זיך אַוודע ניט באַנוגענען מיט צוויי ווײַבער״. האָט דעם אָקס׳ קוילער געזאָגט: „ווי מיינסטו, מײַן שאָכן, אויב איך וועל אים געבן פיר קי אָדער פינף קי, וועט ער צורו לאָזן מײַן טאָכטער?״ האָט דעם אָקס׳ טאַטע געזאָגט: „אַזוי ביליק איז זי אין דײַנע אויגן, אַז דו ווילסט זי אויסקויפן פאַר פינף קי?״

וואָס וועלן מיר דאָ לאַנג ברײַען? זיי זײַנען ניט אָפּגעטראָטן איינער פון צווייטן, ביז ער האָט אים ניט געגעבן זיבן פעטע קי מיט זיבן יונגע קעלבער, וואָס די קלענסטע פון זיי איז מער ווערט געווען ווי די גאַנצע זאַפראַנע. אָבער דעם אָקס׳ טאַטע האָט זיך ניט געלאָזט בייגן, ביזוואַנען יענער האָט אים ניט צוגעגעבן גרויסע שטיקער ערד און פעלדער. עפּשער מיינט איר, אַז ער האָט אים נאָר צוגעזאָגט? ניין, ער האָט אים טאַקע אָפּ אַן עמעס געגעבן און טאַקע אויף אייביק.

דאָס איז די געשיכטע מיטן אָקס׳ טאַטן און זײַן אָקס, וואָס מע האָט אופגעגעסן זײַן פלייש און הויט און איבערגעלאָזט בלויז די הערנער. דער אַלמעכטיקער זאָל שוין טאַקע דערהייבן אונדזערע הערנער אויף אייביק.

פון העבריש — יִצחָק דאַגים

די באַפּערס

דער זאַל איז געווען פול איבער די ברעגעס, ניט געבליבן קיין איין מענטש אין שטאָט, וואָס זאָל ניט קומען, ווײַל שלעכטע צײַטן זײַנען אָנגעקומען אַפן לאַנד און מע האָט ניט געוווסט וואָס צו טאָן, און אַז הער שרײַהאַלץ האָט זיך געקליבן האַלטן אַ רעדע, האָט זיך צונויפגעזאַמלט די גאַנצע שטאָט. אַזוי פירט מען זיך אינעם דאָזיקן לאַנד, אַז מע טוט קיין זאַך ניט, אײדער מע איז זיך ניט גוט מעיאַשעוו. מע איז זיך אײגנטלעך ניט מעיאַשעוו, נאָר מע האַלט רעדעס און מע דאַרשנט דראָשעס. ווען די רעדנער האַלטן זײערע רעדעס און די באַלײַ־דאַרשאָנים — זײערע דראָשעס, דאַכט זיך אויס די אײַנוווינער פון דעם לאַנד, אַז זײ האָבן שוין עפּעס אופגעטאָן. אויב די צאָרע גײט פאַרבײַ, איז אוואַדע גוט, און אויב — ניט, האַלט מען נאָך אַ רעדע, ביז עס קומט אַ נײַע צאָרע און מע ברענגט אַ נײַעם רעדנער. אויב עס ווערט בעסער, איז גוט, און אויב ניט, אַאוו.

זײער סימפּאַטיש זײַנען די פאַרזאַמלונגען, ווו מע האַלט רעדעס און די מענטשן ווײַזט זיך אויס, אַז זײ טוען עפּעס אַ וויכטיקע זאַך. פאַראַן אַזעלכע, וואָס ווייסן פאָרויס, וואָס דער רעדנער וועט זאָגן, און פאַראַן אַזעלכע, וואָס אַפילע דערנאָך ווייסן זײ אויך ניט, וואָס דער רעדנער האָט גערעדט. פאַראַן אויך אַזעלכע, וועמען עס גײט קלאָל ניט אָן, וואָס מע רעדט, אַבי מע פּאַטערט אָן נוצן אַ צווײ־דרײַ שאָ פון דעם לעבן, וואָס אונדז איז באַשערט. די יעניקע שרעקן זיך בלויז פאַר יענעם מאָמענט, ווען דער רעדנער וועט ענדיקן און מ'וועט דאַרפן גײן אַהײם צו די אויסגעמאַטערטע ווײַבער, ווײַל זײ זײַנען אויך געווען אַף דער זעלבער פאַרזאַמלונג. עמעס, נאָך יעדער רעדע מאַכט מען אַ שטיקל מאָלצײַט, אָבער ניט אַלע האָבן די זכיִע צו זײַן צווישן די פאַרבעטענע. ווען עמעץ זאָל פון דער זײַט זיך צוקוקן צום געזעמל, וואָלט ער געקאָנט מיינען, אַז אַלע זײַנען יאַדאַכעס, אינדערעמעסן אָבער איז יעדער אײנער אַ פאָלק פאַר זיך. אויך בא די ווײַבער איז יעדע אַ שטאַם פאַר זיך, האַגאַם זײערע האָר, די פאַרב אַפן פּאָנעם און אַלע איבעריקע זאַכן אַפן שטאַם זײַנען געמאַכט פון איין און דעם זעלבן מײַסטער.

הער שרייַהאָלץ האָט שוין געדארפט לאנג אָנהייבן, אָבער ווי דער שטייגער איז בא געניטע רעדנער, האָט ער געהאט א טעווע צו פארשפעטיקן אמאָל אף א האלבער און אמאָל אף א גאנצער שאָ. דאקעגן, דער אוילעם האָט זיך נויהעג געווען צו קומען וואָס פריִער, קעדיי צו פארכאפן א בעסערן פלאץ און כאפן א שמועס מיט א באקאנטן. און אז ער האָט שוין אלץ אָפגערעדט, וואָס ער האָט געהאט צו זאָגן, כאזערט ער איבער דאָס זעלבע, וואָס ער האָט גערעדט נעכטן און אייערנעכטן. ווען עמעצן ווערט לאנגווייַליק, האָט ער ניט קיין פאריבל. פארקערט, ער איז צופרידן צו זען א מענטשן, וואָס איז ניט קליגער פון אים. די רעדלפירער קומען אויך צוליב שרייַהאָלצס קאָוועד־וועגן. זיי זיצן אָבער אָנגעבלאָזן, ווייַל עס פארדריסט זיי, וואָס אנדערע טוען דאָס, וואָס זיי וואָלט גאָר געפאסט צו טאָן. זיצנדיק, באטראכטן זיי די פאָרטרעטן אף די ווענט פון קאָהאָל־הויז, און זיי מאָלן זיך אויס, ווי דאָס וועט אויסזען, ווען זייערע אייגענע בילדער וועלן פון דאָרט אראָפקוקן, און זיי פילן שוין דעם טאם פון פארייי־ביקונג, פון יענער פארייביקונג, צו וועלכער די פארשטאָרבענע פון זייערס גלייַכן האָבן זוכע געווען.

ווייניק זייַנען דאָ מענטשן, וואָס האָבן ניט קיין כיישעק צו ווערן פארייביקט, ביפראט נאָך די פירער, וואָס שטייען בא דער מאכט, וואָרעם זייער אידעאליזם איז אויסגעמישט מיט פיזישע באדערפענישן און זייערע פיזישע באדערפענישן שטערן ניט זייער אידעאליזם. אָבער דער באגריף אייביקייַט איז זייער רעלאטיוו. קיינער ווייסט ניט גענוי, ווי ווייַט די אייביקייַט גרייכט און ווען זי ענדיקט זיך, צי מיטן אָפשטעלן זיך פון פולס, צי מיטן קומען צו קווורע.

דער אוילעם הייבט אָן ווערן אומגעדולדיק, און די לופט נעמט קאליע ווערן. קיינער ווייסט ניט, צוליב וואָס ער זיצט דאָ און וואָס אזוינס וועט מען אים דאָ לאָזן הערן. אָבער ווייבאלד עס פירט זיך שוין אזוי, אז מע זאָל זיך פארזאמלען און האָרכן רעדעס, טראכט זיך דער אוילעם ניט אריַין אין דער זאך און מע רעדט וועגן דעם, וואָס האָט א ווייַטע שייַכעס צום איניען.

זאָגט איין פרוי צו דער אנדערער: „מע וואָלט באדארפט עפענען א פענצטער“. זאָגט יענע: „עס טוט מיר לייד, מאדאם, אָבער איך קאָן ניט דערפילן אייַער פארלאנג“. — „פארוואָס?“ — „ווייַל אלע פענצטער זייַנען אָפן“. קוקט זי יענע אָן מיט קאס און זאָגט: „אויב אזוי, פארוואָס זשע איז דאָ אזוי הייס?“ ענטפערט די ערשטע: „דער ווינט, וואָס גייט אריַין דורך איין פענצ־טער, גייט ארויס דורכן צווייטן קעגניבער“.

רופט זיך אָפּ איינער: „שרייַהאָלץ זאמט זיך עפעס!“ מאכט דער צווייטער: „עפשער גרייט ער זייַן רעדע“. זאָגט ווידער יענער: „האלעוויַ וואָלט ער זיך געגרייט און געוווּסט, וואָס ער רעדט!“ קוקט אים דער שאָכן אין די אויגן, ווי יענער וואָלט בא אים ארויסגעכאפט זייַנע גע־דאנקען, אָבער עס פאסט דאָך ניט א מענטשן צו זאָגן אָפן, וואָס ער טראכט. רופט ער זיך אָפּ: „אזא רעדנער, ווי שרייַהאָלץ, דארף זיך ניט גרייטן“. רופט זיך אָפּ יענער: „אָבער מ י ר דארפן עס יאָ“. מישט זיך אריַין נאָך איינער און זאָגט: „ביסט נאַיִוו, מייַן פרייַנט, אויב דו מיינסט, אז מע טוט, וואָס מיר דארפן“. קוקט איינער אָפן זייגער און זאָגט: „און דאָך, ווען וועט מען שוין אָנהייבן?“ שעפטשעט אים דער אנדערער אין אויער אריַין: „וואָס גייט דיר אָן, צי מע וועט יאָ אָנהייבן, צי ניט?“ זאָגט דער: „ביסט עפשער גערעכט“. ענטפערט יענער: „דו זאָגסט, אז איך בין גערעכט, און איך זאָג דיר, אז איך בין נאָך קיינמאָל אזוי ניט געווען גערעכט ווי אצינד. פונדעסטוועגן וואָלט ניט געשאדט, אז שרייַהאָלץ זאָל שוין וואָס גיכער קומען“.

אין דער זעלבער צייַט זייַנען דריַי באָכערים געקומען צו שרייַהאָלצן. ער האָט באטראכט זייערע בגאָדים און זיך פארוווּנדערט. אין אזעלכע אלטע, צעקנייטשטע קליידער — וואָס קאָנען זיי מיט אים האָבן פאר א שייַכעס? אָבער הער שרייַהאָלץ האָט געהאט א גוטע געוווינהייַט צו באטראכטן מענטשן אין צוזאמענהאנג מיט זייַנע אייגענע באקוועמלעכקייַטן, האָט ער זיך געטראכט: זיי זייַנען געוויס געשיקט געוואָרן פון קאָהאָל. האָט ער זיי געמאכט א ליבלעך פּאָנעם און געזאָגט: „איר זייַט, הייסט עס, מייַנע פרייַנט, געקומען מיך רופן?“ האָבן אים די באָכערים געענטפערט: „יאָ, הער שרייַהאָלץ, מיר זייַנען געקומען אייַך רופן, הער אווטאָ ווארט אפן הער אין דרויסן“.

האָט ער זיך אופגעשטעלט, אריַינגעשטעקט א דיקן ציגאר אין זייַן מויל און זיך געלאָזט גיין מיט די באָכערים. פארבייַגייענדיק, האָט ער געכאפט א בליק אין שפיגל אף דער וואנט און צורעכט געמאכט זייַנע וואָנצעס. דערנאָך האָט ער ווידער געמאכט א שייַנענדיק פּאָנעם צו זיי און געזאָגט: „איז, הייסט עס, דאָס קאָהאָל־הויז שוין פול?“ — „איבערפולט, — האָבן די באָ־כערים געענטפערט, — און אין פּאָדערהויז, — האָבן די באָכערים ווידער געענטפערט, — שטייט מען צונויפגעפרעסט און מע ווארט אפן הער“. איז הער שרייַהאָלץ אריַין אין אווטאָ און פארלייגט א פוס אף א פוס. ער האָט זיך אייַנגעהילט אין א וואָלקן רויך פון זייַן ציגאר. ער איז געווען אופגעלייגט, און זייַן געדאנק איז געווען קלאָר, ווי געוויינלעך בא געניטע רעד־

נער, ווען זיי ווייסן, אז דער אוילעם ווארט אף זיי. מע קאָן זיך אָנשטויסן, וואָס פאַרא גדאַנקען עס האָבן זיך געדרייט אין הער שרײַהאַלצס קאָפּ. ער האָט אוודע געטראַכט: „אָט קום איך אַרײַן אין קאַהאַל־הויז, און דער גאַנצער אוילעם שטייט אוף פאַר מײַן קאַוועד־וועגן. איך שפּרינג אַרוף אַף דער טריבונע, אָדער נײַן, איך שפּרינג ניט, נאָר גיי לאַנגזאַם אַרוף, לייג אוועק פאַר זיך מײַן זייגער, קוק אָן דעם אוילעם און אַלע שטרענגען אָן זייערע אויערן צו האָרכן, ביז דער זאַל ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ וואַלד פון אויערן... וואָס איז דאָס, איך פּאַר און פּאַר און בין נאָך אַלץ נישט געקומען אין קאַהאַל־הויז?״

האָט ער אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און געפרעגט די באָכערים: „וווּהין פירט איר מיך?״ האָבן די באָכערים געענטפערט: „אַהין, וווּהין דער הער וויל, מע זאָל אים פירן״. האָט ער זיך ווידער אײַנגעהילט אין וואָלקן רויך און זיך פאַרקוקט אין וואַלד פון אויערן. ער האָט אַזוי לאַנג געקוקט, ביז די אויערן האָבן גענומען פּאַטשן איינער אין אַנדערן, ווי הענט, וואָס אַפּלאָדירן די רעדנער.

דער אוטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט, און די באָכערים האָבן געהאָלפן הער שרײַהאַלצן אויסשטײַגן. האָט הער שרײַהאַלץ אויסגערופן מיט געבייזער: „ווּ בין איך?״ האָבן די באָכערים געענטפערט: „זאָל זיך דער הער ניט זאָרגן, דאָס איז אַן אָרט, ווּ עס וווינען אָנשטענדיקע מענטשן. נאָר די פירער און דייעזאַגער, וואָס האָבן זיך אַליין באַזעצט אין שטאָט, האָבן דערפירט צו אַזאַ פאַרוויסטונג, וואָרעם דאָס ראָוו צײַט פאַרברענגען זיי אין אויסלאַנד צוליבן אייגענעם ווױלטיק, האָבן זיי ניט קיין צײַט צו זאָרגן פאַר דער שטאָט״.

„ווער זײַט איר?״ — האָט הער שרײַהאַלץ געפרעגט אָן אופגעקאָכטער. האָבן די באָכערים געענטפערט: „באַרויקט אײַך, הער שרײַהאַלץ, מיר זײַנען מענטשן״. האָט הער שרײַהאַלץ געזאָגט: „אויב איר זײַט מענטשן, פאַרוואָס זשע ווילט איר מיר בייז טאָן?״ האָבן זיי אים געענטפערט: „מיר ווילן כאַלילע קיינעם קיין בייז ניט טאָן, אָבער גרויסע צאָרעס האָבן מיר אין אונדזער לאַנד און מיר זײַנען זיכער, אַז זיי קומען דערפון, וואָס מע פאַטערט אַזויפיל צײַט אַף ריידערײַען און מע טוט ניט דאָס, וואָס קאָן ברענגען נוצן. און אויב מיר זײַנען ניט אימשטאַנד אָפּצוּווענדן דעם אוילעמס הערצער פון די רעדנער, ווילן מיר פּרוּוון אָפּוּוענדן די רעדנער פונעם אוילעם, קעדיי מענטשן זאָלן האָבן צײַט זיך צו פאַרטראַכטן, אַף וואָס זיי פאַטערן זייערע טעג און יאָרן. און ווען מיר וואָלטן נאָך געהאַט אַ פּיצל צוטרוי צו די רעדנער, וואָלטן מיר געזאָגט, אַז פאַר זיי אַליין וואָלט עס אויך געווען לעטויווע, וואָרעם ווען זיי וואָלטן זיך צוגעוווינט צו טראַכטן, וואָלטן זיי ניט פאַרנודיעט געוואָרן צווישן איין רעדע און דער צווייטער״.

האָט הער שרײַהאַלץ דערזען, אַז ער איז אַרײַנגעפאַלן צו האַרטנעקיקע מענטשן, האָט ער אײַנגעהאַלטן זײַן קאַס און געזאָגט: „און ווי לאַנג מיינט איר מיך דאָ צו פאַרהאַלטן?״ האָבן אים די באָכערים געענטפערט: „ביז דעם אוילעם וועט דערעסן ווערן צו וואַרטן און מ׳וועט זיך צעגיין אהיים!״ האָט הער שרײַהאַלץ געזאָגט: „און אויב פאַר דער צײַט וועט זיך אונטערדרייען אַן אַנדער רעדנער אַף מײַן אָרט?״ האָבן די באָכערים אָפּגעזיפצט און געזאָגט: „דאָס איז אונדז גאָרנישט אײַנגעפאַלן. ס׳איז מאַמעש אַן אָנשיקעניש, וואָס הינטער יעדן רעדנער שטייען נאָך הונדערט״. הער שרײַהאַלץ האָט פאַרביסן אַ ליפּ, און די באָכערים האָבן געפרעגט: „וועט דער הער באַוויליקן אַרײַנצוגיין?״ — „וווּהין?״ — „אין דעם הויז, אָדער אַהין, צו אונדזערן אַ כאַווער? וואָס וויל דער הער בעסער?״ האָט הער שרײַהאַלץ אויסגעשריִען מיט אַלע קויכעס: „וואָס איך וויל בעסער? איך וואָלט געוואָלט, אַז אַ פײַער זאָל אַראָפּנידערן פון הימל און אײַך אַלע דרײַ פאַרברענען״.

האָט איינער אָפּגעזיפצט און געזאָגט: „מיר האָבן עס טאַקע פאַרדינט, ווײַל מיר באַגייען אַ גוואַלדטאַט, אָבער מיר האָפן צום הימל, אַז מע וועט זיך אַף אונדז דערבאַרעמען, וואָרעם מיר האָבן ניט קיין אַנדער אויסוועג!״ האָט הער שרײַהאַלץ שפּאַטיש אָנגעקוקט דעם באָכער און געזאָגט: „און דו גלייבסט טאַקע, אַז דאָרט אין הימל איז עפּעס פאַראַן?״ האָט יענער געענטפערט: „יעדנפאַלס איז בא אונדז אַף דער ערד זיכער גאָרנישט ניטאָ, אויסער דראָשעס און רעדעס, רעדעס און דראָשעס, און דאָס איז, הער שרײַהאַלץ, ניט גוט, ניט גוט, הער שרײַהאַלץ, ניט גוט!״

האָט הער שרײַהאַלץ געפרעגט די באָכערים, וואָס, אשטייגער, וואָלטן זיי געוואָלט, זאָל זײַן אַף דער ערד? האָבן די באָכערים אָפּגעזיפצט און געזאָגט: „פּונוואַנען זאָלן מיר וויסן? זיבן יאָר מוז דויערן, ביז די מויכעס וועלן אָפּגערייניקט ווערן פון די נאַרישע רעדעס און געזונט ווערן. עפּשער וועט מען דעמלט קאָנען אַ טראַכט טאָן״... האָט הער שרײַהאַלץ געזאָגט: „איך זע דאָך, אַז איר זײַט שטאַרקער פון מיר. טוט מיט מיר, וואָס איר ווילט, אָבער זײַט וויסן, אַז איך וועל זיך מיט אײַך אָפּרעכענען״. האָבן די באָכערים אָפּגעזיפצט און געזאָגט: „מיר זײַנען ניט שטאַרק, און וואָס שײַעך זיך אָפּרעכענען — וואָס קאָן מען אונדז נאָך מער טאָן, וויפל מע

טוט. זאָל דער הער זען, צו וואָס מיר זײַנען דערגאַנגען. מיר פירן זיך אויף ווי כאַפּערס. מיר זײַנען נאָך ערגער פון כאַפּערס, ווײַל יענע טוען עס צוליבן שטיקל ברויט, און מיר נעמען פון זיך אָפּ דאָס שטיקל ברויט און גיבן אויס געלט אויף אַן אוטאָ. אַלזאָ, הער שרײַהאָלץ, וווהין וויל דער הער, מיר זאָלן אים פירן?“

האָט הער שרײַהאָלץ געפרעגט, צי איז דאָ ניט פאַראַן קיין קאַפע־הויז. האָבן זיי אים געזאָגט: „ניטאָ דאָ קיין קאַפע־הויז“. האָט הער שרײַהאָלץ געפרעגט: „און אויב אַ מענטש וויל פאַרברענגען אַ ביסל זײַן פרײַע צײַט, ווו קאָן ער עס טאָן?“ האָבן זיי געזאָגט: „די מענטשן זײַנען אַזוי פאַריאָגט נאָך פּאַרנאָסע, אַז זיי האָבן ניט קיין פרײַע צײַט“. — „און אין די שאַבאָסים און יאָמטויווים וואָס טוען זיי?“ — „ווער עס איז געלערנט, זיצט און לערנט, און ווער עס איז ניט געלערנט, לערנט זיך פון דעם, וואָס איז יאָ געלערנט“. האָט הער שרײַהאָלץ אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט: „יעדערער האָט זיך זײַן פאַרגעניגן“. האָבן די באָכערים געענטפערט: „יאָ, יעדערער האָט זיך זײַן פאַרגעניגן“. אָבער זיי האָבן ניט געשמייכלט, נאָר מעקאַנע געווען די יעניקע, וואָס קאָנען געניסן פון אַזאַ פאַרגעניגן.

איז הער שרײַהאָלץ געגאַנגען מיט די באָכערים, ביז זיי זײַנען אַרײַן אין אַ צימער, וואָס איז געווען באַלויכטן דורך אַ קליין לעמפּל. דאָס איז געווען אַ קליין צימערל, אין וועלכן עס איז געשטאַנען מעבל פון אײַנפאַכן האָלץ. דער צימער און דאָס מעבל האָבן שרײַהאָלצן דערמאָנט זײַן קינדהײַט. אויך זײַן קליידונג אין דער קינדהײַט איז געווען ענלעך צו די בגאָדים, אין וועלכע די דרײַ באָכערים זײַנען געווען אָנגעטאָן, ווײַל הער שרײַהאָלץ, ווי דאָס ראָוו פון זײַנע קאָלעגן, איז ניט געבוירן געוואָרן אין קיניגלעכע פּאַלאַצן און אין דער קינדהײַט ניט געטראָגן קיין פּריצישע קליידער, נאָר זינט ער איז דערהויבן געוואָרן, האָט ער געהאַלטן פאַר זײַן כויוו זיך צו פּוצן אין שיינע קליידער און צו וווינען אין אַ שיינער דירע. ער האָט אָפּגעווענדט זײַן געדאַנק פון דעם צימער און פון אַלעם, וואָס דער צימער האָט אים דערמאָנט, און האָט געפרעגט: „איז דאָ פאַראַן אַ צײַטונג?“ האָט דער באַלעבאָס געזאָגט, אַז קיין צײַטונג איז ניטאָ, אָבער אויב דער הער וויל אַ ביכל, קאָן ער עס קריגן. האָט הער שרײַהאָלץ געפרעגט: „און וואָס איז דאָס?“ האָט דער באַלעבאָס געענטפערט: „דאָס איז אַ צײַטונג, אין וועלכער דער קרעמער האָט אײַנגעוויקלט דעם לאָבן ברויט, וואָס איך האָב בײַ אים געקויפט“. האָט הער שרײַהאָלץ צעשפּרייט די צײַטונג, זיך דערפרייט און אָפּגעזיפצט. דערפרייט האָט ער זיך, דערזעענדיק זײַן נאָמען און די מעלדונג וועגן דעם אָוונט, אויף וועלכן ער האָט געזאָלט האַלטן זײַן רעדע, און געזיפצט האָט ער, וואָס מע האָט אים געשטערט די רעדע צו האַלטן. אָבער ווײַל ער האָט די צײַטונג שוין איבערגעלייענט, האָט ער געהייסן אײַנשליסן די ראַדיאָ. האָט מען אים געזאָגט, אַז קיין ראַדיאָ איז ניטאָ. האָט הער שרײַהאָלץ געזאָגט: „ניט קיין קאַפע־הויז און ניט קיין ראַדיאָ — וויאַזוי זשע לעבט איר?“ האָט מען אים געזאָגט: „אין דער צײַט, ווען אַנדערע פאַרברענגען זייער צײַט אין קאַפע־הויז און בײַ הערן ראַדיאָ, לעבן מיר אָפּ אונדזער לעבן לויטן ווילן פון אונדזערע באַצווינגער“.

האָט הער שרײַהאָלץ אַרויסגענומען זײַן זייגער און געפרעגט: „אַלזאָ, מײַנע הערן, ווי לאַנג וועלן מיר דאָ זיצן?“ האָבן זיי אים געזאָגט: „נאָך אַ ווײַלע, הער שרײַהאָלץ“. האָט ער זיך ווידער אומגעקוקט אין אַלע זײַטן. די געמיטלעכקײַט אין צימער האָט אים דערמאָנט יענע צײַט, איידער ער איז געוואָרן פּאָפּולער, ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער פלעגט זיצן בײַ אַ ליכטל און לייענען און לערנען. אָ, יענע טעג זײַנען אַוועק און זײַנען שוין ניטאָ, און נאָך זיי זײַנען געקומען טעג פול מיט גערויש און געפּילדער. וויאַזוי האָט עס פּאַסירט, אַז נאָך דעם, ווי ער האָט אָנגעשטאָפּט זײַן אינגעווייד מיט ביכער, האָט מען אים פאַרגעלייגט אויפצוטרעטן פאַר דער עפנטלעכקײַט? די ערשטע רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן, איז ניט געווען קיין גראַטענע, ווײַל דאַן איז זײַן האַרץ נאָך געווען פול; ווען זײַן האַרץ האָט זיך גענומען אויסליידיקן, האָט מען גענומען לויבן זײַנע רעדעס.

איז ער אַזוי געזעסן, געטראַכט און אָנגעקוקט די באָכערים, וועמענס ערלעכקײַט און באַשיידנקײַט האָבן אים דערמאָנט יענע צײַט, ווען ער אַליין איז נאָך אַ באָכער געווען. ער האָט אַרויסגענומען אַ נײַעם ציגאַר, אים אָפּגעביסן און אַרײַנגעשטעקט אין מויל. ער האָט אָנגעצונדן און גענומען לאָזן רויך. זײַנע ליפּן האָבן זיך אויסגעקרימט און זײַן בויך האָט זיך גענומען טרייסלען, ווי אַ בויך, וואָס איז פול מיט געלעכטער. ער האָט אָפּגעלייגט דעם ציגאַר, אָנגעקוקט די אַרומיקע און געזאָגט: „איר ווילט, וועל איך מאַכן מיט אײַך אַ געשעפט“. — „אַ געשעפט? — האָבן די באָכערים פאַרווונדערט געפרעגט. — מיר זײַנען דאָך ניט קיין סאָחרים און זײַנען ניט באַהאַוונט אין מיסכער“. האָט הער שרײַהאָלץ געזאָגט: „פריִער הערט, און נאָכדעם וועט איר ענטפערן. אין אַ וואָך אַרום דאַרף קומען מײַן כאַווער וועלצער האַלטן אַ רעדע. אויב איר וועט

מיט אים מאַכן דאָס זעלבע, וואָס מיט מיר, וועל איך אײַך מוחל זײַן און אײַך ניט אָנקלאָגן". האָבן די באַכערים געזאָגט: „דאָס איז אונדז צום האַרצן". — „אָבער, — האָט שרײַהאַלץ זיי איבער־געשלאָגן, — אָבער איר זײַט אָרעמעלײַט און איר האָט ניט קיין געלט יעדע וואָך צו דינגען אַן אויטאָ... יעדע וואָך דאַרף אַהער קומען אַן אַנדערער האַלטן אַ רעדע". דער שרײַהאַלץ האָט אַרויס־גענומען זײַן טײַסטער און געזאָגט: „אָט האָט איר געלט צו דינגען צוויי־דרײַ אויטאָס, און איר גיט מיר אײַערע הענט. זאָל יעדערער באַזונדער געבן זײַן האַנט, אַז ער וועט אויספילן דעם אָפּמאַך".

איז דער שרײַהאָלץ אַרײַנגעפאַלן אין אַ גוטער שטימונג אַזוי, אַז ער האָט פאַרגעסן, ווו ער געפינט זיך. און ווען די באַכערים וואָלטן ניט באַדאַרפט אופשטיין גאַנצפרי צו דער אַרבעט, וואָלט ער מיט זיי געזעסן און גערעדט ביז מאָרגן אָדער ביז איבערמאָרגן, ווײַל דער שרײַהאָלץ האָט געהאַט אַ געוווינהײַט צו רעדן, אויב ניט פאַרן ברייטן עולם, איז כאָטש מיט יעדן באַגעגנטן, אַבי זײַנע אויערן זאָלן הערן, וואָס זײַן מויל רעדט.

ניט אַלע מײַלער זײַנען גלײַך. דער ליפּמאַן שרײַהאָלץ, דער פאַרגעטערטער פירער, האָט ליב געהאַט צו רעדן, און יענע באַכערים האָבן ליב געהאַט צו שווײַגן. איז איינער אופגעשטאַנען און זיך געלאָזט גיין ברענגען אַן אויטאָ אָפּצופירן הער שרײַהאָלצן אַהיים. האָט שרײַהאָלץ זיך צעוואַרעמט און געזאָגט: „גלײַכער זאָלט איר דאָס געלט איבערלאָזן צו דינגען אַן אויטאָ פאַר יענעם רעדנער, וואָס וועט קומען נאָך מיר, און איך וועל גיין אַהיים צופוס". איז דאָס די באַ־כערים געפעלן געוואָרן, און זיי האָבן דעם הער שרײַהאָלץ באַגלייט ביזן האַלבן וועג און זיך מיט אים מיט גרויס קאָוועד געזעגנט. אויך ער האָט זיך צעשיידט מיט זיי מיט גרויס ליבשאַפט.

איצט לאָמיר זיך פאָרשטעלן, וואָס איז געווען דערנאָך. וואָס דער שרײַהאָלץ האָט געמאַכט מיט זײַנע כאַווײרים, האָבן יענע געטאָן מיט זייערע כאַווײרים, ווײַל ס'ראָוו מענטשן טוען ניט אויף קיין נײַעס, נאָר פירן זיך לויטן שטייגער פון אַנדערע. דערווײַל האָט דער עולם גענומען ווײַכן פון קאָהאָל־הויז. ווײַל פיל מאָל האָט מען זיך ניט דערוואַרט אַף די רעדנער. און ווײַל זיי זײַנען מער ניט געגאַנגען הערן רעדעס, זײַנען זיי געזעסן אין זייערע הײַזער. און ווײַל זיי זײַנען געזעסן אין זייערע הײַזער, האָבן זיי אַרײַנגעקוקט אין אַ סייפער און זיך פאַרנומען מיט זייערע קינדער. און כאָטש די וועלט איז נאָך דערווײַל ניט אינגאַנצן געענדערט געוואָרן צום גוטן, איז אָבער אַ געוויסע ענדערונג שוין קענטיק. ווײַל, אַז מע פּאַטערט ניט די טעג מיט די יאָרן אַף צו הערן רעדעס, האָט מען צײַט אויסצובעסערן די אייגענע איניאָנים, און אַז מע מאַכט צורעכט די אייגענע איניאָנים, ווערן אויך אויסגעבעסערט די איניאָנים פון לאַנד.

פון העברעיִש — ייִצכאָק דאַגים

דער וואָלף און יעשײַע־האַנאָווי

האָט דער וואָלף געזאָגט צו יעשײַען:

— איך באַקלאָג זיך אַף דיר, יעשײַע, זון פון אָמויץ. דו האָסט געשריבן: און אַ וואָלף וועט וווינען מיט אַ שאָף. דאָס מיינט, אַ נעוווּע פאַר דער צוקונפט. דאַרפסט וויסן, אַז זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, האָב איך געוווינט צוזאַמען מיט די שאָף. דו וועסט געפינען, אַז ווען גאָט האָט געבראַכט אַ מאַבל אַף דער וועלט, האָב איך געוווינט אין דער טייווע מיט אַ שאָף, און מיר האָבן ביידע געגעסן איין פײַג. איך האָב געגעסן איין כיילעק, און די שאָף זיבן כאַלאָקים, און נויעך, דער האַר פון דער טייווע, האָט געקרײַזלט די האָר פון דער שאָף און אַרײַנגערעדט אין אירע אויערן אַזעלכע זיסע רייד, וואָס דער אויער פון וואָלף האָט קיינמאָל אין זײַן לעבן ניט געהערט.

האָב איך זיך ווען־עס־איז געקריגט מיט אַ שאָף? און זאָג מיר ניט, וואָס עס שטייט געשריבן אין פּיירעק: ווען ניט די מוירע פאַר דער מעלוכע, וואָלט איין מענטש דעם צווייטן אײַנגעשלונ־גען לעבעדיק. און איך האָב מוירע געהאַט פאַר מאַלכעס. מער, ווי איך וואָלט געדאַרפט מוירע האָבן פאַר דער מעלוכע, האָט די מעלוכע געדאַרפט מוירע האָבן פאַר מיר. איך געדענק, אַז איינמאָל האָט נויעך פאַרזאַמט און ניט אָנגעקאָרמעט דעם לייב, איז אים דער לייב פאַרפאָרן

אין א ריפּ, אַז ער האָט אָנגעהויבן הינקען. מאַדאַך צוליב פאַרשפּעטיקן דאָס עסן פון איין כּיַע האָט נויעך טיַער באַצאָלט, הײַנט וויפל דאַרף מען באַצאָלן פאַרן מאבל אַף דער וועלט, וואָס האָט געגנידערט גאַנצע פערציק טעג און פערציק נעכט?

און אויב דו ווּעסט מיר ענטפערן, אַז דאָס איז געשען מיט א סאַך, א סאַך יאָרן צוריק, הער, וואָס איך האָב צו זאָגן. אַדהײַעם טראָג איך א גוט האַרץ אַף די שאָף. אַלע מײַנע געשעפטן מאַך איך מיט זיי. פון וועמען נעם איך מײַן פליישׁ, ניט פון די שאָף? פון וועמען באַקום איך וואָל פאַר די ציצעס פון מײַן טאַלעס, ניט פון די שאָף? און אַז א סויפער גרייט זיך צו שרײַבן, ווּ נעמט ער פאַרמעט, אויב ניט פון א שאָפענער פעל? צום סאַף זאָגסטו, אַז א וואָלף וועט ווײַנען מיט א שאָף, א נעוווּע פאַר מאָשיִעכס צײַטן!

האָט זיך יעשײַע אָנגערופן צום וואָלף:

— שויטע וואָס דו ביסט! זאָלן דײַנע אויערן הערן, וואָס דײַן מויל זאָגט. אויב דו האָסט אַלע דײַנע יאָרן געלעבט בעשאָלעם מיט די שאָף, פאַרוואָס זשע באַקלאָגסטו זיך אַף מײַנע רייד?

האָט דער וואָלף געזאָגט:

— איך האָב מוירע, טאָמער וועל איך מאָרגן א כאַפּ טאָן איין לאַם, וועט מען באַלד אָנהייבן שרײַען: גוואַלד, יעשײַע האָט דאָך געשריבן, אַז א וואָלף וועט ווײַנען מיט א שאָף, און ער האָט נעוויִעס געזאָגט, אַז א וואָלף מיט א לעמעלע וועלן זיך פּאַשען אַף איין לאָנקע, און א קליין קינד וועט זיי פירן. וואָס וועל איך דעמאָלט טאָן? איך וועל ניט קאָנען ענטפערן, קוידעם־קאָל, ווײַל מע האָט אָנגעזאָגט, אַז מע טאָר ניט רעדן אינמיטן א סודע, און צווייטנס, ווײַל עס שטייט געשריבן אין פּיירעק: בעסער איין שאָ טײַנעג אַף ד ע ר־וועלט, ווי דאָס גאַנצע לעבן אַף י ע נ ע ר־וועלט.

האָט זיך יעשײַע אָנגערופן:

— ליידיקגייער, איידער דו באַקלאָגסט זיך אַף מײַן נעוווּע, שרײַ בעסער אַף דײַנע ציין, וואָס זײַנען גיריק אַף שאָפן־פליישׁ.

האָט דער וואָלף געטײַנעט:

— דײַן פֿאָטער, יאַנקעוו, האָט שוין געזאָגט: בינימין וועט זײַן ווי אַ וואָלף, וואָס פֿאַר־צוקט. מאַכט ראַשע, אַזוי איז שוין די טעווע פֿון אַ וואָלף. דו, יעשיִע, ביסט דאָך אַ געלערנטער מענטש, האָסטו דאָך געלייענט די שירא פֿון דעם דיכטער שלוימע בען גווירל. פֿאַראַן בא אים אַ שורע „און אַ פֿלויט קאָן ניט פֿאַרהאַלטן קיין וואָלף". אויב דו, יעשיִע, מעקסט גלײַך ניט אויס דײַן נעוווע, גיי איך אַרײַן אין דאָרף, צעוואָרף דעם פֿלויט, און צעפּערטל אַ לעמעלע, און דעמלט וועט די גאַנצע וועלט וויסן, אַז דײַנע ווערטער האָבן ניט קיין מאַמאָשעס און אַלע כּײַעס און בעהיימעס וועלן זאָגן: יעשיִעס רייד האָבן ניט די ווערט דאָס שאָלעכץ פֿון קנאָבל...

האָט יעשיִע געזאָגט:

— פֿאַרגעס ניט, אַז איך האָב אויך געשריבן: מײַן האַנט איז ניט קורץ און זי וועט ברענ־גען אַ יעשועס. איך האָב קויעך צו ראַטעווען...

האָט דער וואָלף געזאָגט:

— אַנדערע נעוויִים האָבן שוין געשריבן: אַ וואָלף פֿון די מידבאַריעס וועט זיי פֿאַרוויסטן. און איך האָב ערשט געלייענט די רייד פֿון דעם נאָווי יעכעזקל: אירע האַרן זײַנען ווי וועלף, פֿאַרצוקן טוען זיי פֿאַרצוקן, בלוט פֿאַרגיסן זיי, קעדיי צו געווינען אַ געווין. און איצט, יעשיִע, בלײַב דער כאָכעם! ברענג אַ בסורע פֿאַר אַלע נאַראָנים, אַז אַ וואָלף מיט אַ לאַם וועלן זיך פּיטערן אײנייִנעם. זיי וועלן ניט בייז טאָן און ניט פֿאַרדאַרבן אויף מײַן גאַנצן הייליקן באַרג.

ווי נאָר דער וואָלף איז אַוועק פֿון יעשיִען, איז ער באַלד אַרײַן צווישן אַ סטאַדע לעמער. איין טייל פֿון זיי האָט ער צעטראָטן און פֿאַרצוקט, אַן אַנדער טייל האָט ער צעביסן. ער האָט געהאַרגעט און געביסן, געביסן און געהאַרגעט, ביזוואַנען זײַנע ציין האָבן זיך פֿאַרטשעפּעט אין דער וואָל, וואָס אויף די שאָף, און זיי זײַנען צעבראָכן געוואָרן. דעמלט האָבן ביידע געקלאָגט. דער וואָלף האָט געוויינט, ווײַל ער האָט צעבראָכן אַ פּאָר ציין, און די שעפּעלעך האָבן גע־וויינט, ווײַל טאָמער וועט זיך דער וואָלף אומקערן און ווידער בײַסן און האַרגענען. דעמלט האָט אַ קאָל פֿון הימל אויסגערופֿן: די ציין פֿון די רעשאָים האָסטו צעבראָכן, און אַזוי ווײַטער, און אַזוי ווײַטער, דעם גאַנצן פּאָסעק אין טילים.

■

דעמלט האָבן די שעפּעלעך געגרופּן אַן אַסיפֿע, ווו מע האָט געטײַנעט: אַלע צאָרעס, וואָס קומען אויף אונדז, נעמען זיך פֿון דער פֿלוידערײַ, וואָס יעשיִע האָט אָנגעפּלוידערט אין זײַן סייפֿער. אַזוי לאַנג ווי מע וועט ניט אויסמעקן יענע נעוווע, וועלן מיר גאָרניט קאָנען טאָן צו די וועלף...

און איין לאַם האָט געזאָגט:

— נאָר דאָס האָט אונדז דער זון פֿון אָמויצן אָפּגעטאָן? ער האָט אויך געשריבן, אַז מע וועט ניט בייז טאָן און ניט פֿאַרדאַרבן אויפֿן הייליקן באַרג. געגלויבט איז דער נאָמען פֿון דעם, וואָס האָט אונדז באַשאַפֿן ווי שאָף און ניט ווי ציגן, וועלכע האָבן אַ טעווע צו שפּרינגען אויף די בערג. דער וואָלף קאָן צו אונדז קיין טײַנעס ניט האָבן. ס'איז ווויל באַקאַנט, אַז מיר דאַרפֿן ניט האָבן יענע הייליקע בערג...

און אַן אַנדער שאָף האָט געזאָגט:

— האָט דען דער שאָלעם ניט די ווערט, מע זאָל צוליב אים פֿאַרלירן איין פּאָסעק? לאָמיר קומען צו יעשיִען און אים זאָגן: זאָג זיך אָפּ פֿון דײַן נעוווע, און מיר וועלן לעבן בעשאָלעם מיט די וועלף, ווי אונדזערע עלטערן אַמאָל אין נויעכס טייווע.

און אַ דריטע שאָף האָט גענומען אַ וואָרט און געזאָגט:

— ניט אַזוי די וועלף, ווי די פֿוקסן זײַנען די שולדיקע אין אונדזערע צאָרעס. איר האָט אַוודע געלייענט יענע מײַסע וועגן וואָלף מיטן פֿוקס. אויב ניט, וועל איך אײַך דערציילן. איינ־מאָל האָט אַ פֿוקס פֿאַרנאַרט דעם וואָלף און האָט אים געזאָגט, ער זאָל קומען אין אַ הויף פֿון אַ ייִדן ערעוו שאַבעס. ווי נאָר דער וואָלף איז אַהין אַרײַן, האָט מען אים באַגעגנט מיט שטעקנס... אַ צווייט מאָל זײַנען ביידע, דער וואָלף מיט דעם פֿוקס, צוגעקומען צו אַ ברונעם, איז דער פֿוקס אַרײַן אין עמער, און צוליב זײַן שווער געוויכט איז דער אַנדערער עמער, דער אונטערשטער פֿון ברונעם, אַרויף פֿון אונטן. האָט דער וואָלף געפֿרעגט דעם פֿוקס: „פֿאַרוואָס ביסטו אַהין אַרײַן?" האָט דער פֿוקס געזאָגט: „פֿאַראַן דאָ פֿלייש און קעז. דו זעסט דאָ די לעוואָנע? דאָס איז אַ קײַלעכדיק שטיק קעז". זאָגט דער וואָלף: „וויאַזוי קאָן איך קומען אַהין?"

זאָגט דער פוקס: „זעץ זיך אַרײַן אין אייבערשטן עמער". איז דער וואָלף אַרײַן אין עמער, און דער אונטערשטער עמער מיטן פוקס איז אַרופגעקומען.

איז דאָס א יושער, אַז מיר זאָלן פאַרמאָגן קאַלטוו און אונדזער שאָכן זאָל לעבן אין אָרעמ־קײַט? לאָמיר אופבויען שיינע דירעס פאַרן שאָכן, לאָמיר אים צודעקן מיט אונדזער וואָל, און לאָמיר אויספלאָסטערן פאַר אים נײַע וועגן. זאָגט מיר ניט, אַז דער וואָלף האָט פאַרגאָסן אונ־דזער בלוט. פאַרוואָס זאָלן מיר זאָרגן פאַר אים? שלוימע־האַמעלעך האָט שוין לאַנג געשריבן: צוליב ברויט זינדיקט א מענטש, און מע דאַרף אָפּבּרעקלען ברויט פאַרן הונגעריקן.

א פּערטע שאָף האָט אויך גענומען א וואָרט:

— איך האָב גאָרניט וואָס צוצוגעבן צו מײַן כאַווערס רייד: מיר לעבן זיך, באַרעכהאַשעם, אין וווילטיק און מיר רופן דערמיט אַרויס די קינע פון אונדזערע שכיינים. דער אַלטער פּאַס־טעך יאַנקעוו האָט אַמאָל אָנגעזאָגט זײַנע זין: „באַווײַזט זיך ניט מיט אײַער זאַטקײַט פאַר יישמאָעלן, ווײַל ער אײַך ניט מעקאַנע זײַן". א גרויסן טאָעס האָט יאַנקעוו געמאַכט. ער האָט גערדאַרפט זאָגן: אײַער ברודער יויסעף איז א רײַכער מאַן. מעג ער אָוועקגעבן א ביסל פון זײַן האָב־און־גוטס פאַר יישמאָעלן.

און איין שאָף איז דאָרט געווען. זי איז אַנטלאָפן פון איר סטאַדע, ווײַל די וועלף האָבן די סטאַדע פאַרצוקט, און זי האָט זיך קוים געראַטעוועט. האָט די אַנטרונענע שאָף געבעטן א וואָרט און געזאָגט צו דער שאָף, וואָס האָט גערעדט פאַר איר:

— וווּיל דיר, שאָף, וואָס דו ביסט שוואַך אָף דער וועלפישער איוורע און ביסט דערפאַר ניט געגאַנגען זיך איבערבעטן מיטן וואָלף. וואָלסטו געגאַנגען צו אים, וואָלט שוין קיין גאַנץ ביינדעלע ניט געבליבן פון דיר...

זײַנען די שאָף געזעסן און געזעסן אין לאַנג באַטראַכט די פּאַרשע מיטן וואָלף. זיי האָבן געזאָגט: וואָס זאָלן מיר טאָן? גיין צום וואָלף קאָנען מיר ניט. ער וועט אונדז אָוודע פאַרצוקן צוליב דעם פּאָסעק פון יעשײַען; זיצן רויק און גאָרניט טאָן איז אויך ניט קיין אייסעק. לאָמיר דערוויַיל רעדן צו אַלע שאָף און זיי זאָגן: דערוויַיל, ברידער, דאַרף מען זען טאָן אַלץ צו פאַר־האַלטן דאָס פּורעניעס, אַז דער וואָלף זאָל ניט אײַנוואַרפן דעם פּלויט, און מאָרגן וועלן מיר אויסקלײַבן עטלעכע פּאַרטיידיקער, וואָס זאָלן גיין פאַר אונדז צום וואָלף.

פון העברעיִש — אוורעם ביק

דרײַ שוועסטער

דרײַ שוועסטער האָבן געוווינט אין א טונקעלער שטוב. זיי האָבן גענייט וועש פאַר פרעמדע. פון פרימאָרגן ביז האַלב־נאַכט, פון מאָצע־שאַבעס ביז ערעוו־שאַבעס פאַרנאַכט האָבן זיך ניט אָפּגערוקט פון זייערע פינגער שער־און־נאָדל, און דער זיפץ האָט זיך ניט אָפּגעטאָן פון זייערע הערצער. און אַז זיי האָבן פאַרדינט א שטיקל טרוקן ברויט, איז דאָס ניט געווען גענוג אף זאַט צו ווערן.

איינמאָל האָבן זיי זיך באַשטעטיקט מיט אויספּאַרטיקן א שיין העמד פאַר א רײַכער קאַלע. ווען זיי האָבן געענדיקט די מעלאָכע, האָבן זיי זיך דערמאָנט אין זייערע צאָרעס, אַז זיי פאַר־מאָגן גאָרנישט, כוץ די הויט אף זייער לײַב, וואָס ווערט שוין אויך אַלט און קראַנק.

און זייער האַרץ איז פול געוואָרן מיט צאַר.

האָט איינע אָפּגעזיפצט און געזאָגט:

— אַלע אונדזערע טעג זיצן מיר און האָרעווען פאַר פרעמדע. פאַר זיך האָבן מיר ניט אָפּגעשפּאָרט קיין שטיקל לײַוונט אף טאַכריכים.

האָט די צווייטע געזאָגט:

— מײַן שוועסטער, עפּן ניט קיין מויל פאַרן סאָטן. — און זי האָט א קרעכץ געטאָן און זיך באַגאָסן מיט טרערן.

די דריטע האָט אויך געוואָלט עפּעס זאָגן, און ווי נאָר זי האָט געעפנט ס׳מויל, האָט א שפּריץ געטאָן בלוט פון איר מויל און פאַרשמירט דאָס העמד.

און אַז זי האָט געבראַכט ס׳העמד צו דער קאַלע, איז דער גוויר אַרויס פון סאַלאָן. דערזען דעם פלעק, האָט ער זיך צעבייזערט אף דער נייטאָרן און זי אָוועקגעשיקט מיט זידלערײַ. מיר פאַרשפּאָרן צו דערציילן, אַז ער האָט איר ניט באַצאָלט פאַר דער אַרבעט.

אוי־אוי! ווען די צווייטע וואָלט געשפּיגן מיט בלוט, וואָלט די דריטע געוויינט, און מיר וואָלטן געקאָנט אויסוואַשן דאָס העמד מיט אירע טרערן. און דער גוויר וואָלט ניט געוואָרן אין קאַס. אָבער ניט אַלץ איז געמאַכט ריכטיק און צו דער צײַט, און אַפילו ווען אַלץ וואָלט יאָ געווען ריכטיק און צו דער צײַט, דאָס הייסט, ווען אַפילו די דריטע שוועסטער וואָלט געוויינט, נאָכדעם ווי די צווייטע האָט געשפּיגן מיט בלוט, וואָלט דאָס נאָך אַלץ געווען אַ קנאַפּע טרייסט.

פון העברעיִש — בעלא אונגער־ביק

שיקע דריז

בעסאָר=סוידעס

מײַן שענסטע ליד

אך, ווען מעקוײעם זאָל ווערן מײַן ווילן:
אָזערעס צוויי וואָלטן זײַן מײַנע ברילן.
א וואָלקן א בלויער וואָלט א העמד מיר געשיקט,
א העמד — אי פון זון, אי פון רעגן געשטריקט.

דער וואלד וואָלט א דעמבל געשענקט פאר א שטעקן —
שפאַן איך די וועלט אויס פון אלע פיר עקן.
איך גיי און איך גיי און דערזע א געצעלט,
זיצט דאָרט א טויב און זי ציטערט פאר קעלט.

צעהאַק איך מײַן שטעקן, האגאם ר׳איז מיר טײַער,
צעלייג אפן פריפעטשיק טייקעף א פײַער —
ווארעם זיך, טײַבל, רייכער זיך, קוימען!
דערזע איך א פעלד מיט פארדאָרבענע זוימען.

נעם איך מײַן העמדל, מײַן איינציק פארמעגן,
און דעק צו דאָס פעלד אי מיט זון, אי מיט רעגן.
גיי איך מיר ווײַטער דורך א דערפל א שטילן,
זע איך דאָרט קינדער אין טײַכל זיך שפּילן,

שיפעלעך שווימען אף מײַנע פאָר ברילן.
איז עפשער מעקוײעם געוואָרן מײַן ווילן?
ווען דאָס זאָל זײַן עמעס — אוי, ווי כ׳בין א ייִד —
דאָס וואָלט דאָך געווען מײַן שענסטע ליד!

דאָס אלטע פערד

שטייט זיך דאָס אלטע פערד מיטן קאָפּ
טיף געבויגן,
מאָגער, הויל ביין, די קנאָכן געבראָכן
פון עלטער.
די פעל — אויסגעריבן, צעײַטערט אינגאנצן.
כאָטש זומער — דאָס לעבן, עס פילט, ווערט
אלץ קעלטער.

עס ווילט זיך דעם פערד אין א לאַנקע
דערמאָנען,
דאָס פערדישע לעבן זיך א ביסל פארטײַטשן,
איז אָבער א פערד נאָר געגעבן געוואָרן
געדענקען דעם ברי פון דעם פוזשעלעס בײַטשן.

שטייט זיך דאָס פערד פארזונקען אין דרעמל
און זעט ניט דעם רימער, וואָס אף דער שוועל
פון שטאל ער האָט זיך באוויזן, און מעסט,
וויפל שלייעס
אים געבן עס קאָן דעם פערדס
אויסגעדייווערטע פעל...

די פידלערן

כ׳האָב זי געזוכט אין אלע קאנטן —
די פידלערן, וואָס האָט פאר אונדז געשפילט אפן פראָנט
אין עק וועלט האָב איך זי אויכעט געזוכט,
און געפינען זי בעשום־אויפן ניט געקאָנט.

אזוי וואָלט עס, ווײַזט אויס, פאַרבליבן,
און מײַן ליד וואָלט ניט געווען פאַרפאַסט.
נאָר אָט האָט אַ פרײַנט מיך באַגעגנט:
— דו ווייסט, דײַן פידלערן איז דאָ צוגאַסט!

דעם דאָזיקן טאָג וועל איך ביז טויט ניט פאַרגעסן.
די האַנט, וואָס האָט אונדז פאַרקישעפט מיט די איידלסטע קלאַנגען,
איז מער שוין ניט געווען, איז מער ניט געווען —
אַ ציצענער אַרבל אַף איר אָרט איז ליידיק געהאַנגען...

דער זיידע

— אַלטער זיידע, גראָוער לײַן,
וואָס ציט עס דיך אין וואַלד אַרײַן,
אָן אַ זעג און אָן אַ האַק,
אָן אַ שטיקל ברויט אין זאַק?

טיפע טײַכן שטראָמיק פליסן,
אַלע בריקן — אָופגעריסן,
אַלע שיפער — אומגעבראַכט,
און עס פאַלט שוין צו די נאַכט.

דײַטשן זײַנען דאָרט געגאַנגען,
דײַטשן האָבן דאָרט געהאַנגען
מענער, ווײַבער, יונג און אַלט —
און אַ באָכער — אַ בריליאַנט.

הייבט דער זיידע אויף דעם קאָפּ,
טוט אַף מיר אַ קוק קוים־קוים:
— נאַריש ייִנגל, גרינער זוים,
צוויי מאָל האַקט מען ניט דעם בוים...

די ליכט

די ליכט האָט געברענט,
און ניט נאָר געברענט.
די ליכט האָט געוויינט,
ווײַזט אויסעט
פון גליק,
וואָס מע האָט זי אָנגעצונדן —
און זי לויכט,
און זי שײַנט,
און זי וואַרעמט און זי ברענט...

זײַנען טרערן גערונען,
געטריפט און געגליווערט
און פאַרוואַנדלט געוואָרן
אין פּראַסטיקע קוויטן,
אין ביימלעך פון כיילעוו...

אינדערפרי האָט אַן אָרעמע קאַלע
פון די ביימעלעך כיילעוו
מיט וואַרעמע פינגער
אַ לעבעדיק צווײַגל געמאַכט
און צוגעניית צו איר קאַלע־שלייער...

באַם יאַם

ווען מיך האָט מען פאַרפּוצט אין אַ מאַנישקע מיט אַ שניפּס,
און זי, די קאַלע מײַנע, אין איר ווײַס־געפאַלדעוועטן קלייד,
האָט אין אונדזערע אויגן, — אַזוי דערציילט מען, —
געשײַנט און געלויכטן אַ יאַם מיט פרייד.

ווען די מעשענע טאַץ און די הילצערנע פּלייט
האָבן אונדז פון דער כופּע געפירט צוריק,
האָט אין אונדזערע אויגן, — אַזוי דערציילט מען, —
געשײַנט און געלויכטן אַ יאַם מיט גליק.

און שפּעטער מיט יאָרן, ווען איך און מײַן ווײַב
האָבן אַרויסבאַגלייט אונדזער קינד פונעם טויער,
האָבן מענטשן אין אונדזערע אויגן געזען — אַזוי דערציילט מען, —
אַ יאַם מיט טרויער.

זיץ איך באַם יאַם און איך וואַרט אַף א בריוו —
א טאַטע פון קינדער און א זיידע א גרויער...
איין אויסגעמיש איז די בלויע טיף:
א יאַם מיט פרייד,
א יאַם מיט גליק
און א יאַם מיט טרויער!

ווײַל פונקט ווי מיר, איך און מײַן ווײַב,
זײַנען פון אונדזער ליבע צום קינד פאַרבלענדט,
דער יאַם האַלט אין איין וויגן א שטיין מיט די כוואַליעס,
ווי מיר אונדזער קינד אַף אונדזערע הענט!

מײַנע לײַכטער

אָוונטצײַט האָב איך זיך דערוווּסט א נײַס,
אײַנגערוימט אין אויער מ'האָט מיר,
אַז אָט אַזוי און אַזוי איז געשען און האָט
פּאַסירט...
און איך האָב שוין אײַנשלאָפן ניט געקאָנט.
האָב איך שיך און זאָקן אָנגעטאָן
און קעגניבער צום האַרץ מײַנעם אָנגעקלאַפּט
אין די לאָדן:
— זאָג מיר נאָר, — האָב איך עס געפרעגט, —
ס'איז עמעס דאָס, וואָס מע רעדט אַף יעדן
ראָג און ליק,
קלוימערשט האָסט א פרײַנט צו זיך פאַרבעטן
און ער האָט דיך באַגאַנוועט,
צוגערויבט דײַנע לעצטע פּאָר לײַכטער?
— עמעס, — האָט מײַן האַרץ מיר
געענטפערט, —
כ'האָב זיך געמאַכט ניט הערנדיק,
ער דאַרף זיי בילכער, ווי איך:
נעכטן איז, נעבעך, באַ אים זײַן לעצטע
האָפענונג געשטאָרבן!

אַד־מאָסײַ

געלעבט האָט א מײַסטער
מיט יאָרן צוריק,
מײַסטערעווען פידלען
געווען איז זײַן גליק.

געוואָלט האָט דער מײַסטער
סאָד־סוידעס אַנטפּלעקן,
וואָס ליגן באַהאַלטן
אין פידלשע דעקן.

דער פידל זאָל לאַכן,
דער פידל זאָל קלאָגן —
א קאָל פון א מענטשן
זײַן שטים זאָל פאַרמאָגן.

א שטילקײַט אַזאַ
מע זאָל קאָנען דערהערן,
ווי ס'פאַלט פונעם הימל
א ליכטיקער שטערן.

אַזאַ מין־אָ פידל —
זײַן זויבערסטן טרוים —
געזוכט האָט דער מײַסטער
אין האַרץ פון א בוים.

— — — — — — — — — —

אַזוי מע דערציילט
פון דעם מײַסטער דעם אַלטן,
וואָס האָט אָפּן האַרצן
זײַן פידל באַהאַלטן.

בלוט צו בלוט,
און אייוועך צו אייוועך —
מע האָט זיי אײַנצווייען
געטריבן צום קייווער.

דער פידל צערײַסט אים
דאָס האַרץ אַף שטיקלעך —
אָט הערט ער געוואַלדן
פון קינדער און ליקלעך.

אָט הערט ער די זקיינים,
פון יאָרן געהויקערט,
וואָס פלעגן אים וועקן
לאַאוווידעס האַבויקער.

און ס'דאַכט אים,
זײַן פידל זײַן בלאַנקער
טײַנעט צו גאָט
פון יִיצכאָק און יאַנקעוו:

„אַד־מאָסײַ, אַד־מאָסײַ!“ —
די אייביקע טײַנע גערעכטע!

זיסל מיטן פיסל

— דווירע־לעבן, —
זאָגט מײַן שכיינע, —
כ׳זאָל אזוי נאָך
הייסן קריינע,

דינגט א פורל
טייקעף, באַלד,
ברענגט א דאָקטער
כאָטש מיט גוואַלד;

אָדער פאָלגט
א מענטש א נאַר,
קויפט א פלעשל
שפּיגינאַר,

ווײַל איך זע,
אז אײַער זיסל
הינקט הײַנט אונטער
אַף א פיסל.

דינגט א פורל
טייקעף, באַלד,
ברענגט א דאָקטער
כאָטש מיט גוואַלד.

אָדער פאָלגט
א מענטש א נאַר,
רופט דעם היגן
וועטערנאַר,

ווײַל איך זע,
אז אײַער זיסל
הינקט הײַנט אונטער
אַף א פיסל.

— דווירע־לעבן, —
זאָגט דער שוסטער,
אונדזער כאָכעם
דער באַוווּסטער, —

— דווירע־לעבן, —
זאָגט מײַן שאָכן, —
כ׳זאָל אזוי
נאָך הייסן נאָכעם,

אוי, א ווייטעק,
אוי, א בראָך,
כ׳האָב געלאָזט
אין שוד א צוויאָק.

ניגנדל

גיס מיר אָן, מײַן טײַערע,
א בעכערל מיט ווײַן.
לעכאַים וועל איך טרינקען —
געזונט זאָלסטו מיר זײַן!

געהערט האָב איך דערציילן,
אז אין ווײַן אין קאַלטן
האָט אליין דער זיידע
א ניגנדל באַהאַלטן.

גיס מיר אָן, מײַן טײַערע,
א קעלישעק מיט יאַין —
פאַר אַלע מײַנע טײַערע
אויסטרינקען לעכאַים.

געהערט האָב איך דערציילן,
עס איז ניט קיין ליגן,
אז אין צווייטן בעכערל
ליגט דעם זיידנס ניגן.

גיס מיר אָן, מײַן טײַערע,
א בעכער נאָך א נײַעם,
און לאָמיר פאַר דעם ניגנדל
אויסטרינקען לעכאַים.

געהערט האָב איך דערציילן,
אז אין לעצטן טראָפּן ווײַן,
אינעם דריטן בעכערל,
דאָס ניגנדל דאַרף זײַן.

א לידעלע

ליב האָב איך א שטיקל ליים
קנעטן מיט די פינגער
און דערבײַ זיך אונטערבאַמקען,
כאָטש איך בין קיין זינגער.

ליב האָב איך מיר שטילערהייט
דאָס לעבן מײַנס באַקלערן
און דעם פאַסטעכס פײַפעלע
פון טאָל און וואַלד צו הערן.

ליב האָב איך דאָס שוועלבעלע,
וואָס בויט פון ליים די נעסטן.
ווי זשע קאָן איך, פרעג איך אײַך,
מײַן כאַטקעלע פאַרגעסן?

אוי! אוי! מײַן כאַטקעלע,
ליבע דאָלעדאַמעס,
אוי! אוי! רויטע ליים —
מײַן שטיבעלע מײַן מאַמעס.

באם סאמע דניעפער

אף פאדאל באם סאמע דניעפער
בענקט א מאמע נאך איר זון,
ליבער כאווער, פארסט קיין קיעוו,
קלאפ איר דארט אין פענצטער אן.

זאג איר גארניט. וואס איז ווערטער?
מאך פאמעלעך צו די טיר,
עס און טרינק מיין וועטשערע,
וואס אנגעגרייט פאר מיר.

שפאר זיך צו אף מיינע קישנס,
לעש ניט אויס די קארגע שיין,
און מיט מיינע אויגן, כאווער,
קוק זיך אין איר פאנעם איין.

פון יעדער רינוועלע, פון יעדער קנייטשל
וועט רינען לויטערקייט, וועט שיינען גליק.
זאל זי מיינען, כ'בין געקומען
מיט דרייסיק יאר צוריק.

שוין אנגעזונגען זיך מיט לידער,
בא אלע פארהענגלעך געוועזן,
שוין אויסגעמאסטן אלע שטעגן.
און ניט נאר איין מאל, א מאל צען.

פון גליק א מידער קוים איך פאל ניט,
מיט שיין לעוואניקער באצירט,
שוין אלע מיידלעך צו די גאנעקעס,
צו די טרעפ שוין אפגעפירט.

שוין אלע שטערן אויסגעטרונקען,
ניטא קיין פונק, ניטא קיין בליק,
און נאר מיין מאמע דאס אויג פארמאכט ניט —
העכער דרייסיק יאר צוריק.

זאג איר גארניט. וואס איז ווערטער?
גיב קיין גרושן איר ניט אפ.
כ'בין פאר איר ביז היינט געבליבן
א נאריש קינד מיט א גראוון קאפ.

— — — — — — — — — — — — — — —

וויאזוי די קרא איז געווארן שווארץ

אמאל, אמאל איז א מייסע געשען,
די קרא איז נאך דעמלט א ווייסע געווען.

די נאכט ניט אזא, ווי מיר זעען אצינד —
פליסיק און שווארץ, ווי א טינטערל טינט.

האבן פייגל באשטימט: מיט די פריילעכע פלייטן
באגעגענען טאג און פארנאכט באגלייטן.

נאר די קרא, ווי עפעס א צארע, א גזאר,
פלעגט שפאלטן דעם מויעך: קאר, קאר, קאר.

זיינען פייגל געווען אף דער קרא אופגעבראכט
און דערטרינקען געוואלט זי אין פליסיקער נאכט.

מע זאגט: אלפי־נעס איז זי ניצל געווארן,
נאר פארבליבן א שווארצע אף אייביקע יארן.

די ליד פון א באנדער

ווען איר זאגט מיר צו
א האלבע וועלט,
א בארג מיט גאלד,
א שטאט מיט געלט,

כ'זאל פאלגן און ווארפן
מיין באנדעריי,
נעם איך ניט, כ'לעבן,
סייוויסיי.

שטעלט אייך פאר,
אז אינמיטנדרינען
ווערן די באנדערס
אינגאנצן אנטרינען.

מע קריגט ניט קיין פעסל
פאר טויזנטער רענדלעך,
קומט אויסעט צו זייערן
קרויט אין די פענדלעך.

ניין! וויפל איר ווילט אייך
קאנט איר זיך דרייען,
שווער אן א באנדער
דער וועלט זיך באגייען.

דאס לעבן אליין
האט דעם באנדער געבענטשט,
ווייל א מענטש אן א קלעפקע
איז ביכלאל ניט קיין מענטש.

ב. א. ברעסלאוו

דערינערונגען וועגן לענינען

מיט א צײַט צוריק איז מיר אויסגעקומען זיך גריבלען אין זשורנאלן פון די צוואַנציקער — דרײַסיקער יאָרן. אין איינעם פון זיי האָב איך זיך אָנגעשטויסן אָף ב. א. ברעסלאַווס דערינערונגען וועגן לענינען, וועלכע זײַנען פון דעמלט אָן אין ערגעץ ניט איבערגעדרוקט געוואָרן. אין די דאָזיקע דערינערונגען, — מיר ברענגען זיי געקירצט, — זײַנען פאראן אייניקע עפּיזאָדן, וועלכע דערגאנצן דאָס בילד פון לענינס לעבן אין פּאריזשער עמיגראציע אין די יאָרן 1909—1911.

בער ברעסלאַוו איז געבוירן אין 1882 יאָר אין א מישפּאָכע פון אן ערדגרעבער אינעם שטעטל מיכולינאָ, אָרשער אויעזד. נאָך אין זײַן פריִער יוגנט שליסט ער זיך אָן אין דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. צו 19 יאָר ווערט ער ארעסטירט און פארמישפּעט אף דרײַ יאָר פארשיקונג.

אין 1904 יאָר ווערט ברעסלאַוו ווידער פארמישפּעט אף פארשיקונג, נאָר אינגיכן גיט זיך אים אײַן צו אנטלויפן, און די פּארטיי שיקט אים אף ארבעט קיין ניקאָלײַעוו, וווּ ער, אלס מיטגליד פון דעם באָלשעוויסטישן אונטערערדישן קאָמיטעט, אָרגאניזירט אין שטאָט א שטרײַק אין די טעג, ווען עס איז פאָרגעקומען דער אופשטאנד אף דער שיף „פּאָטיאָמקין“.

אין די יאָרן 1909—1911 האָט ברעסלאַוו געלעבט אין פּאריזש און זיך אָפט געזען מיט וולאדימיר איליטש לענינען.

שפּעטער פאָרט ער, לויט לענינס אופטראָג, צוזאמען מיט סערגאָ אָרדזשאָניקידזען און סעמיאָן שווארצן קיין רוסלאנד, קעדיי צוגרייטן די אלרוסלענדישע פּארטיי־קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען, ווי עס איז באוווּסט, אין פּראָג אין 1912.

אין אָקטיאבער 1911 איז ברעסלאַוו פארמישפּעט געוואָרן אף זעקס יאָר קאטאָרגע. פון טפיסע איז ער ארויס שוין אין דער צײַט פון דער פעווראל־רעוואָליוציע.

ל. גורוויטש

באגעגענישן אין דער עמיגראציע

נאָך צוויי יאָר זײַן אין די ניקאָלײַעווער ראָטעס פון דער פּערמער גובערניע, וווּ דער רעזשים פון דעם באוווּסטן וויסאָצקי האָט אונדז זיך אויסגעמאָלט ווי א גאנײדן אין פארגלײַך מיטן רעזשים פון דעם פריִערדיקן טורמע־שעף יוגורטין, בין איך סאָפּקאָלסאָף פארשיקט געוואָרן.

אפן וועג צו דער פארשיקונג (אין טאָבאָלסקער גובערניע) האָט זיך מיר אײַנגעגעבן צו אנטלויפן און מיט גרויסע שוועריקײַטן זיך דערקלײַבן קיין פּאריזש, וווּ אין יענע יאָרן האָבן זיך קאָנצענטרירט אונדזער עמיגראציע און די צענטערס פון אונדזער פּארטיי.

...לענין האָט פארשטאנען אלע שוועריקײַטן פון דער רעאקציע־עפּאָכע, נאָר ער איז געווען פול מיט מוט. זײַן רויִקײַט און מוטיקײַט האָט אָנגעשטעקט אלעמען.

ניט קיין גרויסע גרופּע ארבעטער־באָלשעוויקעס, וואָס האָט זיך געפונען אין עמיגראציע, האָט אָנגעהויבן שמועסן וועגן דעם, אז ס׳איז ניטאָ צוליב וואָס צו זיצן אין אויסלאנד, אז מע דארף זיך אומקערן קיין רוסלאנד אף אונטערערדישער פּארטייִשער ארבעט.

ווען איליטש האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, האָט ער אונדז פאָרגעלייגט אָרגאניזירן א קרײַז, מיט וועלכן ער וועט אָנפירן.

די לימודים פונעם קרײַז זײַנען פאָרגעקומען אין איינעם פון די צימערלעך פון די באָלשעוויסטישע „נאָטשלעזשקעס“ דרײַ־פיר מאָל א כוידעש. אייניקע לימודים זײַנען געווידמעט

געווען דער אגראר־פראגע, אנדערע — דער פילאָסאָפיע פון מארקסיזם. איליטש האָט אָפּט ציטירט אייניקע קאפּיטלען פון זײַן בוך „קריטיק פון עמפּיריאָקריטיציזם"[1], וואָס איז דעמלט נאָך ניט דערשינען (ער האָט זיך באנוצט מיט א קאָפּיע פון זײַן מאנוסקריפּט). מיר זײַנען געווען צווישן דער קליינער צאָל מענטשן, וועלכע זײַנען טיילווײַז באקאנט געווען מיטן אינהאלט פון דעם דאָזיקן בוך, נאָך איידער ער איז דערשינען.

וו. אי. לענין לערנט מיט די ייִדישע ארבעטער פון פאריזש

אין סאמע צענטער שטאָט, אינגאנצן פיר־פינף מינוט גאנג פון דעם פאריזשער מוניציפּאַליטעט, געפינט זיך די גאס ראָזיע, ארום וועלכער עס שלענגלען זיך שמאָלע און קויטיקע געסלעך. אין די דאָזיקע געסלעך האָבן זיך באזעצט די אָרעמע ייִדישע עמיגראנטן פון צארישן רוסלאנד — פון דעם געוועזענעם טכום־האמוישעוו, פון דעם רוסישן פוילן און ליטע.

די נאציאָנאלע פארפאָלגונגען און די אונטערדריקונג, די ייִדישע פּאָגראָמען, וועלכע האָבן זיך דורכגעקײַקלט נאָכן 1905 יאָר, דער ווילקיר פון דער פּאָליציייִשער רעאקציע האָבן פארשטארקט די ייִדישע עמיגראציע אין יענע יאָרן, געענדערט איר כאראקטער און באזונדערס איר באשטאנד. אויב ביז דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר האָבן אמערסטן עמיגרירט יונגע פּאָרלעך, באלמעלאָכעס, וועלכע האָבן אין זינען געהאט זיך באנוצן מיט דער גלײַכבארעכטיקונג פון בירגער און זיך פארנעמען מיט זייערע מעלאָכעס, האנדל, איז די ייִדישע עמיגראציע נאָכן 1905 יאָר אָף 90 פּראָצענט באשטאנען פון ייִדישער פּראָלעטארישער יוגנט — שוסטער, שנײַדער, קירזשנער, בערשטלמאכער, וואָס האָבן אזוי אָדער אנדערש אָנטיילגענומען אין דער ארבעטער־באוועגונג אין די יאָרן 1905—1907. אזויארום איז צוגלײַך מיט דער קאָלאָניע פון פּאָליטישע עמיגראנטן אין צענטער פון פאריזש געווען אויך אַן אנדערע, א גאנץ גרויסע ייִדישע עמיגראציע פון רוסלאנד. אָט די ייִדישע פּראָלעטארישע יוגנט, ניט זײַענדיק אָרגאניזאציאָנעל פארבונדן מיט דער פּאָליטישער עמיגראציע, האָט זיך דאָך אליין באטראכט ווי א טייל אירער. געלעבט האָבן די ייִדישע עמיגראנטן אָפּגעזונדערט, און ווײַל זיי האָבן ניט באהערשט די שפּראך פונעם לאנד, האָבן זיי געבידעוועט און זײַנען געווען אָפּגעריסן פון דעם אייגנארטיקן פּאָליטישן לעבן אין דער קאָלאָניע פון דער עמיגראציע. שפּעטער האָבן מיר, א גרופּע סאָציאָל־דעמאָקראטן (לאָזאָווסקי, אנטאָנאָוו־אָווסייענקאָ, מאניצקי, ברעסלאוו און אנדערע) געפּרוּווט ארײַנציִען דעם דאָזיקן טייל פון דער רוסישער עמיגראציע אין דעם געזעלשאפטלעכן און פּאָליטישן לעבן דורך שאפן רוסישע פּראָפעסיאָנעלע סעקציעס בא די פראנצויזישע סינדיקאטן (פּראָפעסיאָנעלע פארייגען).

איין צײַט האָב איך געארבעט אָף א שוך־פאבריק, ניט ווײַט פון דער גאס ראָזיע — דעם קווארטאל פון דער ייִדישער אָרעמשאפט. אין איינעם א שמועס מיט איליטשן האָב איך אים דערציילט וועגן די ייִדישע ארבעטער, וועגן דעם, אז זיי זײַנען אָפּגעריסן פון רוסלאנד און פון דעם פּאָליטישן לעבן אין פראנקרײַך.

— צי איז ניט מעגלעך אָרגאניזירן סיסטעמאטישע לימודים פאר זיי? — האָט וולאדימיר איליטש געפרעגט. — עפּשער קאָן מען אָפּדינגען אָף באזונדערע אָוונטן א לאָקאל אין יענעם ראיאָן?

ווען איך האָב געזאָגט, אז דאָס איז מעגלעך, האָט לענין מיך געבעטן, איך זאָל דאָס ניט אָפּלייגן און אין די נאָענטסטע טעג אָרגאניזירן די ערשטע לעקציע פאר די ארבעטער פונעם ייִדישן קווארטאל.

און אָט, אין איינעם א טאָג, אין א שמאָל געסל פון דעם ייִדישן קווארטאל, אין א קליינינקער ארבעטער־קאפע, האָט לענין געלייענט זײַן ערשטע לעקציע. עס זײַנען געקומען א סאך ארבעטער. מיט גרויס אופמערקזאמקײַט האָט מען געהערט וולאדימיר איליטשן. אָן א שיר פראגן זײַנען געשטעלט געוואָרן, און לענין האָט אויספירלעך און מיט גרויס כיישעק געענטפערט אָף זיי. איליטש איז געבליבן צופרידן. ווען די לעקציע האָט זיך פארענדיקט, איז גלײַך אָנגעמערקט געוואָרן די צײַט פון דעם קומענדיקן לימעד.

---

[1] דער אווטאָר האָט אין זינען לענינס בוך „מאטעריאַליזם און עמפּיריאָקריטיציזם", וואָס איז צום ערשטן מאָל דערשינען אין 1909 יאָר.

אַזוי זײַנען פֿאַרגעקומען די לימודים אַ כאַדאָשים צוויי־דרײַ. נאָך יעדער לעקציע איז די צאָל פֿון די צוהערער געוואָרן גרעסער, און די קאָפּע האָט שוין ניט געקאָנט אַרײַננעמען אַלע, וואָס האָבן געוואָלט קומען. אינגיכן האָבן אויף די פֿאַרזאַמלונגען זיך אָנגעהויבן באַווײַזן פֿאַר־שטייער פֿון די אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן, ווי־ס איז אויס, געהאַט אַ האַספּאָע אויף די ייִדישע באַל־מעלאָכעס.

פֿון אָנפֿאַנג האָבן די אַנאַרכיסטן זיך געפֿירט מער־ווייניקער אָנשטענדיק, זיי האָבן גענומען אַ וואָרט, אַרויסגעטראָטן מיט דערווידערונגען קעגן לענינען. אין זײַן שלוס־וואָרט פֿלעגט לענין זיי מאַמעש „אויסשמײַסן“.

איך געדענק, אַז לענינס טעזיס וועגן דעם, אַז די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד איז אין די יאָרן 1905—1907 געגאַנגען אונטערן לאָזונג פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אַז די אַנאַרכיסטן האָבן ניט געהאַט קיין שום ווירקונג אויף דער מאַסן־באַוועגונג, — האָט אַרויסגערופֿן בײַ די אַנאַרכיסטן אַ דערווידערונג. זיי האָבן געטײַנעט, אַז דער אַנאַרכיזם אין רוסלאַנד איז אויפֿגעקומען שפּעטער פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע; אַז ער, דער אַנאַרכיזם, האָט זיך באַוויזן אין 1905—1906 און דערפֿאַר האָט ער ניט געקאָנט האָבן אַזאַ ווירקונג אויף דער באַוועגונג פֿון 1905, ווי עס האָט געהאַט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע; שפּעטער אָבער וועלן די אַרבעטער אָן שום צווייפֿל גיין נאָך די אַנאַרכיסטן.

אין זײַן שלוס־וואָרט האָט לענין געזאָגט, אַז די דאָזיקע דערווידערונג איז אַ סימן פֿון ניט וויסן די געשיכטע פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד. דער אַנאַרכיזם אין רוסלאַנד איז אויפֿגעקומען אַ סך פֿריִער, איידער עס האָט זיך באַוויזן דער מאַרקסיזם; באַקונין, קראָפּאָטקין און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע טוער פֿון רוסלאַנד פֿון די 60—70־ער יאָרן זײַנען געווען טעאָרעטיקער פֿון אַנאַרכיזם אָדער נאָענטע צו אַנאַרכיזם, אין דער צײַט, ווען דער מאַר־קסיזם האָט זיך באַוויזן אַ סך שפּעטער. דאָס באַטײַט, אַז די סיבעס פֿון דעם, וואָס דער אַנאַר־כיזם האָט ניט געהאַט קיין ווירקונג אויף דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פֿון 1905 יאָר, דאַרף מען זוכן אין זײַן קלאַסן־טאָך.

אַזעלכע ענטפֿערס לענינס האָבן געבראַכט צו דעם, אַז די אַנאַרכיסטן האָבן אָנגעהויבן שטערן די לימודים: זיי האָבן געטומלט, איבערגעריסן דעם לעקטאָר אַדג. לענין האָט איינמאָל זיי געמאָלדן, אַז מיר שרעקן זיך ניט פֿאַר קיין דיסקוסיעס און זײַנען שטענדיק גרייט אויף אַלץ צו ענטפֿערן, נאָר אויב מע וועט אונדז שטערן, וועט אויסקומען פֿירן פֿאַרמאַכטע לעקציעס, אויף וועלכע עס וועלן אַרײַנגעלאָזט ווערן בלויז די, וואָס ווילן לערנען. צו יענער צײַט איז שוין געווען אַ גרויסע צאָל ייִדישע אַרבעטער, וואָס האָבן רעגולער באַזוכט די לעקציעס.

ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס קיינער פֿון די עמיגראַנטן, אויסער לענינען, אַפֿילו די בונ־דאָווצעס (וואָס האָבן געהאַלטן, אַז פֿירן אַן אַרבעט צווישן די ייִדישע אַרבעטער איז זייער מאַ־נאָפּאָל) האָבן קיינמאָל קיין טראַכט ניט געטאָן וועגן זיך פֿאַרנעמען מיט די דאָזיקע אַרבעטער. בײַ לענינען אָבער האָט דערויף זיך געפֿונען צײַט און אויפֿמערקזאַמקייט.

די ערשטע הויכשול פֿון מאַרקסיזם אונטער דער אָנפֿירונג פֿון וו. אי. לענין

18 קילאָמעטער פֿון פּאַריז געפֿינט זיך דער פֿראַנצויזישער ייִשעוו לאָנזשומאָ. דאָס דאָ־זיקע האַלב־דאָרף, האַלב־שטעטל איז אַזוי קליין, אַז קיין קוווער־גאַסן זײַנען דאָרט ניטאָ. די איינ־ציקע הויפּט־גאַס גייט דורך פֿון איין עק ייִשעוו ביזן צווייטן און צעטיילט אים אויף צוויי גלײַכע טיילן.

אין די אַלטע אײַנגעהויקערטע שטיבלעך, פֿון ביידע עקן לאָנזשומאָ, וווינט די אָרעמ־שאַפֿט. אין צענטער שטייען גוטע נײַע געבײַדעס, ניט קיין שלעכטע קראָמען און קלייטלעך; דאָ וווינט די פֿאַרמעגלעכע באַפֿעלקערונג. אין צענטער געפֿינט זיך אויך די איינציקע געזעל־שאַפֿטלעכע געבײַדע — די אָרטיקע זעלבסטפֿאַרוואַלטונג — די מעריע. די מאַכט איז דאָ פֿאַר־געשטעלט דורך אַן אויסגעווײלטן מער, קיין איין פּאָליציימאַן איז אין לאָנזשומאָ קיינמאָל ניט געווען.

...אין דעם דאָזיקן שטעטל האָט פֿרילינג 1911 אונדזער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַר־טיי, ריכטיקער דער אָנפֿירנדיקער צענטער פֿון דער באָלשעוויסטישער פֿראַקציע בעראָש מיט לענינען, אָרגאַניזירט די ערשטע הויכשול פֿון רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם פֿאַר ניט קיין גרוי־סער צאָל פֿאַרגעשריטענע אַרבעטער פֿון אונדזערע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס אין די גרויסע פּראָלעטאַרישע און אינדוסטריעלע צענטערן.

כאַטש אין קאָמיטעט אַף צו אָרגאַניזירן די שול זײַנען אַרײַן צוויי באָלשעוויקעס, צוויי מענשעוויקעס, צוויי פון דער גרופּע „וּפּעריאָד“, איינער פון בונד, איינער פון פּ. ס.־ד.[1] און איינער פון דער לעטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, דאָך איז די שול פּאַקטיש געשאַפן און געפירט געוואָרן פון די באָלשעוויקעס, פּערזענלעך פון לענינען, אונטער זײַן דירעקטער אָנפירונג. די אײַנגעלאַדענע לעקטאָרס, די מענשעוויקעס מאַרטאָוו און דאַן, האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן אין דער שול. די שול און וולאַדימיר איליטשס שילער האָבן דערפון גאָרנישט ניט אָנגעוואָרן. מיר האָבן אָפּגעדונגען אַפן גאַנצן זומערדיקן סעזאָן אַ קליין אַלט שטיבל — דאָס דריטע צי דאָס פערטע פון עק יִישעוו, אויב מע זאָל אַרײַנפאָרן פון דער לינקער זײַט, פון פּאַריזש. אין אָט דעם שטיבל איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער צענטער פון אונדזער ערשטן פּאַרטיי־אוניווערסיטעט.

אונטן, אין קיך און אין קליינעם קאָרידאָרל, האָבן מיר אײַנגעאָרדנט אַ גאָרקיך, אַ „קאָמונע“. די כאַוועדטע „קאַטיאַ“ (מאַזאָנאָווא) האָט געקאָכט מיטיק און וועטשערעס. טאַקע דאָ האָט זי געוווינט מיט אירע צוויי קינדער. אַפן צווייטן שטאָק האָט אין אַ קליין צימערל געוווינט די כאַווערטע אינעסאַ אַרמאַנד מיט איר 12־יאָריקן זון אַנדריושע. אונטערן סאַמע דאַך, אין צוויי פּיצעלעך צימערלעך — דרײַ שילער: אָרדזשאָניקידזע, שוואַרץ, ברעסלאַוו. אין הויף, אין איינעם פון די קעמערלעך, האָט געוווינט „וואַסילי“ (איקריאַניסטאָוו), וועמען עס האָט געשיקט אין שול די איוואַנאָווא־וואָזניעסענסקער אָרגאַניזאַציע (ער האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן פאַר אַ פּראָוואָקאַטאָר).

וולאַדימיר איליטש, נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ קרופּסקאַיאַ און איר מוטער האָבן זיך באַזעצט אין צווייטן עק שטעטל, אין אַ קוואַרטיר פון צוויי קליינע, נאַסע און פינצטערע צימערלעך, אין וועלכע ס׳איז קימאַט קיין מעבל ניט געווען. דאָס שטיבל האָט געהערט צו אַ היגן אַרבעטער פונעם לעדער־זאַוואָד.

דער פאַרקער מיט פּאַריזש איז געווען אַ שווערער. דער דאַמף־טראַמוויי און די צוגן זײַנען זעלטן געגאַנגען און אָפּגענומען אַ סאַך צײַט, דעריבער זײַנען מיר בעסער געפאָרן, ווען עס איז נייטיק געווען, אַף וועלאָסיפּעדן.

נאָך די לימודים אָדער אין די אינדערפרײַעדיקע שאָען, ווען איליטש האָט געהאַט דרינגענדיקע איניאָנים, פלעגט ער אַף אַ וועלאָסיפּעד זיך לאָזן קיין פּאַריזש.

איליטש און נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ האָבן זיך געשפּײַזט מיט אונדז צוזאַמען אין דער „קאָמונע“.

אין הויף פון אונדזער „צענטער“ איז געשטאַנען ניט קיין גרויסע הילצערנע געבײַדע. מיט דער טויבער וואַנט איז זי אַרויסגעגאַנגען צום באַלעבאָס׳ גאָרטן און מיט דער אָנגעגלאָזטער — אין הויף אַרײַן. פרײַער איז דאָרט געווען, ווי מע האָט אונדז געזאָגט, אַ סטאָליער־וואַרשטאַט. אונטער דער אָנפירונג פון אינעסאַ אַרמאַנד האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ מין „שאַבעסניק“ און אויפגעראַמט דעם וואַרשטאַט. פון ברעטער האָבן מיר צונויפגעקלאַפּט אַן אימפּראָוויזירטן לאַנגן טיש, געבראַכט עטלעכע שטובּיקע בענקלעך און טאַבורעטן און פאַרוואַנדלט דעם וואַרשטאַט אין אַן אַאודיטאָריע פאַר אונדזער ערשטער פּאַרטייִשער הויכשול, אין וועלכער וו. אי. לענין האָט געלייענט זײַנע לעקציעס פאַר אַ צענדליק אַרבעטער, וואָס זײַנען געקומען פון רוסלאַנד, פון דער אונטערערד, און פאַר דרײַ־פיר אַרבעטער, וואָס האָבן געלעבט אין עמיגראַציע (זיי זײַנען אַרײַנגעטראָטן אין שול מיטן באַדינג, אַז נאָכן פאַרענדיקן דעם קורס וועלן זיי אַוועקפאָרן קיין רוסלאַנד אַף אונטערערדישער אַרבעט).

...וולאַדימיר איליטשס לעקציעס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער קורצקײַט, פּראָסטקײַט און אויסערגעוויינלעכער קלאָרקײַט. מיט גרויס מײַסטערשאַפט האָט ער אונדז אויפגעקלערט די סאַמע אַבסטראַקטע באַגריפן פון פּאָליטעקאָנאָמיע און פילאָסאָפיע אין אַ צוגענגלעכער פאַר אונדז פאָרם. אומבאַמערקט האָט ער אונדזער פאַרשטאַנד, אונדזער באַנעמען געוויינלעכע פאַקטן און דערשײַנונגען דערפירט ביז דער הייך פון אַבסטראַקטער פאַראַלגעמיינערונג פון די דאָזיקע פאַקטן און דערשײַנונגען.

וולאַדימיר איליטש האָט אונדז, אייגנטלעך, ניט געלייענט קיין לעקציעס. גיכער האָבן זײַנע לימודים געטראָגן אַ כאַראַקטער פון לעבעדיקע שמועסן, אין וועלכע עס זײַנען אַרײַנגעצויגן געוואָרן אַלע אָנוועזנדע.

די שול אין לאָנזשומאָ האָט אָפּגעשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין לעבן און אין דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקײַט פון יעדערן פון אונדז.

---

[1] פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

אַלע יאָר, אין כוידעש אַפּרעל, ווען עס שרייַט אַרויס באַזונדערס הויך פון דער פרילינגדיק־צעעפנטער ערד דאָס קאָל פון די קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ, דערמאָנען מיר ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל די קדושים און העלדן. אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור און אין „סאָוועטיש היימלאַנד" איז די טעמע פון די נאַציסטישע רעציכעס איבערן ייִדישן פאָלק ענג פאַרבונדן מיט דעם קאַמף, וואָס עס פירן אַלע ברידערלעכע פעלקער קעגן דער ווידער־אויפלעבונג פונעם פאַשיזם.

טראַכטנדיק טאַקע וועגן אָט דעם געמיינזאַמען קאַמף, וועגן דעם געפיל פון אינטערנאַציאָנאַלער פאַרברידערונג, וואָס איז אַזוי שטאַרק בײַ די סאָוועטישע מענטשן, האָבן מיר באַשלאָסן הײַאָר אין אַפּרעל־נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" איבערגעבן דאָס וואָרט וועגן דער ייִדישער געטאָ־דראַמע די רוסישע דיכטער נאַראָווטשאַטאָוו, קאָרזשאַווין און וואָזנעסענסקי און דעם עסעיִסט און פּראָזאַיִקער יוזאָווסקי.

סערגיי נאַראָווטשאַטאָוו

דאָס וועלפּעלע

ניט געווען, ווער עס זאָל דאָ העלפן מיר:
די סאָלדאַטן — געטאַנצט לעם באַיאַן.
איך האָב אַ דערשראָקן וועלפּעלע
צו פירן געבראַכט בײַ דער האַנט.

זיך צעשריגן: „גענוג צו טאַנצן!"
דערוואַרעמט דאָס וועלפּעלע שנעל,
געזען, ווי די אייגעלעך גלאַנצן
פון אונטער מײַן שווערן שינעל.

האָב איך אַ מײַסעלע־צויבער
צוגעטראַכט און דערציילט, —
דאָס וועלפּעלע זאָל פון שוידער
ווערן אין שלאָף געהיילט.

נאָר אַפילע צו מיר, צו דעם רעטער,
איז זיך צוטוליען שווער מיטן האַרץ,
ווען דאָס אַש פון וואַרשעווער געטאָ
קלאַפּט אין די שלייפן נאָך אַלץ.

ער ווייסט ניט, צי וועט מען אים העלפן דאָ,
צי ס'וואַרט דאָ דער טויט אַף אים בלינד, —
און דערפאַר קוקט מיט כשאַד, ווי אַ וועלפּעלע,
דאָס זיבניאָריקע קינד...

און איך, וואָס אַ וועלט מיט בייזוווּנדער
איך האָב שוין געזען אַף מײַן וועג,
איבער אַלע ייִדישע קינדער
פאַרבויגן איך האָב זיך מיט שרעק.

וועק זיי ניט, וועק ניט די מידע,
דעק אײַן זיי מיט דײַן שינעל.
אויב דו קענסט ניט קיין ייִדישע לידער,
זינג אַף רוסיש אַ וויגליד שנעל.

זע — אָט ליגט ער, אָן טאַטע־מאַמע,
און קיין פאָלק האָט ער אויך שוין קימאַט.
זײַן נעשאָמע, אין בלוטיקע שראַמען,
ליגט אין שויס דײַנער, כאַווער סאָלדאַט.

און עס נאָגט אַזש — ביז דאַרפן, ביז מוזן
אַ געשריי טאָן, אַז הערן מע זאָל:
יאָ, עס לעבן די ייִדן און רוסן
מיט איין ליד, מיט איין פרייד, מיט איין אָל.

פון רוסיש — א. חערגעלים

נאום קאַרזשאַווין

ווי פירט מען דאָס מענטשן צום טויט...

די וועלט פון ייִדישע שטעטלעך — זי איז שוין פאַרווישט פון דער ערד.
פונקט ווּעספּאַסיאַנוס
וואָלט מיט סריפעס זי אויסגעקערט.
דער שויכעט וועט מער שוין ניט זאָגן
קיין כאַכמעלעך אַלערליי,
דער פורמאַן די פערד וועט ניט יאָגן,
ניט זינגען אַפן שאַסיי.
צו אַלץ בין איך שוין א געוווינטער,
פאַרכידעשן מיך איז שווער,
נאָר אין אויג פון מײַן אַלטן טאַטן
דערזען כ'האָב א טרער.
ער וויל מיטן סייכל באַנעמען,
ווי פירט מען דאָס מענטשן צום טויט,
ווי פירט מען עס קינדער אין גענעם,
ווען דער הימל פון לויטערקייט בלויט.
די וועלט איז מײַן טאַטן נאָך ליבער —
כאָטש זעען זעט ער שוין שלעכט.
טאַפּט ער מיט פינגער די שטיבער,
די שטיינער, פון קוואָרים די ערד.
וויפל באַשערט ס'איז אים לעבן,
וועט מאַטערן אים דער גרויל,
אפילע צען יאָר זאָל מען געבן
דעם מערדער, דעם דײַטש פאַר א קויל, —
וועט דער שויכעט שוין מער ניט זאָגן
קיין כאַכמעלעך אַלערליי,
דער פורמאַן די פערד וועט ניט יאָגן,
ניט זינגען אַפן שאַסיי.

פון רוסיש — א. גאָנטאַר

אַנדריי וואָזנעסענסקי

דער רוף פון דער אָזערע

צום אָנדענק די קאָרבאָנעס פון פאַשיזם

...פּעוווזנער 1903, סטרגייעוו 1934,
לעבעדיעוו 1916, בירמאַן 1936, בירמאַן 1941,
דראַבאַט 1907...

ווי דער פראָסט וואָלט בייז און האָזעדיק
צוגעשמידט אונדז אומדערוואַרט.
טיף אין אָזערע, טיף אין אָזערע
ליגט א געטאָ — דרײַ העקטאַר.

זעט! —
א מענטש, וואָס קוקט אַף אײַך פאַרדעכטיק־עקלדיק,
קלײַבט זיך כאַפּן דאָ די פעטע פיש.
פון זײַן ווענטקע, פון דעם שאַרפן העקעלע,
טריפט דאָס בלוט!
נאָך ווארעם־פריש...

„ניין! — שרײַט אויס וואָלאָדקע. — כ׳קען ניט...
כ׳קען ניט... כ׳וויל דאָס ניט פֿאַרשטיין.
ס׳איז א מענטש דען?
ס׳איז א כײַע!
מ׳דאַרף אים אויסהאַקן די ציין.

ס׳איז דען וואַסער?
מים חיים![1]
כ׳טונק די דלאָניעס אין זײַן רוישן
און איך פֿיל אַף מײַנע ליפּן...
כ׳פֿיל דעם אָטעם
מאַשעס....
מוישעס...
ניין, ניט לאָז זיך מיט א שפּיל,
טו א טאַפּ נאָר מיט די הענט —
וואָלסטו גלייבן, ווען מע זאָגט דיר:
וואַסער ברענט!

עפּשער אויך דאָס האַרץ דאָס אָפֿענע —
ניט קיין פֿרעמדס, נאָר פֿון מײַן פֿרוי,
און איר וואַרטן און איר האָפֿענונג
וואָלט פֿאַרשווונדן אויך אַזוי.

אירע ליפּן, אויגן וואַרעמע,
די פֿאַרגליווערטע פֿון שרעק,
אַלץ, וואָס מיך געקושט, געוואַרעמט האָט,
וואָלט געפּוּיקט פֿון טיפֿן דעק.

ניין, איך קען ניט... —
שרײַט וואָלאָדקע. —
אייביק וועל איך זען דאָס בילד:
פֿונקט ווי פֿיש אַף סקאָוואָראָדקעס,
טאַנצן פֿרויען פֿלאַמיק־ווילד...“

1 מאַים כאַים — קוועליק וואַסער.

קאַגאַן 1933... מע האָט זיי געטריבן צום שטײלן
באַרג מיט עסעסישע קאָלבעס... לעווין 1917...

קאַסטראָוו טרינקט...
ער טרינקט די דריטע נאַכט.
פֿון שטײלן באַרג
ער רופֿט צו זיך זײַן ליבע די געשענדטע.
און אָט:
עס שווימט צום ברעג, אים דאַכט,
האַלב־פֿיש, האַלב־פֿרוי
פֿון אוראַלטע לעגענדעס.

„א פֿיש.
אין אויגן —
דער צאָרן פֿון בלייכע מאַדאָנעס,
מיט פֿליגל שניי־ווײַסע,
ווי ס׳פֿײַפֿן די לאָקאָמאָטיוון,
א פֿיש,
גאָלדענע ריוועלע־פֿיש,
צי ריווקעלע־פֿיש,
ריוועלע,
ריווע,
צי עפּשער אויך אַנדערש דײַן נאָמען...

מײַן טרויער, מײַן ווייטעק
א פֿיש.
זײַ מויכל, פֿאַרשילט מיך,
נאָר זאָג כאָטש א וואָרט...“

שטיל.
שווײַגט די נאַכט — א פֿיש א שטומער,
נאָר לעם ברעג א סאָסנע־בוים
היט דעם וווּנדערלעכן אוצר
פֿונעם לעבן,
וואָלקן,
רוים...

פֿון רוסיש — מ. טײַף

א פּאָר ווערטער וועגן דעם

דער ציל פון דעם דאָזיקן קורצן אַרײַנפיר־וואָרט מײַנעם איז באַקאַנען דעם לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ מיט יו. (יאָסיף) יוזאָווסקי, דעם טאַלאַנטירטן שרײַבער און איינעם פון די אינטערעסאַנטסטע סאָוועטישע טעאַטער־קריטיקער און טעאַטער־פאָרשער — דעם אַוטאָר פון דער פאַרצייכענונג „פאַראַן אין וואַרשע א דענקמאָל“, א נאָך אין ערגעץ ניט פאַרעפנטלעכטן קאַפּיטל פון זײַן „פּוילישן טאָגבוך“, וואָס וועט אַרויסגיין אין פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“ אונטערן נאָמען „פאַרבלײַב געזונט, אירענאַ“.

נאָך עטלעכע ווערטער וועגן דעם קאַפּיטל, וואָס ווערט געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד“. ווי דער לייענער וועט זען, איז עס ניט פאַרענדיקט. דער שרײַבער איז געשטאָרבן 1 אזייגער באַנאַכט דעם 15 דעקאַבער 1964. און 10 אזייגער אין אָוונט דעם 14 דעקאַבער האָט ער נאָך געאַרבעט, ווי אָפּשטויסנדיק פון זיך דעם טויט.

יאָסיף יוזאָווסקיס גאַנץ לעבן איז פול געווען מיט שעפערישער אָנשטרענגונג, עס איז רײַך געווען מיט גרויסע אויפטוען און דראַמאַטישע קאָליזיעס.

איך קאָן זיך ניט פאָרשטעלן יוזאָווסקין א רויִקן, א געלאַסענעם. אייביק — אין באַוועגונג. דאָס פּאָנעם באַלויכטן מיט א שמייכל — אָפטער פון אַלץ איז דער שמייכל אַן איראָנישער. אַן איראָנישער יאָ, אָבער ניט קיין סקעפּטישער. די איראָניע זײַנע איז געווען אַגרעסיוו. א וווּנדערלעך פאַרגאַנצטע נאַטור. זײַנע אַרטיקלען זײַנען געווען ווי א פאָרזעצונג פון זײַן כאַראַקטער — שטורמישע, ברויזנדיקע געדאַנקען, בילדערישע פראַזעס, אומרויִקע, אָפּגעהאַקטע ריטמען.

אין די 30־ער יאָרן, ווען די רוסישע דראַמאַטורגן נ. פּאָגאָדין, וו. ווישנעווסקי, א. אַפינאָגענאָוו זײַנען אַרויס מיט זייערע ערשטע פּיעסעס, איז יוזאָווסקיס נאָמען שוין געווען ברייט באַוווּסט אין די טעאַטראַלע קרײַזן. זײַן בוך „סאָציִאַליסטישע דראַמאַטורגיע“, וואָס איז אַרויס אין 1934, האָט גרינטלעך געשטעלט די פּראָבלעמען פון אונדזער קונסט, פאַראַלגעמיינערט די דערפאַרונג פון דער דראַמאַטורגיע און פון דער טעאַטראַלער פּראַקטיק אין דעם נאָכרעוואָליוציאָנערן פּעריאָד. זײַן זאַמלונג אַרטיקלען „ספּעקטאַקלען און פּיעסן“ (דערשינען אין 1936) האָט פאָרגעזעצט און אַנטוויקלט דעם געזעלשאַפטלעכן, פאָרשערישן אַנאַליז פון דעם סאָוועטישן טעאַטער־וועזן.

דער דאָזיקער טעמפּעראַמענטפולער מענטש האָט געהאַט זײַנע זייער פעסטע און שטאַנדהאַפטיקע ליטעראַ־

יו. יוזאָווסקי

פאַראַן אין וואַרשע

פאַראַן אין וואַרשע א דענקמאָל, וואָס האָט פאַר מיר (איך רייד דערווײַל נאָר וועגן זיך) א באַזונדערע צוציִונגס־קראַפט. ווו און מיט וועמען איך זאָל ניט זײַן, בין איך מיטן געדאַנק דאָרט, בײַ אָט דעם דענקמאָל, מיט אָט די טויטע, וואָס זייער רוף הער איך קעסיידער. איך ווייס וועגן איר, וועגן אָט דער באַדערפעניש מײַנער, שטענדיק זײַן דאָרט — צי איז אַזאַ מעגלעכקײַט פאַראַן, צי ניט — באַטאָג און באַנאַכט, באַזונדערס באַנאַכט: צווישן מיליאָנען שלאָפנדיקע איז וואָך דער דאָזיקער פּלאַץ מיט זײַן אייביק אָנגעשטרענגטער שטילקײַט, וואָס איז גרייט פּלוצעם, מיטאַמאָל אויפרײַסן זיך. און זי, אָט די שטילקײַט, זײַנען ניט אימשטאַנד צו פאַרטויבן ניט די שטימען פון פאַרבײַגייער, ניט דער גערויש פון מאַשינעס. די שטילקײַט ציט זיך אין אַלע פיר זײַטן פונעם פּלאַץ און רוקט אָפּ די שווײַגנדיקע הײַזער אַרום זיך — אויף דער דיסטאַנץ, וואָס זי דאַרף האָבן.

דער דענקמאָל די העלדן פון געטאָ געפינט זיך אין צענטער פון דעם ראַיאָן, וועלכער איז געווען א מין שטאָט אין א שטאָט, — די היטלעראָווצעס האָבן אַרויסגעזעצט פון אים אַלע ניט־ייִדן און באַזעצט ייִדן פון אַנדערע ראַיאָנען. צונויפגעפּרעסט דאָ אָט די גאַנצע מאַסע, האָבן זיי אַרומגערינגלט זי פון אַלע זײַטן מיט א וואַנט, קעדיי דערשטיקן זי מיט דעם דאָזיקן שטיינערנעם שלייף. צווישן די, וואָס האָבן דאָרט געוווינט, זײַנען געווען מײַנע פרײַנט און מײַנע

רישע סימפּאַטיעס. און עפּשער די טיפסטע פון זיי איז געווען גאָרקי. די דראַמאַטורגיע פון דעם קלאַסיקער פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם האָט אין יוזאַווסקיס פּערזאָן באַקומען איר געווינסהאַפטן פאָרשער. יוזאַווסקיס קאַ־פּיטאַלע אַרבעט „גאָרקיס דראַמאַטורגיע" איז געוואָרן אַ האַנטבוך פאַר די טעאַטראַלע רעזשיסערן און אַק־טיאָרן, וואָס שעפּן פון דעם אויצער פון גאָרקיס פּיעסעס.

אויך אַפן געזעלשאַפטלעכן געביט איז יוזאַווסקי גע־ווען פּרוכטבאַר טעטיק. ער איז געשטאַנען בעראָש פון דער אַסאָציאַציע פון די טעאַטראַלע קריטיקער, געווען מיטגליד פון דער זשורי פון די צווישנפעלקערלעכע טעאַטראַלע פעסטיוואַלן אין פּוילן און טשעכאָסלאָוואַקיע. זײַנע ביכער וועגן גאָרקין און וועגן דער סאָציאַליסטי־שער דראַמאַטורגיע זײַנען איבערגעזעצט געוואָרן אין אַמעריקע. דאָס בוך „צוליב וואָס גייען מענטשן אין טעאַטער" איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דער דײַטשי־שער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, אין טשעכאָסלאָוואַקיע, אין פּוילן.

לעצטנס האָט זיך בא יוזאַווסקין געלאָזט מערקן אַ טענדענץ צו בעלעטריסטיק. דאָס איז געקומען צום אויס־דרוק אין די פאַרצײַכענונגען „מיר, איך און נאַטאַשע, שווימען איבער דער וואָלגע".

און דאָ קער איך זיך ווידער אום צום זײַן „פּוילישן טאָגבוך" („פאַרבלײַב געזונט, אירענאַ"). דאָס זײַנען טיפע און שאַרפזיניקע נאָטיצן וועגן פּוילן, וועגן דער פּוילי־שער קונסט, וועגן פּוילישן טעאַטער.

פראַגמענטן פון דעם „פּוילישן טאָגבוך" זײַנען געווען פאַרעפנטלעכט אין „נאָווי מיר", „ליטעראַטורנאַיאַ גאַ־זעטאַ", „ניעדיעליאַ", זיי זײַנען איבערגעזעצט געוואָרן אין פּוילן. און איצט ווערט געדרוקט נאָך איין קאַפּיטל — דאָס מאָל אין „סאָוועטיש היימלאַנד".

דאָס קאַפּיטל איז געווידמעט דעם אופשטאַנד אין וואַר־שעווער געטאָ.

ניטאָ קיין איין ערלעכער מענטש אין דער וועלט, וואָס זאָל בלײַבן רויק און גלײַכגילטיק, ווען ער הערט די טראַגישע געשיכטע פון דער וואַרשעווער געטאָ; ניטאָ קיין איין ערלעכער מענטש אין דער וועלט, וואָס זאָל ניט פאַרנייגן זײַן קאָפּ פאַרן אָנדענק פון די העלדן פון וואַר־שעווער געטאָ, וועלכע האָבן אין אַ ניט גלײַכן איינס־אַף־איינס מיט דער בלוטיקער פאַשיסטישער כ ײַ ע ־ ר אָ ע באַשטעטיקט די גרויסקײַט און אומבאַזיגבאַרקײַט פון דעם מ ע נ ט ש ן. און ס׳איז גאָר קיין כידעש ניט, וואָס גראָד די טעמע פון אופשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ האָט אַזוי אָנגעכאַפּט באַם האַרצן, אַזוי דערשיטערט יאָסיף יוזאַווסקין. כוץ אַלעמען, איז נאָך פאַר אים, אַ געבוירע־נעם אין וואַרשע, דער דענקמאָל, וואָס דאָס פאָלק האָט אוועקגעשטעלט די גיבורים פון וואַרשעווער געטאָ, אויך געווען אַ דענקמאָל זײַנע נאָענטע און ליבע, פאַרשניטענע דורך די פאַשיסטישע רוצחים.

מיר ווילט זיך נאָך צוגעבן, אַז פאַר מיר פּערזענלעך איז אַלדאָס בעסטע, דאָס בעעמעס פּראָגרעסיווע אין דער סאָוועטישער קונסט פאַרבונדן מיטן נאָמען פון יאָסיף יוזאַווסקי, דעם קריטיקער, דעם טעאָרעטיקער, דעם פּובליציסט.

אַ פ אַ נ אַ ס י ס אַ ל י נ ס ק י, רוסישער דראַמאַטורג,
סעקרעטאַר פון אַלפאַרבאַנדישן
שרײַבער־פאַרבאַנד

אַ דענקמאָל

קרויווים, און איך, וואָס האָב געלעבט מיט זיי אײַנײנעם אין דער פאַרגאַנגענהײַט, האָב ניט גע־לעבט מיט זיי אין אָט דער צוקונפט זייערער. פאַרשיידענע אומשטענדן האָבן אונדז צעשיידט.

בא סטאַניסלאַוו וויגאָדסקין איז פאַראַן אַ דערציילונג וועגן אַ ייִדיש מיידעלע, וועמען די עלטערן אירע, פאַרורטיילטע צום טויט, האָבן איבערגעגעבן אַ פּוילישן פּויער, ער זאָל זי אוועק־פירן און אויסבאַהאַלטן. דער פּויער האָט געפירט דאָס מיידעלע צו זיך אין דאָרף, אָבער זי, כאָטש זי האָט צוגעזאָגט זײַן אים געהאָרכזאַם, האָט פּלוצעם געהייסן, ער זאָל זי פירן צוריק. אויב ניט, האָט זי געסטראַשעט, וועט זי אין דער הייך נעמען שרײַען, ווער זי איז, און דער פּויער האָט לעס־ברײַרע זיך געמוזט אומקערן...

יעזשי אַנדזשייעווסקי דערציילט אין זײַן בוך „נאַכט" וועגן אַ יונגן פּאָליאַק פון דער „אַרי־שער זײַט". דערזען דעם פלאַם פון דער ברענענדיקער געטאָ, איז ער אוועק אַהין, האָט זיך פאַרײניקט צו די ייִדישע אופשטענדלער, קעדיי אומקומען צוזאַמען מיט זיי...

איך ווייס ניט, צי איך וואָלט געהאַנדלט אַזוי, ווי אָט דאָס מיידעלע אָדער אָט דער באָכער, — איך זאָג בלויז, אַז איך האָב ניט געהאַט די מעגלעכקײַט פון אויסוואַל. און אויב דער גורל, וואָס זײַן ווילקיר איז אַמאָל ניט איבערצוטראָגן, האָט אומגעבעטענערהייט צעשיידט מיך מיט מײַנע יוגנט־פרײַנט, איך זאָל שפּעטער ניט קאָנען זײַן מיט זיי צוזאַמען, און אויב ער, דער

גוירל, גיט מיר נאָך דערבײַ צו פאַרשטיין, אַז אַף קיין דאַנק פאַר דער טויווע רעכנט ער ניט אויס, דאַרף איך ענטפערן, אַז דאָס איינציקע געפיל, וואָס באַהערשט מיך, איז דאָס געפיל פון שולד — וואָס מע זאָל ניט זאָגן און וואָס איך זאָל אַליין זיך ניט זאָגן אַף צו געפינען באַרעכטיקונג און טרייסט. ווײַל צוליב וואָס דען, אויב ניט קעדיי צו באַשטעטיקן די שולד, אין וועלכער איך בין ניט שולדיק, אײַל איך אַהער?

באַם דענקמאָל בין איך ניט דער איינציקער. איך באַגעגן דאָרט נאָך מענטשן. און לעכאָל־האַפּאָכעס וועגן צוויי באַגעגענישן מוז איך אומבאַדינגט דערציילן.

איינמאָל זײַנען דאָס געווען צוויי פראַנצויזישע סטודענטקעס, ענלעכע, ווי צוויי שוועסטער. די עלטערע — אַ באַוועגלעכע, אַ לײַכטע, די ייִנגערע — אַ שווײַגערקע, דער בליק געווענדט ערגעץ אין אַ טונקעלן ווינקל. איינע האָט געפרעגט בײַ דער צווייטער די פאַמיליע פון דעם סקולפּטאָר. זי, די צווייטע, האָט אויך ניט געדענקט. דעמלט האָב איך, ווײַל כ׳בין געשטאַנען דערנעבן, אָנגערופן דעם נאָמען פון נאַטאַן ראַפּאַפּאָרט און כ׳האָב נאָך צוגעגעבן, אַז גראָד אין פּאַריז האָט ער געשאַפן זײַנע באַרימטע באַרעליעפן. מיר האָבן זיך צערעדט. און די עלטערע, די באַריידעוודיקע, האָט מיר גערן דערציילט, אַז זיי זײַנען קאַטוילנס פון ברעטאַן און האָבן, אייגנטלעך גערעדט, מיט ייִדן ווייניק זיך באַגעגנט. אַהער זײַנען זיי געקומען, ווײַל ניט קומען האָבן זיי ניט געקאָנט, און זיי ווילן גאָר ניט כקירען איבער דעם, וואָס האָט זיי געבראַכט אַהער. זיי זײַנען געקומען אַהער — און דאָס גאָר. זי איז, ווײַזט אויס, ניט געווען זיכער אין דעם, אַז צו מיר איז דערגאַנגען דאָס, וואָס זי האָט געזאָגט, האָט זי געפרעגט, צי ווייס איך, אַז אין דער שאַפונג פון די קינסטלער פון אַלע ריכטונגען לאָזט זיך איצט מערקן אין דער גאַנצער וועלט, ניט אויסגעשלאָסן דײַטשלאַנד, אַ טענדענץ זיך צו פאַרנעמען מיט דער „ייִדישער טעמע“, אַז זי יוירט אין זיי, ווי דאָס זאָל זײַן אַ מין אויספּרוּוו, אַ מין עקזאַמען פאַר זייער קונסט, אַז זיי קרענקען מיט דער טעמע און דריקן דערמיט אויס אַ ברייטערע באַדערפעניש. אַ וועלכע? מיסטאָמע וואָלט זי אַליין געקאָנט ענטפערן, נאָר איך האָב פאַרשטאַנען — עס ווילט זיך איר, איך זאָל זאָגן. האָב איך געענטפערט, צי איז עס ניט די באַדערפעניש פון אָפּרייניקן זיך, צי איז עס ניט די טעמע פון אָפּרייניקן זיך. עפּעס נייטיקט זיך אין איר דער מענטש נאָך דעם, ווי ער האָט איבערגעלעבט איין טראַגעדיע און פילט שוין אַף זײַן פּנים דעם אָטעם פון דער צווייטער.

— יאָ, — האָט געענטפערט די עלטערע. — דער געוויסן וויל פעסטשטעלן, צי עקזיסטירט ער נאָך. מוז ער דורכגיין דעם קאָנטראָל פון אומשולדיק געקוילעטע. און אַף דער פּיראַמידע פון אומשולדיק אויסגעהאַרגעטע טיילט זיך צווישן אַנדערע באַזונדערס בולעט אויס דער ייִדישער פּראָפיל. פאַר וואָס האָט דער פאַשיזם אומגעבראַכט דאָס ייִדנטום, אַפילו זויג־קינדער, וועלנדיק מיטן וואָרצל אַרויסרײַסן דאָס פאָלק? פאַר וואָס צאָלט דאָס דאָזיקע פאָלק אַזאַ פּרײַז?

איך האָב ניט אַזוי באַלד פאַרשטאַנען, אַז די פראַגע איז געווענדט צו מיר, און דאָ האָט די ייִנגערע זיך אַ קער געטאָן צו דער עלטערער און האָט בייז אַ שטאָך געטאָן, פּונקט ווי איך זאָל דערבײַ ניט זײַן:

— פאַר אים האָבן די דאָזיקע פראַגעס אַ גראָשן די ווערט. אים אינטערעסירט בלויז דער וווּקס פון דער פּראָדוקציע, און ער הייבט ניט אָן צו פאַרשטיין, אַז אויב אַזעלכע פראַגעס האָבן אַ גראָשן די ווערט, וועט זיך דאָס אָפּרופן אַפן וווּקס פון דער פּראָדוקציע.

— ניין, זי איז ניט גערעכט, — האָב איך דערווידערט, — און איך קאָן זאָגן, אַז כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט דעם פאָלק, וואָס וועגן אים גייט דאָ די רייד, איז ניט דאָס, אַז עס איז אין עפּעס שולדיק, נאָר דאָס, אַז עס איז אין גאָרנישט ניט שולדיק. נאָר אויב אַ פאָלק איז אַזוי אומשולדיק, פאַרוואָס איז עס אַזוי שולדיק?

— פאַרוואָס שולדיק, — האָט די ייִנגערע מיט כויזעק אַ קוק געטאָן אַף מיר, — ווײַל וואָס מער דער אומשולדיקער איז אומשולדיק, אַלץ מער שולדיק איז ער. איר פאַרשטייט ניט? פון שרעק. איין הויפּט־שטריך האָט איר, אָפּטימיסטן, — פּאַכדאָנעס. איר האָט מוירע צו דערזען די וועלט אַזאַ, ווי זי איז, און פאַרשטעלט זיך מיט אילוזיעס, און שמועסט אײַן אַנדערע, זיי זאָלן אין זיי גלייבן, ביז יענע ווערן ניט באַגראָבן אינײַנעם מיט אײַערע אילוזיעס. און יעדעס מאָל קומט פאַר איינס און דאָס זעלבע. איר ווערט לאַקריץ־זיס, באַזונדערס נאָך אַ מילכאָמע, און ווערט דערשיטערט פון אומגערעכטיקײַט, ווען עס געשעט די טראַגעדיע פון 20־טן יאָרהונדערט — דאָס דערמאָרדן קענעדין. אָבער איך און ענלעכע צו מיר פּעסימיסטן האָבן די גאַנצע צײַט דערוואַרט, אַז עפּעס אַזוינס וועט פאָרקומען, ווײַל די וועלט שטייט ניט מער אַף די פּרינציפּן פון קענעדי, נערו אָדער טאָליאַטי. זי האָט זיך שוין פון לאַנג אָראָפּגעגליטשט פון אָט דעם פונדאַמענט. איר בינדט אָן דער וועלט נאָרמעס, בײַ וועלכע זי האַלט זיך שוין פון לאַנג ניט, און קומט אין היספּײַלעס דערפון, וואָס אויב ס׳איז פאַראַן האַנדלונג, איז אויך געוויס דאָ פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, אויב ס׳איז פאַראַן פאַרברעכן, איז דאָ שטראָף. אָבער אַף אַזאַ באַזע בויט

מען דאָך ניט קיין אָשוועגטשים; קעדיי אים אופצובויען, דארף זיגן פונקט א קעגנזעצלעכער קוק אף דער וועלט — אן אנטיפרינציפ, אן אנטיוועלט, קעגנזעצלעכע געזעצן פון לאָגיק, א פאָליארער דענקונגס־ארט. איצט גייט ארויס די אנטיוועלט אף דער ליכטיקער שײַן. זי באַפרײַט זיך פון די פאַקטאָרן, וואָס דעמאָראַליזירן זי, מיט קויעך רײַסט זי ארויס די אַלע פאָרורטיילן פון הומאַניזם פון דעם מענטשנס באַוווסטזײַן און, פאַרורטיילט אומשולדיקע, קאָן זי זיך ערשט נעמען צו דער ארבעט. אין אנטיסעמיטיזם איז דער דאָזיקער אנטיפרינציפ פאָרגעשטעלט אין זײַן רייִנסטער פאָרם, דעריבער ווערט אנטיסעמיטיזם די פאָן פון דער אנטיוועלט. אונדזער זשאַן פאָל סארטר באַהויפט, אז קיינער אין דער וועלט קאָן ניט זײַן זיכער מיטן לעבן, ביז די געפאַר דראָעט כאָטש איין ייִדן. די געפאַר, עס זאָל אומגעבראַכט ווערן איינער, איז א סיגנאַל אײַנצושלינגען אַלעמען. יאָ, דאָס זאָג איך, איך, א פעסימיסטקע, א שווארצע נעשאָמע, כאָטשבי צוליב דעם, קעדיי פון אײַערע באַקן זאָל פאַרשווינדן די לעבנסגעפערלעכע זעלבסטצופרידנקײַט.

נאָך א באַגעגעניש.

אין א שפעטער שאָ האָב איך אפן פלאַץ לעבן דענקמאָל באַגעגנט אן אומבאַקאַנטן — ער האָט איבערגעכאַזערט מײַן מארשרוט. און ווײַל איך בין גערן געווען צו זײַן אַליין, האָב איך זיך שוין געקליבן אוועקגיין, נאָר ער האָט פלוצעם מיך דעריאָגט, אראָפגענומען דעם קאַפעליוש און האָט געזאָגט אף דײַטש: „איך בין א דײַטש“ — געזאָגט מיט א מין קרענקלעכן ארויסרוף און זיך אײַנגעזויגן אין מיר מיט א בליק פון א ניט גאָר נאָרמאַלן מענטשן. איך האָב א קוועטש געטאָן מיט די אַקסל און זיך שוין געוואָלט לאָזן ווײַטער, איז ער מיר אָבער פאַרלאָפן דעם וועג און אַלץ מיט דעם זעלבן אופגערודערטן טאָן גענומען טײַנען, אז איך מוז אים אויסהערן, און, מוירע האָבנדיק, ווײַזט אויס, אז איך וועל אים איבערשלאָגן, האָט ער פיבערהאַפט שנעל פאַרגעזעצט, אז יאָ, ער האָט געדינט אין דער היטלערישער ארמיי, מילכאָמע געהאַלטן אין פוילן און אָנטיילגענומען אין פאַרכאַפן ווארשע און ניט ווילנדיק זיך באַטייליקט אין אָט דעם (ער האָט געוויזן אפן דענקמאָל), פונקט ווי עס האָבן זיך באַטייליקט אַנדערע, אַזעלכע ווי ער. אויב אָבער אַנדערע טוען אַלץ אף אויסצודרייען זיך פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, פילט ער פולקום זײַן מאָס פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, און דארף מיר עס זאָגן, לייגן עס צו מײַנע פיס, ווײַל ער פילט, אז איך בין פאַרבונדן מיט די קאָרבאָנעס.

איך האָב א קוק געטאָן אף אים — א קאָמערסאַנט אָדער א קאָמיוואָיאַזשאָר, אין א שטרענג אויסגעפרעסטן שווארצן אָנצוג. כאָטש ס'איז געווען ווארעם, זײַנען זײַנע פיס געווען זאָרגפעלטיק אײַנגעוויקלט אין געטרעס (מאַלע וואָס עס מאַכט זיך). כאָטש קיין רעגן איז ניט געווען, האָט ער געהאַלטן א שירעם אונטערן אָרעם (מאַלע וואָס עס מאַכט זיך), נאָר זײַן פאָנעם האָט געפלאַמט. איך האָב געענטפערט, אז אויב ריידן, איז ניט דאָ און ניט מיט מיר. ניטאָ זיך וואָס פאַר מיר מיסוואַדע צו זײַן. ס'איז א ראַליע ניט פונמײַנטוועגן. ער האָט מיך ניט געלאָזט ענדיקן און קימאַט אויסגעשריִען, אז נאָר דאָ, אף אָט דעם אָרט, און נאָר פאַר מיר. און איך וועל טייקעף אײַנגיין, ווי נאָר איך וועל זיך דערוויסן, אום וואָס עס האַנדלט זיך. און האָט פונקט אַזוי פיבערהאַפט גערעדט: ער האָט אן איין־און־איינציקע טאָכטער, איין אויג אין קאָפ, אָן איר איז פאַר אים און פאַר זײַן פרוי דאָס לעבן קיין לעבן ניט. נאָר די טאָכטער איז אוועק, פאַרשאָלטן די עלטערן פאַר דער שענדלעכער באַציִונג צו ייִדן, איז אוועקגעפאָרן אין אַמסטערדאַם און אריבער אין ייִדישן גלויבן, ווי אן אויסקויף־אַקט פאַר די זינד פון די עלטערן. ער האָט געבעטן מעכילע, נאָר דאָס האָט זי נאָך מער פאַרביטערט. האָט ער פאַרשטאַנען, — נאָר גאָט אַליין איז מעסוגל ווייך מאַכן דאָס האַרץ פון זײַן טאָכטער. ער איז א מענטש א רעליגיעזער און ווייסט, אז נאָר גאָט וועט ברענגען זײַן טאָכטער צוריק אהיים. אָבער גאָטס לײַטזעליקײַט דארף מען פאַרדינען מיט טשוווע, — ער ווייסט עס, ער איז א מענטש א טיף רעליגיעזער, — איז אָט פאָרט ער ארום איבער די שכיטע־ערטער און לאָזט זײַן געוויסן זאָל אים אופעסן א לעבעדיקן, ברענגט זיך פאַר א קאָרבן, קעדיי אויסבעטן פאַרצײַונג. ער איז געווען ניט באַם זינען. איך האָב אים איצט גוט געזען — געוויינלעך איז ער מיסטאַמע געווען באַדאַכט, זעלבסטזיכער און ניכטער, א וואָכעדיקער מענטש, א קלאַסישער קליינבירגער, נאָר אָט האָט איבער אים א פאָכע געטאָן דער פליגל פון מעשוגאַס, און עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס אַלץ האָט קיין שום ווערט ניט.

— עס האַנדלט זיך, הייסט עס, דערין, — האָב איך קאַלט א זאָג געטאָן, — אז זײַן ציל איז אומקערן די טאָכטער, און זײַן גאַנצע טשוווע־אַקציע — בלויז א מיטל, און ניט דער ציל. און דעם איבערשטן, וואָס איז א גרויסער מייוון אף אַזעלכע זאַכן און איז זייער פילבאַר צו פאַרשיידענע שפיצלעך, קאָן נאָך אָט דער פונקט ניט געפעלן ווערן.

ער האָט א מעוווּלוועלער א קוק געטאָן אף מיר, דערנאָך אָן א וואָרט צו זאָגן גענומען גיין

און איז צערונען אין כווישעך, ווי א געשפענסט, אזוי אז איך האָב אָנגעהויבן צווייפלען, צי איז ער ביכלאַל געווען.

...די מיזרעך־וואַנט פונעם דענקמאָל קאָן אָנגערופן ווערן די וואַנט פון טרערן, די מײַרעוו־וואַנט — די וואַנט פון צאַרן — איז גלײַכצײַטיק דער פאַסאַד פונעם דענקמאָל. צוויי קאָלאָסאַלע שטיינערנע מענוירעס שטייען רעכטס און לינקס פון איר. יעדן 19 אפּרעל — דעם יאָרטאָג פון אופשטאַנד — ווערן אָנגעצונדן די מענוירעס. אין אָט דעם טאָג קלינגט פויקן־שרויט, עס פלאַטערן די אַראָפּגעלאָזטע פאָנען, און ערן־עסקאָרט פון דער פוילישער אַרמיי גיט אָפּ קאָוועד די העלדן פון געטאָ. די אײַנוווינער פון וואַרשע פאַרפלייצן דעם פּלאַץ.

אָף דער מיזרעך־וואַנט — א טרויער־פּראָצעסיע פון ווייפולע פיגורן. די באַגנעטן פון סאָל־דאַטן ברענען צווישן זיי, ווי לעווײַע־ליכט. דער סקולפּטאָר האָט געשאַפן דעם ריטם פון אייביקער באַוועגונג, אייביקער פאַרפאָלגונג אָן אָן אָנהייב און אָן א סאָף — א סימבאָל פון דעם גורל פון פאָלק.

דעם מײַרעוו־באַרעליעף וואָלט איך א נאָמען געגעבן „אופרײַס". אויב די מיזרעך־וואַנט שלינגט ווי אײַן אין זיך די פיגורן, ווערט דאָ איר ווידערשטאַנד אײַנגעבראָכן, און אינעם שפּאַלט רײַסט זיך אַרײַן א גרופּע קעמפער — מאַנצבילן, פרויען, א יינגל, א יונגער באָכער, א זאָקן, — זיי האַלטן אין האַנט ווער א מעסער, ווער אַן אווטאָמאַט, ווער א גראַנאַטע, ווער א שטיין. א פרוי האָט אופגעהויבן איבער זייערע קעפּ א זויג־קינד. עס פילט זיך, אַז דאָס איז שוין ניט דער ערשטער טאָג פון אופשטאַנד. די קעמפער האָבן שוין קיין קויעך ניט, נאָר אין זיי שפּרודלט אינערלעכע קראַפט. און דער דאָזיקער קאָנטראַסט איבערצײַגט מער אין זייער אַנט־שלאָסנקײַט, ווי ווען עס וואָלט געוויזן געוואָרן בלויז זייער מוטיקײַט און קאַמפּסגרייטקײַט. די סקולפּטור איז זייער קאָנצענטרירט. עס דאַכט, עס האָבן זיך אויסגעמישט קעפּ, נאַקעטע טאָרסן, אַקסלען, מוסקולן — און פון דעם קנויל אַנטשטייט איין קערפּער, איין נעשאָמע — דאָס פאָלק. די מיזרעכדיקע און די מײַרעוודיקע וואַנט — זיי זײַנען ווי צוויי זײַטן פון איין מאַטבייע. צוזאַמען איז עס די געפּרעסטע פאָרמול פון דער געשיכטע פון וואַרשעווער געטאָ.

אין אַן אוראַלטער לעגענדע ווערט דערציילט, אַז א זינדיקע שטאָט קאָן געראַטעוועט ווערן, אויב צווישן די, וואָס באַוווינען זי, וועט זײַן כאָטש איין צאַדיק. אַזאַ צאַדיק איז געווען יאַנוש קאָרטשאַק (הענריק גאָלדשמידט). זײַן נאָמען דערמאָנט מען אין פוילן מיט גרויס כשיוועס — אפילע, ווי איך האָב באַמערקט, מיט מער כשיוועס, ווי א סאַך אַנדערע, אפילע פיל מער באַ־רימטע נעמען.

קאָרטשאַק איז געווען א דאָקטער, א פּעדאַגאָג און א שרײַבער און האָט געקאָנט — אַזוי זאָגט מען — אין יעדן פון אָט די געביטן „מאַכן א קאַריערע". ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון רום, געלט, פון אַן אָנגעזעענער לאַגע, איז אַוועק פאַרוואַלטן מיט א יעסוימים־הויז און האָט זיך באַזעצט צוזאַמען מיט די קינדער הינטער א גלעזערן ווענטל. ער האָט געפלאַנצט אין די קינ־דער די באַגריפן פון מענטשן־ווירדע, פון אַכטונג צו מענטשן, די באַגריפן פון גוטסקײַט און גערעכטיקײַט. די רעזולטאַטן פון זײַנע עקספּערימענטן האָט ער דורכקאָנטראָלירט אין טראַ־גישע אומשטענדן.

אין אויגוסט 1942 האָבן עסעס־לײַט ארומגערינגלט דאָס יעסוימים־הויז אין וואַרשעווער געטאָ און האָבן באַפוילן ברענגען אַלע קינדער אפן אומשלאַג־פּלאַץ, ווו עס זײַנען שוין געשטא־נען גרייט וואַגאָנעס אָף אָפּפירן זיי קיין טרעבלינקע, און דאָרט ווידער האָבן געוואַרט אָף זיי גאַז־קאַמערן און ברענענדיקע אויוונס. ניט געווען מער קיין שום מעגלעכקײַט צו ראַטעווען די קינדער. די עסעס־לײַט זײַנען געווען אומגעדולדיק און צערייצט. איז געבליבן איינס — פאַר־היטן ווירדע און שטאָלץ אין אָט דער לעצטער שאָ. ס'האָט זיך אויסגעשטעלט א קאָלאָנע: צוויי הונדערט יעסוימים, יינגעלעך און מיידעלעך, אָנגעטאָן אין זייערע יאָמטעוודיקע בגאָדים, בע־ראָש פון זיי — יאַנוש קאָרטשאַק. איין קליין יינגעלע האָט זיך געקלאַמערט פאַר זײַן קעשענע, א צווייטס, גאָר א קליינס, האָט ער געהאַלטן אָף די הענט.

דעם פּלאַץ האָט אופגעטרייסלט דאָס בילד פון גרויסע שפּיר־הינט, ווילדע געשרייען פון דער וואַך, קאַסיידערדיקע שיסערײַ. אפילע אָף א דערוואַקסענעם האָט דאָס געקאָנט אַרופוואַרפן א פּאַכעד. די קינדער האָבן געקוקט אפן אַלטן דאָקטער, ער האָט געקוקט אָף זיי, און מע איז געגאַנגען ווײַטער, האַלטנדיק זיך באַ די הענט, צו פינף אין א ריי, מיט די בלויע רוקזעקלעך אָף די פּלייצעס. זיי זײַנען געגאַנגען ניט געײַלט, מיט געמאָסטענע טריט, שטאָלץ פאַרהויבן די קעפּלעך.

ווען די קאָלאָנע האָט זיך דערנעענטערט צו די וואַגאָנען, האָט א דײַטשישער אָפיצער דערלאַנגט דעם אַלטן דאָקטער קאָרטשאַק א פאַראָרדענונג וועגן דעם, אַז ער, קאָרטשאַק, דאַרף

ניט טראַנספּאָרטירט ווערן קיין טרעבלינקע — ער איז פרײַ. קאָרטשאַק האָט שווײַגנדיקער־הייט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אף ניין און איז צוזאַמען מיט די קינדער ארײַן אין וואַגאָן. הינטער זיי איז פארמאַכט און פאַרזיגלט געוואָרן די טיר. מער האָט מען זיי ניט געזען.

אָט דער זיג פון מענטשלעכן גײַסט וועט געוויס פארעכנט ווערן צווישן די, מיט וועלכע עס שטאָלצירט די מענטשהײַט.

קאָרטשאַקס ביִאָגראַף כאַנע מאָרטקאָוויטש־אָלטשאַקאָווע שרײַבט, אז „ער האָט געהאַט א העל, גראָו־ווערנדיק בערדל און אַן איידעלן בליק פון די גרוי־בלויע אויגן“. אָבער אף דער פאָטאָגראַפיע, וואָס איך האָב באַקומען א מאָטאָנע — אף איינער פון די לעצטע פאָטאָגראַפיעס זײַנע (ער איז דעמלט אַלט געווען פיר און זעכציק יאָר), האָב איך באַמערקט, און ניט בלויז איך, א ביסל אַן אַנדער אויסדרוק אין זײַנע געוויינלעך גוטע אויגן. די פאָטאָגראַפיע שטייט איצט צווישן אַנדערע בא מיר אפן טיש אין מאָסקווע. און ווער עס זאָל ניט קומען, יעדערער טוט גלײַך א פרעג, ווער איז דאָס, און איך ענטפער: „יאַנוש קאָרטשאַק“. אויב מע האָט וועגן אים געהערט, פרעגט מען איבער: „דאָס איז ער?“, און אויב ניט געהערט, פרעגט מען וועגן אים, און איך דערצייל. און קאָרטשאַקס בליק איז געווענדט אף יעדן איינעם. א ווײַסנדאָרשטיקער און אופאָדערנדיקער, זויל ער וויסן: „און ווי מיינט איר?“

אף מײַן טיש שטייט נאָך איין פאָטאָגראַפיע. „א שיינער“, — זאָגט מען. יאָ, אזוי איז עס. מער פארשפּרייט איז זײַנער א צווייטער פּאָרטרעט, ווו ער איז צופיל פּאַרעטושירט און זעט אויס ניט נאַטירלעך. און אף אָט דעם בילד איז בא אים א לעבעדיקער שמייכל פון א שטאַרקן און א גוטן מענטשן. דאָס איז אַניִלעוויטש, דער אָנפירער פון די געטאָ־אופשטענדלער.

די דײַטשן האָבן פארורטיילט די געטאָ צום טויט, די גאַנצע געטאָ, די גאַנצע שטאָט, דעם האַלבן מיליאָן פרויען און מאַנצבלען, אַלט און יונג, אַרבעטער פון אַלע ספּעציִאַליטעטן, גרויסע פאַכמענער, טאָקערס און פרעזעראָווטשיקעס, באַלמעלאָכעס — אַרטיסטן אין זייער געביט (זיי, וואָס אַן עמעס, אין דער לעצטער ריי, זיי האָבן געדאַרפט אַרבעטן אף די דײַטשישע פאַבריקן), טעכניקער, אינזשעניערן, דאָקטוירים, לערער, געלערנטע, פּראָפעסאָרן, קינסטלער, אַקטיאָרן — אַלעמען. פאַר די פאַשיסטן זײַנען דאָס קוידעמקאָל געווען מענטשן, וואָס דאַרפן אויסגעקוילעט ווערן.

דעם אורטייל האָט מען געהאַלטן בעסאָד־סוידעס. אָבער עס איז שוין געגאַנגען א צוגרייטונג צום אויספילן אים. די פארורטיילטע האָבן זיך געדאַרפט צוגעווינען צום געדאַנק וועגן טויט און דערגרייכן דעם „העכסטן“ ניוואָ — אז דער טויט זאָל אויסזען מער נאַטירלעך, ווי דאָס לעבן, קעדיי די גאַנצע אָפּעראַציע זאָל פאַר די פאַשיסטן דורכגיין אָן באַזונדערן קאַפּווייטעק. זיי האָבן אָנגעהויבן אָנקוועטשן, און וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער, אף די קנאָפּקעס פון פּאַכעד, דערנידעריקונג, הונגער.

יאָ, די דײַטשן האָבן טאַקע אַלץ געהאַלטן בעסאָד־סוידעס. אָבער בא דער געטאָ איז געווען איר געשיכטע־שרײַבער — עמאַנועל רינגעלבליום. ער האָט טאָג־אײַן, טאָג־אויס געשריבן דעם באַשולדיקונגס־אַקט. דאָקטאָר רינגעלבליום האָט געשריבן און זיך צוגעהערט, צי טופּען שוין ניט איבער די טרעפּ די געקאָוועטע שטיוול פון די עסעס־לײַט. עס איז געקומען די צײַט, און ער האָט זיי דערהערט, ער האָט געוווּסט, אז אזוי וועט זײַן, און האָט זיך דאָך ניט געאײַלט — געשריבן רויִק, אויב מע מעג אזוי זאָגן, קאַלטבלוטיק, עפּיש, טראָץ דעם אָנגריף פון פּכאָדים, וועלכע האָבן, דאַכט זיך, באַרעכטיקט דעם סאַמע פארצווייפלטן ווײַ־געשריי. און דער דאָקטאָר האָט גראָד דערפאַר אײַנגעהיט היסטאָרישע זעלבסטבאַהערשונג. די געשיכטע האָט אין זײַן פּערזאָן געהאַט א ריטער, וועלכן זי דאַרף נאָך אָפּשאַצן. ער האָט באַשריבן אַלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען אַרום און אַרום, וואָס ער האָט אַליין געזען, וואָס אַנדערע האָבן געזען, פאַרצייכנט אי גרויסע געשעענישן, אי אויסערלעך מינדערוועַרטיקע דעטאַלן — אַן אַנדערשמאָל קאָן א דעטאַל מאַכן א גרעסערן רושעם, ווי א געשעעניש. ער האָט באַגלייט דאָס באַשרײַבענע מיט באַשיידענע, לײַכטע קאָמענטאַרן. די דאָזיקע קאָמענטאַרן זײַנען אויך געווען א פאָרם פון גוויִעס־אײדעס. ער האָט געשטרעבט צו אָביעקטיווקײַט. די אָפּשאַצונג האָבן געדאַרפט געבן די קומענדיקע דוירעס.

בא רינגעלבליומען איז געווען א גאַנצער שטאַט פרײַוויליקע מיטאַרבעטער, וועלכע האָבן אים געבראַכט דאָקומענטן: פּאָליציי־פּראָטאָקאָלן, דײַטשישע באַפעלן און פאַראָרדענונגען, אונטערערדישע צײַטונגען און פלוגבלעטלעך, טאָגביכער פון פּריוואַטע פּערזאָנען (אַלע האָבן זיך געפלײַסט זיי צו פירן, דער אם־האַסייפער האָט זיך דערמאָנט אָן זײַן באַרוף). אַלץ איז געווען וויכטיק.

אָט דעם מאַטעריאַל האָט מען מיט מי און זאָרג געזאַמלט און ארײַנגעלייגט צוזאַמען מיט רינגעלבליומס קסאַוויאַד אין גרויסע אײַזערנע קעסטלעך און מילך־בידאָנען. איך האָב געזען

צוויי אזעלכע בידאָנען אין געטאָ־מוזיי — צערונצלטע, פאַרזשאַווערטע. מע האָט זיי ארויסגענומען פון דער ערד, וווהין עמאַנועל רינגעלבליומס מיטאַרבעטער האָבן זיי פאַרגראָבן אין דער לעצטער מינוט, טאַקע מאַמעש אין דער לעצטער מינוט. אין די בידאָנען האָט מען געפונען אויך זייערן א לעצטן גרוס — א צעטעלע: „די שכיינישע גאַס איז שוין באַלאַגערט. די געפאַר איז גרויס. מיר גרייטן זיך צום ערגסטן, מיר איַילן זיך. באַלד וועלן מיר נעמען גראָבן די לעצטע גרוב. אך, ווען מיר האָבן צייַט אַלץ צו באַהאַלטן...״

די בידאָנען זייַנען געבליבן, און דער אוטאָר פונעם צעטעלע איז ניטאָ.

סימפּטאָמאַטיש פונדעסטוועגן! ווי דער פאַרברעכער זאָל ניט פאַרניכטן די באַווייַזן, אויב אפילע דער פאַרברעכער איז די מאַכט אליין און האָט בעיאַד ליקווידירן אי די גוויִעס־איידעס, אי די איידעס גופע, — פריִער אָדער שפּעטער, אָבער אַלץ וועט באַוווסט ווערן — אין פופציק יאָר ארום, אין פינף הונדערט יאָר ארום, אַלציינס, און דאָס איז א ג ע ז ע ץ, ווייַל די מענטשהייַט דערלויבט ניט פאַרניכטן איר זיקאָרן.

בייס די לעצטע פּראָצעסן פון די היטלערישע פאַרברעכער, וועלכע זייַנען דעמאַסקירט געוואָרן אין העכער צוואַנציק יאָר ארום, בין איך, קוקנדיק אַף די צורעס פון די באַשולדיקטע, אין די צייַטונגען און אין קינאָ, געווען פאַרכידעשט, וואָס זיי האָט מער פון אַלץ געוווּנדערט, וויִאַזוי מע האָט זיי געפונען! אין שוואַרצן שלייער פון נאַכט האָבן זיי אייַנגעהילט זייערע מייַסים, נאָר אין דער טיף פון אָט דעם כוישעך האָט פּלוצעם אופגעבליצט אן אופמערקזאַמער שוואַרצאַפּל, ער איז אויסגעלאָשן געוואָרן, און אָט פינקלט שוין א צווייטער, ניט צו באַפרייַען זיך פון אים. דאָס איז א וואָרענונג. היט זיך!

עס האָבן זיך אייַנגעהיט א סאַך פאָטאָגראַפיעס פון יענער צייַט. געמאַכט האָבן זיי די פאַשיסטן גופע. זיי האָט באַהערשט א מאַניע — זיך פאָטאָגראַפירן און פאָטאָגראַפירן זייערע קאָרבאָנעס, אַן עפּידעמישע מאַסן־מאַניע. דער פאָטאָ־אַפּאַראַט איז בא זיי געהאַנגען בישכיינעס מיטן אויטאָמאַט. אין די קינאָ־קאַדרען, וואָס געמאַכט האָבן זיי דייַטשן, הערט מען דעם טראַסק פון די פאָטאָ־אַפּאַראַטן צומאָל ניט זעלטענער, ווי ביקסן־שאָסן.

איינער פאָטאָגראַפירט, וויִאַזוי דער אַנדערער „לערנט״ ביגוואַלד אַן עלטערן מענטשן אָפּגעבן די פאַשיסטישע באַגריסונג; דערפאַר באַווייַזט דער דאָזיקער אַנדערער, וויִאַזוי דער ערשטער רייַסט ארויס די באָרד בא אַן אַלטן פּאַטריִאַרכאַלן ייִדן. דער דריטער צילט אין א פרוי — זי דריקט צו דער ברוסט א קינד, האָט זיך איינגאַנצן צונויפגעקנוילט און וואַרט אַף א שאָס. א צענדליק סאָלדאַטן האָבן אַרייַנגעוואָרפן א מענטשן אין א סאַזשלקע און האָבן איצט האַנאָע, צוקוקנדיק, ווי יענער טרינקט זיך. א פרוי מיט א קינד אַף די הענט וואַרפט זיך ארויס פון א ברענענדיק הויז. אונטן — א האַמוין סאָלדאַטן, זיי פאַרוועטן זיך, ווער וועט פריִער באַווייַזן דורכלעכערן זי מיט זייַנע קוילן. אַף אַלע פּנעמער — אַן עקלהאַפטער שמייכל, א כויזעקדיקער, אַן אידיִאָטישער, מיטן פולן באַוווסטזייַן פון זייער רעכט אַף אָט דעם אידיִאָטיזם. אָבער קיין סינע אָדער אומפּרייַנטלעכקייַט האָב איך אַף די צורעס ניט באַמערקט — א מאָדנע באַפרידיקונג, וואָס ס׳איז אפילע שווער זי צו דעשיפרירן. עפּשער איז דאָס די באַדערפעניש אַף אַזא אופן צו פאַרייביקן די וועלט פריִער, איידער זי פאַרניכטן, די גרימאַסע פון סאַדיזם?

איך קוק זיך אופמערקזאַם צו צו אָט די פיזיִאָנאָמיעס און, שטיקנדיק אין זיך דעם פאַרלאַנג אָט באַלד, טייקעף דערהאַרגענען די כייַע־ראָע, פּרוּוו איך זייַן קאַלטבלוטיק און פאַרשטעלן זיך, ווי זעט אויס דאָס דאָזיקע פּאָנעם, בייס עס איז נאָרמאַל — אין דער היים, צווישן דער מישפּאָכע, אַף דער אַרבעט, — און הייב אָן צו פאַרשטיין אָט די נאָרמע זייַנע — דאָס איז די זיכערקייַט אין דעם, אַז ער שטייט העכער פון אַלע איבעריקע, ער, דער אויבערמענטש.

ווען אַנילעוויטש פּלעגט אַנטוואָפּענען א ניט געַנוג פאַרזיכטיקן עסעס־מאַן, פּלעגט פון יענעם גלייַך אַראָפּ די רויטבאַקיקע אויבערמענטשלעכקייַט זייַנע און ער פּלעגט באַקומען דעם בלאָטיק־גרויען קאָליר פון דערנידעריקטקייַט, וועלכע ער האָט אַזוי ענערגיש אייַנגעפלאַנצט אין געטאָ. „פּאַכדאָנים״ — האָט וועגן זיי געשריבן אַנילעוויטש.

אָבער דער אויסדרוק פון אויסדערווײלטקייַט איז א כאַראַקטעריסטישער שטריך. און אויב גוט באַטראַכטן דעם איניִען און ניט מוירע האָבן צו זאָגן דעם עמעס, איז דאָך די גאַנצע וועלט פון קאַדמוינים אָן אין דער קינדערשער אומשולד אירער באַגאַנגען א שוידערלעכן פאַרברעכן — געכאַוועט און דערצויגן אין זיך דעם דאָזיקן שטריך. אי לענדער, אי פעלקער, אי שטעט, אי די געזעלשאַפט, אי באַזונדערע מענטשן ווילן קעסיידער דערווייַזן איינער דעם אַנדערן, אַז זיי שטייען העכער, און ניט מאַכמעס עפּעס אַנדערש, ווי נאָר מאַכמעס אָט דער איין־און־איינציקער אידיי פון אויסדערווײלטקייַט. אָט וואָס פאַר א טיפע וואָרצלען דער פאַשיזם האָט. אַלע מענטשן זייַנען גלייַך, ווער יעדער פון זיי זאָל ניט זייַן. און דאָס איז דער איקער.

אין דעם געטאָ־מוזיי הענגען בילדער פון דער יונגער קינסטלערן העלע סעקשטיין, וועלכע איז אומגעקומען בייסן אופשטאַנד. איינע פון אירע אקוואַרעלן האָט געמאַכט אף מיר א רושעם, אָבער, מוז איך זיך מודיע זײַן, ניט גלײַך. איך האָב געקוקט אף דעם בילד, ווי אף א סאַך אנדערע, וועלכע האָבן איליוסטרירט דעם געטאָ־שטייגער. און פּלוצעם, ווען איך האָב זיך אופמערקזאַם צוגעקוקט, בין איך געבליבן שטיין א געפּלעפּטער. א מיידעלע דריקט צו צום האַרצן איר ליאַלקע — דאָס בילד הייסט טאַקע אזוי: „דאָס מיידעלע מיט דער ליאַלקע". דאָס איז, אויב איר ווילט, א קליינטשינקע מאַמע מיט א קינד אף די הענט, נאָך איין פאַרקערפּערונג פון א מאַדאָנע. דאָס אָבער, וואָס איך האָב דערזען און וואָס האָט מיך אזוי אופגערודערט, — די טעמע האָב איך אַלנפאַלס ניט באַגעגנט ניט אין די רוסישע, ניט אין די אייראָפּעיִשע מוזייען. ראַפאַעלס אָדער רובליאָווס מאַדאָנע בייגט זיך אָן איבער איר קינד, זי זעט פאַרויס זײַן גורל, זי ווייסט, אז מענטשן וועלן קרייצן איר זון, און זי קוקט אף אים מיט א שטילן, טרויעריקן שמייכל. און בא דעם מיידעלע איז ניט קיין טרויער, נאָר גרויל, א גרויל־געשריי איז פאַרגליווערט געוואָרן אין אירע אויגן, נייִן, ניט פאַרקילט געוואָרן, איר הערט אים מאַמעש. בא איר ווערט מען דאָך באַלד אַרויסרײַסן פון די הענט דאָס קינד — טאָגטעגלעכער שטייגער פון געטאָ, מע וועט דעם שפּאַלטן דאָס קעפּל מיט א זעץ איבערן ברוק — טאָגטעגלעך לעבן פון געטאָ, און דאָס וועט געשען אָט שוין, באַלד, די מינוט!

דאָס לעבן אין געטאָ האָט יעדע רעגע אַרויסגעשטויסן דעם מענטשן פון גלײַכגעוויכט, און ער האָט געשטרעבט טייקעף אײַנרעגולירן די וואָגשאָלן. ווי מע קאָן איצט אורטיילן, האָבן די מענטשן געשטרעבט צו א שטיקל גלײַכגעוויכט, צו אינערץ, צו דעם, אז די געוויינלעכע ראָד פון שטייגער זאָל זיך קײַקלען ווי שטענדיק. קינדער זײַנען געגאַנגען אין שול (געהיים), דערוואַקסענע — אין געזעלשאַפטלעכע אוניווערסיטעטן (אונטערערדישע), ווו עס האָבן אונטעריכט אַנגעזעענע געלערנטע און פּראָפעסאָרן (זיי האָט מען אויך פאַרשפּאַרט אין געטאָ), עס זײַנען אַרויסגעגאַנגען אונטערערדישע צײַטונגען. מיך האָט ביז טרערן גערירט א פאָטאָגראַפיע פון א מין ביכער־מערקל. דער פאַרקויפער האָט אויסגעלייגט זײַן סכורע ניט בלויז אף א טישל, נאָר דירעקט אפן טראָטואַר — זעלטן ווער עס גייט פאַרבײַ, שטעלט זיך ניט אָפּ אף א רעגע. איינער קוקט דורך א בוך, דער אנדערער קויפט, און אָט יענער לייענט שטייענדיק, אזוי פאַרינטערעסירט, אז ער האָט פאַרגעסן וועגן אַלץ אין דער וועלט.

ווען מע בלעטערט די געטאָ־טאָגביכער, שאַפט זיך אָן אײַנדרוק, אז זייערע אויטאָרן האָבן מוירע געהאַט, אז טאָמער וועט עמעצער אמאָל אַרײַנקוקן אין אָט די טאָגביכער, אויב ס'וועט זײַן ווער עס זאָל אַרײַנקוקן, זאָל זיך אים ניט דוכטן, אז די אײַנוווינער פון געטאָ זײַנען געווען געפאַלן בא זיך, פאַרקערט, זיי האָבן געזוכט דאָס ניט צו דערלאָזן, האָבן אונטערגעהאַלטן איינער באַם אנדערן די שטימונג. עמעס, דער הומאָר איז בא זיי געווען א ביטערער, אָבער דאָך א הומאָר.

עס האָבן געאַרבעט אפּדערגיך געשאַפענע טעאַטערן, דערונטער אַן עסטראַדע־טעאַטער. ער האָט אַרויסגעלאָזט א „לעבעדיקן זשורנאַל". זײַן איניציִאַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר איז געווען דער פּאָעט וולאַדיסלאַוו שלענגעל — ער האָט געפירט די פּראָגראַם, און אין זאָל זײַנען געזעסן געסטאַפּאָווצעס. א קאָנפעראַנסיע קאָן זיך ניט באַגיין אָן דעם, ער זאָל ניט א שטאָך טאָן עמעצן פון אוילעם, און שלענגעל איז ניט געווען קיין אויסנאַם. ער שרײַבט אין זײַנע נאָטיצן, אז ער „האָט אַלעמאָל האַנאָע געהאַט פון לייענען צווידײַטיקע לידער און אומצווידײַטיקע כאָכמעס, וואָס האָבן געצילט אין באַוווסטע געסטאַפּאָווצעס, און אומבאַדינגט אין זייער קעגנוואָרט". לאָזט זיך אויס, די הערן געסטאַפּאָווצעס האָבן קיין פאַריבל ניט געהאַט. פאַרקערט, זיי האָבן פאַריבל געהאַט, אויב מע האָט אף זיי ניט אָנגעדײַט. „קיין זאַך האָט מיך ניט געוווּנדערט, — זעצט פאָר שלענגעל, — איך ווייס, אז זייער דאָמינירנדיקער שטריך — דאָס איז סנאָביזם".

איך האָב מיט גוואַלדיקן אינטערעס געלייענט שלענגעלס לידער — דאָ איז פאַראַן אי פּאַמפלעט, אי הערויִק, אי שטייגער. די ליד „קאָנטער־אַטאַקע" איז געווידמעט דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, וואָס איז געשטעלט געוואָרן קעגן א גרופּע געסטאַפּאָווצעס. צום ערשטן מאָל האָבן אין געטאָ געקלונגען קרעכצן ניט פון די קאָרבאָנעס, נאָר פון די הענקער. וועגן וואָס טוען טפילע יידן אין זייערע היײַזער, צווייפדריקנדיק אין האַנט אַן אײַזערנעם פּרענט אָדער א פלאָקן, — פרעגט שלענגעל, — זיי בעטן באַם „גאָט פון נעקאָמע", אז ער זאָל שטאַרקן זייערע הענט און זיי זאָלן טרעפן אין ציל, און נאָך, אז פאַר דעם, ווי זיי וועלן שטאַרבן, זאָלן זיי דערזען אין די אויגן פונעם קאַט „אונדזער געוויינלעכע מענטשלעכע שרעק".

דער איקער אין שלענגעלס לידער איז די אומגעריכט יונגע שטים. זי קלינגט פּאַראַדאָקסאַל צווישן די פײַערן פון גענעם. די אָנגעזעענסטע פּוילישע פּאָעטן — פון וולאַדיסלאַוו

בראַנעווסקי ביז מעטשיסלאַוו יאַסטרון — האָבן געווידמעט דער טראַגעדיע פון געטאָ ווייפּולע שורעס. צום אונטערשייד פון אַלעמען ווערט שלענגעל, אַף דורך און דורך אַ דורכגעדרונגענער מיט דער טראַגישער טעמע, ניט אָפּגענומען טראַגיש (באַ מיר איז אַפילו דורכגעפּלויגן אַ גע־דאַנק, צי האָט ער ניט אָט די לידער געשריבן אויסער די גרענעצן פון געטאָ, נאָך איר ליקווי־דאַציע. עס הייבט זיך ניט אָן! שלענגעל האָט זיי געשריבן אין ברען פון די געשעענישן אין געטאָ; עפּשער זײַנען זיי דערפאַר טאַקע אַזעלכע?). זאָגן, אַז דאָס איז מוט און ווילנסקראַפט — איז ווייניק. דאָס איז מער — דאָס איז דער סימבאָל פון דער לעבנספעייקייט פונעם פאָעט און פון זײַן פאָלק, וואָס האָט אין מעשעך פון יאָרהונדערטער אין מאָמענטן פון סאַקאָנע און אומקום געשעפּט פון געהיימניספולע קוואַלן זײַן לעבנס־קראַפט.

און ס׳איז געקומען די צײַט, ווען די פאַשיסטן האָבן באַשלאָסן, אַז די טויט־פּאַרורטיילטע זײַנען שוין גרייט צום טויט, און זיי האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט.

זומער 1942 זײַנען זיי צוגעטראָטן צו דער גרויסער אַקציע: פון 22 אַפּרעל ביזן 21 סעפּ־טעמבער האָט מען אַרויסגעפירט אין די טרעבלינקער אויוונס 300 000 אײַנוווינער פון געטאָ. 300 000? דרײַ הונדערט טויזנט.

דאָס איז געווען דער ווענדפונקט אין דער געשיכטע פון דער געטאָ, און ניט בלויז פון דער געטאָ. די מענטשן זײַנען געוואָרן אַנדערע. דאָ לאָזט זיך מערקן אַ פּרינציפּיעלע טענדענץ, כאָטש ס׳איז נאַטירלעך, אַז אַנדערע מענטשן זײַנען שטענדיק געווען. אויך ביז דער גרויסער אַקציע זײַנען געשאַפן געוואָרן קאַמפס־גרופּעס. ניט נאָר אין וואַרשע, נאָר אויך אין אַנדערע פּוילישע שטעט, וווּ עס זײַנען געווען געטאָס, זײַנען אויסגעבראָכן אופשטאַנדן. אַ באַזונדערס פּאַרביטערטער קאַמף איז געווען אין ביאַליסטאָק. און אין נאָוואָגרודעק האָט אַ היגער לערער צונויפגענומען אַ גרופּע פרײַוויליקע, זיי האָבן אַוועקגעלייגט עטלעכע צענדליק דײַטשישע זשאַנדאַרמען, ביז זיי זײַנען אומגעקומען אַלע ביז איינעם. „נאָוואָגרודעק!” — איז געוואָרן דער קאַמפס־רוף פון דער יוגנט, ווי אַ סימבאָל פון אַקטיווקײַט.

יאָ, אין געטאָ זײַנען שוין געווען גאָר אַנדערע מענטשן. די דײַטשן האָבן זיך עס אַפילו פאָרשטעלן ניט געקאָנט. און דעמלט זײַנען געפאַלן די ערשטע שאָסן.

נאָך דער זומער־אַקציע האָבן די פאַשיסטן פאַרגענומען אַ ווינטער־אַקציע. אָבער וויבאַלד זייער באַפעל פרײַוויליק זיך צו מעלדן אַפן אומשלאַג־פּלאַץ האָט ווינציק ווער אויסגעפילט, האָבן זיי באַשלאָסן אַליין אויסצופאַנגען זייערע קאָרבאָנעס. עס איז אויסגעריכט געוואָרן אַ היפּשע גרופּע עסעס־לײַט. נאָר ווען זיי זײַנען געקומען, האָט זיי באַגעגנט אַ האָגל קוילן און שטיינער, דעמלט נאָך, צום באַדויערן, דעריקער שטיינער. די דײַטשן זײַנען אָפּגעטראָטן, מיטראַגנדיק מיט זיך צוואַנציק דערהאַרגעטע און פערציק פאַרוווּנדעטע.

דאָס איז געווען דעם 18 יאַנוואַר 1943.

אין אָט דעם טאָג, — זאָגט איידעס שלענגעל, — האָט אַ געסטאַפּאָוועץ געשלעפּט איבער די טרעפּ אַן אַלטע, גראַויע פרוי. אַ שאָס — און איבער די טרעפּ קײַקלט זיך דער עסעס־מאַן, אַ מאָדנע אָנגעדראָלענער, פונקט ער זאָל ניט קאָנען פאַרדײַען דעם בונט.

די דײַטשן זײַנען געוואָרן מער געהיט. פריִער האָבן זיי פרײַ אַרומגעשפּאַצירט איבער דער געטאָ, אַרומגעשליאָנדערט איבער די דירעס, באַוויזן די אײַנוווינער, וואָס פאַר אַ שטיק מעבל עס געפעלט זיי, געהייסן אַראָפּטראָגן, אָנלאָדן אַף דער מאַשין, די אייגנטימער האָבן זיי צע־שאָסן און אַליין אוועקגעפאָרן. אצינד פלעגן זיי זיך ניט באַווײַזן ניט נאָר מיטן טערעץ, אַז זיי דאַרפן מאַכן אַן אונטערזוכונג, נאָר אַפילו דעמלט, ווען זיי האָבן טאַקע געוואָלט מאַכן אַן אונ־טערזוכונג. דערהערט זייערע טריט אַף די טרעפּ, פלעגן די אײַנוווינער באַגיסן די טרעפּ מיט נאַפט און אונטערצינדן זיי. ווען יענע, די פאַשיסטן, פלעגן אָנקלאַפּן אין טיר, פלעגט מען זי ניט עפענען, נאָר פאַרבאַריקאַדירן און אַף אַ שאָס ענטפערן מיט אַ שאָס. אויב ווידער מע האָט זי יאָ געעפנט, איז נאָר קעדיי אַרײַנטרעטן אין אַ טויט־געפעכט.

די געטאָ האָט זיך פיבערהאַפט געגרייט צום אופשטאַנד. די קעמפער זײַנען געווען אײַנ־געטיילט אין קאַמפס־גרופּעס בעראָש מיט קאָמאַנדירן. זיי האָבן זיך געפונען אין די גרענעץ־פונקטן פון געטאָ, וווּ עס איז געווען צו דערוואַרטן דעם קעגנער. מע האָט זיך געלערנט, ווי אומגיין מיט געווער, שיסן, וואַרפן גראַנאַטעס, און פלעשער מיט צינד־פליסיקײַט. מע האָט געזען אײַנצושאַפן געווער — געקויפט, צוגענומען באַ דײַטשן, באַקומען באַ די פרײַנט, וואָס פון יענער זײַט וואַנט, געמאַכט געווער אַליין: גראַנאַטעס, באָמבעס, פלעשער מיט אָפּרײַס־שטאָף, פוסטע עלעקטרישע לעמפּלעך האָט מען אָנגעפילט מיט פולווער. דאָס גרונט־געווער פונעם אופשטאַנד ווערט צינד־פליסיקײַט. די קעלערס פון די הײַזער זײַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאָרטיפיקאַציעס. אהין האָט מען באַצײַטנס געבראַכט אַמוניציע און פּראָוויאַנט. דאָ זײַנען

געווען די באהעלטענישן פון זקיינים און קינדער. דא זיינען אויך געווען דיסלאצירט די קאמפס־גרופעס. אין די ווענט צווישן די הייזער האט מען געמאכט דורכגענג, קעדיי צו דורכפירן אומגעריכטע אנפאלן אפן סוינע. די פענצטער זיינען געווען פארבאריקאדירט מיט זעק, אנגעפילטע מיט זאמד, און מיט קישנס, עס זאל זיין באקוועם צו שיסן.

אף וויפל עס האט זיך אקטיוויזירט די טעטיקייט פון די פאליצייען און פארעטער, האט די קאמפס־ארגאניזאציע ארויסגעטראגן זיי טויט־אורטיילן. אין איינעם פון די באפעלן, וואס פלעגן אויסגעהאנגען ווערן אף די ווענט, איז געמאלדן געווארן, לעמאשל, אז דעם 21 פעווראל איז צעשאסן געווארן דער און דער פאר דאס און דאס, דעם 22 — דער און דער פאר דאס און דאס, דעם 23, 24, 26, 28 אאזוו. געשלאסן די מודיאע האבן אזעלכע ווערטער: „די קאמפס־ארגאניזאציע ווארנט די אויסוורפן, אז אויב זיי וועלן טייקעף ניט ווארפן זייער שמוציקע ארבעט, וועלן זיי אלע צעשאסן ווערן. ווארשע, געטא, 3 מארט“.

די געטא האט געוווסט, ווען זי האט צו דערווארטן דעם סוינע. דעם 19 אפרעל האט די היטלערישע קאמאנדשאפט באשטימט פארן „טאג פון דער ענדגילטיקער ליקווידאציע“. דער זעלבער טאג איז פראקלאמירט געווארן אלס „דער טאג פונעם אופשטאנד אין געטא“.

עס זיינען געגאנגען די לעצטע צוגרייטונגען. באנאכט האט מען די קעמפער ארויסגעגעבן געווער און סאם (ניט אריינצופאלן לעבעדיקערהייט צום סוינע אין די הענט).

עס איז געקומען דער 19 אפרעל — דער טאג, ווען דער זיגער איז געשטעמפלט געווארן מיט שאנד און די באזיגטע זיינען באקרוינט געווארן מיט אייביקן רום.

אין דעם פילם „א רעקוויעם נאך די פינף הונדערט טויזנט“, וואס באשטייט פון פראגמענטן, וועלכע עס האבן פאטאגראפירט די פאשיסטן, ווארפט זיך אין די אויגן איינער: א קאלאסאלע ציגלנע וואנט און פענצטער, א שטומע, אן אויסגעשטשערבעטע וואנט, און פלוצעם צעבליט זיך די וואנט אף דער הייך פון אנדערהאלבן־צוויי מעטער, ווי ברייט זי איז, מיט צענדליקער רויך־קנייטלעך! די טויטע, אומבאוועגלעכע וואנט האט באקומען א טיקן. דאס מאכט א דערשיטערנדיקן איינדרוק — עס קאן דינען ניט נאר ווי אן עפיגראף צום אופשטאנד. ס'איז אין דעם פאראן א מין סימבאל פון ווידערשטאנד!

די וואנט ארום דער געטא איז געווען ארומגערינגלט מיט געדיכטע פאליציי־קארדאנען. אין געטא האט מען געצומען אריינפירן מיליטער־טיילן, וועלכע האבן זיך באוועגט אין מוסטערהאפטער ארדענונג: פארויס מאטאציקליסטן, דערנאך באוואפנטע מיט קוילנווארפער, אינפאנטעריע אף לאסטמאשינעס, און אזוי ווייטער און ווייטער, איינגעשלאסן אמבולאנסן און פעלדקיכן. די סאלדאטן האבן געדונערט לידער. זיי האט זיך געדוכט, אז אליין דאס באווייזן זיך זייערס וועט ארופווארפן א טויט־שרעק אף די מוירדים.

די אופשטענדלער האבן דורכגעלאזט די פאדערשטע טיילן, און ווען עס האט זיך באוויזן דער קערן, די גרונט־קרעפטן, האט א פלייץ געטאן פייער. די סטראטעגיע פונעם אופשטאנד איז געווען ניט שוץ, נאר אנגריף! די דייטשן האבן אין אומארדענונג זיך געלאזט אף צוריק. די אופשטענדלער זיינען ארויס פון זייערע באהעלטענישן און זיך געלאזט נאך די לויפנדיקע. א בילד! געוויינלעך פלעגט אן אנגעגאסענער בייערישער פעמפיק מיט כוזעק־געשרייען און שיסעריי פארפאלגן א געיאגטן, געפלאגטן אומבאוואפנטן יידן. אצינד איז געלאפן דער בייערישער פעמפיק, — זיי האבן זיך געביטן מיט די ערטער, און דאס האט זיך אפגעשפיגלט אף זייער פסיכיק.

די שלאכט איז אנגעגאנגען.

אף יעדער ארטעריע פון דער געטא, ווּהין די פאשיסטן האבן געווארפן זייערע טיילן, האט מען פאר זיי צוגעגרייט א „זאק“. ווען איינער א פלאץ, אן ארומגערינגלטער מיט הייזער, ווו עס האבן זיך פארפעסטיקט די אופשטענדלער, איז פארפלייצט געווארן מיט דייטשישע טיילן, האבן די אופשטענדלער פון אלע פיר זייטן געעפנט א פארניכטונגס־פייער. די דייטשן האבן ניט געהאט ווו זיך אהינצוטאן, און זיי האבן זיך גענומען באהאלטן אין די טויערן און קראמען.

עס באווייזט זיך א טאנק — אין א רעגע ארום שטייט ער אין פלאמען און רייסט זיך אוף. צוויי טאנקעטקעס, וועלכע זיינען אים נאכגעפארן, מאכן אפגיך פלייטע, און נאך זיי — די פאשיסטלעך. אפן פלאץ רייסט זיך אריין א נייער טאנק — א זעץ פון אן אייזערנער באמבע, און ער בלייבט שטיין אן באוועגונג.

א פארביטערטע שלאכט צעפלאקערט זיך אף מוראנאווער פלאץ. עס אטאקירט א גרויסע גרופע היטלעריסטן. די אופשטענדלער קאנטראטאקירן פון אלע זייטן. באזונדערס עפעקטיוו האט זיך פארטיידיקט איין הויז: בא די קעמפער איז געווען מער אמוניציע, און דער קוילנווארפער אפן דאך האט געשאסן פינקטלעך און אן איבערייס.

אזוי איז דורך דער ערשטער טאָג פון אופשטאַנד.

די אָקופּאַנטן האָבן שיר געפּלאַצט פאַר פאַרדראָס — סטייטש, א הייפל יידישע בונטאָוו־שטשיקעס האָט געמאַכט צום נאַר זייער גאַנצע קריגס־מאַשינעריע פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט.

די געטאָ האָט געיובלט. די שלאַכטלייט האָבן זיך ארומגענומען מיט טרערן אין די אויגן. נאָך וועגן די ערשטע שאָסן האָט שלענגעל געשריבן: „ווי צונטער־רויטע בלומען בליט דאָס פייער פון אונדזערע ביקסן — דאָס איז דער פרילינג אונדזערער". א מיידל, וואָס האָט באַשריבן אין טאָגבוך די געשעענישן, רופט אויס: „ס'האָט געשלאָגן די ליכטיקע שאָ!"

צווערשט האָט מיט דער אָפּעראַציע קעגן דער געטאָ אָנגעפירט דער אָבערסט זאַמערן. גע־ליטן א מאַפּאָלע, איז ער, א צעטומלטער, אוועקגעלאָפן אינעם האָטעל „בריסטאָל", ווו עס איז איינגעשטאַנען דער גענעראַל פאָן סטראָאָפּ, און האָט ראַפּאָרטירט: „די געטאָ געהערט ניט מער צו אונדז". סטראָאָפּ האָט אַראָפּגענומען זאַמערנען, קאָנצענטרירט די אָנפירונג אין זיינע הענט. אָבער אויך ער אַפּעלירט צום גענעראַל־גובערנאַטאָר פראַנק. און יענער האָט געמוזט, נעבעך, טעלעגראַפירן קיין בערלין, אין היטלערס קאַנצעליאַריע: „מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אין וואַרשע אף א גוט אָרגאַניזירטן אופשטאַנד אין געטאָ, וועלכע עס קומט אויס צו פאַרניכטן מיט דער הילף פון האַרמאַטן". ניט נאָר האַרמאַטן, לייכטע און שווערע, דאַרף געזאָגט ווערן, נאָר אויך אעראָפּלאַנען — טאָג און נאַכט זיינען זיי ארומגעפּלויגן איבער דער געטאָ, אַראָפּוואַרפּ־דיק צינד־ און אופרייס־באָמבעס... — —

— —

— —

עס זיינען געשטאַנען וואַרעמע פרילינג־טעג. אף דער „ארישער זייט" האָבן געקלונגען קאַסטיאַל־גלעקער לעקאָוועד כאָגע. באַלעבאָסטעס האָבן זיך געגרייט צו יאָמטעוו. גראַד אין אָט דעם טאָג האָבן די פאַשיסטן באַזאַרגט די קראַמען מיט אלדאָסגוטס.

דער פּוילישער קליינבירגער איז געזעסן בא א געדעקטן טיש, פאַרפּוצט אין עסיק און אין האָניק און, צופרידנדיק אין אָפּענעם פענצטער די פייערן פון געטאָ, פאַרביסן זיי מיט פייסעכדיקע אייער. קליינבירגער זיינען אומעטום די זעלבע: ווער ס'איז שטאַרק, דער איז בא זיי גערעכט; ווער ס'איז שוואַך, דער איז, נאַטירלעך, אומגערעכט. דער פּוילישער קליינ־בירגער האָט געהאַלטן, אז אָט דער דייטש ליקווידירט ענדלעך די דערעסענע „יידן־פּראַגע". און זיינע מאַכשאָוועס האָט ער, דער קליינבירגער, פאַרטרונקען מיט א קעלישעק בראַנפן.

און געלאָזט האָט ער זיך ווילגיין אזוי לאַנג, אזוי ברייט, ביז די דייטשן האָבן באַשלאָסן צו ליקווידירן אָן אַנאַלאָגישע „פּראַגע" — אָבער שוין ניט די יידן־פּראַגע, נאָר די פּוילישע.

דער דאָזיקער פּוילישער קליינבירגער, דאָס איז אָבער ניט פּוילן. עס זיינען געווען פּאַ־ליאַקן, פאַר וועלכע דאָס וואָרט „אופשטענדלער" איז הייליק געווען פון אָוועס־אָוויסיינו, און דער געדאַנק וועגן דעם, אז ערגעץ דאָ, לעבן אים, שלאָגט זיך אָן אופשטענדלער איינס־אף־איינס מיט דעם פאַרהאַסטן סוינע, און ער זיצט באַם יאָמטעוודיקן טיש, איז פאַר אזא איינעם געוועזן ניט איבערצוטראָגן. אין האַלדז איז ניט געקראָכן דער ביסן, ער האָט ארויסגענומען פון באַהעלטעניש דאָס געוועער און האָט זיך געזעגנט מיטן ווייב. א פּויליש יינגל, וואָס האָט מער פון אַלץ מוירע געהאַט צו פאַרשאַפן אַגמעסנעפעש דער מוטער, האָט איר איבערגעלאָזט א צעטל: „מאַמע, אַנדערש האָב איך ניט געקאָנט..."

די שלאַכט־אָטריאַדן פון דער פּוילישער אונטערערדישער ארמיי זיינען געקומען צוהילף דער געטאָ. ניט אומזיסט ווערן אין די דייטשישע ראַפּאָרטן דערמאָנט וועגן די אַטאַקעס פון „די יידן און פּוילישע באַנדיטן" — אזוי האָבן בא זיי געהייסן די פּוילישע פּאַטריאָטן.

אַלץ ווינציקער איז געבליבן שלאַכטלייט, נאָך ווינציקער געוועער, דאָך האָט דער אופ־שטאַנד נאָך געפלאַקערט אין אַפּרעל און אין מיי. אָבער דער טראַגישער פינאַל איז געווען אומ־פאַרמיידלעך.

דעם 8 מיי האָבן די פאַשיסטן אָנגעטאַפּט דעם אונטערערדישן שטאַב פונעם אופשטאַנד מיט אַנילעוויטשן בעראָש. זיי האָבן באַלאַגערט דעם בונקער. די באַלאַגערטע האָבן געשאָסן. דעמלט האָבן די דייטשן געלאָזט גיפטיקע גאַזן. אַנילעוויטש און זיינע מיטקעמפער האָבן איינ־גענומען ציאַן־קאַלי...

— —

— —

(אף דעם רייסט זיך דער מאַנוסקריפּט איבער)

ליטעראַטור-קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פראַגן פון קונסט

הערש רעמעניק

אונדזער דיכטונג אין נאָכאָקטיאַבער-פּעריאָד

מאָטיוון פון „וויי און מוט“

אין פּעריאָד פון די צוואנציקער יאָרן האָט די דיכטונג פאַרנומען דעם אויבנאָן אין דער ליטעראַטור. די דאָזיקע דערשיינונג איז געווען כאַראַקטעריסטיש ניט נאָר פאַר דער ייִדישער, נאָר אויך פאַר דער רוסישער סאָוועטישער ליטעראַטור. אָבער אין דער רוסישער ליטעראַטור האָט די לאַגע זיך געענדערט גאַנץ גיך. אין דער צווייטער העלפט פון די צוואנציקער און באַזונדערס אין די דרייַסיקער יאָרן, נאָכן טויט פון בלאָקן, בריוסאָוון, יעסענינען, מאַיאַקאָווסקין און באַגריצקין, איז די פּראָזע מיטן אָנקום פון פאַדייעוון, שאָלאָכאָוון, פעדינען, לעאָנאָוון, באַבעלן, ערענבורגן, פּאַוסטאָווסקין און אַנדערע אַרויס אפן פאָדערפלאַן, ווי דאָס איז געווען ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

אין דער ייִדישער ליטעראַטור שטעלט די דיכטונג ביז הייַנטיקן טאָג מיט זיך פאָר די פירנדיקע קראַפט, האַגאַם פאַר די לעצטע פינף־זעקס יאָר מערקט זיך אָן ערנסטער וווּקס פון דער פּראָזע.

אין אָנהייב פון די צוואנציקער יאָרן, אין פּעריאָד פון „שטראָם“, איז קיין פּראָזע בא אונדז קימאַט ניט געווען, בײַס די דיכטונג האָט אַרויסגערוקט אַלץ נייַע און נייַע מייַסטערס. עס האָט זיך ערשט צעשייַנט דער געשטערן שוואַרצמאַן — האָפשטיין — קוויטקאָ — מאַרקיש, און ס'האָט שוין מעכטיק אַ קלונג געטאָן דאָס געזאַנג פון אַ נייַער פּלעיאַדע דיכטער — האַלקין, פינינבערג, קושניראָוו, פעפער, כאַריק, ווי אויך פון אַזעלכע באַגאַבטע שעפער, ווי כאַשטשעוואַצקי, ראָסין, אַקסעלראָד, רעזניק, כאַנע לעווין. עטוואָס שפּעטער קומט אַ נייַע פּאָעטישע פּלעיאַדע.

אפילע איצט, ווען אַ סאַך פון דעם, וואָס איז דאַן געווען אויסטערליש און אומפאַרשטענדלעך, איז פון דער ווייַטער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו קלאָרער און פאַרשטענדלעכער, — אפילע איצט איז נאָך אַלץ שווער פעסטצושטעלן די געזעצמעסיקייַטן און די גרונט־טענדענצן פון דער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג אין יענע יאָרן. פונדעסטוועגן קאָנען מיר הייַנט מיט אַ געוויסער זיכערקייַט, ניט פאַרגעסנדיק, נאַטירלעך, אַלע אומשטענדן פון יענער צייַט, באַהויפּטן, אַז די צוואנציקער יאָרן זייַנען געווען יאָרן פון קינסטלערישער און אידייִשער פ אָ ר מ י ר ו נ ג פון דער דיכטונג, בײַס די דרייַסיקער יאָרן זייַנען געווען יאָרן, ווען די ליטעראַטור האָט שוין פ א ר פ ע ס ט י ק ט אירע אידייִשע און קינסטלערישע פּאָזיציעס.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, די שאַרפע פּאָליטישע באַשולדיקונגען, וועלכע זייַנען דאַן אַרויסגערוקט געוואָרן פון דער ראַפּישער קריטיק און פון די ראַפּישע שרייַבער קעגן די אַזוי־גערופענע „מיטלויפער“ אָדער אפילע קעגן די „פאַרבינדעטע“, האָבן ניט געהאַט קיין באָדן אונטער זיך. קיין שרייַבער, וואָס זייערע ווערק זאָלן זייַן געווענדט קעגן דער רעוואָליוציע, זייַנען אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור ניט געווען אין דעם פּעריאָד. אָבער זוכונגען און בלאָנדזשענישן זייַנען יאָ געווען כאַראַקטעריסטיש קימאַט פאַר דער גאַנצער דיכטונג. די דאָזיקע זוכונגען און בלאָנדזשענישן זייַנען געווען אופריכטיקע, פייַנלעכע מאַטערנישן פון אַ גאַנצן דאָר דיכטער, וואָס האָט געזוכט און געפונען דעם וועג צו דער רעוואָליוציע. אַוודע איז פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן די זוכונגען פון כאַריקן, לאָמיר זאָגן, און פון האַלקינען, פון פעפערן און פון פינינבערגן, אָבער קימאַט אַלע דיכטער פון די צוואנציקער יאָרן פאַרייניקט דער מאָטיוו פון באַפרייַען זיך פון אַלטע אינדיווידואַליסטישע אידייען און שטימונגען און פאַרייניקן זיך צו די פאָלקסמאַסן, וואָס בויען אַ נייַ לעבן.

דאָס, וואָס אַ באַשטימטער טייל דיכטער האָט אָפּגעשפּיגלט דעם אונטערגאַנג פונעם אַלטן און אַן אַנדער טייל האָט באַזונגען דאָס נייַע, האָט ניט באַטייַט קיין קעגנגעשטעלטע סאָציאַלע און פּאָליטישע אידעאָלאָגיע, ווי עס האָבן געשריבן די דאָגמאַטישע קריטיקער. אין טאָך האָבן האַלקין, פינינבערג, רעזניק און פעפער, כאַריק, קושניראָוו ניט פאָרגעשטעלט קיין צוויי פאַרשיידענע פּאָליטישע לאַגערן אין דער ליטעראַטור. די דאָזיקע אַלע אָנגערופענע און ניט אָנגערופענע דיכטער זייַנען מיט לייַב־און־לעבן געווען איבערגעגעבן דער רעוואָליוציע. און מיט די פאַרשיידענע אינטאָנאַציעס פון זייער ליד, מיט די פאַרשיידענע אַקצענטן און מאָטיוון האָבן זיי ד ע ר ג א נ צ ט איינער דעם צווייטן, זייַענדיק אַלע דורכגעדרונגען מיט דער רעוואָליוציאָנערער אידעאָלאָגיע.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט קיינמאָל ניט געשטיצט קיין איין ליטעראַרישע גרופּירונג אַלס אויסדריקערן פון אירע, פון דער פּאַרטייס, אויפגאַבן אין דער ליטע־

אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 3 פון 1967.

ראטור. אין אַלע באַשלוסן וועגן ליטעראטור האָט די פּאַרטיי שטענדיק אונטערגעשטראָכן, אַז עס איז נייטיק אַ פרייַע פאַרמעסטונג פון פאַרשיידנאַרטיקע ליטעראַריש־קינסטלערישע ריכטונגען. אויב שאָלאָכאָוו, פעדין, לעאָנאָוו, באַבעל, ערענבורג האָבן געוויזן דעם וועג פונעם פויערטום און פון דער אינטעליגענץ צו דער רעוואָליוציע, איז דאָס געווען אַזוי וויכטיק, ווי די שאַפונג פון פאַדייעוו, סעראַפימאָוויטש, אָסטראָווסקין, גלאַדקאָוון, פורמאַנאָוון, דעמיאַן בעדני, וועלכע האָבן געמאָלט דעם אַרבעטער־קלאַס אין דער רעוואָלוציע. אויב האַלקין, פינינבערג, אַקסעלראָד האָבן אין זייער דיכטונג געטרויערט איבער די נעגאַטיווע דערשייַנונגען פונעם לעבן, האָבן זיי אויסגעפילט זייער באַרוף אַלס סאָוועטישע קינסטלער, פּונקט ווי קושנעראָוו, פעפער און כאַריק, וועלכע האָבן באַזונגען די נייַע פּאָזיטיווע דערשייַנונגען פון דער ווירקלעכקייַט. דער קינסטלער האָט רעכט שטענדיק אויף אופריכטיקער קינסטלערישער פאַרקערפּערונג פון היסטאָרישע פּראָצעסן, פונעם פאָלקס לעבן און פון פּערזענלעכע מענטשלעכע גורלות סייַ דורך פרייד, סייַ דורך טרויער, סייַ פּאַטעטיש, סייַ עלעגיש, סייַ ראָמאַנטיש, סייַ רעאַליסטיש, סייַ דורך טראַגעדיע, סייַ דורך קאָמעדיע.

„האַרטע וואָר", „אין שווערן גאַנג" — האָט אָנגערופן מ. כ א ש ט ש ע וואַ צ ק י זייַנע לידער־זאַמלונגען פון די צוואַנציקער יאָרן. און דאָס איז געווען די האַרטע וואָר, דער שווערער גאַנג פון דער ווירקלעכקייַט. „אין שווערן גאַנג, אויף איבערבראָכן העכסטע, האָט אָפּט געבראָכן זיך דאָס יונגע קאָל", — זאָגט דער דיכטער, אָבער דאָס האָט אַ שייַכות ניט בלויז צו מ. כאַשטשעוואַצקיס ליד. אין שווערן גאַנג פונעם לעבן, אויף איבערבראָכן העכסטע פון דער רעוואָליוציע האָט ניט באַ איין דיכטער געבראָכן זיך דאָס יונגע קאָל. און ניט דערפאַר, ווייַל דער דיכטער איז געווען קעגן דער רעוואָליוציע, נאָר ווייַל די רעוואָליוציע איז אים געווען טייַער און ער האָט פאַרשטאַנען איר גרויסקייַט, נאָר ניט שטענדיק נאָך געוווּסט, וויאַזוי אַליין צו ווערן איר אויסדריקער, איר זינגער.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, די סאָוועטישע ליטעראַטור, דעמאָלט און איצט, שעצנדיק די אופריכטיקייַט פונעם קינסטלער, איז געווען ווייַט פון אידעאַליזירן אינדיווידואַליסטישע יערידע־שטימונגען, ווען זיי האָבן אַפילו געהאַט אַ באָדן אין דער ווירקלעכקייַט. נאָר קריטיקירנדיק אַזעלכע שטימונגען, האָט די ליטעראַטור געדאַרפט זייַן געהיט און געוואָרנט פון שאַרפקייַטן אין דער באַציִונג צום שרייַבער, געדולדיק אויפקלערנדיק אים דעם זין פון די היסטאָרישע געשעענישן און פּראָצעסן, וועלכע אַנטוויקלען זיך פאַר זייַנע אויגן. ניט אַלעמאָל אָבער איז די קריטיק געווען אויף דער הייך פון די אויפגאַבן, וועלכע די ליטעראַטור האָט געשטעלט פאַר איר אין דעם אָדער יענעם פּעריאָד.

קאָמפּליצירט זייַנען געווען די שטימונגען אין צוזאַמענהאַנג מיט די פּאָגראָמען און מיטן נעפּ באַ איינעם פון די גרעסטע טאַלאַנטן פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג ע ז ר אָ פ י נ י נ ב ע ר ג. די לעצטע צייַט ווערן געמאַכט פּרווון צו פאַרשמירן די ע וואָ ל י ו צ י ע פון פינינבערגן, פון האַלקינען, פון אַנדערע שרייַבער, צו פאַרגלעטן די ווידערשפּרוכן און די שוועריקייַטן פון זייער שעפערישן וועג, אַרויסברענגען אין „ליטעראַרישע פּאָרטרעטן" טאַקע בלויז די אויסערלעכע שטריכן פונעם דיכטער, אויפשטעלן די אידיליע און ניט די דראַמע פונעם קינסטלערס געשטאַלט. אין טאָך גיט דער אידילישער פּאָרטרעט אַ געפעלשטע פאַרשטעלונג וועגן קינסטלער און זייַן אָרט אין דער ליטעראַטור. די געשיכטע פון ליטעראַטור קאָן ניט געבויט ווערן אויף אידיליעס. עכטע קינסטלער נייטיקן זיך ניט אין קיין לאַקריץ־זיסלעכע פּאָרטרעטן, נאָר אין היסטאָריש־קאָנקרעטער אַנטפּלעקונג פון זייער עמעסן אינערלעכן קינסטלערישן טאָך. צו אַזעלכע קינסטלער געהערט עזראָ פינינבערג. פינינבערג וואָלט ניט געקאָנט קומען צו „לאַנד און ליבשאַפט" און צו זייַן פלאַמיקער סאָוועטישער פּאַטריאָטישער דיכטונג, ווען ער זאָל ניט געווען אופריכטיק אויסזינגען זייַנע לידער וועגן „טונקעלן סיזיף", וועגן „שטאָט פאַרקאָוועטער", וועגן „גייַסט אַפן וואַסער". אויב אין די צוואַנציקער יאָרן האָט די ראַפּישע קריטיק געשטעמפּלט דעם דיכטער מיט אַלערליי טאַדל־עפּיטעטן, הייסט דאָס נאָך ניט, אַז איצט דאַרפן מיר טאָן אַלץ קאַפּויער. מיר מוזן אין אַלץ אייַנהיטן דעם היסטאָרישן צוגאַנג.

פאַר עזראָ פינינבערגן אַלס דיכטער איז פריִער פאַר אַלץ כאַראַקטעריסטיש א י נ ע ר ל ע כ ע ל ײַ ד נ ש א פ ט און אופריכטיקייַט. ער איז עפּשער דער סאַמע לייַדנשאַפטלעכער דיכטער אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. די שפּראַך־סימבאָליק פון זייַן דיכטונג אַנטהאַלט אין זיך אַ קאָלאָסאַלע אינערלעך־פּסיכאָלאָגישע אויפרייַס־קראַפט, וועלכע רודערט אויף דעם לייענער. און דאָס איז צו באַמערקן טאַקע אין זייַנע לידער פון די צוואַנציקער יאָרן, אין די זאַמלונגען „אָטעם" (1922) און „לידער" (1925). ס'איז ניט וויכטיק, צי גייט אַ רייד וועגן פּאָגראָמען, צי וועגן עקלהאַפטע דערשייַנונגען פון נעפּ. וויכטיק איז, וואָס דער לייענער ווערט אָנגערעגט מיט שטימונגען פון פּראָטעסט און סינע־געפילן צו אַלץ, וואָס דערמאָנט נאָך אין דער אַלטער וועלט.

אין שטאָט פאַרקאָוועטער — אַ גרויסער הינטישער
געשלעג.
אין שטאָט פאַרקאָוועטער — אַ גרויס געפאַנג באַם
פלינקן היצעל.
אין שטאָט פאַרקאָוועטער — געפאַלן מייַנע
שטאָלצע טעג,
און קיינער קאָן ניט ראַטעווען און קיינער קאָן
ניט שיצן.

אין שטאָט פאַרקאָוועטער — אַ נאַכטלעגער אַף
שטיין,
אין שטאָט פאַרקאָוועטער — אַ לויף דורך היציקע
באַטאָגן.
אין שטאָט פאַרקאָוועטער — איך שרייַ, איך בעט,
איך וויין,
און בלייַב אַליין — און היצעלס פייַפן, יאָגן, יאָגן.

די היצעלס — די קאָנטררעוואָליוציאָנערע באַנדעס, וועלכע האָבן באַלאַגערט און פאַרכאַפּט די „שטאָט פאַרקאָוועטע", וואַרפן אַרויף אַ שרעק: „קיינער קאָן ניט ראַטעווען", „איך שרייַ, איך בעט, איך וויין, און בלייַב אַליין", דאָ איז שטאַרק אויסגעדריקט פאַרצווייפלונג, אָבער אויך פּראָטעסט און פאַרורטיילונג פון ייִעש און מאַכטלאָזיקייַט.

אָדער אין אַן אַנדער ליד:

פעסטעט זיך פידל און צערטלט דעם ראָג.
אין א שטאָט א ליידיקער טרוקענע ווינטן.
ס'איז א הוילער באַטאָג, ס'איז א טאַמעז־באַטאָג,
באַ קלעזמער באַ בלינדע מיר שטומען א בינטל.

איך, צעבײַלטער, צעדולטער, צעשלײַדערטער, איך
אָן א טאָג, אָן א נאַכט, אָן א דאַך, אָן א ווינונג,
און דער נאַקעטער באָכער — דער פוצער פון שיך,
און דער לײַזיקער הונט, און די קרעציקע זוינע.

דאָ איז אויסגעדריקט אן אנדער געפיל, וואָס האָט א שײַכעס שוין צו דעם נעפּ. דער „צעבײַלטער, צעדולטער, צעשלײַדערטער" דיכטערישער העלד, „דער נאַקעטער באָכער, דער הונט און די זוינע" — אָט די אַלע דערשײַנונגען און געשטאַלטן, וועלכע האָבן א „שעמעריר" געטאָן פארן דיכטערס אויגן, רופן באַ אים ארויס פאַראַכטונג און סינע.

אייניקע מיינען, אז דער צויבער פון פינינבערגס פריִער דיכטונג באַשטייט דעריקער אין דער גאָר אייגנאַרטיקער בילדערישער מעטאַפאָרישקײַט, אין דער אומגעווייניקלעכער סימבאָליק. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ריכטיק. אָבער נאָך ריכטיקער איז, אז פינינבערגס אייגנאַרטיקער איבעראַשנדיקער פּאָעטישער שפּראַך־סטיל איז אליין א פּועל־יוצא פון זײַן דיכטערישן טעמפּעראַמענט, וועלכער האָט אין יענע יאָרן שטורעמדיק און פלאַמיק רעאַגירט גראָד אַף די נעגאַטיווע דערשײַנונגען. מע קאָן זאָגן, אז פינינבערגס דיכטערישער פּאַטאָס איז געווען געריכטעט ניט אַף באַזינגען, נאָר אַף אופרײַסן. דאָס איז אן אייגנאַרטיקער „פאַרקערטער" ראָמאַנטיזם, א „גראָטעסקיש געזאַנג", וואָס איז געווענדט אַף צו אַנטבלויזן דאָס העסלעכע. און דאָס העסלעכע איז אַלץ, וואָס שטימט ניט מיט דער רעוואָלוציע.

אין די ווײַטערדיקע יאָרן איז פינינבערג געוואָרן א פלאַמיקער רעוואָלוציאָנערער פּאַטריאָטישער דיכטער, וועלכער איז אַף שטענדיק ארײַן אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור מיט זײַנע דערשיטערנדיקע פּאָעטישע ווערק „לאַנד און ליבשאַפט", „אין פרי פון יאָר", „די קריגן דויערן" — און מיט די לעצטע ביכער „פון שלאַכטפעלד" און „אין ריזיקן פײַער".

אן עמעס גרויסן דיכטער דאַרף מען ניט צופּוצן, נאָר אים נעמען אַזאַ, ווי ער איז. אין די פריִע לידער פינינבערגס, וועלכע זײַנען אידייִש ניט רײַף, איז שוין געווען דער עמבריאָן פון דער שפּעטערדיקער רײַפער אידייִשקינסטלערישער שליימעס פון א גרויסן מײַסטער.

נאָך מער האָט דאָס געזאָגטע א שײַכעס צו דער שאַפונג פון ש מ ו ע ל ה א ל ק י נ ע ן. ארום האַלקינס שאַפונג זײַנען געגאַנגען אַזויפיל דיסקוסיעס, אז פאַרבײַגיין זיי איז אומעגלעך. דאָס וואָרט אָבער געטאָן אין אייניקע באַשרײַבערישע איבערזיכטן אַזוי אַקשאָנעסדיק, אז דעם דיכטערס עמעסער פּאָרטרעט באַקומט זיך ווי אין א קרומען שפּיגל.

אין די צוואַנציקער יאָרן האָבן די מאָטיוון פון נעפּ, פון אינדיווידואַליזם געדערגט אויך האַלקינען. זיי האָבן געפונען באַ אים א ספּעציפיש נאַציאָנאַלע באַאַרבונג און אים אַוועקגעשטעלט אין צענטער פון א שאַרפער ליטעראַרישער פּאָלעמיק. די דאָזיקע פּאָלעמיק האָט זיך צעפלאַקערט אין פאַרבינדונג מיטן דערשײַנען פון זײַן בוך „וויי און מוט".

מיר איז שוין אויסגעקומען צו שרײַבן וועגן דעם, אז די פּראָגראַם פון „וויי און מוט" איז צו האַלקינען געקומען פון האָפשטיינס באַוווּסטע פּערזון: „ס'איז הייס דאָס האַרץ, עס טרײַבט דאָס בלוט, עס גליט פון וויי, עס בליט פון מוט, און וויי און מוט איצט קאָן איך ניט צעטיילן!" אין האַלקינס דיכטונג איז אַף א גאָר שטאַרקן אויפן אויסגעדריקט אי דער וויי, אי דער מוט.

א צענטראַל ווערק פון האַלקינס דיכטונג אין די צוואַנציקער יאָרן איז דער לידער־ציקל „רוסלאַנד", וועלכער איז געשריבן אין 1923, פאַרעפנטלעכט צום ערשטן מאָל אין זשורנאַל „די רויטע וועלט" נומ. 3, 1926, און איבערגעדרוקט מיט קליינע ענדערונגען אין בוך „וויי און מוט" (1929). אָט איז די ליד, וואָס האָט ארויסגערופן גאָר שאַרפע קריטיק:

רוסלאַנד! ווען ניט מײַן גלויבן מײַן שטאַרקער
אין דיר,
איך וואָלט איצטער אנדערש געטײַנעט.
כ'וואָלט עפּשער געזאָגט: דו האָסט אונדז פאַרפירט,
פאַרבלענדט האָסט אונדז, יונגע ציגײַנער.

טײַער איז אונדז יעדער הייב פון דײַן האַנט
און ווייטעקדיק שווער זי פאַרטראָגן —
און ווי גרויס ס'זאָל ניט זײַן איצט דער בראָך
און די שאַנד,
מיר קומען פאַר דיר זיך קלאָגן:

אַף וווּהין באַשווערן איצט וואַסערן?
אַף וווּהין, צו וועלכע לענדער?
גליקלעכע רוסלענדער גאַסן,
אין אײַך מיר וועלן זיך ענדיקן.

ניט באַשערט אײַך געווען ביז הײַנט
זען אונדז אויסגיין אונטער ווילדער יערושע,
און איצטער — מיר גייען אין שפּאַן
און שטאַרבן פון אײַערע קושן.

דאָס איז אָן ספק א ליד פון א קינסטלער, וואָס איז שרעקלאָז, ווען ער איז אופריכטיק, אפילו ווען ער איז אומגערעכט. אז מע באַטראַכט איצט די גאַנצע דיסקוסיע ארום האַלקינס בוך „וויי און מוט", מוז מען קומען צום אויספיר, אז די ראַפּישע קריטיק האָט אין טאָך ניט פאַרשטאַנען דעם אינהאַלט פון אָט דער ליד. דאָס האָט א שײַכעס אין דער ערשטער ריי צו אַזאַ קריטיקער, ווי כ. דונעץ. אָבער אפילו מ. ליטוואַקאָוו, וועלכער איז ארויסגעטראָטן קעגן דונעצן און אנדערע וווּלגאַריזאַטאָרס, פאַרטיידיקנדיק האַלקינען, האָט געגעבן אייניקע ניט געלונגענע כאַראַקטעריסטיקעס פונעם דיכטערס שאַפן.

וואָס איז שײַעך כ. דונעצן, האָט ער גלײַך דערקלערט, אז „וויי און מוט" דריקט אויס „די שטים פונעם צעיורשעטן קליינבירגער", ניט געקוקט דערויף, וואָס אין בוך זײַנען פאַראַנען גלענצנדיקע לידער, אין וועלכע עס ווערט באַזונגען דאָס סאָוועטישע לעבן. ס'איז קלאָר, אז פּאָלעמיזירן איצט מיט דונעצן האָט קיין זינען ניט.

מ. ליטוואַקאָוו האָט געשריבן, אז האַלקין איז א סמענאָוועכאָוועץ. אָבער וואָס פאַר א שײַכעס האָט געקאָנט האָבן האַלקין צו די סמענאָוועכאָווצעס, וועלכע זײַנען געווען אין טאָך אן עמיגראַנטישע גרופּע פון דער רוסישער ליטעראַטור, א גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען גיכער פון פּאָליטיקער, איידער פון קינסטלער?

אין אייניקע לידער פונעם ציקל „וויי און מוט" האָט האַלקין נאָך אין אָנהייב צוואַנציקער יאָרן באַזונגען די

ראַטנמאַכט אַלס אַ סאָציאַלע אָרדענונג, וואָס פאַרטיידיקט שטענדיק און אומעטום די אונטערדריקטע, בעסויכאָם אויך די יִדישע פאָלקסמאַסן, פון פּאָגראָמען און נאַציאָנאַלן אומקום. „שרעקט מיך אַלע נאַכט אַ מעסער, פאַלט אַ באַלקן פון דער הייך, הענגט אַ דאַך אַף צוויי צעשניטן... און איך האָב זיך שוין פאַרגעסן, ס'האָט דער פלאָנטער אַלץ פאַרביטן — ס'ברענט מײַן שטוב אין קנוילן רויכן אָן אַן אויפהער, אָן אַ סאָף“ — אַזוי שרײַבט האַלקין נאָך אין 1921. דאָס איז נאַציאָנאַלער ווײ און נאַציאָנאַלער טרויער. און אין דעם זעלבן יאָר, אין דעם זעלבן ציקל פון „ווײ און מוט“: „זעכציק אירע באַם צוקאָפּן. זעכציק אירע יעדן אָוונט קומען אָן און מיך באַהיטן פונעם גרויל און פונעם פּאַכעד — יעדן אָוונט, יעדער נאַכט“. דאָס איז די זיכערקײַט פונעם דיכטער, אַז בײַ דער ראַטנמאַכט ווערן אָפּגעהיט די פאָלקסמאַסן פון דעם באַנדיטישן מעסער. „זעכציק אירע“ — דאָס איז די רויטע אַרמײ, וואָס באַשיצט דאָס פאָלק. די עלטערע שוועסטער, וואָס איז געקומען זיך זען מיטן ברודער, זאָגט: „ניט וווּנדער זיך, ברודער, — די צײַט ניט אַמבעסטן, מיט אַלעמען גלײַכע — אַוואַדע אַ זכוס. דערצו דאַרף מען האָפן, אַז ווערן וועט לינדער און פאַרן מיר וועלן אין פריידן צוגעסט נאָך... נאָר זאָג מיר, וואָס טוט זיך מיט אונדזערע קינדער? זיי פרייען זיך צופיל, זיי פרייען זיך אָפן, און מיר זײַנען אַלץ ווי דערשראָקענע שאָף. מיר ווייסן דען עפּעס פון וועלטן פון גרויסע? מע הערט ניט, מע זעט ניט, און ס'גיט זיך אונדז אויס אַלץ, אַז מיר זײַנען שולדיק, מיר זײַנען די שוואַכע...“ דאָס איז ווידער נאַציאָנאַלער טרויער. און אין דער זעלבער ליד: „פּיאָנערן זײַנען מיר, פּיאָנערן הייסן מיר, פּיאָנערן — מיר געהערן, ראַטן־רוסלאַנד, — דיר“. און דאָס איז שוין עכטער סאָוועטישער מוט פון אַ דיכטער, וואָס פאַרשטייט דעם היסטאָרישן אינהאַלט פון דער עפּאָכע. אין דער פּאָעמע „זיבן“, וואָס איז געשריבן אין 1924, טרעפן מיר שוין לידער פון נײַעם שטייגער אין שטעטל, לידער, וועלכע אָטעמען מיט זאַרגלאָזער פרייד פון נײַעם זײַן:

לייגט אַוועק די זעגעלעך
און לייגט אַוועק די האַק;
לויפט אַהיים זיך זעגענען —
מיר פאָרן אין אַרבפּאַק.

גיך פאַרבײַ דער זומער איז
מיט זומערדיקן טשאַד —
ווער עס פאָרט קיין מאָסקווע,
און ווער קיין לענינגראַד.

געקומען — דאָ געהאַרעוועט,
געהאַרעוועט גענוג —
אַז פון גאַסן כאַרעווע
זאָל אופשטיין דער קאַמיוג.

און ס'טראָגט די ליד אַלץ העכער זיך,
און ס'גייט זיך אָן דאָס האַרץ:
מיט קראַפט, מיט זאַפט מיט פּעכיקן,
מיט לוסטערדיקן האַרבסט.

שמועל האַלקינס דיכטערישער וועג איז ענלעך אַף פינינבערגס. די אויפריכטיקע ליד פון זוכן און ענטפער אַף אַנגעווייטיקטע פראַגן אין אָנהייב פון זײַן שאַפן האָט אים געפירט פון „ווײ און מוט“ צו פולשטענדיקן „קאָנטאַקט“ מיטן לעבן אין די דרײַסיקער יאָרן (1935), צו די „ערדישע וועגן“ אין די פערציקער יאָרן (1945), צו „דעם בוים פון לעבן“ אין סאָף פון די פערציקער יאָרן און צו זײַן לעצט ביכל „מײַן אויצער“. און עס איז דאָך ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש, וואָס אי פינינבערג אי באַזונדערס האַלקין האָבן אין דער עוואָליוציע ניט געהאַט קיין זיגזאַגן. זייער וועג איז געווען אַ דורכויסיקער אַרופגאַנג. איצט אַנערקענען שוין אַלע, אַז האַלקין אַלס ליריקער האָט געשטײַגט וואָס ווײַטער אַלץ העכער — צום אונטערשייד פון אַנדערע דיכטער, וואָס זײַנען נאָך אַ באַשטימטן פּעריאָד פון אויפשטײַג געבראָכן געוואָרן אַלס מײַסטערס און שוין מער ניט געקאָנט דערגרייכן דעם קינסטלערישן ניוואָ, צו וועלכן זיי האָבן זיך אופגעהויבן אין ערשטן פּעריאָד פון זייער שאַפן. בײַ האַלקינען איז דער וועג פון אָנהייב געווען אַ שווערער, אַ ווידערשפּרעכיקער, דערפאַר אָבער איז זײַן ליד וואָס ווײַטער אַלץ טיפער געוואָרן, אַלץ רײַכער געוואָרן אין פילאָסאָפישן געדאַנק, זײַן פּאָעטישע שפּראַך איז אַלץ ראַפינירטער, שפּאָרזאַמער געוואָרן.

צו די דיכטער פון „ווײ און מוט“ געהערט אויך **זעליק אקסעלראָד** — אַ ביז גאָר אייגנאַרטיקע דיכטערישע פּערזענלעכקײַט. אקסעלראָדס ליד האָט ליריש אָפּגעשפּיגלט די האַרבקײַט פון דער עפּאָכע. עס קאָן זיך אפילע דאַכטן, אַז דער דיכטער האָט אויסגעמיטן גרויסע היסטאָרישע טעמעס און זיך באַגרענעצט מיט דער אינטים־שטייגערישער פּראָבלעמאַטיק.

קיינער זאָל די שוועל מער ניט אַריבער!
קאָפּ צו קאָפּ און הענט אין הענט!..
ווען ס'צעזינגט זיך נאַכט און ליבע,
מעג פאַרברענט ווערן די גאַנצע וועלט!..

אַזאַ מין ליד האָט אָבער ניט אַנטשפּראָכן דעם טאָך פון אקסעלראָדס דיכטונג. גיכער איז דאָס געווען אַן אויסערלעכע קאָסטיומירונג, קעדיי צו פאַרשטעלן די אינערלעכע מאַטערנישן פונעם דיכטער איבער די וויכטיקסטע פראַגן, אַף וועלכע ער האָט געזוכט אַן ענטפער ניט אין געשרייען, נאָר אין שטילן געמיט. כאַראַקטעריסטיש פאַר אקסעלראָדן איז אַ ליד „מײַן כאַווער איזי כאַריק“, אין וועלכער מיר געפינען אַזאַ שורע: „האָסט גענוג געשריִען, דאַרפסטו שווײַגן“...

דאָס אָפּזונדערן זיך פון טומל און טאַראַראַם, דאָס שטרעבן צו קאָנצענטרירטער באַדאַכטקײַט — דאָס איז זייער אייגנטימלעך אקסעלראָדן.

אין דער שטיל פילט זיך דער מענטש אַמערסטן נאַטירלעך, ער איז פייִק צו טיפע מענטשלעכע עמאָציעס און געדאַנקען. „דאָ איז שטיל. סע ציט זיך קאַלטער אומעט, מע רעדט נאָך טיף“, — דערקלערט דער דיכטער. „און ס'איז שטיל און ס'איז ווײַס אַזוי, אינמיטן מאַרט שיט זיך אַ נאַסער שניי“... שטילקײַט און זויבער פון ווײַסן שניי — דאָס איז דער אידעלער געמיט פונעם ליריקער. קיין געשריי הערט ניט זײַן אויער: „שרײַ איך אין דער הייך און הער ניט מײַנע לידער“... און דורך שטילקײַט איז ער געקומען צו דער ליד פון אַ דיכטער אַ בירגער, וועלכער באַזינגט דאָס לעבן:

הײַנט ווילט זיך מיר זינגען מײַן לעבן אַ ליד,
מײַן לעבן, וואָס טראָגט מיך און ווערט אַלץ ניט מיד.
אונדזערע לעבנס, וואָס הייבן זיך אָן
פון אַ בלוטיקן שלאַכט און אַ רויטער פאָן.

דער אַנקום פון א נײַעם דאָר דיכטער. דער וועג צום רעאַליזם

אין די צוואנציקער יאָרן האָט די קולטור אין דער יונגער סאָוועטישער רעפובליק איבערגעלעבט אן עכטע רעוואָליוציע. עס איז אין גוואלדיק גרויסע מאסשטאבן פארווירקלעכט געוואָרן לעניגס לערע וועגן דער קולטור־רעוואָליוציע. איבער אלע ברייטן און לענגען פונעם אומענדלעכן לאנד האָבן די פאָלקסמאסן זיך גענומען באהערשן די וויסנשאפט, די קולטור און קונסט. די דאָזיקע יאָרן זײַנען אויך געווען א פעריאָד פון א מעכטיקן אופשטײַג פון דער ייִדישער סאָוועטישער קולטור.

מיט באזונדערס גיכע טעמפן האָט זיך אנטוויקלט די ייִדישע ליטעראטור. דער אומבײַט פון שרײַבער־דוירעס איז געגאנגען אזוי האסטיק, ווי קיינמאָל ניט אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראטור.

ביז דער רעוואָליוציע און אפילע אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָליוציע האָט מען די צאָל ייִדישע דיכטער געקאָנט איבערציילן אף די פינגער. אין די צוואנציקער יאָרן האָבן פון די הויכשולן און טעכניקומס, פון די פאבריקן, פון די שטעטלעך און דערפער זיך א לאָז געטאָן פאלאנגעס פאָעטן איינע נאָך דער צווייטער. אין אונדזער איבערזיכט האָבן מיר ביז איצט געקאָנט זיך אָפּשטעלן בלויז אפן ערשטן און צווייטן דאָר סאָוועטישע דיכטער. אָבער אין די זעלבע יאָרן איז אופגעקומען שוין א דריטער דאָר. די דאָזיקע דיכטער, צוזאמען מיט דער פלעיאדע פון די דרײַסיקער און פערציקער יאָרן, זײַנען די הײַנטצײַטיקע שעפער פון דער ייִדישער סאָוועטישער פאָעזיע. פאר זיי איז כאראקטעריסטיש פריִער פאר אלץ די צוגעבונדנקײַט צו דער רעאלער ווירקלעכקײַט. אין זייער שאפונג האָבן מיר שוין דײַטלעכע סימאָנים פון דער פארברייטערטער טעמאטיק, וועלכע איז א פויִעל־יויצע פון די געענדערטע אומשטענדן, פון די אינגאנצן נײַע באדינגונגען, אין וועלכע עס האָט זיך אנטוויקלט דאָס לעבן פון די ייִדישע פאָלקסמאסן.

דער ערשטער און צווייטער דאָר ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער האָבן געהאט פאר זיך איין אלגעמיינע טעמע — די רעוואָליוציע. קאָנקרעט איז דאָס געווען דער בירגערקריג, דער קאמף פארן זיג פון דער רעוואָליוציע. אָט די טעמע האָט פרעוואלירט פון אָקטיאבער 1917 ביז דער מיט פון די צוואנציקער יאָרן. אין דער ליריק פונעם דריטן דאָר דיכטער האָט די טעמע בירגערקריג שוין אָנגעהויבן קלינגען גיכער ווי א היסטאָרישער פאקט, ווי פארגאנגענהײַט, עמעס, א גאָר נאָענטע, אָבער דאָך ווי א פארגאנגענהײַט, און ניט ווי א ברענענדיק אקטועלע פראָבלעם. די דיכטער פונעם דריטן דאָר זײַנען שוין געווען קינדער פון דער רעוואָליוציע, וועלכע האָבן געלעבט בא דער נײַער סאָוועטישער אָרדענונג. איצט זײַנען אופגעקומען נײַע לעבנס־פראגן און פראָבלעמען, וואָס האָבן געפאָדערט זייער קינסטלערישע אָפּשפיגלונג, נײַע ארענעס, וועלכע האָבן זיך געביטן אין לויף פון דער היסטאָרישער באוועגונג. אין דער מיט פון די צוואנציקער יאָרן האָבן זיך שוין בוילעט אויסקריסטאליזירט די דרײַ גרונט־ארענעס פונעם ייִדישן לעבן: שטאָט, שטעטל, דאָרף, — וועלכע האָבן שטארק פארברייטערט דעם דיאַפאזאָן און די פראָבלעמאטיק פון דער ייִדישער ליטעראטור. ביז דער רעוואָליוציע האָט דאָס לעבן פון דער ייִדישער באפעלקערונג זיך אנטוויקלט אין די שמאָלע ראמען פון דער שטעטלשער ארענע, און די ליטעראטור האָט געמאָלט דעם שטעטלשן שטייגער און די שטעטלשע פסיכאָלאָגיע. שאָלעם־אלייכעם און פערעץ האָבן אויסגעדיכטעט זייערע געניִאלע ווערק אפן מאטעריאל פונעם שטעטל. זייערע הומאניסטישע אידעאלן פון סאָציִאלן יושער, זייער סינע צו נאציִאָנאלער און סאָציִאלער אונטערדריקונג לאָזן ניט איבער קיין אָרט פאר דער אמעראַצישער טעאָריע, אז די ייִדישע ליטעראטור איז קלויִמערשט געווען א קלאָג־ליטעראטור איבער איר שטעטלדיקער באגרענעצטקײַט. אָבער אין די באדינגונגען פון דער ראטנמאכט, שוין אין די צוואנציקער יאָרן, האָט די ייִדישע ליטעראטור געקאָנט אָפּשפיגלען די פילפאכיק פארברייטערטע פסיכאָלאָגיע און די פראָצעסן, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען אין דאָרף — בא די ייִדישע ערדארבעטער, אין שטאָט — באם ארבעטער און אין שטעטל — באם נײַעם האָרעפּאשניק. אויסער דעם, האָט די ליטעראטור שוין באקומען א נײַעם העלד, וואָס איז ניט געווען פארבונדן מיט קיין שום טעריטאָריעלע און געאָגראפישע ארענעס, נאָר אויסשליסלעך מיט דער נײַער סאָוועטישער אָרדענונג, וועלכע האָט געגעבן דעם סאָוועטישן ייִדן גלײַכבארעכטיקונג — נאציִאָנאלע, סאָציִאלע, בירגערלעכע, פאָליטישע, עקאָנאָמישע, יורידישע, קולטורעלע — און דאָס האָט געשאפן א נײַעם טיפּ ייִדן, א נײַעם פערסאָנאזש — אן אינטעליגענט, א געלערנטן, א פאָליטישן טוער, א ווירטשאפטלער, א מיליטערמאן, אן אוויִאטאָר, אן אדמיניסטראטאָר פון אלע ראנגען, אָנהייבנדיק פון די סאמע ערשטע שטופעס און ביז די העכסטע פארטיי־ און מעלוכע־פּאָסטנס.

דאָס אלץ האָט די נײַע ליטעראטור געדארפט אָפּשפיגלען. און דאָס אלץ האָט זי אָפּגעשפיגלט. און די דיכטונג איז דאָ ווידער געווען אין אוואנגארד. דער דריטער דאָר דיכטער טיילט זיך אויס מיט פארשיידנארטיקײַט פון דער טעמאטיק. איצט איז שוין ניט געשטאנען קיין פראגע וועגן באנעמען אָדער ניט באנעמען די רעוואָליוציע, נאָר וועגן אויסדריקן די פסיכאָלאָגיע פונעם נײַעם מענטשן פון דער רעוואָליוציע, וואָס בויט דאָס נײַע לעבן.

מוישע טייף האָט שוין ניט געדארפט לאנג טראכטן אף צו באשטימען זײַן אָרט אין דער רעוואָליוציע. ער האָט גלײַך דערקלערט: „לענין — זײַנען מיר". און ער האָט אפילע קיין צײַט ניט געהאט מער צו זינגען „העמערל", ער איז גלײַך אוועק אין קעמערל, אין קאָמיוג, אף דער פאבריק. מוישע טייף געהערט צו די עלטסטע דיכטער פונעם דריטן דאָר, און אין זײַן ליריק געפינען מיר נאָך די מאָטיוון פון בירגערקריג ניט ווי קיין דערמאָנונג און ניט ווי קיין פארגאנגענהײַט, ניט ווי קיין לירישע טעמע, נאָר ווי אן איבערגעלעבטן פאקט פון דער אייגענער ביִאָגראפיע, אין א באשטימטן זין — ווי בא פעפערן און כאריקן; אָבער דאָס איז שוין ניט די צענטראלע לירישע טעמע פונעם דיכטער. מ. ליטוואקאָוו האָט אונטערגעשטרײַכט אלס עכטע יוגנטלעכע דיכטונג בא טייפן אזעלכע שורעס:

זאָל אומעט פאר עמעצן שפינען
פון קרעפּ און פון זאנגען א קראנץ, —
פאר מיר איז מײַן לאנד א באגינען
און ברייט ווי א דאָרפישער טאנץ.

יאשע זעלדין האָט געזונגען וועגן יאם און וועגן די דרייסטע מאטראָסן, וואָס באזיגן די יאם־שטורעמס. ד. כאָראָל, ש. כאָלאָדענקאָ, א. פיאטיגאָרסקאיא, ב. גור־

טיאַנסקי האָבן געשאפן די ייִדישע סאָוועטישע קינדער־ליד, וואָס איר קלאסיקער איז געווען לייב קוויטקאָ. וועגן פאבריק, וועגן וואגראנקעס, וועגן ארבעטער־שטייגער האָבן געזונגען י. יאנקעלעוויטש, מ. שטורמאן, צ. טוזמאן. ר. בוימוואָל איז געקומען אין דער ליטעראטור גלייַך פון דער שול, פון דעם פּיאָנער־אָטריאד און אויסגעזונגען איר קינדערשע פרייד. כ. ווייַנערמאן האָט דער ערשטער אין דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג געבראכט דאָרפישע ליריק, די ליריק פון דער ייִדישער איבערוואנדערונג אף ערדארבעט. כאראקטעריסטיש פאר די צוואנציקער יאָרן איז מ. טאלאלאיעווסקיס „דאָרפישע ליד“, ווו דער דיכטער דערקלערט: „און ווו איך זאָל ניט זייַן פארוואָרפן אין גרויסע שטעט אף מייַלן־ווייַטער פרעמד, איז אף מיר א הויט א דאָרפישע, איז אף מיר א לייַוונטענע העמד“. „נייַע לידער זינג איך, ייִדישער מוזשיק“, — האָט אויסגערופן דער דיכטער לאָפּאטע.

דער דריטער דאָר יונגע שרייַבער האָט געשאפן אי אן ארבעטער־קאָמיוגישע דיכטונג, אי א יונגע דאָרפישע ליריק. דער דיכטונג פונעם דריטן דאָר איז ביכלאַל אייגנטימלעך די טעמע יוגנט, די מאָטיוון פון קאָמיוג און זייער ספּעציפישע אנטפלעקונג אף די זייַטלעך פון דער יוגנט־פּרעסע: „כוואליעס“, „יונגוואלד“, „דער יונגער ארבעטער“, „ליבקנעכטס דאָר“, „יונגע גווארדיע“. אף די שפּאלטן פון דער יוגנט־פּרעסע האָבן אָנגעהויבן זייער שאפונג ניט ווייניק יונגע דיכטער, וועלכע האָבן שפּעטער פארנומען אן אָנגעזעען אָרט אין דער ייִדישער דיכטונג. איין צייַט האָט מען אפילע גאנץ ערנסט גערעדט וועגן קאָמיוגישער ליטעראטור, וועגן קאָמיוגישע דיכטער. דאָס אלץ איז געווען אן אָפּשפּיגלונג פון א היסטאָרישן פּראָצעס אין לעבן פון די ייִדישע מאסן, א פּראָצעס פון איבערבויען און געזונט מאכן אף א סאָציאַליסטישן אויפן זייער שטייגער, זייער פּסיכאָלאָגיע און זייער באוווסטזייַן.

און באנאנד מיט דער שטאָטישער און דאָרפישער פּראָבלעמאטיק האָט די ייִדישע דיכטונג פאָרגעזעצט שאפן די ליריק פון שטעטל, וואָס האָט אויך געהאלטן אין האסטיקן איבערבויען זיך אף נייַע יעסוידעס פון סאָציאַליסטישער קאָלעקטיווער ארבעט. און גראָד אָט די שטעטל־פּראָבלעם און איר קאָמפּליצירטער ווייטעקפולער פּראָצעס פון איבערבוי האָט געפונען א בוילעטע און טאלאנטפולע פארקערפּערונג אין דער שאפונג פון א ריי באגאבטע ליריקער: ב. אָליעווסקי, מ. ליפשיץ, י. קאָטליאר, א. גאָנטאר, מ. הארצמאן, ה. דיאמאנט, כ. מאלטינסקי, א. הובערמאן, י. בוכבינדער און א ריי אנדערע.

אין פארלויף פון די 20־ער יאָרן האָט זיך די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור אויספאָרמירט און פארפעסטיקט. זי איז געוואָרן א ג ר ו י ס ע ליטעראטור, א שטארקע לויט איר מייַסטערשאפט, איינע פון די שטארקסטע צווישן די נאציאָנאלע ליטעראטורן פונעם ראטנפארבאנד און די שטארקסטע צווישן די אָטריאדן פון דער ייִדישער ליטעראטור אין אלע אנדערע לענדער. די היסטאָריש־פילאָסאָפישע פּראָבלעמאטיק פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג, איר הויכער און טיפער אידייִשער אינהאלט, איר עמעסדיקייַט און וואָרהאפטיקייַט אינעם אָפּשפּיגלען די רעאלע ווירקלעכקייַט, איר דרייסטקייַט אין שטעלן די וויכטיקסטע פּראָבלעמעס פונעם פאָלקס־לעבן האָבן זי געשטעלט אין פאָדערגרונט פון דער גאנצער ייִדישער ליטעראטור.

און באנאנד דערמיט האָט די ייִדישע סאָוועטישע דיכטונג געוויזן מוסטערן פון סטיל־פארשיידנקייַט און פאָרם־רייַכקייַט. אין אָנהייב פון די צוואנציקער יאָרן איז די דיכטונג געווען דורכגעדרונגען מיט אלערליי ליטערארישקינסטלערישע שעפערישע טענדענצן. ווי ס'איז שוין געזאָגט געווען, האָבן אין דער שאפונג פון א ריי דיכטער זיך ארויסגעוויזן בוילעטע שטראָמען פון רעוואָליוציאָנערן ראָמאנטיזם (פעפער, כאריק). עס זייַנען אָבער געווען אויך טענדענצן פון סימבאָליזם (פינינבערג, רעזניק, כאשטשעוואצקי), אימאזשיניזם (קושניראָוו, האָפשטיין), פוטוריזם (מארקיש און אנד.). דאָס אלץ אָבער אין א גאָר אייגנארטיקער נאציאָנאלער אנטפלעקונג. די ווירקונג פון דער רוסישער דיכטונג איז געווען א באדייַטנדיקע, אָבער מע דארף זי ניט מאכן גרעסער, איידער זי איז געווען. ס'איז, פארשטייט זיך, איבערגעטריבן און אנטשפּרעכט ניט דער ווירקלעכקייַט ליטוואקאָווס באהויפּטונג וועגן דעם, אז „אויב קושניראָוו, לעמאָשל, איז שטארק באווירקט פון יעסענינען, איז ל. רעזניק א פארשפּעטיקטער בלאָק“[1].

קיין אויסגעשפּראָכענע שעפערישע און אָרגאניזאציאָנעלע שטרעמונגען פון אימאזשיניזם, פוטוריזם און סימבאָליזם זייַנען אין דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג ניט געווען. און דערפאר עפּשער זייַנען אָט די סטיל־שטרעמונגען פארהעלטניסמעסיק גיך און גרינג אראָפּ פון דער ארענע אין דער דיכטונג און האָבן אָפּגעטראָטן זייער אָרט דעם רעאליזם און רעוואָליוציאָנערן ראָמאנטיזם.

צום סאָף פון די צוואנציקער יאָרן האָט די ייִדישע דיכטונג אין ראטנפארבאנד פארענדיקט א וויכטיקן און פרוכטבארן פעריאָד פון איר אנטוויקלונג. די בוילעטע שטריכן פון א פארענדיקטן עטאפּ ווארפן זיך אין די אויגן אלעמען, ווער עס אינטערעסירט זיך מיט איר געשיכטע. דאָס איז געווען א וויכטיקער עטאפּ פאר איר פולשטענדיקער אידייִשער און פאָרמעל־קינסטלערישער פארפולקומונג. ווייַטער האָט זיך אויסגעשפּרייט פאר איר א וועג פון נאָך גרעסערע דערפאָלגן און אויך פון שוועריקייַטן און ניסיוינעס. עס זייַנען געגאנגען די דרייַסיקער יאָרן.

---

[1] מ. ליטוואקאָוו. אין אומרו. צווייטער באנד. פארלאג „שול און בוך“, מאָסקווע, 1926, ז. 17.

כראָניק

פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

1923

פון דער צײַטונג „דער עמעס":

נומ. 24. רעצענזיע פון מ. ליטוואקאָוו אף מוישע טײַטשס ווערק „כראָניק־בוך" (כארקאָוו, 1922), „אָקטיאַבער־פרייד" (מאָסקווע, 1922), „רעמאָנט", „פון אלעף צוריק", „אלטעג" (מאָסקווע, 1923), „פּאָעמען" (כארקאָוו, 1918).

נומ. 57. אין בערלין זײַנען דערשינען אוקראַיִנישע פּאָלקסמײַסעס אין ל. קוויטקאָס איבערזעצונג, ארויסגעגעבן פון דער ייִדסעקציע באם קאָמיסאריִאט פאר פּאָלקסבילדונג.

נומ. 60. אָרדנטלעכער דינסטיק פון דער גרופּע „שטראָם". ז. אקסעלראָד וועט לייענען א פּאָעמע „דורך טויערן".

נומ. 119. אין פארלאג „קולטור־ליגע" איז דערשינען וועוויאָרקעס „האָנענקריי" (מיסטעריע אין צוויי אקטן), ש. גאָדינערס „טאָג אנטקעגן" (דערציילונגען).

נומ. 143. דערשינען די ערשטע זאמלונג פון אָשער שווארצמאַנס ווערק.

נומ. 147. אי. כאריק — אין אופשוועב אף שטאָט (ליד).

נומ. 150. מ. ל. [מ. ליטוואקאָוו] — נעקראָלאָג אף מאָריס ראָזענפעלד: „מאָריס ראָזענפעלד איז געווען דער ערשטער מאָדערנער ייִדישער דיכטער. ער איז, אייגנטלעך, דער באשעפער פון דער „ליטעראַרישער", אזוי צו זאָגן, ליריק אין ייִדיש. ביז אים האָט עקזיסטירט אָדער בעלפע־דיכטונג אָדער אזעלכע געשריבענע לידער, וועלכע ס'איז געווען גאנץ שווער פארעכענען צו פּאָעזיע. און ס'איז גאנץ נאטירלעך, וואָס אלס דער ערשטער עמעסער מאָדערנער פּאָעט אין ייִדיש, איז ער ארויסגעטראָטן דאפקע מיט סאָציאַלער ליריק... אָבער מאָריס ראָזענפעלד איז דערשינען אף דער דיכטער־ארענע נאָך דאן, ווען דער ייִדישער ארבעטער האָט זיך געפילט ווי א דערשלאָגענער פויעל, ווען ער איז נאָך געווען דורכגעדרונגען מיט האכנאָעדיקע באָנציע שוויַיג־שטימונגען. ס'איז געווען א מין ערעוו־צושטאנד: ערעוו דעם פארוואנדלט ווערן פונעם פאטריִארכאלן פויעל אין דעם קלאסן־באוווסטזיניקן רעוואָליוציאָנערן ארבעטער".

נומ. 163. מ. ליטוואקאָוו — מינסק. פאקטן און אײַנדרוקן (פאָרזעצונג אין די ווײַטערדיקע נומערן). „דער מעלוכישער ייִדישער קאמער־טעאטער האָט געמאכט דעם ערשטן ארויספאָר אין דער ייִדישער פראָווינץ. און די ערשטע שטאָט איז... מינסק — די ייִדיש־פּראָלעטארישע הויפּטשטאָט פון ווײַסרוסלאנד.

גייט דער באלעבאטישער מינסק ארום בארויגעז, פארצאָרנט: צוגאסט בא אמכאָ, און מיר זײַנען שוין גאָרניט, אפילע אין קולטור און קונסט?

— ניין, דער איינציקער ייִדישער טעאטער איז „האבימאָ"! יענער, זאָגט מען, שפּילט פארן עמעסן ייִדישן אוילעם. יענער וואָלט געקומען צו אונדז צוגאסט, און דער מעלוכישער ייִדישער קאמער־טעאטער איז נאָר געקומען צוגאסט צום פּראָלעטאריאט".

„...ארטיסטן פון ייִדישן טעאטער צוגאסט בא דער רויטער ארמיי — אזא דערשײַנונג קאָן פאסירן נאָר אין ראטנרוסלאנד, און מעגלעכער ווי אומעטום... אין מינסק, ווו די ארבעטער־דיקטאטור איז געוואָרן א שטייגער־זאך, דער סטיל פון לעבן".

נומ. 169. אין פארלאג „ווידערוווקס" אין קיִעוו איז דערשינען דאָס צווייטע זאמלבוך „בארג ארוף". פונעם אינהאלט: לידער פון אי. פעפער, ד. כאָראָל, שיפל (שיפרע כאָלאָדענקאָ), א. וועלעדניצקי אא.; מ. שאפּיראָ — סרייפעס; אי. קיפּניס — קארעלן.

נומ. 190. מאָריס ווינטשעווסקי — די סאָוועט־רעפּובליק.

נומ. 192. מ. לעוויטאן — וועגן דעם זשורנאל „פרייד".

נומ. 195. אין פארלאג „קולטור־ליגע", קיִעוו, איז דערשינען קיפּניסעס „מײַסעלעך" און אין פארלאג „ווידערוווקס" א. קאהאנס — „קארבן" (לידער).

נומ. 199. דאָוויד אוטקעס — די דיכטונג פאר דער מאסע און פון דער מאסע: „בא אונדז אין דער פּראָווינץ הערן מיר פון צײַט צו צײַט דורך אנאָנסן און כראָניק־נאָטיצן אין „עמעס", אז אין מאָסקווע זײַנען פאראן ייִדישע דיכטער, וועלכע גרופּירן זיך אין באזונדערע גרופּירונגען. מיר האָבן א קיִעווער גרופּע (האָפשטיין, קושניראָוו), פּראָלעטארישע דיכטער (גילדין, טײַטש), פאָרשטייער פון די אלטע פאָרמען (מארגאָליס, האלפּערן), עס קומען פאָר דינסטיקן, ליטעראַרישע אָוונטן. כאָטש ליטוואקאָוו שרײַבט אָן אמאָל אן ארטיקל וועגן די אלע זאכן אין „עמעס"... דאָס נײַע ביכל דערגייט ניט צום לייענער, די מאסע ווערט אָפּגעווינט פון ייִדיש לייענען..."

נומ. 207. עס האָט זיך געשאפן א מאָסקווער גרופּע „יונגוואלד"־פרײַנט. אין דער צײַטווײַליקער אָרגאניזירביוראָ זײַנען ארײַן: ראבין (ייִדישע פּאָליגראפישע שול), יערושאלמי (מײַרעוו־אוניווערסיטעט) און דאָברושין (אקאדעמיע פאר סאָצ. דערציִונג).

פאָרזעצונג. זע אָנהייב אין די נומ. 11 און 12 פון 1966.

נומ. 211. דערשינען: ל. קוויטקאָ — ווײַסרוסישע פאָלקסמײַסעס, ארויסגעגעבן פון דער ייִדסעקציע באַם קאָמיסאַריאַט פאר פאָלקסבילדונג; ע. קאַרמאַן — ברע־נענדיקע בריקן. אנטאָלאָגיע פון רעוואָליוציאָנערער ייִדי־שער פאָעזיע אין רוסלאַנד; ל. קוויטקאָ — „1919“ און „גרינגראָז“ (לידער); ראָכל בראָכעס — א זאמלונג דער־ציילונגען.

נומ. 222. „ארום אונדזערע ליטעראַרישע גרופּירונ־גען“. בריוו אין רעדאקציע פון דאָוויד אוטקעס און מ. גורעוויטש.

נומ. 225. האַראַדאָקער — ארבעטער־לעבן און ארבע־טער־שאפונג (געדאנקען פון א לעזער).

נומ. 231. זיך געשאפן אן אקציאָנערע פארלאג־גע־זעלשאפט „שול און בוך“. הויפּט־רעדאקטאָר — מ. ליט־וואַקאָוו.

נומ. 235. י. בראָנשטיין — אונטער דער האַזשגאָכע פון פּראָלעטאַריאַט (צו דער פראגע פון אונדזער מאַר־קסיסטישער קונסט־קריטיק); דעם 15 נאָיאַבער דערשײַנט אין מאָסקווע דער ערשטער נומער „עקראַן“ (ליטעראַ־ריש־קינסטלערישער ביולעטען), רעדאגירט דורך א. ווע־וויאָרקע, א. קושניראָוו און א. שוויכעט.

נומ. 244. א. ר. צווײַג — טאקע האַזשגאָכע, אָבער אנ־דערע מאַזשגיכים; א. שוויכעט — צוויי איבערצײַגונגען (וועגן י. בראָנשטיינס ארטיקל אין „עמעס“ נומ. 235).

נומ. 246. אָנגעהויבן דערשײַנען א כוידעש־זשורנאַל „אף די וועגן צו דער נײַער שול“ (אָנשטאָט דעם קיִעווער „פעדאגאָגישן ביולעטען“).

נומ. 247. א. וועוויאָרקע — א פראגע פון ייִדישער ליטעראַטור־געשיכטע (וועגן ז. רייזענס „פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע“); איזי כאַריק — אינדערפרי כאַפּן אוף זיך די צײַטונגען (ליד).

נומ. 251. מ. ליטוואַקאָוו — רעוואָליוציאָנערע דראַ־מאַטורגיע (וועגן דאָברושינס „יונגוואַלד“ און אוורהאָם וועוויאָרקעס „האַנענקריי“): „די דאָזיקע צוויי פּיעסן מערקן מיט זיך דעם אָנהייב פון רעוואָליוציאָנערער דראַ־מאַטורגיע אף ייִדיש. עמעס, לײַכטע אָנהייבן, ניט פון גרויסן סטיל... מיר רעכענען די ביידע ווערק, באַזונדערס דעם „האַנענקריי“, פאר גאַנץ געלונגענע“.

נומ. 252. ש. גאָדינער — טונקעלע בלוט; דאָוויד אוט־קעס — פראָסקע (דער קלינציִער טעקסטיל־יוגנט א גע־שאַנק).

נומ. 253. איזי כאַריק — בא דער קאָמונאַרן־וואַנט (ליד).

נומ. 257. י. דאָברושין — וועגן ליטעראַרישן לייענ־שטאָף (רעצענזיעס אף סעגאַלאָוויטשעס „שטעגן־וועגן“ — נײַע נאָוועלן, וואַרשע, 1921; אף דער זאמלונג דערציי־לונגען פון ראָכל בראָכעס, ווילנע, 1922; אף ד. מאַר־שאַקס דערציילונגען, ווילנע 1921): „דאָ האַנדלט זיך ניט אזוי וועגן די דאָזיקע דרײַ ביכער, וואָס האָבן בעעצעם גאָר א קנאַפּן ווערט און פאַרדינען ניט בעכאָל־אויפן קיין לאַנגע רייד, דאָ האַנדלט זיך וועגן א גאַנצער ריי ענ־לעכע ווערק, וואָס זײַנען פאר די לעצטע יאָרן ארויס אין וואַרשע, ווילנע, אומעטום, ווו עס זײַנען פאַראַן מאַסן־לעזער, וואָס נייטיקן זיך אין לײַכטן ליטעראַרישן שטאָף, אין דער, אזוי צו זאָגן, לעזערישער ליטעראַטור...“; דאָוויד אוטקעס — געדאנקען און פאָרשלאָגן פון א לע־זער (וועגן שאפן א ליטעראַרישע בײַלאַגע באַם „עמעס“).

נומ. 265. מ. ליטוואַקאָוו — וועגן דעם זשורנאַל „יונג־וואַלד“.

נומ. 271. י. דאָברושין — בוך און פרעסע אין אמע־ריקע. באריכט פונעם אָוונט, געווידמעט דעם דיכטער מ.־ל. האַלפּערן.

נומ. 273. א. וועוויאָרקע — א האַרבסט־דאָקומענט (וועגן מוישע טײַטשס „דלאָניעס אין זון. פּאָעמע פון האַרבסט“. מאָסקווע, 1923); י. דאָברושין — וועגן ה. בלאָ־שטיינס „אפן זונען־טרעפּ“, לידער, קאָוונע, 1923; י. דאָ־ברושין — ל. פולווער (צום 25־יאָריקן יובילײ פון זײַן מוזיקאַלישער טעטיקײַט).

נומ. 283. פונעם אינהאַלט פון „יונגוואַלד“ נומ. 5 (דערשינען אין די ערשטע טעג יאַנוואַר 1924). דערציי־לונגען: ש. גאָדינער — רינגען; ב. דאָנצעוו — לעצטע שלאַכט (א פאַנטאַסטישע דערציילונג) און אנד.; לי־דער: מיכאַיִל סוועטלאָוו — וועגן רעבן; א. זשאַראָוו — בריוו; עסטער — אף די שפּיזן... זיכרוינעס: יאַנקל לעווין — קליין־בונד; מיילעך פרענקעל — פּוילישע אונטערערד. דער זשורנאַל איז איליוסטרירט פון נ. אַלט־מאַן, א. דובאַסאָוו, א. העפּטער, מ. יאַגוזשינסקי, ד. בער־שאַדסקי און אנד.

נומ. 286. שאָלעם לעווין — וועגן „פאַרפּראָסטערן“ די ייִדישע שפּראַך.

נומ. 289. ל. עדעלמאַן — צי ווילן די ייִדישע ארבע־טער, אז מע זאָל צווישן זיי פירן אן ארבעט אף ייִדיש? (פאַקטן און אײַנדרוקן פון אן אויספאָרשונג); מ. איט־קאָוויטש — די ייִדישע שפּראַך און די ייִדישע פרעסע.

פונעם אינהאַלט פון זשורנאַל „שטראָם“ נומ. 4:

לידער פון ד. האָפשטיין, א. קושניראָוו, ש. ראָסין, עס־טער כאַסיס, מ. שאַפּיראָ, א. שוויכעט, מ. כאַשטשעוואַצקי, ש. האַלקין, ע. פינינבערג; דער ניסטער — נײַ־גײַסט; ש. גאָדינער — נאַקעט; ל. רעזניק — הילכיקע נעכט (פּאָעמע); ד. וואָלקענשטיין — אופבראָך (פון בוך „ערדן־געטראַנק“); י. דאָברושין — אונדזער אימפּרעסיאָניזם (א קאַפּיטל וועגן ד. בערגעלסאָנען); א. וועוויאָרקע — א ייִדישער טעאַטער־סטיל (שטריכן); נ. אויסלענדער — ערשטע טריט.

פון דער ביבליאָגראַפיע: נ. אויסלענדער — וועגן די אויסגאַבן פון ליטעראַטן־פארלאג „ווידערוווּקס“, קיִעוו; וועגן די ביכער פון אי. פעפער „שפּענער“, מ. כאַשט־שעוואַצקי „דאָרשט“, א. שוויכעט „אָנגריף“, מ. וועלעד־ניצקי „לײַטערניש“, מ. שאַפּיראָ „פאַרטאָג“; רעצענזיע פון ע. פינינבערג אף מוישע קולבאַקס בוך „נײַע לי־דער“, פארלאג „קולטור־ליגע“, וואַרשע, 1922.

„נײַע ביכער“. אין מאָסקווע: „די נאַציאָנאַלע פראגע אין דער רקפּ(ב)“ (זאמלונג); „הירש לעקערט“ (צום 20־טן יאָרטאָג פון זײַן קעפּונג); עסטער — הירש לעקערט; קאַנטאָר — פּאָליטישער אַלעפבייס; מוישע טײַטש — רעמאָנט אף רישטעוואַניעס; יעדידע מאַרגאָ־ליס — מילכאָמע־צײַט; כאַיִם גילדין — דער רויטער פּורים (בופאָנאַדע). אין קיִעוו: ד. האָפשטיין — גע־זאמלטע ווערק, ערשטער באַנד (ליריק), א פראַכט־אויס־גאַבע; אי. קיפּניס — אָקסן; ש. האַלקין — לידער; ש. שקאַראָווסקי — רעגעס; ערשטער נומער פון דער ליטעראַרישער זאמלונג „באַרג־ארויף“; אין פארלאג „קולטור־ליגע“ זײַנען דערשינען די ערשטע דרײַ נומערן פונעם קינדער־זשורנאַל „פרייד“ און דער דריטער נומער „פעדאגאָגישער ביולעטען“; אין פארלאג „קאָמפאָן“: ד. וואָלקענשטיין (לויט ל. אַנדרייעוו) — האַר הונגער; דער פארלאג „קולטור־ליגע“ איז צוגעטראָטן צום ארויס־

געבן א פולע לידער־זאמלונג פון דעם העלדיש אומגעקומענעם דיכטער אַשער שווארצמאַן. אויסער די לידער גייט אריַין אין בוך א גרעסערע ביִאָגראפישע סקיצע און גענויע רעדאקציִאָנעלע דערקלערונגען וועגן יעדער איינציקער ליד; אין כארקאָוו: „ארבעטס־קינדער" (ליטעראריש זאמלבוך); „יוגנט" (לידער־זאמלונג), רעדאגירט פון א. קושניראָוו; מ. אלטשולער — געקאשערטע נעשאָמעס (וועגן כיידער); „לעבעדיק באגראָבענע" (איליוסטרירטע זאמלונג פון דערציילונגען); „ליבקנעכטס דאָר" — פּאָפּולער־וויסנשאפטלעכער און ליטערארישקינסטלערישער איליוסטרירטער כוידעש־זשורנאַל, נומער 1.

ניַיס פון קולטור־לעבן. די גרופּע „שטראָם" זעצט פאָר אירע „ליטערארישע דינסטיקן" אין סטודיע־זאַל פון יִדישן קאמער־טעאטער. אין מעשעך פונעם ווינטער האָבן געלייענט זייערע ווערק און פאָרטראָגן: אויסלענדער, האָפּשטיין, וועוויאָרקע, האלקין, שאפּיראָ, שויכעט, כאריק, גאָדינער, נוסינאָוו, פּערסאָוו, וואָלקענשטיין, ליטוואקאָוו, רעזניק, שפּילריין. אף די נאָענטסטע דינסטיקן וועלן לייענען: קושניראָוו, אקסעלראָד, ראָסין, דאָברושין אא.

דעם 22 יאנוואר האָט דער מאָסקווער מעלוכישער יִדישער קאמער־טעאטער געפיַיערט זיַין פערטן יאָרטאָג, וואָס איז צונויפגעפאלן מיט דער 150־טער פאָרשטעלונג פונעם שאָלעם־אלייכעם־ציקל. דער טעאטער גרייט איצט א מוזיקאלע קאָמעדיע „200.000" לויט שאָלעם־אלייכעמס „גרויסן געווינס". די טעקסטן פון די לידער און פון די מוזיקאלע אנסאמבלען האָט געשריבן י. דאָברושין. מוזיק פון ל. פולווער, לויט די פאָלקס־מאָטיוון, וועלכע זיַינען פארשריבן פון ז. קיסעלהאָף. אָנפירער פון דער פאָרשטעלונג א. גראנאָווסקי. די ראָל פון סאָראָקער שפּילט מיכאָעלס־וואָפסי.

די קיִעווער סטודיע פון „קולטור־ליגע" האָט איַינגעלאדן דעם מוזיקער אל. קריין צו שריַיבן מוזיק פאר „דעם לעצטן מאָשיִעך"; איבער די דעקאָראציעס ארבעט א. טישלער.

אָנהייב יאנוואר איז אין מאָסקווער מוזיי פאר ניַיער קונסט פאָרגעקומען א דריַיטאָגיקע אויסשטעלונג פון די ניַיע בילדער, וועלכע דער פאָלקאָמבילד שיקט אָפּ קיין אויסלאנד אף צו דערגאנצן די דאָרטיקע רוסלענדישע אויסשטעלונג. צווישן די דאָזיקע ניַיע בילדער האָבן זיך אויסגעצייכנט די ווערק פון די מאָלער טישלער, נעקריטין און לאבאז.

אין „איזוועסטיִא" נומ. 209 האָט דער רוסישער סאָוועטישער דיכטער סערגיי יעסענין, וואָס איז נאָרוואָס געקומען פון אמעריקע, פארעפנטלעכט אן ארטיקל וועגן די יִדישע שריַיבער פון אמעריקע און וועגן דער שעפערישער ווירקונג אף זיי מיצאד דער יונגער קיִעווער פּלעיאדע יִדישע דיכטער. יעסענין שריַיבט: „ניו־יאָרק איז אף 30 פּראָצענט א יִדישע שטאָט. די יִדן האָט אהער געטריבן דעריקער די כוואליע פּאָגראָמען. אין ניו־יאָרק האָבן זיי זיך באזעצט גאנץ פעסט און פארמאָגן זייער זשארגאָנישע (יִדישע) קולטור, וועלכע בריַיטערט זיך און וואקסט. בא זיי זיַינען פאראן אייגענע פּאָעטן, פּראָזאיִקער און אייגענע טעאטערס. אין זייער ליטעראטור געפינען זיך אייניקע נעמען פון א וועלט־באדיַיטונג. אין דער פּאָעזיע רוקט זיך איצט ארויס אפן וועלט־מארק מיט א גאנץ באדיַיטנדיקן טאלאנט מאני־לייב.

מאני־לייב איז א געבוירענער פון טשערניגאָווער גובערניע. רוסלאנד האָט ער פארלאָזט מיט 20 יאָר צוריק, איצט איז אים 38 יאָר. ער האָט זיך שווער דורכגעשלאָגן א וועג אין לעבן דורך שוסטעריַי, בלויז אין די לעצטע יאָרן האָט ער באקומען די מעגלעכקיַיט צו לעבן פונעם האָנאָראר פון זיַין קונסט. דורך איבערזעצונגען אף זשארגאָן האָט ער באקאנט די אמעריקאנער יִדן מיט דער רוסישער פּאָעזיע פון פּושקינען ביז אונדזערע טעג. ער פּאָפּוליאריזירט אינטענסיוו די יונגע זשארגאָניסטן מיט גאָר שיינע טאלאנטן פונעם פּעריִאָד האָפּשטיין — מארקיש. דאָ זיַינען פאראן וואָרצלען און ס'איז פאראן קולטור".

1 9 2 4

13 יאנוואר. אין קאָוונע איז געשטאָרבן דער יִדישער קריטיקער איזידאָר עליאשעוו — באל־מאכשאָוועס.

9—10 מיַי. באם פּרעסע־אָפּטייל פון צק רקפּ(ב) איז פאָרגעקומען א ספּעציִעלע בארוטונג וועגן דער פּאָליטיק פון דער פּארטיי אין געביט פון קינסטלערישער ליטעראטור.

פון דער ציַיטונג „דער עמעס":

נומ. 14. „טאָג־פּראגן" (וועגן „פארפּראָסטערן" די שפּראך פון אונדזערע ציַיטונגען). ארויסזאָגונגען פון וואָלאָברינסקי, נ. קאבאקאָוו, קליטעניק און אנד.

נומ. 16. מ. ליטוואקאָוו — די שפּראך פון אונדזערע ציַיטונגען (פאָרזעצונג אין נומ. 33).

נומ. 21. די פאראייניקונג פון די יִדישע שריַיבער, וואָס געפינען זיך איצט אין מאָסקווע, מעלדעט א טרויער־פארזאמלונג, געווידמעט דעם אָנדענק פונעם פארשטאָרבענעם כאווער לענין. אין די נאָענטסטע טעג ווערט איַינגעאָרדנט א גרויסער ליטערארישער טרויער־אָוונט צום אָנדענק פון כאווער לענין. אין נאָמען פון דער פאראייניקונג איז אוועקגעשיקט געוואָרן דעם צק רקפּ(ב) און דער צב פון די יִדסעקציעס פאָלגנדע מיטגעפיל־טעלעגראמע: „די פאראייניקונג פון יִדישע שריַיבער טרויערט אפן טויט פון וולאדימיר איליטש לענין און דריקט אויס איר מיטגעפיל דעם צק רקפּ(ב) און דער צב פון די יִדסעקציעס — דער טרעגערן פון לענינס געבאָטן צווישן די יִדישע מאסן".

נומ. 22. י. ראבין — באם אָרן (ליד).

דערשינען די ליטזאמלונג „לענין", ווו עס זיַינען אריַין לידער פון קושניראָוו, רעזניק, האָפּשטיין, שויכעט, כאריק, כאשטשעוואצקי, אקסעלראָד, ראָסין, האלקין; דערציילונגען פון מייעראָוויטש, גאָדינער, פּערסאָוו; ארטיקלען פון וועוויאָרקע, דאָברושין, פינינבערג, אויסלענדער, סטרעליץ.

נומ. 27. מ. כאשטשעוואצקי — אין די טרויער־טעג (ליד).

נומ. 31. צום 50־טן מאָל גייט אין יִדישן קאמערטעאטער דער ספּעקטאקל „דאָס גרויסע געווינס" (200.000). עס גרייט זיך די שטעלונג „גאָט פון נעקאָמע". די הויפּט־ראָל — מיכאָעלס, שטעלונג — א. גראנאָווסקי, דעקאָראציעס — י. ראבינאָוויטש; אינמיטן פעווראל וועט אין טעאטער פאָרקומען אן אָוונט אונטערן נאָמען „קארנאוואל פון יִדישע קאָמעדיִאנטן". אינסצענירונגען, יִדישע לידער און טענץ. שטעלונג — א. גראנאָווסקי, מוזיק געזאמלט פון ז. קיסעלהאָף, באארבעט — ל. פולווער; סאָף פעווראל וועט גיין צום הונדערטסטן מאָל „די

קישעפמאַכערן"; דעם 4 פעוראַל וועט אין ערשטן מעלוכישן קינאָ־טעאַטער דעמאָנסטרירט ווערן דער פילם „דאָס לעבן פון די ייִדן אין ראַטנפאַרבאַנד". דאָס בילד שילדערט דאָס לעבן און די אַרבעט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין די גרויסע ייִדישע צענטערן און אויך אין די שטעטלעך און קאָלאָניעס.

נומ. 56. מאָריס ווינטשעווסקי איז אײַנגעלאַדן צו קומען קיין ראַטנפאַרבאַנד.

נומ. 60. דערשינען אין לענינגראַד עלישע ראָדינס לידער־זאַמלונג „פון צווײ קוואַלן".

נומ. 83. שאַבעס דעם 12 אַפּרעל וועט אין קלוב „קאָמוניסט" (לוביאַנקער דורכפאָר) פאָרקומען אַ דיספּוט וועגן זשורנאַל „שטראָם". עס וועלן אַרויסטרעטן די כאַווײרים אויסלענדער, גאָדינער, דאָברושין, וועוויאָרקע, מייעראָוויטש, קושנעראָוו.

נומ. 87. כ. גילדין — לענינ־יאַדע (פראַגמענטן פון אַ פּאָעמע).

נומ. 96, 100, 105, 109. מ. ליטוואַקאָוו — נײַס פון דער ייִדישער ליטעראַטור. I. וועגן ש. גאָדינערס „טאָג אַנטקעגן", ד. מייעראָוויטשעס „אין אַ צײַט אַזאַ" („שטראָם" נומ. 5—6), ב. אָרשאַנסקיס „אָף כוואַליעס", כ. גילדינס „קאָמונאַרן" (לענינ־יאַדע); II. ערעוו־סאָוועטישע ליטעראַטור; III. נאָכגעמאַכטע ליטעראַטור; IV. ליבהאָבער־ליטעראַטור.

נומ. 107. „יונגוואַלד" נומ. 7. אין אָפּטייל „קוזניע": י. זעלדין — רויטער סאַליוט; לידער פון ז. שוסטערמאַן, ש. העלמאָנד.

נומ. 110. מאָנטיק דעם 19־טן וועט אין קלוב „קאָמוניסט" פאָרקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די ייִדישע שרײַבער אין מאָסקווע. טאָג־סיידער: וועגן אַ קאָנפערענץ פון די ייִדישע שרײַבער אין ראַטנפאַרבאַנד.

נומ. 145. הײַנט, דעם 29 יוני, קומט קיין מאָסקווע כ' מאָריס ווינטשעווסקי.

נומ. 150. הײַנט, דעם 5 יולי, אַרדנט אײַן דער ייִד. אַרבעטער־קלוב „קאָמוניסט" (לוביאַנקער דורכפאָר, 2) אַ קאַבאַלאַס־פּאָנעם דעם כ' מאָריס ווינטשעווסקי.

נומ. 153. האָמלער אַרבעטערשאַפט באַגריסט דעם כ' מאָריס ווינטשעווסקי; ווינטשעווסקי באַ די מאַלאַכאָווקער קינדער.

נומ. 155. נײַע ביכער. אין קיִעווער פאַרלאַג „קולטור־ליגע" זײַנען דערשינען: נ. אויסלענדער — אַ באַנד קריטישע אַרטיקלען „וועג־אויס, וועג־אײַן"; י. רעזניק — צו דער נײַער שול; אַ זאַמלונג — „מאָסקווער ייִדישער קאַמער־טעאַטער" מיט אַרטיקלען פון די כאַווײרים אַבראַם, נ. לוריע, אַ. איזער, אַ. גראַנאָווסקי, מיכאָעלס־וואָפסי, ל. רעזניק, סקולפּטאָר מ. עפּשטיין, י. דאָברושין, י. רעזניק, אַרבקאָרן גרינבערג, מעלאַמעד און יודאָוויטש; זש. „פרייד" נומ. 14; מ. ליטוואַקאָוו — פינף יאָר ייִדישער קאַמער־טעאַטער, מאָסקווע, „שול און בוך".

נומ. 157. דעם 15 יולי דערשײַנט דער אַכטער נומער „יונגוואַלד". פונעם אינהאַלט: דערציילונגען פון י. ראַבין „ראַכמיִעלקע" און ב. יאַשין — „כאַוועך אײַזנפעסט"; מ. ליטוואַקאָוו — פּיִאָנערישע געשיכטע (קינדער אין דער פראַנצויזישער רעוואָליוציע); אי. כאַריק — ענגעל (פון אַ פּאָעמע); אַ. קאַוונער — פאַבריק־שול (לויט אַ. זשאַראָוון).

נומ. 161. אַ זײַט, געווידמעט מ. ווינטשעווסקין: מאָריס ווינטשעווסקי — פאַרן קלונג (ליד); מ. ליטוואַקאָוו — דער שטענדיקער פּיִאָנער; אַ. קושנעראָוו — מײַן גערוס מ. ווינטשעווסקין; אַ. וועוויאָרקע — שײַנקײַט אָפּן וועג קיין מאָסקווע; כ. גילדין — פון טרוים צו ווירקלעכקײַט; דאַניִעל מייעראָוויטש — אַ גרוס דיר; אַבע לעוו — מײַן ערשטע באַקאַנטשאַפט מיטן כ' מאָריס ווינטשעווסקיס לידער.

נומ. 164. די צענטר. ייִד. ביוראָ באַם פאָלקאָמבילד פון רספסר טרעט צו אַרויסצוגעבן אַ רעוואָליוציִאָנערע לידער־זאַמלונג פאַר דער שול־ און אַרבעטער־יוגנט.

נומ. 165. דער זשורנאַל „אָף די וועגן צו דער נײַער שול" — אַן אַלפאַרבאַנדישער אָרגאַן; דער העכערער ייִדישער אינסטיטוט פאַר שפּראַך, ליטעראַטור און געשיכטע האָט האַיאָר אײַנגעאָרדנט, צוזאַמען מיטן לענינגראַדער געאָגראַפישן אינסטיטוט, אַן עטנאָגראַפישע עקספּעדיציע איבער ווײַסרוסלאַנד און אוקראַיִנע.

נומ. 181. די באַגעגעניש פון אָרשער אַרבעטער מיטן זיידן מאָריס ווינטשעווסקי.

נומ. 185. קאַבאַלאַס־פּאָנעם מאָריס ווינטשעווסקין אין מינסק. ספּעציִעל צו זײַן קומען איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ זאַמלונג פון זײַנע לידער „קאַמפּס־געזאַנגען".

נומ. 193. מאָריס ווינטשעווסקי אין האָמעל.

נומ. 217. דעם 1 אָקטיאַבער דערשײַנט „יונגוואַלד" נומ. 9. פונעם אינהאַלט: דערציילונגען פון ד. מייעראָוויטש „אָף שטיינער פון ווילנע", ש. ראָסין „אָפּן נומער הונדערט נײַן".

נומ. 228. באַשטימונג פון דער צענטראַל־ביוראָ פון די קאָמוניסטישע קינדער־גרופּן באַם צק פונעם לענינישן קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד וועגן פאַרוואַנדלען דעם פּיִאָנערישן זשורנאַל אין ייִדיש „פרייד" אין אַן אַלפאַרבאַנדישן זשורנאַל פון יונגע פּיִאָנערן אונטער דער רעדאַקציע פון ה. קאַזאַקעוויטש, באַ דער נאָענסטער מיטאַרבעט פון מ. ליטוואַקאָוו און מ. פרומקין (עסטער); ס'איז דערשינען דער ערשטער נומער פון זשורנאַל „די רויטע וועלט".

נומ. 235. צום ווינטער־סעזאָן אין מעלוכישן ייִדישן קאַמער־טעאַטער: „באַנאַכט אָפּן אַלטן מאַרק" (צום 5־יאָריקן יובילײ פון טעאַטער); „דער רעוויזאָר" (סצעניִשע באַאַרבעטונג און שטעלונג פון אַ. גראַנאָווסקי); עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ייִדישע דראַמאַטישע קינדער־סטודיע.

נומ. 238. ד. האָכבערג — צו דער פראַגע וועגן דער שפּראַך פונעם „עמעס".

נומ. 260. י. בראָנשטיין — וועגן דער שפּראַך פון „עמעס" (אַן ענטפער דעם כ' האָכבערג).

נומ. 261. די לעזער וועגן דער שפּראַך פון „עמעס".

נומ. 265. דער באַוווסטער ייִדישער שרײַבער פון אַמעריקע, מיטאַרבעטער פון „פרײַהײַט", ב. גלאַזמאַן — אין מאָסקווע.

נומ. 266. באַ דעם מאָפּפּ איז געשאַפן געוואָרן אַ ייִדישע סעקציע. די ביוראָ: כ. גילדין, אַ. וועוויאָרקע, אַ. קושנעראָוו, אַ. שויכעט און י. ראַבין.

נומ. 270, 27 נאָיאַבער. ערשטער אַלפאַרבאַנדישער צוזאַמענפאָר פון ייִדישע קולטור־טוער; אויסצוג פון אַ. לונאַטשאַרסקיס רעדע אָף דער אָוונט־זיצונג פון 25 נאָיאַבער: „די ייִדישע קולטור איז געבויט פון אויבן־אַראָפּ, און דאָס איז איר גרעסטער פעלער. איצט דאַרפט איר בויען אײַער קולטור דאַפקע פון אונטן. מיר גייען איבער צו באַזעצן די ייִדישע מאַסן אָף ערד, קעדײ צו שאַפן געזונטע פּויערים־רעזערוון".

נומ. 271. א. גראנאָווסקי — אן אַנגעוויטעקטע פראגע (צו דער פראגע וועגן רעפּערטואר): „דער רעוואָליוציאָנערער טעאַטער לעבט; דער דראמאטורג איז פארשוונדן“.

נומ. 272. ש. מיכאָעלס — די פראגע וועגן רעפּערטואר (פאַרזעצונג אין נומ. 279); א גרופּע מאָסקווער יידישע שרײַבער האָט ארויסגעגעבן א זאמלהעפט „דאָס וואָרט“ צום ערשטן אלפארבאנדישן קולטור־צוזאמענפאָר. אינעם זאמלהעפט נעמען אַנטייל ש. גאָדינער, איזי כאריק, מ. כאשטשעוואצקי, ש. ראָסין, ד. מייעראָוויטש, ש. האלקין, ז. אקסעלראָד, כ. לעווין, י. דאָברושין, נ. אויסלענדער און ב. אינגסטער.

נומ. 274. כאַים גילדין — א צײַט־פראגע (ווענדונג צום יידישן קולטור־צוזאמענפאָר „פאר א פאָזיטיווער פּאָליטיק בענעגייע דער יידישער ליטעראטור און קונסט“); מ. ליטוואקאָוו — די יידישע מאסן־קולטור און אירע מעגלעכקײַטן (פאָרטראָג אפן יידישן קולטור־צוזאמענפאָר).

נומ. 276. א. גראנאָווסקי — וועגן יידישן טעאטער (פאָרטראָג אפן יידישן קולטור־צוזאמענפאָר).

נומ. 279. כאַים גילדין — פראָנטן (דערציילונג); איזי כאריק — פון דער פּאָעמע „מינסקער בלאָטעס“ (צענטע און עלפטע לידער); ש. גאָדינער — אונדזערס.

נומ. 283. די יידישע סעקציע פון ראפּפּ אָרדנט אײַן זונטיק, דעם 14 דעקאבער, אין קלוב „קאָמוניסט“ א ליטערארישן מישפּעט איבערן זשורנאל „שטראָם“. פאָרזיצער — א. וועוויאָרקע, ריכטער — דרײַ ארבעטערלעזער, סעקרעטאר פון געריכט — מ. טײַטש, פּראָקוראָרן — א. קושניראָוו און כ. גילדין, פארטיידיקער — א. שויכעט. עס ווערן ארויסגערופן אלס פארטיידיקער — י. דאָברושין און נ. אויסלענדער. אלס איידעס די כאוורים: ש. גאָדינער, ש. האלקין, אי. כאריק, ד. מייעראָוויטש, ש. פּערסאָוו און ש. ראָסין. די לייענער וועט דערלויבט ווערן ארויסצוטרעטן מיט ווערטער.

נומ. 287. עס איז דערשינען דער זשורנאל „רויטע וועלט“ נומ. 4; די קיִעווער „קולטור־ליגע“ האָט ארויסגעגעבן ווינטשעווסקיס א לידער־זאמלונג. אהער איז ארײַן א ליד פון איציק פעפער, געווידמעט מ. ווינטשעווסקין.

נומ. 289. י. דאָברושין — פעסטע טריט (וועגן דער פּראָזע פון ש. גאָדינער, ד. מייעראָוויטש און א. קושניראָוו, וועגן דער דיכטונג פון אי. פעפער, א. קאהאן, ש. האלקין, י. ראבין, אי. כאריק); י. בראָנשטיין — וועגן מ. כאשטשעוואצקיס לידער־זאמלונגען „דאָרשט“ (קיִעוו, 1922) און „הארטע וואָר“ (זש. „שטראָם“, מאָסקווע, 1924).

נומ. 295. מ. ליטוואקאָוו — דער ערשטער אָנזאָג (וועגן אי. פעפערס „וועגן זיך און אזוינע, ווי איך“).

נומ. 297. י. בראָנשטיין — אין געפענקעניש פון פאָרמאליזם (וועגן דעם רעפּערטואר פונעם יידישן מעלוכע־טעאטער. דיסקוסיע־ארטיקל).

נומ. 297. י. דאָברושין — א בריוו אין רעדאקציע (וועגן ליטוואקאָווס ארטיקל „דער ערשטער אָנזאָג“, „עמעס“, נומ. 295, אין וועלכן י. דאָברושין ווערט איראָניש כאראקטעריזירט אלס אזא, וואָס „טיילט בלויז כאנעקע־געלט“ און האָט פארזען אזוינע דערשײַנונגען, ווי אי. פעפער אאוו.).

פונעם אינהאלט פון זשורנאל „די רויטע וועלט“:

נומ. 1: אי. פעפער — לידער; שמועל פּערסאָוו — העפקער (דערציילונג. פאָרזעצונג אין די נומ. 2 און 3); אלעקסאנדער דייטש — וועגן יידישן קאמער־טעאטער (צום 5־יאָריקן יובילײ); נ. אויסלענדער — מילכאָמעליטעראטור (אויזער ווארשאווסקי „שמוגליארעס“, ווארשע, 1924; ש. גאָדינער „טאָג אנטקעגן“, מאָסקווע, 1924); א. גורשטיין — שווארצמאנס „אלע לידער“, קיִעוו, 1923; אין קלעצקין־פארלאג דערשײַנט אינגיכן: א. קושניראָווס א בוך דערציילונגען, מ. כאשטשעוואצקיס „לערמאָנטאָוו“ (איבערזעצונג פון גרעסערע פּאָעמען און לידער), ע. פינינבערגס איבערזעצונגען פון „פאוסט“ (ערשטער טייל), נ. אויסלענדערס „בא די קוואלן“ (אין בוך גייען ארײַן: 1. די גרונט־שטריכן פון יידישן רעאליזם, 2. אלט־יידיש — אָפּהאנדלונגען וועגן דעם „באָווע־בוך“, „שמועל־בוך“ און נאכמען בראצלאווער).

נומ. 2. מ. כאשטשעוואצקי — פון בוך „הארטע וואָר“ (לידער); כאנע לעווין — באבעלעך און אינטערנאציאָנאל; דאניִעל מייעראָוויטש — אנדא (די דערציילונג איז גענומען פון א גרעסערער זאך, וואָס וועט זײַן געדרוקט אין „יונגוואלד“).

דעם 15 נאָיאבער 1924 ווערט צונויפגערופן דער ערשטער יידישער אלפארבאנדישער בילדונגס־צוזאמענפאָר; י. דאָברושין — וועגן אונדזער קונסט־קולטור (אף צו באהאנדלען).

נומ. 3. דאניִעל מייעראָוויטש — טעפּלושקעס אין וועג (פון א גרעסערער זאך, וואָס וועט זײַן געדרוקט אין „יונגוואלד“); נ. אויסלענדער — איציק פעפער (א בלעטל פון דער יידישער אָקטיאבער־ליטעראטור): „אוקראַיִנע האָט ווידער אן אָטעם געטאָן אף אונדז מיט געזונטער יוגנטלעכער דיכטער־קראפט, וועלכע ווייעט פון איציק פעפערס נײַ־דערשינענעם בוך לידער „פּראָסטע רייד“.

אין קיִעווער „קולטור־ליגע“ דערשײַנט אינגיכן א באנד לידער פון ע. פינינבערג. איינצײַטיק — א בוך לידער פון איציק פעפער. אין דער נאָענטסטער צײַט וועלן דערשײַנען די ערשטע ביכלעך פון דער „פּאָפּולערער ביבליאָטעק פאר האלב־אנאלפאבעטן“. דער פארלאג „קולטור־ליגע“ רעכנט ארויסלאָזן ביז ענדע 1924 יאָר 15 אזעלכע ביכלעך, צו 1—$1\frac{1}{2}$ דרוקבויגן א ביכל, געזעצט מיט גרויסע אויסיִעס. די ערשטע סעריע וועט באשטיין פון בעלעטריסטיק און פון קינסטלערישער פּובליציסטיק.

נומ. 4. איזי כאריק — באם קרעמל; וואלערי בריוסאָוו — קינפּטיקע הונען (יידיש — מ. כאשטשעוואצקי); מ. שאפּיראָ — רוסלאנד; אי. באבעל — ליובקע קאָזאק (פון די אָדעסער דערציילונגען, יידיש — וו — אן); כאַים גילדין — סאָנים. נײַע ביכער: א נײַ העפט „שטראָם“, נומ. 5—6; א. גורשטיין — צו דער פאָרשונג פון די יידישע קלאסיקער; ז. שנייער: 1) פון דעם „זיידנס“ קוואל; 2) שאָלעם־אלייכעמס אָנדענק, בערלין, 1922.

נומ. 5. ש. גאָדינער — אפן ווייטעק רײַטנדיק (פראגמענטן); זעליק אקסעלראָד — אין בלוט פון לײַב איז מיר פארבליבן (לידער); באָרעך גלאזמאן — באם ברעג יאם (בלעטלעך פונעם ראָמאן „די אינד“).

אינהאלט פון זשורנאל „שטראָם“ נומ. 5—6 (לעצטער): לידער פון איציק פעפער, איזי כאריק, ש. ראָסין, ד. כאָראָל, ז. אקסעלראָד, ש. האלקין, א. וועלעדניצקי, ל. רעזניק, א. קושניראָוו; ע. פינינבערג — פון דער פּאָעמע „מעהומע“; מ. כאשטשעוואצקי — דער שלײַפער (באלאדע); דאניִעל מייעראָוויטש — פון א צײַט אזא (קאפּיטלען). ארטיקלען פון נ. אויסלענדער, י. דאָברו־

שין; רעצענזיעס פון שאָלעם גאָרדאָן, א. גורשטיין, ע. פינינבערג, א. קושניראָוו.

נײַע ביכער. אין פארלאג „קולטור־ליגע" (מאָסקווע) דערשײַנט ש. גאָדינער — טאָג אנטקעגן (דערציילונגען); אין פארלאג „קולטור־ליגע" (קיִעוו) דרוקן זיך נ. אויסלענדער — קריטישע ארטיקלען, ע. פינינבערג — געראנגל (לידער); אין אוקראַיִנישן מעלוכע־פארלאג: אי. פעפער — לידער. דערשינען מ. טײַטשס „דלאָניעס אין זון" (פאָעמע פון הארבסט 1925); י. מארגאָלים — „אמכאָ" (פאָלקס־דראמע); ע. ראָדין — „פון צוויי קוואלן" (לידער); מ. ליסאק — „וועלט־ווינקל".

טעאטער. דער מעלוכישער יִדישער קאמער־טעאטער גרייט און וועט אינגיכן באווײַזן אן אָוונט פון פאראָדיעס אונטערן נאָמען: „קאראהאָד פון יִדישע ארטיסטן". די פראָגראם פונעם אָוונט: „א כסידישע נאכט", „די אמעריקאנערן", „פרינץ פון פליאסקעדריגע", „א גנייווישער אנסאמבל", „יִדישע טענץ", געשטעלט פון א. גראנאָווסקי, מוזיק פון ל. פולווער. נאָך שאָלעם־אלייכעמס „געט", וועלכן דער טעאטער האָט האיאָר געשטעלט מיט אזא גרויסן דערפאָלג, וועט אין דעם סעזאָן אויך אופגעפירט ווערן פערעצעס „באנאכט אפן אלטן מארק". די טעקסטן פון דער פערעץ־מיסטעריע ווערן צוזאמענגעשטעלט אפן סמאך פון זעקס וואריִאנטן פון דער פיעסע. אין דער קינסטלערישער ארבעט באטייליקן זיך דער מאָלער פאלק און דער מוזיקער א. קריין, וואָס האָט באוויזן אזוי אָרגאניש־שיין, מוזיקאליש אויספורעמען דעם „געט". רעזשיסער — א. גראנאָווסקי. די ראָל פון באדכן וועט שפילן וואָפסי־מיכאָעלס. פלאן פון דער פאָרשטעלונג — אינעם נוסעך פון א מאסן־טראגעדיע.

דעם 15 און 17 דעקאבער פאָריקן יאָר האָט די יִדישע מעלוכע־סטודיע פון ווײַסרוסלאנד מיט גרויס דערפאָלג באוויזן איר ערשטן אָוונט פון סטודענטישער ארבעט. עס זײַנען געשטעלט געוואָרן „שיר־האשירים" פון שאָלעם־אלייכעם, „די לעוואָנע דערציילט" פון פערעץ, און „כיידער" — א קאָמפאָזיציע לויט די יִדישע קלאסיקער לינעצקי, מענדעלע, פערעץ און שאָלעם־אלייכעם. די סטודיע האָט אָנגעהויבן איר ארבעט מיט צוויי יאָר צוריק, בא א באשטאנד פון אכט טאלמידים. איצט לערנען זיך אין דער סטודיע דרײַסיק מענטשן. צום דריטן לערניאָר גרייט די סטודיע מאָליערס „סקאפענס מײַסים" אין דער ליטעראַרישער באארבעטונג און מיט אינטערמעדיעס פון נ. אויסלענדער.

די קיִעווער טעאטער־סטודיע פון „קולטור־ליגע" איז באשטעטיקט געוואָרן אלס אוקראַיִנישער יִדישער מעלוכע־טעאטער.

קונסט. די מאָסקווער יִדישע קינסטלער גרייטן אן אויסשטעלונג פון זייערע ווערק. עס וועלן זיך באטייליקן אין דער אויסשטעלונג פאלק, ראבינאָוויטש, טשײַקאָוו, ראביטשעוו, נעקריטין, טישלער, בראזער, ביכאָווסקי, שאפיראָ און אנדערע.

1925

18 יון. אָנגענומען די רעזאָליוציע פון צק רקפ(ב) „וועגן דער פאָליטיק פון דער פארטיי אין געביט פון דער קינסטלערישער ליטעראטור".

פונעם אינהאלט פון צווייכאדאָשימדיקן ליטעראריש־קינסטלערישן און פאָליטיש־געזעלשאפטלעכן זשורנאל „שטערן" (מינסק):

נומ. 2. ש. גאָדינער — דער סאָף פון דער מישפאָכע מאנדל (פון דער דערציילונג „דער מענטש מיט דער ביקס"); ש. העלמאָנד — אוקראַיִנע (לידער); צ. דאָלגאָפאָלסקי — בא געעפנטע טויערן (קאפיטלען פון א ראָמאן); כאַיִם לעווין — הירש לעקערט (פון א פאָעמע); י. בראָנשטיין — פראָבלעמען פון מארקסיסטישער קונסט־קריטיק; ב. אָרשאנסקי — די טעאטער־פראגע אפן טאָג־סיידער; רעזאָליוציע פון צק רקפ(ב) וועגן דער פאָליטיק פון דער פארטיי אין געביט פון דער קינסטלערישער ליטעראטור; ה. אלעקסאנדראָוו — אווראָם־בער גאָטלאָבער און זײַן עפאָכע — לויט פארשיידענע קוועלן; א. פרידקין — ווילנער פארלאג פון ב. א. קלעצקין; „ארבקאָר" (אומזיסטע בײַלאגע צום „שטערן" — אָרגאן פאר ארבקאָרן, דאָרפקאָרן, קוסטקאָרן און יונקאָרן); א. אָשעראָוויטש — אפן ברייטן שליאך (וועגן „ארבקאָר").

פונעם אינהאלט פון זשורנאל „רויטע וועלט":

נומ. 1. מ. כאשטשעוואצקי — לענין (פראגמענט); מ. שאפיראָ — אזוי פארשנײַדט זיך וועג אין פעלדער (לידער); ב. גלאזמאן — אונטער דער ערד (ראָמאן. סאָף אין נומ. 2).

נומ. 2. א. קאהאן — גאנג (פאָעמע); אי. קיפניס — אונטער דיקע ווענט; נ. לוריע — צאליע; מירע כענקין — ליד; י. דאָברושין — י.־ל. פערעצעס „באנאכט אפן אלטן מארק" (פאָרזעצונג אין נומ. 7).

נומ. 5—6. כראָניק. די פילאָלאָגישע קאָמיסיע באם פאָלקאָמבילד פון אוססר ארבעט אף דער יִדישער טערמינאָלאָגיע, וועלכע זאָל קאָנען דינען אלס הילף־מאטעריאל פאר די יִדישע געריכטן. עס זײַנען צוגעגרייט צום דרוק די טערמינאָלאָגיעס פון מאטעמאטיק, אריפמעטיק, אלגעברע, געאָמעטריע און טריגאָנאָמעטריע, נאטורוויסנשאפט און שפראכוויסנשאפט.

נומ. 7. י. נוסינאָוו — פערעצעס פובליציסטישע ירושע; נ. אויסלענדער — פערעצעס וועג; א. גורשטיין — פערעצעס ערשטע טריט (אן אויסצוג פון א גרעסערער ארבעט. היסטאָריש־ליטערארישער עטיוד). געשטאָרבן מאָרדכע ספעקטאָר.

נומ. 10—11. איציק פעפער — פון ציקל „ווײַסע טפיסע" (לידער); ש. האלקין — וויי און מוט (פאָעמע); נ. לוריע — נאכמענס לעצטע טעג (סאָף אין נומ. 12); א. וועלעדניצקי — לכאס (ליד). (לכאס — די איינציקע און הייליקע שטאָט פון טיבעט. די טיבעטער לאָזן די אייראָפייער ניט ארײַן אהין); נ. אויסלענדער — אלט־יִדיש (וועגן מ. ווײַנרײַכס „שטאפלען", באל־דימיענס — עטלעכע גרעסערע ארטיקלען); ב. גלאזמאן — די יִדישע ליטעראטור און ליטעראטן אין אמעריקע (פאָרזעצונג אין די ווײַטערדיקע נומערן); פראָפ. טורקעלטויב — דער לײַכטטורעם פון דער יִד. קולטור (צו די גאסטראָלן פונעם יִדישן מעלוכע־טעאטער); „שטערן" נומ. 1, ליטעראריש־קינסטלערישער און פאָליטיש־געזעלשאפטלעכער זשורנאל (מינסק).

כראָניק: עס גרייט זיך צום דרוק אן אלמאנאך פון אוקראַיִנישער פראָזע און פאָעזיע אין יִדישע איבערזעצונגען. צו דער ארבעט זײַנען צוגעצויגן די שרײַבער: ל. רעזניק, אי. פעפער, ע. פינינבערג, ד. פעלדמאן און אנד. די גרייס פון אלמאנאך — 8—10 דרוקבויגן; דער פארלאג „קניהאָספילקא" לאָזט ארויס אי. באבעלס דערציילונגען, איבערגעזעצט אין יִדיש; דער באריִמטער אוקראַיִנישער פאָעט פ. טיטשינא גרייט א זאמלונג איבער־

זעצונגען פון די לידער פון אָ. שוואַרצמאַן, ד. האָפּשטיין, ל. קוויטקאָ, מאַני־לייב און אַנד. אף אוקראַיִניש; אין מעלוכע־פאַרלאַג איז אַרויס פון דרוק אַ זאַמלונג „טריפּאָליע" אין ייִדיש, צונויפגעשטעלט דורך ע. פּאַרטנאַי; די צענטראַלע ייִדישע ביוראָ באַם פאָלקאָמבילד פון רספסר האָט אָנגענומען צום אַרויסגעבן ע. לויטערס „געגאַרטע וועלט" (איבערגעאַרבעט לויט אַקסענפעלד), שפּילריינס קאָנספּעקט פון אַן אוניווערסיטעט־קורס פון דער ייִדישער שפּראַך און מ. ווייַנגערס „דער סלאַווישער עלעמענט אין דער ייִדישער שפּראַך"; די ייִדישע אָפּטיילונג פון אינוווייַסקולט טרעט צו צום אַרויסגעבן אַ צייַטשריפט פאַר ייִדישער געשיכטע, ליטעראַטור און שפּראַךפאָרשונג; די טעג איז דערשינען מ. ווייַנגערס בראָשור — „פאָרשט ייִדישע דיִאַלעקטן".

נומ. 12. כראַניק. איינער פון די נאָענטסטע נומערן פונעם אוקראַיִנישן זשורנאַל „ווסעסוויט" וועט זייַן געווידמעט דער נאָכאָקטיאַבערישער ייִדישער ליטעראַטור און דיכטונג פון אוקראַיִנע; א. מיריאַמין — „כאַליאַסטרע" נומ. 2, פּאַריזש, 1924. „דאָס ערשטע זאַמלבוך כאַליאַסטרע" איז אָנגעקומען פון וואַרשע. דאָס צווייטע קומט פון פּאַריזש. דאָס ערשטע איז געווען אַ דעמאָנסטראַציע פון אויסגעוואַקסענער איינִיקייַט צווישן דער ייִדישער קינסטלערישער שאַפונג פון פּוילן, אוקראַיִנע און אַמעריקע. וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס צווייטע?

די פּאַריזשער „כאַליאַסטרע" באַשטייט פון דרייַ: פּערעץ מאַרקיש, אויזער וואַרשאַווסקי, מאַרק שאַגאַל. פּערעץ מאַרקיש האָט דאָ אָפּגעדרוקט אַ נייַעם גרויסן לידער־ציקל „וואָכנטעג". אויזער וואַרשאַווסקיס גרויסע מילכאָמע־דערציילונג „דער מונדיר" (וועגן די איבערלעבונגען פון אַ דייַטשישער פאַמיליע בייַס דער מילכאָמע) איז טשיקאַווער לייען־מאַטעריִאַל, נאָר קיין לאַנגדויערנדיקן אייַנדרוק לאָזט זי ניט נאָך זיך. מאַרק שאַגאַל האָט דאָ געגעבן 4 בילדער: 1) אַווטאָפּאָרטרעט (אין קאָפּ פון אַווטאָפּאָרטרעט — אַ ייִדיש שטיבל אין אַ שטעטל; אין האַרץ — מאַן און פרוי, באַיאָרטע שטעטלדיקע האָרעפּאַשניקעס, און אַ יונג שטעטלדיק ווייַבל מיט אַ זויגקינד אף די הענט); 2) דעם טאַטנס קייווער; 3) אַ שפּאַציר; 4) פאַרליבטע. צום סאָף — מאַרקישעס אַן אַרטיקל — „אָן אייַנשלוס". מאַרקיש נוצט דאָ אויס זייַן גאַנצן ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט און פּאַטאָס קעגן דער ייִדישער עמיגראַנטישער אינטעליגענץ.

אָט אין דעם שאַרפן, היסלייַוועסדיקן אַרטיקל, וואָס רופט היציק צום „האַרץ פון מאָסקווע", צום קרעמל, וואָס „טרייסט זיך טפילעדיק אַלע פאַרנאַכט מיט זייַנע פילקלאַנג־גלאָקן, אַז דאָס וועט זייַן שוין דער לעצטער און אַנטשיידענער קאַמף", — אָט אין דעם אַרטיקל ליגט, דוכט זיך, דער הויפּט־וואָרט פון אָט דעם זאַמלבוך; עס באַווייַזט אָן איבעריק מאָל, אַז בערלין, פּאַריזש, די קאָערלייַ עמיגראַנטישע אָרעמיקלאָטן, זייַנען צופעליקע, מיזערע אַכסאַניעס אַפן וועג פון ייִדישן קינסטלערישן וואָרט, אַז ערגעץ אַנדערש קאָן, דאַרף און וועט ווידער אויפבליִען דאָס רעוואָליוציאָנערע קינסטלערישע וואָרט אָן זייַנע „כאַליאַסטרעס".

נומ. 13. כראַניק. צו די אָקטיאַבער־טעג דערשייַנט אַ היסטאָריש־ליטעראַרישע אָקטיאַבער־זאַמלונג, צונויפגעשטעלט דורך א. יודיצקי און ע. פינינבערג. פון קינסטלערישער ליטעראַטור גייט אַהער אַרייַן: לידער פון קוויטקאָ, שוואַרצמאַן, האָפּשטיין, פינינבערג, קושניראָוו, פעפער, גילדין, אַלעקסאַנדראָווסקי, קירילאָוו, אָרעשין, טיכאָנאָוו, טיטשינאַ, דערציילונגען פון וו. לידין און א. יאַקאָוולעוו.

נומ. 15. פון דער ביבליִאָגראַפיע. אין מאָסקווע זייַנען דערשינען צוויי ליטעראַריש־קינסטלערישע אַלמאַנאַכן: „אָקטיאַבער" און „נייַערד". דער ערשטער, ווי אַן אויסגאַבע פון דער ייִדסעקציע „מאַפּפּ"; דער צווייטער — פון „קאָלעקטיוו מאָסקווער ייִדישע אָקטיאַבער־שרייַבער". אין „אָקטיאַבער" נומ. 1 זייַנען אָפּגעדרוקט: א. קושניראָוו — קינדער פון איין פאָלק; י. ראַבין — אין דרוקערייַ; ש. גאָדינער — מאַרטירע נומ. 2 און קאַווקאַם הערש (צוויי קאַפּיטלען פון „דער מענטש מיט דער ביקס"); מוישע טייף — לידער; א. וועוויאָרקע — כאַוועך שינדל (עפּיזאָד פון אַ גרעסערער דערציילונג); יודל יאָפע — אין לעצטע טעג; ש. העלמאָנד — דאָרף. אַרטיקלען: א. וועוויאָרקע — אויפברוך; י. בראָנשטיין — פּראָבלעמען פון מאַרקסיסטישער קריטיק; ב. אָרשאַנסקי — דאָס בוך און דער לעזער. אונדזער טריבונע: ר. ווין — מיט מער זעלבשטענדיקייַט; ש. סטראַזש (אַ ייִדישער זעצער) — דער אופשטאַנד פונעם מאַסן־לייענער; אַרבקאָר א. רענדל (אויך אַ ייִדישער זעצער) — גיט אונדז געשטאַלטן פון לעבן; א. קושניראָוו — די פראַגע וועגן ליטעראַטור — די פראַגע וועגן שרייַבער. פון יאַנוואַר 1925 דערשייַנט אין מאָסקווע אַ קינדער־זשורנאַל „פּיִאָנער" (אָרגאַן פון דער צענטראַל־ביוראָ פון די קאָמוניסטישע קינדער־גרופּן באַם צק פונעם קאָמיוג און פון די צענטראַלע ייִדישע בילדונגס־ביוראָען באַ די פאָלקאָמאַטן פאַר פאָלקסבילדונג אין רספסר, אוססר און ווססר). ביז איצט זייַנען אַרויס צוויי נומערן. אין „פּיִאָנער" נעמען אָנטייל אָנגעזעענע פּאַרטיי־טוער, ליטעראַטן, קאָמיוגיסטן, פּיִאָנערן און קינסטלער; ווענדונג פון דער ביוראָ און רעדקאָלעגיע פון דער ייִד. סעקציע מאַפּפּ (אונטערגעשריבן י. בראָנשטיין, א. וועוויאָרקע, א. קושניראָוו, י. ראַבין) „צו אַלע ליטעראַרישע אַרבעטערשע און יוגנטלעכע גרופּן, אַרבקאָרן־קרייַזן און איינצלנע כאַווייריִם־אָנפאַנגער!"

אין זאַמלבוך „נייַערד" נומ. 1 זייַנען געדרוקט: מ. דאַנִיעל (מייעראָוויטש) — ראַכמיִעל נאַכט־שוימער; איזי כאַריק — שטעטל (לידער), מינסקער בלאָטעס (פּאָעמע); ש. ראָסין — אין רויש פון געשלעגן; אי. פעפער — יאַסן (פון אַ פּאָעמע); ש. האַלקין — פון דער פּאָעמע „זיבן"; מ. כאַשטשעוואַצקי — אין דרוקערייַ (לידער); ז. אַקסעלראָד — אין אומרו (לידער); לייב קוויטקאָ — פּאָטער פון הייַנט (לידער); י. ראַבינאָוויטש — „באַנאַכט" אין מאָסקווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער (אייַנדרוקן); נ. אויסלענדער — דער נייַער ליטעראַרישער עטאַפּ; י. דאָברושין — די נייַע ליד (זעקס יאָר דיכטונג); „באַנאַכט" — בילד פון ר. פאַלק; א. גראַנאָווסקי — „באַנאַכט אַפן אַלטן מאַרק" לויט י.־ל. פּערעצן (סצענישער טעקסט מיט אַ פאָרוואָרט און רעזשי־באַמערקונגען). די הילע פונעם זשורנאַל איז געצייכנט פון נ. אַלטמאַן.

י. סערעבריאַני

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

ראַיוינעס ארום א ביבליאָגראַפישער רעשימע

א גאַנץ קײַלעכדיק יאָר האָט זיך געפּאָדערט אַף צונויפשטעלן און אָפּדרוקן די „ביבליאָגראַפישע רעשימע פון ייִדישע ביכער פאַרן 1965" — א העפטל, איבער וועלכן עס האָט זיך געמיט דער פאַרוואַלטער פון ניו־יאָרקער „ציקאָ"־פאַרלאַג איסער גאָלדבערג. ס'איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן, פאַרוואָס עס דויערט בא אונדז, ייִדן, אַזוי לאַנג דאָס אַרויסגעבן א ביבליאָגראַפיש העפטל. ניט דערפאַר, ווײַל ייִדישע ביכער גייען אַרויס אין די פיל הונדערטער און ס'דאַרף נעמען צײַט אַף צונויפקלײַבן און סיסטעמאַטיזירן די ידיעות וועגן זיי. דער עמעס איז, אַז ייִדישע ביכער פון קאָלערליי זשאַנרען, אַרײַנגערעכנט צווייִשפּראַכיקע און דרײַשפּראַכיקע (אַף ייִדיש, העברעיִש, ענגליש) ייִזקער־אויסגאַבעס און ביכער פון רעליגיעזן כאַראַקטער (אַזעלכע, ווי „די סעדרע פון דער וואָך", „מוישע־ראַביינוס לעבן און שאַפן" און אַנד.), — זײַנען אין 1965 אַרויס אין אַלע ייִדישע ייִשוּווים פון דער וועלט סאַכאַקל 140. דאָס אַרויסגעבן א ביבליאָגראַפיע פון די ביכער פאַרציט זיך, ווײַזט אויס, דערפאַר, ווײַל צוליב אָט דער אַרבעט איז ניטאָ דער גייסטיקער וויסנשאַפטלעכער אַפּאַראַט. דאָס, וואָס דער מיזאַמער איסער גאָלדבערג לייגט אונדז פאָר אין זײַן „ביבליאָגראַפישער רעשימע", איז טאַקע בלויז א רעשימע, ווײַל ניט אַלע ידיעות ווערן דאָ געגעבן אין אַזאַ מאָס, אַז דער לייענער זאָל באַקומען א פאָרשטעלונג וועגן דעם אָדער יענעם בוך, וועלכן ער האָט ניט פאַר די אויגן.

אָבער ניט דאָס זײַנען מיר אויסן, ווען מיר ציִען צו די אויפמערקזאַמקײַט צו דער רעשימע פון ייִדישע ביכער, דערשינענע אין 1965 יאָר. אַף וויפל ביבליאָגראַפיע שפּיגלט אָפּ אַף איר אויפן דעם צושטאַנד פון דער ליטעראַטור, ווילן מיר זיך פּרוּוון אַרויסציִען אייניקע אויספירן פון דעם, וואָס אָט די רעשימע זאָגט אונדז.

קוידעמקאָל: לאָמיר ריידן וועגן יענע דערשינענע ביכער, וועלכע גייען אַרײַן אינעם זשאַנרען־קרײַז פון קינסטלערישער ליטעראַטור (איסער גאָלדבערג רופט זיי אָן: „ראָמאַנען, דערציילונגען, נאָוועלן, אויסגעקליבענע ווערק; פּאָעזיע; דראַמעס; ליטעראַטור־קריטיק, עסייען, ייִדיש־לאָשן; קורבן־ליטעראַטור"). אַזעלכע ייִדישע ביכער זײַנען אין 1965 אַרויס 84. הייסט עס, ניט 140, נאָר 84. פון זיי זײַנען אַרום 15 גענומען פון דער ירושה — י.־ל. פּרץ, ש. עטינגער, י. אָפּאַטאָשו, פּ. מאַרקיש, יהואָש, מ. וואַרשאַווסקי, י. צינבערג, ז. רייזען און אַנד. צווישן די איבעריקע 70 ביכער טרעפן מיר ניט ווייניק מיט דער אָנמערקונג „אַרויסגעגעבן פון דעם מחבר", וואָס דאָס איז א קליינע גאַראַנטיע פאַרן ליטעראַרישן ווערט זייערן און שוין זיכער א סימן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט צונויפגעזאַמלטע און ניט מיט נײַע שאַפונגען. דאָס זעלבע קאָן מען אויך זאָגן וועגן די 6 ביכער, וועלכע זײַנען אַרויסגעגעבן דורך יוביליי־קאָמיטעטן.

האַקלאַל, אַפילע אַן אויבנאויפיקער בליק איבער דער רעשימע באַווײַזט, אַז שפּאָט־ווייניק אָריגינעל־נײַע ווערק זײַנען אין 1965 געדרוקט געוואָרן אין די ייִדישע ייִשוּווים פון דער וועלט. ווען מע קוקט זיך צו נעענטער, ווערט דאָס בילד נאָך מער טרויעריק. באַזונדערס האָט עס א שײַכעס צו דער פּראָזע. און דאָ ווילט זיך מאַכן א געוויסן פאַרגלײַך.

ווי באַוווּסט, האָט זיך דאָס 1965 יאָר „אויסגעצייכנט" מיט באַזונדערס ספּעקולאַטיווע אַרויסטרעטונגען פון די „פאַרזאָרגער" פון דער ייִדישער סאָוועטישער קולטור, מער פון אַלץ אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון אַזעלכע קאַמפּאַניעס זײַנען געווען סענאַטאָרן, ראַבאָנים און אויך, צום גרויסן ביזאָיען, אייניקע ייִדישע שרײַבער. ס'האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז אין דער צײַט, ווען זיי האָבן מיט האַרצרײַסנדיקע געשרייען באַקלאָגט דעם גורל פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, האָט מען בא זיי אין אַמעריקע געטאָן אַלץ, וואָס מע קאָן זיך נאָר אויסמאָלן, קעדיי די ליטעראַטור זאָל דאָך בליִען.

ווײַזט זיך אָבער אַרויס...

עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז אין מעשעך פונעם גאַנצן 1965 איז אין דעם זעקסמיליאָניקן ייִדישן ייִשעוו פון אַמעריקע דערשינען בלויז איין ייִדיש פּראָזע־בוך — ש. טענענבוימס „אײַזיק אשמעדײַ". דערשינען איז דאָס בוך אין אַזויגערופענעם פאַרלאַג „אַליינעניר", דה. דער מחבר אַליין האָט פינאַנסירט און ליטעראַריש קאָנטראָלירט די אויסגאַבע. מיר האָבן ניט געלייענט אָט דאָס בוך, נאָר מיר האָבן אויך ניט געהערט, אַז די פּרעסע און די לייענער אין אַמעריקע גופע זאָלן וועגן אים האָבן דערמאָנט...

אַלזאָ, איין ייִדיש פּראָזע־בוך. אַף גאַנץ אַמעריקע. און ווען עמעצער וואָלט גענומען אַף זיך די טירכע און צונויפגענומען די אַמעריקאַנער רעזאָליוציעס וועגן דער נויטווענדיקײַט אַרויסצוגעבן ייִדישע ביכער אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָלט מען געקאָנט פון אָט די רעזאָליוציעס צונויפשטעלן א גאַנצע ביבליאָטעק מיט ביכער אונטערן אַלגעמיינעם טיטל „כאַפּט דעם גאַנעוו!"...

פון איסער גאָלדבערגס ביבליאָגראַפיע איז צו זען, אַז צווישן די דערשינענע אין 1965 יאָר ייִדישע פּראָזע־ביכער איז פאַראַן איין אָריגינעל־נײַער און ערנסטער ראָמאַן — דאָס איז נאָטע לוריעס „הימל און ערד". ווען מיר פאַרגעדענקען, אַז דאָס האָט געגעבן די „פאַרפאָלגטע ייִדישע ליטעראַטור" אין סאָוועטנפאַרבאַנד. מיר וועלן אָבער אויך בעטן דעם כאָשעוון איסער גאָלדבערג, ער זאָל זיך אָנטאָן א קויעך און „דערמאָנען זיך", אַז אין מאָסקווע איז אין 1965 דערשינען „נאָך איין" ראָמאַן — עלי שעכטמאַנס „ערעוו".

עלי שעכטמאַנס „ערעוו" האָט איסער גאָלדבערג ניט דערמאָנט אין זײַן ביבליאָגראַפיע!

עס וועלן זיך מינאַסטאַם געפינען פּיפּיקע פּאָלעמיסטן, וואָס וועלן זיך „שטעלן אַף אַמעריקעס זײַט". סטײַטש!

איר זאָגט — איין פּראָזע־בוך! אָבער די אַלגעמיינע צאָל דערשינענע אין אמעריקע יידישע ביכער באטרעפט דאָך אין 1965 יאָר 39! יאָ, זיכער, די פּאָלעמיסטן האָבן קיין טאָעס ניט. אָבער מיר און זייריידן וועגן פארשיידענע זאכן. מיר ריידן וועגן ק י נ ס ט ל ע ר י ש ע ר ליטעראַ־טור און אין געגעבענעם פאל וועגן דעם „שווארצן ברויט“ פון דער קינסטלערישער ליטעראטור, ווי ס'איז אָנגענומען צו זאָגן, — וועגן דער פּראָזע, אין דער ער־שטער ריי וועגן ברייטע לייַוונטן פונעם פאָלקס־לעבן, וועגן ראָמאַנען.

און דאָ, אויב עס איז שוין יאָ געקומען צו רייד וועגן ליטעראַטור־אופטוען אין אייגענעם לאַנד און ניט וועגן פּילדערייַען, אַז עס דאַרף מערער און בעסער געטאָן ווערן אין א פרעמד לאנד, — ווען מיר דערמאָנען, אַז אין זעלבן 1965 יאָר זיינען אויסער שעכטמאנס און לו־ריעס ראָמאַנען, וועלכע האָבן זיך באַוויזן אין א בוך־פאָרם, פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ נאָך 6 (זעקס!) ראָמאַנען: שמועל גאָרדאָנס „פרילינג“ (אין די נומ. 4, 5, 6, 7 פונעם זשורנאַל), נאטאן זאבא־רעס „היינט ווערט געבוירן א וועלט“ (נומ. 3), הערשל פּאָליאנקערס „דער בעקער פון קאָלאָמייע“, צווייטער טייל (נומ. 11), אַווראָם קאהאנס „פארברעכן און געוויסן“ (נומ. 9, 10, 11), יויסעף ראבינס „כאוועלע געפען“ (נומ. 1), י. ריוועסעס „דער וועג צום זיג“ (נומ. 2). צו־זאמען גענומען מאכט עס אויס, אז אין סאָוועטנפארבאנד האָבן די יידישע שרייַבער פארעפנטלעכט אין 1965 יאָר 8 ברייטע פּראָזע־לייַוונטן.

פארוואָס דערמאָנען מיר וועגן דעם, און צי הייסט עס, אז מיטן דערגרייכטן זיינען מיר שוין באַנוגנט?

פארשטייט זיך, ווייניק, זייער ווייניק יידישע ביכער האָבן מיר נאָך דערווייַל ארויסגעלאָזט, און אלע אונ־דזערע באַמיִונגען זיינען געריכטעט אף צו פארגרעסערן זייער צאָל. מיר האַלטן בלויז פאר נייטיק אונטערצו־שטרייַכן, אז די דאָזיקע ארבעט אין די יידישע יישובים פון דער וועלט טאָר ניט מיט עפּעס־וואָס זיך אָנקערן צום אומיוישערדיקן קאַלטן קריג.

דער ראָוו האָט געאַסערט

איידער מיר וועלן זיך נעמען קאָמענטירן דעם איניען, דרוקן מיר איבער פונעם ניו־יאָרקער „טאָג“ א קורצע מיטיילונג:

„דער פּאַרזיצער פון דער „אמעריקאַנער יידישער קאָנפערענץ פאר סאָוועטישע יידן“ הארוו מילער האָט ארויסגעגעבן א דערקלערונג, אין וועלכער ער וואָרנט יידישע פירער, אז זיי זאָלן ניט האָבן קיין מאגע־אומאסע מיט דער אייגנטימערן פון א קינאָ־סטודיע אין יִסראָעל מארגאָט קלאוזנער, וועלכע איז געקומען צו פאָרן קיין ניו־יאָרק צו „פארקויפן“ א פילם וועגן רוסישע יידן, וואָס זי פּראָדוצירט אין מאָסקווע...“

פונעם זעלבן ניו־יאָרקער „טאָג“ דרוקן מיר אויך איבער די דערקלערונג, וואָס עס האָט געמאכט מארגאָט קלאוזנער פאר דעם קאָרעספּאָנדענט פון דער צייַטונג:

„דער פילם וועט אנטהאלטן די ווירקלעכקייַט פון דעם סאָוועטישן יידישן לעבן. עס וועלן דאָרט באַוויזן ווערן לעבעדיקע פּאָרטרעטן פון דעם היינטצייַטיקן רוסישן ייִד, זייַן ארבעט, זייַן געראנגל, זייַן בייַטראָג צו דער סאָוועטישער געזעלשאפט... מיר וועלן באַ־ווייַזן, ווי עס לעבן און ארבעטן סאָוועטישע יידישע וויסנשאפט־לייַט אין סיביר, אין בראטסק... דער פילם וועט באַווייַזן דעם געראנגל, וואָס רוסישע יידן האָבן געפירט קעגן דער פאשיסטישער שלאנג...“

און ווען דער איניען איז שוין אף אַזויפיל קלאָר, אַז ס'איז צייַט צו קאָמענטירן, האָט זיך בא אונדזער רע־דאַקציע־טיש באַוויזן אַן אומגעריכטער גאַסט, דער גרוי־סער יידישער קלאַסיקער י.־ל. פּערעץ.

„וואַרט צו א ווייַלע, — האָט ער אונדז געזאָגט, — העיוס ס'האָט זיך געפונען א ראָוו, וואָס ער קאַשערט ניט דעם דערמאָנטן פילם פאר אמעריקע, וויל איך אייַך בעטן, איר זאָלט נאָכאמאָל דורכלייענען עטלעכע שו־רעס פון מייַן פעליעטאָן „א בריוו אויס ווארשע“...

דרוקן מיר איבער אויך אָט די עטלעכע שורעס פון י.־ל. פּערעצעס פעליעטאָן:

„אַלץ רוקט זיך, די ראַבאָנים אויך!

אמאָל איז א ראָוו געווען קימאַט סאמע רוכניעס... איך זאָג „קימאַט“, ווייַל די רעבעצן האָט פון רח״ש (ראכאש) צי פון הייוון דאָך אמאָל אָפּגעקאָכט א וועטשערע און דעם ראָווס גוף האָט אויך געמוזט א ביסל וואַקסן... אָבער אין גאַס אַרייַן איז א ראָוו ניט געקומען. ערשטנס, איז אין גאַס א בלאָטע און פּוי־לישע ראַבאָנים האָבן געהאַט א מאָנאָפּאָל, אכוץ אף די קאָשערע הייוון, נאָך אף באָרוועס גיין אויך...

מיט דער צייַט איז אַלץ אַנדערש געוואָרן... הייַנ־טיקע ראַבאָנים זייַנען וועלט־מענטשן. הייַנט מוזן זיי זיך אַרייַנמישן...“[1]

אצינד, ווען מיר האָבן דאָס אַלץ שוין איבערגעדרוקט פון גאַנץ ראַיעלע קוואַלן, האָט אונדז, לאָמיר זיך מוידע זייַן, אָנגעכאַפּט א צווייפל: צי דאַרפן מ י ר דעם איניען נאָך קאָמענטירן. ווייַל אַז הארוו מילער וויל ניט אַרייַנ־לאָזן קיין אמעריקע א פילם וועגן דעם לעבן פון דעם סאָוועטישן ייִדן, איז דאָך ניט שייַעך... און צוריק גע־רעדט — פארוואָס זאָל הארוו מילער יאָ וועלן? אין די „שווערע צייַטן“, ווען ס'איז אף דער יידישער גאַס קיין קאַלטער קריג ניט געווען, האָט ער, נעבעך, זיך געמוזט באַנוגענען מיט דעם באַלעמער אין „זייַן“ סינאַגאָגע; הייַנט, באָרעכהאַשעם, איז ער פּאָרזיצער פון דער „א מ ע־ ר י ק א נ ע ר קאָנפערענץ פאר די ס אָ װ ע ט י ש ע ייִדן“... לאַכט ניט, — עס קלייַבט זיך צונויף אַזאַ פּאָ־ליטישער מיניען אפן גודזאָן...

יאָ, יאָ, דער איניען וועט זיך באַגיין אָן אונדזערע קאָמענטאַרן...

---

[1] י.־ל. פ ע ר ע ץ. אויפזאַצן און פעליעטאָנען. ניו־יאָרק, ז. 184—185.

פאַשטידלעך

עקספּאָנאַטן פֿונעם יִשׂראלדיקן מוזיי אין ירושלים

די עלטסטע מאַטבייע פֿון מאַלכוס־יהודה

אינעם יִשׂראלדיקן מוזיי ווערן עקספּאָנירט אַלטערטימלעכע מאַטבייעס, וואָס זײַנען דאָ ניט לאַנג אים איבערגעגעבן געוואָרן אַלס מתּנה. לויט דער מיינונג פֿון ספּעציאַליסטן געהערן זיי, ווײַזט אויס, צום ערשטן פּעריאָד פֿון מאַלכוס־יהודה (אַנטשטאַנען אין 935־טן יאָר פֿאַר אונדזער צײַט־רעכענונג).

די מיזערע זילבערנע מאַטבייע (זע די פֿאָטאָס) איז אין דיאַמעטער בא 8 מילימעטער (1/3 דוים) און וועגט 1/3 גראַם. אויף דער מאַטבייע זײַנען אויסגעקריצט די בוכשטאַבן יהד, וואָס באַטײַטן אין אוראַלטן העברעיִש — יהודה. דאָס איז דער אַראַמעיִשער נאָמען פֿון יהודה אין די צײַטן פֿון דער פּערסישער אימפּעריע, וועלכער ווערט דערמאָנט אין בוך „עזרא".

עס זײַנען באַוווּסט ווייניקער פֿון צען מאַטבייעס פֿון די יהודישע סאַטראַפּיעס (אין אוראַלטן פּערסישן קיניגרײַך האָט אַ סאַטראַפּ באַטײַט אַ הערשער פֿון אַ פּראָווינץ). די מאַטבייעס אימיטירן דעם סטיל פֿון די אַטענישע מאַטבייעס פֿון יענער צײַט. דאָס בלימעלע, וואָס איז אָנגעמאָלט אויף איין זײַט פֿון דער מאַטבייע, איז ענלעך אויפֿן בלימעלע פֿון אַנדערע מאַטבייעס, וועלכע געפֿינען זיך אין ירושלאַיִמער מוזיי און וואָס געהערן צו אַ שפּעטערער צײַט — צו דעם פּעריאָד פֿון די חשמונאָיִם. אויף דער צווייטער זײַט פֿון דער מאַטבייע איז אויסגעמאָלט אַ פֿויגל מיט צעשפּרייטע פֿליגל, ענלעך אויף אַ פֿאַלק, און די בוכשטאַבן יהד. וואָס באַטײַט דאָס געמעל, איז ניט קלאָר.

די אַלטערטימלעכע מאַטבייע, וועלכע איז אַלט 2300 יאָר, האָט געפֿונען אין איינעם פֿון די אַנטיקוואַרע מאַגאַזינען דער לאַנגאָניקער קאָלעקציאָנער הער הימען בעסין, וואָס וווינט אין קאַנאַדע, אין דער שטאָט אָטאַווע. נאָך דעם ווי איינער פֿון די יִשׂראלדיקע הויפּט־עקספּערטן יאַנ־

אַלכימיע און אַלכימיקער

דער קאַנדידאַט פֿון היסטאָרישע וויסנשאַפֿטן א. גאָרבאָווסקי דערציילט אין דער בײַלאַגע צו דער צײַטונג „איזוועסטיִא" — „נעדעליא" אייניקע אינטערעסאַנטע פֿאַקטן וועגן אַלכימיקער. אין דער גרונט־האָפֿענונג פֿון די אַלכימיקער, אַז אויב צו זילבער אָדער קוועקזילבער צומישן אַ נישטיקן סכום פֿילאָסאָפֿישן שטיין, דערנאָך דאָס געמיש ווי ס׳דאַרף צו זײַן אָנוואַרעמען, וועט עס זיך פֿאַרוואַנדלען אין ריין גאָלד, — אין דעם האָבן געגלייבט אַזעלכע באַרימטע געלערנטע, ווי אַוויצענאַ, פֿרענסיס בעקאָן, לייבניץ, שפּינאָזע.

דער ענגלישער קיניג היינריך VI האָט פֿאַרזיכערט זײַנע אונטערטאַנער, אַז אינגיכן וועט מען אין זײַנע לאַבאָראַטאָריעס באַקומען דעם פֿילאָסאָפֿישן שטיין, און דאַן וועט ער אויסקויפֿן אַלע וועקסלען פֿון זײַנע אונטערטאַנער און וועט אויסצאָלן זייערע כויוועס מיט ריין גאָלד.

די קלאַנגען וועגן דעם, אַז די אַלכימיקער קאָנען באַקומען אין זייערע לאַבאָראַטאָריעס גאָלד, האָבן געמאַכט זיי שטאַרק פּאָפּולער, אָבער אייניצײַטיק האָט זיך אָנגעהויבן אויף זיי אַן עמעס געיעג, ווי נאָך הינער, וואָס וואָלטן געלייגט גאָלדענע אייער. יעדער הערשער האָט זיך געסטאַרעט באַקומען אין זײַן רשות אַ מענטשן, וואָס ווייסט די סודות פֿון מאַכן גאָלד. אין דער הינזיכט איז כאַראַקטעריסטיש דער גורל פֿון איינעם פֿון די אַלכימיקער פֿון XVI יאָרהונדערט — אַלעקסאַנדער סיטאָני און פֿונעם באַוווּסטן שטראַסבורגער יוּוועליר הוסטענהאָווער.

סיטאָני האָט אַ געוויסע צײַט געאַרבעט אין הוסטענהאָווערס וואַרשטאַט, וואָס האָט געהאַט די פֿונקציעס פֿון אַ מין לאַבאָראַטאָריע. הוסטענהאָווער האָט דערפֿאַר באַקומען פֿון סיטאָנין עטוואָס פֿון פֿילאָסאָפֿישן שטיין, מיט וועלכן ער האָט אין דער אָנוועזנהײַט פֿון די סאַמע אָנגעזעענע בירגער פֿון דער שטאָט קלוימערשט געמאַכט עטלעכע שטאָף־פֿאַרוואַנדלונגען.

„די רוסן גייען"

אונטער אַזאַ נאָמען האָט מען דעמאָנסטרירט אין ניו־יאָרקער קינאָ־טעאַטערן אַ קאָמעדיע־פֿאַרס. דער סוזשעט פֿונעם פֿילם איז אַזאַ. אַ סאָוועטישע אונטערוואַסער־שיף בלײַבט שטעקן לעבן אַן אויסגעטראַכטן אינדזל באַם ברעגלאַנד פֿון די פֿאַרייניקטע שטאַטן. נײַן מענטשן פֿונעם שיף־עקיפּאַזש לאָזן זיך אַוועק צום ברעג קריגן אַ פֿישער־שיפֿל, וואָס זאָל העלפֿן זייער אונטערוואַסער־שיף אַרויסגיין אין אָפֿענעם ים. די פּאַסירונגען פֿון אָט די מענטשן בילדן דעם הויפּט־טייל פֿונעם פֿילם.

טייקעף ווערן פֿאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן דעם, אַז „די רוסן האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן". אויפֿן אינדזלעלע קומען פֿאַראַשוטיסטן אויף פֿאַרכאַפּן דעם אַעראָדראָם... דער אַעראָדראָם, לאָזט זיך אויס, איז אַ לאָנקע מיט צוויי אַלטע צעבראָכענע פּאַסאַזשיר־אַעראָפּלאַנען. די בערטשיסטן, וואָס וווינען אויפֿן אינדזל, כאַפּן אונטער די היסטערישע רופֿן פֿון איינעם אַן אומזיניקן

קעוו מעשוירער האָט פעסטגעשטעלט די אידענטישקייט פון דער „אָטאָווער“ מאטבייע מיט די מאטבייעס, וואָס זיינען פאראן אין מוזיי, האָט בעסין מאסקים געווען איבערגעבן זי אלס מאטאָנע דעם מוזיי אין ירושלאַיִם.

א כאנעקע־מענוירע

אינעם ירושלאַיִמער מוזיי ווערן עקספּאָנירט העכער פינף הונדערט מענוירעס. יעדע פון זיי פארמאָגט איר אייגנארטיקע שיינקייט. די געשיכטעס און מעסוירעס, וואָס זיינען מיט אייניקע פון זיי פארבונדן, זיינען אלט קימאט פינף הונדערט יאָר. די מענוירעס־קאָלעקציע פונעם דאָקטער טיכאָ האָט באריי֗כערט די אויצרעס פונעם מוזיי, און איצט געפינט זיך דאָ די סאמע גרעסטע אין דער וועלט מענוירעס־קאָלעקציע.

אבראם אלבערט טיכאָ איז געווען אן אויגן־דאָקטער, פון 1912 געוווינט אין ירושלאַיִם, ווו ער איז געשטאָרבן אין 1960. אפן מיטעלן מיזרעך, פונוואנען ס׳פלעגן געווינלעך קומען זיינע פאציִענטן, האָט ער געשעמט אלס קאָלעקציִאָנער פון כאנעקע־מענוירעס.

איינמאָל איז צום דאָקטער אין שפּיטאָל געקומען א פרוי. זי האָט געהאלטן אין דער האנט עפּעס אויסערלעך ענלעכס אף א קינד, וואָס איז פארוויקלט אין א סאך קאָלדרעס. ווען מע האָט דאָס אלץ צעוויקלט, האָט זיך באוויזן א זילבערנע כאנעקע־מענוירע פון א ניט געוויינלעכער פאָרם. פון אויבן, איבערן זייטיקן ווענטל, האָט מען געקאָנט זען א מיניִאטוריש בלומען־טעפּעלע מיט זילבערנע בלימעלעך. אין צענטער פון דעם הינטערשטן ווענטל — א זייגער, וואָס האָט אלע שאָ געקלונגען; אונטן זיינען געווען אויסגעקריצט די טפילעס, וואָס מע האָט געדארפט זאָגן, בייס מע האָט אָנגעצונדן די ליכטלעך; זילבערנע דעלפינען האָבן געדינט אלס בעקנדלעך פארן בוימל און אלס צוהאלטערס פון די קנייטלעך. פון קינסטלערישן שטאנדפונקט איז דאָס געווען בלויז א שיינע כאנעקע־מענוירע. דער דאָקטער טיכאָ האָט אָבער באמערקט אין איר מער ווערטפולס — די גרויסע קונסט פונעם ייִדישן מייסטער, וואָס האָט זי געמאכט אין רוסלאנד אינעם XIX יאָרהונדערט. טיכאָ האָט א פרעג געטאָן די פרוי, וויפל בעט זי פאר דער מענוירע. „איר ווייסט, — האָט די פרוי ניט זיכער געענטפערט, — א סאך יאָרן האָב איך געהאלטן די מענוירע אלס נאדן פאר מיין טאָכטער“. ווען די פרוי איז דאָס צווייטע מאָל געקומען צום דאָקטער, האָט ער איר באצאָלט פאר דער רעליקוויע און געגעבן נאדן פאר איר טאָכטער. די מענוירע איז געבליבן באם דאָקטער.

איצט געפינט זיך די מענוירע צווישן אנדערע גרויסע און קליינע ענלעכע רעליקוויעס, וואָס זיינען געמאכט פון גאָלד, מעש, קופער, גלאָז, ליים, שטיין און צין. איינע פון זיי איז אפילע געמאכט פון שפּיגעלעך, אין וועלכע ס׳שפּיגלען זיך אָפּ די אָנגעצונדענע ליכט.

די געשיכטע וועגן דעם האָט געמאכט א שטארקן רושעם, און אינגיכן איז קיין שטראסבורג מיט א גאנצן טראסק אָנגעקומען א דעלעגאציע פונעם אימפּעראטאָר רודאָלף II. דער אימפּעראטאָר האָט איינגעלאדן דעם יוּוועליר איבערכאזערן דעם עקספּערימענט בא זיין קייזערלעכן הויף. הוסטענהאָווער איז געקומען קיין פּראָג און פאר אלעמען אין די אויגן געמאכט נאָך איין שטאָף־פארוואנדלונג, זאָגנדיק דערביי, אז ער האָט שוין אויסגענוצט דעם גאנצן רעזערוו פילאָסאָפישן שטיין, וואָס ער האָט געהאט.

ווי נאָר דער יוּוועליר האָט אָנגעהויבן טיינען, אז ער ווייסט ניט דעם רעצעפּט פון דעם שטאָף, וואָס ער האָט באקומען אלס מאטאָנע פון סיטאָנין, איז די קייזערלעכע מילדקייט פארביטן געוואָרן מיט צאָרן. הוסטענהאָווער האָט געפּרוווט אנטלויפן, נאָר די וואך האָט שוין געהאט א באפעל אים ניט ארויסלאָזן. א סאך יאָרן איז הוסטענהאָווער געווען צוגעשמידט מיט א קייט צו דער וואנט פון א קעלער.

איינע פון די סיבעס, פארוואָס די געלערנטע האָבן געהאלטן בעסאָד זייערע קענטענישן, איז געווען דאָס, וואָס די אלגעמיינע פארכאפּונג מיט אלכימיע האָט געבוירן א גרויסע אָראַווע אָפּנארערס און שארלאטאנען. קעדיי פארוואנדלען, צום ביישפּיל, בליי אין גאָלד, פלעגט מען נעמען א שטיקל גאָלד, וואָס איז פריִער באדעקט געוואָרן מיט בליי. בייסן אָנוואָרעמען פלעגט זיך דאָס בליי צעשמעלצן, און פאר די פארגאפטע בליקן פלעגט זיך באווייזן ריין גאָלד.

שוין גאָר נאָענט צו אונדזער יאָרהונדערט, אין 1896 יאָר, האָבן עטלעכע גרעסטע ניו־יאָרקער צייטונגען אָפּגעדרוקט א מיטיילונג פונעם כימיקער — דאָקטאָר סטעפאן כ. עמענס, אז אים האָט זיך קלוימערשט איינגעגעבן אנטדעקן א מיטל צו באקומען גאָלד פון זילבער און אז ער האָט מיט דריי מיטארבעטער געגרינדעט א סינדיקאט, וואָס וועט זיין טעטיק אף א קאָמערציעלער באזע. עמענס האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט איבערגעבן דער עפנטלעכקייט דעם סאָד פון מאכן גאָלד, און זיין נאָמען איז אינגיכן ביכלאָל פארשוווּנדן פון די צייטונגען.

אולטרא — פונעם גענעראל אואָקער, וואָס פּאָכט מיט אן אלטער שווערד און פּאָדערט, אז די באפעלקערונג פונעם אינדזל (אן ערעך 200 מענטשן) זאָל „ארויסטרעטן פארטיידיקן דאָס היימלאנד“.

א ייִנגל, וואָס וויל זיך דערוויסן, וואָס זשע קומט סאָפּקאָלסאָף פאָר אפן אינדזל, הייבט זיך אוף אפן גלאָקן־טורעם — און פאלט פון אים אראָפּ. עס ראטעווען אים די סאָוועטישע יאַם־לייט און די אמעריקאנער פישער. ביידע באפריינדעטע מאכנעס לאָזן זיך גיין צום ברעגלאנד.

די צושויער לאכן פון גאנצן הארצן און אפּלאָדירן דעם פילם. דער זשורנאל „ווערייעטי“ שרייבט, אז דער פילם „לאכט אויס אָט די אמעריקאנער, וואָסריידן די גאנצע צייט וועגן דער ניט־עקזיסטירנדיקער געפאר מיצאד רוסלאנד, קעדיי אויסנוצן זי פאר זייערע העכסט רעאקציִאָנערע אייגננוציקע שטרעבונגען“.

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען

אַן אײדעס פון דער באַשולדיקונג

אַט די ניט הויכע, עטוואָס פולבלעכע פרוי, געקליידט מיט גרויס געשמאַק, אַקוראַט פאַרקעמט, רופט מען דאַניאַ וואַסערשטראָם. זי איז געקומען צו פאָרן קיין ניו־יאָרק פון מעכיקאָ־סיטי צוגאַסט צו אירע קרויווים און איז בײַגעווען אפן ספּעקטאַקל „דער מישפּעט", וועלכן ס׳האָט געשטעלט דער טעאַטער „אַמבאַסאַדאָר" לויט פּיטער ווייס׳ דאָקומענטאַלער פּיעסע וועגן דעם פּראָצעס איבער די טאַליאַנים פון אַשווענטשים.

דאַניאַ וואַסערשטראָם איז אַליין אַמאָל געווען אַ קאַצעטלערן אין אַשווענטשים. די איינציקע דעקאָראַציע פונעם ספּעקטאַקל איז אַ וואַנט, וואָס צעטיילט די סצענע אף צוויי טיילן. אין איין טייל געפינען זיך די באַשולדיקטע, אין דעם צווייטן — די קאָרבאָנעס.

„דער מישפּעט" איז זייער אַ קאָמפּליצירטע און אָנגעשטרענגטע פּיעסע. זי פאַרורטיילט ניט נאָר די פאַשיסטישע אַדמיניסטראַציע פון דער טויט־פאַבריק, נאָר די גאַנצע מענטשהײַט. דער ספּעקטאַקל מאַכט אף די צושויער אַזאַ שטאַרקע עמאָציאָנעלע אופווירקונג, אַז איניקע, ניט זײַענדיק בעקויעך אויסצוהאַלטן, לויפן אַרויס פון זאַל, בא אַנדערע הייבט זיך אָן אַ היסטעריק. ס׳איז געגאַנגען דער צווייטער אַקט. די טאַלאַנטפולע אַקטריסע וויוויאַן נאַטאַן, וואָס האָט אויסגעפילט די ראָל פון דער קאַצעטלערן, וועלכע האָט געאַרבעט אַלס סעקרעטאַרשע בא באָגערן, דעם שעף פון אַזויגערופענעם „פּאָליטישן אָפּטייל" אין אַשווענטשים, האָט אָנגעהויבן איר באַרימטן מאָנאָלאָג. מיט אַ שטילער שטים האָט זי דערציילט:

„אף דער גאַס איז געפאָרן אַ לאַסטמאַשין, אָנגעלאָדן מיט קינדער. איך האָב דערזען די מאַשין דורכן קאָנטאָרפענצטער. פּלוצעם איז פון דער לאַסטמאַשין אַרויסגעשפּרונגען אַ קליינינק ייִנגעלע. ער האָט באַמערקט אַפן וועג אַן עפּל, איז צוגעלאָפן און אים אַ כאַפּ געטאָן. אין דער זעלבער צײַט איז פון דער קאָנטאָר אַרויסגעגאַנגען באָגער. ער איז גיך צוגעגאַנגען צום ייִנגעלע, גענומען עס פאַר די פיס און אַ קלאַפּ געטאָן מיטן קאָפּ אין דער וואַנט פונעם באַראַק. דערנאָך האָט ער אופגעהויבן פון דער ערד דעם עפּל. אָנווײַזנדיק אף דער פאַרפּאַטשקעטער וואַנט, האָט ער מיר געזאָגט: „וואַשט עס אָפּ". שפּעטער, בייסן פאַרהער פון אַ קאַצעטלער, איז באָגער געזעסן און געגעסן דעם עפּל".

פאַר דאַניאַ וואַסערשטראָם זײַנען אָט די ווערטער גוט געווען באַקאַנט. זי האָט זיי אַליין אַרויסגעבראַכט מיט צוויי יאָר צוריק, ווען זי איז אַלס אײדעס פון דער באַשולדיקונג אַרויסגעטראָטן אפן אַזויגערופענעם „אַשווענטשימער פּראָצעס" אין פראַנקפורט־אָפן־מײַן. ס׳איז קיין כידעש ניט, וואָס דאַניאַ וואַסערשטראָם האָט פאַרגעדענקט אָט די ווערטער: זי איז געווען באָגערס סעקרעטאַרשע.

ווען ס׳האָט זיך פאַרענדיקט דער צווייטער אַקט, איז דאַניאַ וואַסערשטראָם געקומען הינטער די קוליסן. דאָרט

די ייִדישע פּרעסע מיט 50 יאָר צוריק האָט געשריבן:

„אונדזער לעבן"

פּראָטעסט פון ייִדישע סאָלדאַטן

אַ גרופּע ייִדישע סאָלדאַטן פון כאַרקאָוו האָט צוגעשיקט דעם קיִעווער ראַט פון סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן אַ טעלעגראַמע, אין וועלכער זיי דריקן אויס זייער פּראָטעסט קעגן דער פּאָגראָם־אַגיטאַציע אין קיִעוו. די ייִדישע סאָלדאַטן מעלדן דעם ראַט, אַז אויב די אָרטיקע אָרגאַנען זײַנען ניט אימשטאַנד צו דערשטיקן די אומרוען, זײַנען זיי גרייט צו קומען קיין קיִעוו און מיט געווער אין די הענט פאַרטיידיקן די קיִעווער ייִדישע באַפעלקערונג.

„לעמבערגער טאָגבלאַט"

„יודיש פערבאָטען"

אין גאַליציע האָט מען ווידער פאַרבאָטן אַריבערצושיקן דורך פּאָטשט בריוו, וועלכע זײַנען געשריבן אין ייִדיש. בריוו מיט ייִדישע אויסיִעס ווערן צוריקגעשיקט מיצאַד דער פּאָטשט־צענזור מיט דער באַצייכענונג „יודיש פערבאָטען".

„נאָווי פּוט"

די רעוואָליוציאָנערע מאַסן דערלאָזן ניט צו פּאָגראָמען

מע האָט זיך גערעכט, אַז צום יאָמטעוו פּייסעך וועלן די שוואַרצמייעניקעס פּראָוואָצירן בלוט־בילבולים אף ייִדן, קעדיי העצן די פינצטערע פּויערים קעגן דעם רעוואָליוציאָנערן טייל פון דער באַפעלקערונג. באַזונדערס אומרויִק איז געווען אין די דאָרעם־גובערניעס. די פּאָגראָם־אַגיטאַציע האָט וואָס ווײַטער אָנגענומען אַלץ אַ מער דראָענדיקן כאַראַקטער. ניט בלויז אין דער פּראָווינץ, אַפילע אין מאָסקווע איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַ קלאַנג, אַז ייִדן האָבן דערמאָרדעט אַ רוסיש מיידל, קעדיי נוצן דאָס בלוט אין מאַצע.

די פּראָוואָקאַציע האָט זיך אָבער ניט אײַנגעגעבן. די רעוואָליוציאָנערגעשטימטע מאַסן האָבן ניט דערלאָזט צו פּאָגראָמען — ניט אין מאָסקווע, ניט אין דער פּראָווינץ.

ייִדן־אָפיצערן אין די אַרמייען פון פאַרשיידענע לענדער

די צײַטונג „קיִעווסקאַיאַ מיסל" ברענגט אַ ספּראַווקע וועגן דער צאָל אָפיצערן־ייִדן אין די אַרמייען פון פאַרשיידענע לענדער.

אָפיצערן פון ייִדישער אָפּשטאַמונג

האָבן זיך געטראָפן ביידע פרויען — די געוועזענע קאָצעטלערין און די אַקטריסע, וואָס שפּילט איר ראָל. „מיר האָבן וועגן זייער פיל זאַכן געדאַרפט פּאַנאַנדערפרעגן איינע די צווייטע, — האָט זיך מוידע געווען שפּעטער וויוויאַן נאַטאַן. — מיר האָבן געדאַרפט זייער א סאַך דערציילן איינע דער צווייטער".

בא דער באַגעגעניש אָבער האָט קיינער פון זיי קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. דאַניאַ וואַסערשטראָם האָט זיך געסטאַרעט אײַנהאַלטן די טרערן, וואָס זײַנען קעגן איר ווילן גערונען פון די אויגן. דערנאָך האָט זי זיך אומגעקערט אַף איר אָרט און געקוקט דעם דריטן אַקט. אין עטלעכע טעג אַרום איז זי אַוועקגעפאָרן אַהיים קיין מעכיקאָ-סיטי.

„איך האָב קיינמאָל אַזוינס ניט געשפּילט, — האָט געמאָלדן וויוויאַן נאַטאַן. — אָט די פּיעסע... דאָס איז אַלציינס ווי אַרויסטרעטן אַלס איידעס פון דער באַשולדיקונג פאַר אַלע אומשולדיק אומגעקומענע".

„ניו-יאָרק העראַלד טריביון".

א באַזוך אין ייִסראָעל

ווען איך בין אָנגעקומען פון פּאַריז קיין טעל-אַוויוו, האָט מיר דער לעבנס-רויש — אַכוץ שפּראַכלעך — אויסגעזען גלײַך אַף גלײַך. אַמשטאַרקסטן האָט זיך געמערקט די דאָזיקע ענדערונג אין דער ברויזנדיקער יוגנט. אין זייער אַרט און אויפן פון קליידונג, פון זייערע באַוועגונגען, פון דעם ווינט, פון דער לופט, וואָס זיי שאַפן אַרום זיך. ניט געווען קיין אונטערשייד צי ניו-יאָרק, פּאַריזש, טעל-אַוויוו. איך האָב בא איינציקע כאַווירים געפרעגט: וואָס פאַר א טראַדיציע שטעלט מיט זיך פאַר די דאָזיקע ייִסראָעל-יוגנט: אין וואָס שטויסן זיי זיך אָן? וואָס איז זייער שטרעבן? וווהין גייט זי? — אַף די אַלע פראַגן האָב איך ניט באַקומען קיין ענטפער...

ייִדיש אין ייִסראָעל איז קימאַט ווי ניט אַנוועזנדיק, אַכוץ אין געציילטע קרײַזן פון אייגענע קאַלעגן. אין אומגאַנגס-שפּראַך פון לאַנד וואָרט ייִדיש ניט גערעדט, ניט געהערט, און אין מאַנכע פאַלן אַפילע ניט טאָלערירט. ייִדיש האָט מיר אויסגעפעלט אין יעדן קער און ווענד. זאָגן, אַז דער סאַברע האָט פײַנט ייִדיש, איז עפּשער צו נעגאַטיוו, אָבער ווײַס פון עמעס איז עס אויך ניט. ס'האָט זיך מיר פון וווילטיק פאַרגלוסט אַרומגיין אין א צענדליק ספאָרים-געשעפטן נאָך א ייִדיש בוך. ניטאָ. עפּשער א בוך, איבערגעזעצט פון ייִדיש, — ניטאָ.

א צווייטע ריי:

א טרויער-מאַרש אַף גאַס דיזענגוף נאָך די זעקס מיליאָן קדושים! די בלוטן, דאָס האַרץ, די טרערן ווערן פאַרשטיינערט פון שווײַגנדיקן לאַנגזאַמען גאַנג. עס גייען לאַגער-מענטשן מיט נומערירטע אָרעמס אין לאַנגע טרויעריקע שאָען, און ווערסט פאַרגליווערט. מ'טראָגט אויפגעוויקלטע פּלאַקאַטן אַף איוורית, אַף ענגליש און ווײַטער איוורית, אַף ענגליש — ביזן לעצטן מענטש. איך קוק אויס די אויגן נאָך א ייִדיש וואָרט — ניטאָ! ווײַל פון די זעקס מיליאָן קדושים זײַנען אַוועק אין די קרעמאַטאָריעס מיט ענגליש — כ'פרעג בלויז.

בעריש ווײַנשטיין

„סוויווע", ניו-יאָרק.

טרעפן מיר צום ערשטן מאָל אין אַמעריקע. שוין בײַס דער מילכאָמע פון אַמעריקע קעגן ענגלאַנד פאַר אומאָפּהענגיקייט זײַנען אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי געווען 24 אָפּיצערן-ייִדן, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויסגעצייכנט דער פּאָלקאָווניק ייִצכאָק פראַנקע. אין דער אַמעריקאַנער מילכאָמע פון 1812 איז געוואָרן באַזונדערס באַרימט דער בריגאַדע-גענעראַל יוסף בלומפילד. אין דער מעקסיקאַנער מילכאָמע פון 1846 האָבן זיך באַטייליקט 12 אָפּיצערן-ייִדן, צווישן זיי דער גענעראַל דאַוויד דע-לעאָן.

אין דער ענגלישער אַרמיי איז אין 1907 געווען 223 אָפּיצערן-ייִדן. זייער פּאָפּולער זײַנען דאָרט געווען דער גענעראַל-אַדיוטאַנט אַלבערט גאָלסמיט און דער פּאָלקאָווניק לעווערסאָן.

אין פראַנקרײַך האָט מען זינט דער גרויסער רעוואָלוציע גערן אָנגענומען ייִדן אין די מיליטער-שולן. די באַרימטע מאַרשאַלן פון פראַנקרײַך סולט און מאַסען זײַנען געווען פון ייִדישער אָפּשטאַמונג. אין 1912, ווען די ייִדישע באַפעלקערונג פון פראַנקרײַך האָט באַטראָפן סאַכאַקל 100 טויזנט מענטשן, זײַנען צווישן די אָפּיצערן-ייִדן פון דער פראַנצויזישער אַרמיי געווען דרײַ דיוויזיע-גענעראַלן, פינף בריגאַדע-גענעראַלן, 14 פּאָלקאָווניקעס, 21 סובפּאָלקאָווניקעס, 68 מאַיאָרן, 106 קאַפּיטאַנען און 20 אָפּיצערן-אינטענדאַנטן. אין דער ווערדענער שוץ איז באַרימט געוואָרן דער פּאָלקאָווניק פון ייִדישער אָפּשטאַמונג ריינאַל.

אין איטאַליע, ווו עס וווינען 60 טויזנט ייִדן, זײַנען אין דער אַרמיי פאַראַן 206 אָפּיצערן-ייִדן. דער קריגס-מיניסטער גענעראַל אָטאָלענגי איז לויט דער נאַציאָנאַליטעט א ייִד.

אַן אויסשטעלונג פון קינסטלערישע ווערק

דעם 4 אַפּרעל האָט די מאָסקווער אָפּטיילונג פון דער „ייִדישער געזעלשאַפט פאַר סטימולירן די קונסט" אָרגאַניזירט אַן אויסשטעלונג פון 400 ווערק פון מאָלערײַ, סקולפּטור און גראַפיק. א באַזונדער אָרט פאַרנעמען אין דער אויסשטעלונג די ווערק פון אי. לעוויטאַן, גוט פאַרטראָטן איז די אַזויגערופענע ייִדישע „פּלעיאַדע" בעראָש מיט די קינסטלער גינזבורג, אַניספעלד, בראָדסקי און שאַגאַל.

„ספר חובות הלבבות"

מיט 250 יאָר צוריק איז אין אמס־טערדאם צום ערשטן מאָל אָפּגע־דרוקט געוואָרן די יידישע איבערזע־צונג פונעם „ספר הובות הלבבות" (סייפער כויווים האַלוואָווים). דער איבערזעצער איז שמואל פון פויזן.

דער „ספר חובות הלבבות" איז איינס פון די מערקווירדיקסטע ווערק, וואָס זײַנען אופגעקומען אין דעם אזויגערופענעם „גאָלדענעם פּעריאָד" פון פריִען יידיש־שפּאַנישן רענע־סאַנס. איבער גרענעצן פון לענדער און טקופעס האָט דאָס בוך אריבער ניין הונדערט יאָר געשפּרײַזט אין די פאַרשיידענע פּעריאָדן פון דער יידישער קולטור־געשיכטע.

דער מעכאבער בחיי איבן פקודא (באכיע, אָדער בעכײַע, איבן פּאַקודא) האָט זײַן ווערק געשריבן אין דער אראבישער שפּראך, „ווייל דאָש לשון [לאָשן] איז גרינג צוא פאר שטיין פון דעם רוב [ראָוו] פון דיא לייט פון אונזר דור [דאָר]" (דאָ און ווײַ־טער ציטירט לויט דער ווילנער אויס־גאבע פון 1860). אָבער סײַ „אין זײַן אראבישן אָריגינאַל", סײַ אין די איבערזעצונגען אף העברעיִש, אף לאַטײַן, איטאַליעניש, שפּאַניש, דײַטש און ענגליש האָט דאָס ווערק דעם נאַציאָנאַלן קאָלאָריט ניט פאַרלוירן.

באכיע איבן פּאַקודא האָט מיט דעם בוך אָנגעהויבן די מוסער־ליטעראַ־טור, א ליטעראַטור, וואָס איז אנטשטאַנען ווי א רעליגיעז־מיסטישע רעאַקציע אף די רעדיפעס, וואָס ס'האָבן מיט זיך געבראַכט די יאָרן פון די קרײַץ־צוגן, און די ווײַטער־דיקע פאַרפאָלגונגען. מע קאָן אָנווײַזן אף א רײ באַדײַטנדיקע ווערק, באַ־זונדערס אין דעם בלי־פּעריאָד פון דעם מין ליטעראַטור, אינעם זעכ־צעטן און זיבעצעטן יאָרהונדערטער, וואָס האָבן געשפּילט א וויכטיקע ראָ־ליע אין דער אנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור־געשיכטע. אין דער אַלטער יידישער ליטעראַטור האָבן א צײַט לאַנג געהערשט פרעמדע לי־טעראַרישע פאָרמען און שפּראַך־קאַ־נאָנען. פיל מאָטיוון און טעמעס זיי־נען געוואָרן אנטליִען פון דער אַלגע־מיינער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור („באָווע־בוך"), פון דער ווײַטער יידישער פאַרגאַנגענהײַט („שמואל־בוך" אאַ.). אנדערש איז די מוסער־ליטעראַטור. דער מאַטעריאַל, מיט וועלכן זי (די מוסער־ספאָרים) אָפּע־רירן, איז, ווי ס'האָט אָנגעוויזן מאַקס עריק, „דאָס טאָגטעגלעכע רעאַלע און אקשאַנעסדיקע לעבן". די מו־סער־ליטעראַטור, וואָס האָט גע־שטרעבט צו באַווירקן די ברייטע מאַסן, האָט זיך באַמיט צו זײַן נענע־טער צו דער לעבעדיקער גערעדטער שפּראַך. אירע האַשפּאָעס האָבן דער־גרייכט ביז צו דער מאָדערנער יידי־שער ליטעראַטור מיט אירע פאַר־שיידענע קאָמפּליצירטע פאָרמען און שפּראַך־סטילן.

„...דער אוישער — איז זײַן הויז גוט געבויט, און ער זיצט זיך ווי איין הער אין דער ווינטער־שטוב, און זײַן אויוון איז ווארעם, און בא אים אין שטוב איז אויך גאַנץ וואַ־רעם. און דער אָרעמאַן — ניט גע־נוג, וואָס זײַן שטוב איז פול מיט לעכער, און די קעלט צעברעכט זײַן לײַב און זײַן גוף און די לײַבער פון זײַן הויזגעזינד... און ווער קאָן עס אויסשרײַבן גאָר די ביטערקײַט און גאָר דעם צאַר, וואָס דער אָרע־מאַן לײַדס..."

ווער וועט דאָ ניט אײַנזען דעם ניסטערס נוסעך, זײַן פילבאַדײַטנ־דיקן „און", וועלכן נאָכעם שטיף האָט געווידמעט א ספּעציעלע אויס־פאָרשונג. אָבער ניין, דאָס איז קלאָר ניט דער ניסטער. עס איז א ציטאַט פון צווי־הירש קוידאַנאָווערס (קײַדאַ־נאָווערס) מוסער־בוך „קב הישר" (קאַוו־האַיאָשאָר) (1705).

דאָס קרוין־ווערק פון אַט דער רײַכער און פילפאַרביקער ליטעראַ־טור איז געווען און פאַרבליבן באכיע איבן פּאַקודאס „חובות הלבבות". אין דעם ווערק וואַקסט קוידעמקאָל פאַר אונדז אויס די הויכע, גרויסע עטישע פּערזענלעכקײַט פון דעם אווטאָר. „טייל פון די חכמים [כאַכאָ־מים] האָבן שוין לאַנג געזאָגט, אז די רעכטע חכמה [כאָכמע] און חקירה [כקירע] איז אז דער מענטש זאָל זיך זעלבסט קענען". און טאַקע מיט די פאַרשיידענע פאָרמען פון דער מענ־טשלעכער זעלבסטדערקענטעניש באַ־שעפטיקט זיך באכיע איבן פּאַקודא. קעדיי זיך צו דערגרונטעווען צו דער אינערלעכער וועלט פונעם מענטשן, שעפּט ער יעדיִעס פון פאַרשיידענע קוואַלן. פרײַ פון ענגע און שמאָלע נאַציאָנאַלע ראַמען, האַלט ער, אז בא אַלע מענטשן און בא אַלע פעלקער איז פאַראַן פיל גוטס, פון וועלכן מע קאָן זיך שטענדיק אָפּנעמען א מוסער־האַסקל. „דרום האָב איך גיב־ראַכט אין דעם ספר [סייפער] די גו־טע מנהגים [מינהאָגים] פון זיי..."

מיט א פאַרשאַרפטן און איבער־געשפּיצטן ראַציאָנאַליזם קלײַבט באַ־כיע פאַנאַנדער די מענטשלעכע האַנד־לונגען און געוווינהײַטן. „אָן דעם שכל [סייכל] שיקט זיך בא אים (באם מענטשן. — ל. פ.) קיין שום מדה [מידע] ניט"...

באכיע איבן פאקודא האַלט אויך, אז עס איז וויכטיק „צוא ווישין אלערלייא כיתות [קיטעס] פון מענטשן, און דעם סדר [סיידער] פון דיא דורות [דוירעס]". ער הערט אָבער ניט אוף צו וואָרענען, אז די מענטשן באדאַרפן „לוגין [קוקן] און טראכטין אין דעם סוף [סאָף] פון דיא זאכן"... „זיך בדינגען מיט איטליכר

זאַך אין זײַן צײַט און אין זײַן אָרט, און וויאַ עש גיהער צוא זיין און וועדליק ער בדאַרף...״

אָט דאָס באַדײַטנדיקע בוך און זײַן אווטאָר איז לאַנג שוין פאַר־בליבן ווי אַ געשיכטלעכע רעטעניש. ביז הײַנט־צו־טאָג ווייסט מען ניט גענוי די צײַט, דאָס אָרט, וווּ דער אווטאָר האָט געלעבט, און ווען ער האָט זײַן ווערק געשריבן.

אין זײַן דאָר איז באַכיע איבן פּאַקודאַ אינגאַנצן פאַרשוויגן גע־וואָרן. זעט אויס, אַז זײַן פרײַ באַ־נוצן זיך מיט פרעמדע מעקורים, און דעריקער מיטן קאָראַן און מיט דער עוואַנגעליע, איז ניט געווען צום האַרצן די כראָניקער פון זײַן צײַט. אין XIX יה., ווען מע האָט זיך ערנסט אָנגעהויבן באַשעפטיקן מיט אָט דער פאַרביקער פערזענלעכקײַט, זײַנען אויפגעקומען פאַרשיידענע ווי־דערשפּרעכלעכע השערות וועגן זײַן לעבן און שאַפן.

אין זײַן ענגלישן בוך „The date of life of Bachja ibn Pagoda“ (1927) האַלט פּראָפעסאָר קאָקאָוו־צעוו, אַז באַכיע איבן פּאַקודאַ זאָל האָבן געלעבט סאָף עלפטן יאָרהונ־דערט און אַז זײַן בוך „חובות הלבבות“ זאָל ער האָבן „וואַרשײַנ־לעך אָנגעשריבן אין די יאָרן 1080—1090“.

ל. פּאָדריאַטשיק

בריוו און אָפּרופן אין דער אויסלענדישער פּרעסע

נויעך לוריעס דערציילונג אין „סאָוועטיש היימלאַנד“

כאַשעווע רעדאַקציע!

כ׳האָב איבערגעלייענט אין „מאָרגן־פרײַהייט“ דעם קאָלום „טאָג־אײַן, טאָג־אויס“ פון א. גאַסטראָליאַר וועגן „סאָוועטיש היימלאַנד“.

איך וויל זיך דאָ אַרויסזאָגן וועגן דער גענויאַלער דערציילונג פון נויעך לוריע „אין וואַלד“, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אָט דעם זשורנאַל. איך געדענק ניט די צײַט, ווען אַ ראָמאַן אָדער אַ לענגערע דערציילונג זאָל מיך אַזוי אַרײַנציִען, ווי „אין וואַלד“.

נויעך לוריע איז אַ שרײַבער פון אַ גאָר הויכער מאַדרייגע. מ׳קאָן אים אָן סאַפעק פאַרגלײַכן מיט די גרויסע שרײַבער פון דער וועלט־ליטעראַטור. טשעכאָוו איז מײַן ליבלינג. ווען איך וויל פאַרגלײַכן אַ שרײַבער, וואָס איז מיר שטאַרק געפעלן, זאָג איך, אַז דאָס איז אַ צווייטער טשעכאָוו.

נויעך לוריעס ראָמאַן איז גלענצנדיק געשריבן.

גרישע דובאָוו, ברוקלין, ניו־יאָרק.
„מאָרגן־פרײַהייט“

פרישע שטימען

ס׳דערשײַנען לעצטנס ביכער אין ייִדיש גאָר ניט אין פּראָפּאָרץ צו דער צאָל לייענער. ווער גיט זיי אַרויס? וועלכע פאַרלאַגן? ווער זײַנען די מעצענאַטן פון דער דאָזיקער ליטעראַטור? די מערסטע דערשײַנען אין פאַרלאַג „אַליינעניו“. דערבײַ אַן אינטערעסאַנטע דערשײַנונג: די מעכאַברים זײַנען אין זייער מערהײַט אַריבער די פופציקער און ס׳פירט מיט זיי אָן אַ דראַנג זיך אַרויסצוזאָגן, איבערצולאָזן עפּעס נאָך זיך, „פאַראייביקן“ דאָס אייגענע לעבן אין דעם פאַרשניטענעם אַרום. ס׳איז דעריקער אַ דערמאָנונגס־ליטעראַטור, און זעלטן, גאָר זעלטן שײַעך דער הײַנטצײַטיקײַט.

איז טאַקע דערפרייענדיק, וואָס פון די שפּאַלטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ לאָזן זיך אָפּ הערן פרישע, יונגע שטימען. עפּעס זאָגט דאָך עס. אַזאַ איז דער יונגער וולאַדימיר דאַנקאָ און אויך יוסעף געגערמאַן פון... סוכומי. אויף דער מאַפּע פון דער ייִדישער ליטעראַ־טור האָט אַזאַ פּונקט ביז איצט ניט פיגורירט. דאָס, וואָס גראָד די פרישע שטימען געפינען מיר אין יוביל־נומער פון „סאָוועטיש היימ־לאַנד“ (5 יאָר, זינט ס׳איז אַרויס דער ערשטער נומער), אַנטהאַלט אין זיך אַ דערמוטיקנדיקן סימבאָלישן צוזאָג פאַר דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור.

י. גוטקאָוויטש, „ייִדישע שריפטן“, וואַרשע.

אַ לייענער שרײַבט צום „פאָרווערטס“

...איך האָב געלעזן דעם אַרטיקל פון אײַער געערטן שרײַבער האַראָוו אַרן בען ציִען שורין אין „פאָרווערטס“ וועגן דער אַזקאָרע ערעוו יאָמקיפּער נאָך די 6 מיליאָן קדושים. אַז איך בין פאַרטיק געוואָרן לעזנדיק דעם אַרטיקל, האָב איך געטראַכט בײַ זיך: וואָס טויגן די אַלע שרײַבערײַען, וואָס טויגן די קלאָג־לידער און אַרטיקלען ביכלאַל, אַז אַ סאַך פון אונדזערע גרויסע פירער פון אונדזער לאַנד, אַזאַ קורצע צײַט נאָך אונדזער גרויסן חורבן, קושן נאָך די מערדע־רישע האַנט פון די דײַטשישע פאַשיסטן, וועלכע האָבן אומגעבראַכט אַ דריטל פון אונדזער פאָלק פאַר אונדזערע אויגן?

אונדז וויל מען אײַנריידן: דאָס איז וועלט־פּאָליטיק; אַז מע האָט באַדאַרפט בויען אַ ייִדיש לאַנד, האָט מען באַדאַרפט אָנקומען צו די דײַטשישע געלטער...

עס קומט אויס, אַז ווען ניט די דײַטשישע געלטער, וואָלטן מיר קיין ייִדישע מדינע ניט געהאַט... אָט די באַהויפּטונגען, די טערוצים, דוכט מיר, זײַנען נאָך ערגער ווי דאָס ניט פילן דעם חורבן גופא...

כאַון ייִצחאַק שיין, פון קליוולענד.
„פאָרווערטס“, ניו־יאָרק

כראָניק

ייִדישע קאָנצערטן און ספעקטאַקלען אין מאָסקווע

אין מעשעך פון לעצטן כוידעש האָבן די מאָסקווער צושויער זיך באַקאַנט מיט א ריי נײַע קאָנצערט־פּראָגראַמען און ספעקטאַקלען פון ייִדישע אַרטיסטן.

אינעם צענטראַלן הויז פון די אײַזנבאַנער און אין קאָנצערט־זאַל פונעם האָטעל „סאָוועטסקאַיאַ“ זײַנען מיט דערפאָלג דורכגעגאַנגען די אַרויסטרעטונגען פונעם עסטראַדע־אַנסאַמבל בא דער טשערנאָוויצער פילהאַרמאָניע אונטער דער אָנפירונג פון דער פאַרדינסטפולער אַרטיסט פון דער אוקראַיִנישער רעפובליק סידי טאַל.

דאָס מאָל האָט דער אַנסאַמבל געבראַכט זײַן נײַע קאָנצערט־פּראָגראַם — „גליקלעכע באַגעגענישן“ (אַוטאָר — מאָטל סאַקציִער, מוזיק — לייב זאַטולאָווסקי). אין דער פּראָגראַם גייט אויך אַרײַן דער מאָנאָלאָג פון שאָלעם־אַלייכעמס „מאָטל פייסי דעם כאַזנס“: „מיר איז גוט — איך בין א יאָסעם“ (די ראָל פון מאָטל שפילט סידי טאַל).

א וואָך צײַט איז אַרויסגעטראָטן מיט קאָנצערטן די באַוווסטע זינגערין נעכאַמע ליפשיצײַטע. זי האָט געזונגען סײַ נײַע ווערק פון די סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן, סײַ פאָלקסלידער.

אָף דער פראַגע פון א פאַרשטייער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ וועגן דער פּראָגראַם, וואָס די זינגערין גרייט צום 50־טן יאָרטאָג פון דער סאָוועטנמאַכט, האָט זי געענטפערט:

— כוץ פאָלקסלידער, איבער וועלכע איך זעץ פאָר צו אַרבעטן, גרייט איך א ריי רעוואָליוציאָנערע לידער לויט די טעקסטן פון מאָריס ווינטשעווסקי, אַשער שוואַרצמאַן און אייניקע הײַנטצײַטיקע דיכטער... דינע רויטקאָפּ, וועלכע באַגלייט מײַנע קאָנצערטן מיט קינסטלערישע פאַרלעזונגען, גרייט צו די יאָמטעוו־טעג אַן אויסצוג פון פערעץ מאַרקישעס פּאָעמע „מילכאָמע“, זי וועט אויך דעקלאַמירן דאַוויד האָפשטיינס ליד „פראַצעסיע“ און אַשער שוואַרצמאַנס „אין אופשטאַנד“.

— ווען וועט איר ווידער אַרויסטרעטן אין מאָסקווע?

— די מאָסקווער צושויער זײַנען מיר באַזונדערס ליב, — האָט געענטפערט די שוישפילערין, — מיט מאָסקווע איז פאַרבונדן די גליקלעכסטע געשעעניש אין מײַן לעבן — דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל געזונגען אין טשײַקאָווסקי־זאַל אַלס אָנטיילנעמערן אין קאָנקורס פון עסטראַדע־זינגער. מײַן קומענדיקער קאָנצערט אין מאָסקווע וועט פאָרקומען אינגיכן, אין טשײַקאָווסקי־זאַל.

מיט צוויי שאָלעם־אַלייכעם־ספעקטאַקלען — „200 טויזנט“ און „טעוויע דער מילכיקער“ — און מיט לערמאָנטאָווס דראַמע „די שפאַניער“ (אין דער איבערזעצונג פון א. קושניראָוו) איז אַרויסגעטראָטן דער מאָסקווער ייִדישער דראַמאַטישער אַנסאַמבל אין באַשטאַנד פונעם פאַרדינסט־פולן אַרטיסט פון רספסר ביניאָמין שוואַרצער, די אַרטיסטן ס. ביניק, א. קאַהאַן, ה. לעווינזאָן, ר. קורץ, ל. קאַלינע, נ. סיראַטינע, ז. מיימאַן. די ספעקטאַקלען זײַנען געגאַנגען אין דער געבײַדע פונעם דראַמאַטישן טעאַטער אָף קליין־בראָנע, 2. זיי זײַנען זייער וואַרעם אופגענומען געוואָרן דורך די צושויער.

אונדזערע לייענער טיילן מיט

מ. גענצלער (אָדעס). אין זאַל פון דער היגער פילהאַרמאָניע איז אַרויסגעטראָטן מיטן ספעקטאַקל „קאַסרילעווקער גליקן“ דער לענינגראַדער ייִדישער אַנסאַמבל פון וואָדעוויל און קאָמעדיע.

ב. אַטלאַס און ע. ביידער (גאָרקי). דאָ האָט גאַסטראָלירט די ייִדישע זינגערין ראָזאַליאַ גאָלוביאָווא.

מ. ברודנאָ (וויטעבסק). מיט גרויס אינטערעס האָבן די צושויער אופגענומען דעם קאָנצערט פון אַנאַ גוזיקס אַנסאַמבל, וואָס איז אַרויסגעטראָטן אין שטאָטישן קולטור־הויז. די קאָנצערט־פּראָגראַם איז באַשטאַנען פון לידער און טענץ און פון סצענעס פונעם ספעקטאַקל „בלאָנדזשנדע שטערן“.

פערעץ זעלמאַנאָווסקי (סווערדלאָווסק). אין סווערדלאָווסקער טעאַטער פון יונגן צושויער גייט די פיעסע פונעם באַוווסטן טשעכישן דראַמאַטורג יאַן אָטשענאַשעק „ראָמעאָ, דזשוליעטאַ און כווישעך“. די פיעסע דערציילט וועגן די איבערלעבונגען פון א ייִדיש מיידל אין טשעכאָסלאָוואַקיע אין דער צײַט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע.

אין דער היגער טעלעוויזיע איז באַוויזן געוואָרן א ספעקטאַקל וועגן דעם באַוווסטן שרײַבער און פעדאַגאָג יאַנוש קאָרטשאַק. דער אַוטאָר פון דער אינסצעניִרונג איז די דיכטערין בעלאַ דיזשור, וואָס האָט אָנגעשריבן די פּאָעמע „יאַנוש קאָרטשאַק“.

אין באַקו ווערט אופגעפירט א ספעקטאַקל לויט דעם ווערק פון יאַנוש קאָרטשאַק „דער קיניג מאַטיִוש דער ערשטער“.

מ. סורקיס (טשערנאָוויץ). אין דער שטאָטישער פילהאַרמאָניע זײַנען פאָרגעקומען צוויי קאָנצערטן פון קלעמענטינע שערמעל.

די צושויער האָבן זייער וואַרעם אופגענומען די מאָסקווער זינגערין.

שאָלעם־אַלייכעמס ראָמאַן „דער מיסטייק“ אין רוסיש

אין לענינגראַדער זשורנאַל „ניעוואַ“ נומ. 1 פון הײַנטיקס יאָר איז אָפּגעדרוקט אין א רוסישער איבערזעצונג שאָלעם־אַלייכעמס ניט־פאַרענדיקטער ראָמאַן „דער מיסטייק“, וועלכער איז צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ (נומ. 2—3 פון 1961).

די איבערזעצער פונעם ראָמאַן זײַנען די לענינגראַדער ליטעראַטן א. בעלאָוו און פ. קאָבזאַרעווסקי.

באגעגענישן מיט ז. ווענדראָפן

אין לאָקאַל פון דער רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד" איז פֿײַערלעך אָפּגעמערקט געוואָרן דער 90־טער געבורטסטאָג פונעם וועטעראַן פון דער ייִדישער ליטעראַטור ז. ווענדראָף. אַף דער באַגעגעניש זײַנען בײַגעווען די מאָסקווער ייִדישע שרײַבער, אַרטיסטן, קינסטלער, לייענער.

מיט באַגריסונג־רעדעס זײַנען אַרויסגעטראָטן די שרײַבער א. גאָנטאַר, ר. רובין, מ. גרובּיאַן, ט. גען, י. שטערנבערג, י. סערעבריאַני, וועלכע האָבן באַטאָנט ז. ווענדראָפס גרויסן בײַטראָג אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

דעם באַל־יובֿל איז אונטערגעטראָגן געוואָרן אַן אַדרעס אין נאָמען פון „סאָוועטיש היימלאַנד" און פון די מאָסקווער שרײַבער. גרויס איז געווען די צאָל בריוו און טעלעגראַמעס, וואָס עס האָבן צוגעשיקט דעם יובּיליאַר די אָרגאַניזאַציעס, שרײַבער און לייענער פון פֿיל שטעט פון אונדזער לאַנד און אויך פון אויסלאַנד. צווישן זיי — די פֿאַרוואַלטונגען פונעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד פון פֿססר און פון דער מאָסקווער שרײַבער־אָרגאַניזאַציע, רעדאַקציעס פון אויסלענדישע פּראָגרעסיווע צײַטונגען און זשורנאַלן.

אין זײַן ענטפֿער־וואָרט האָט ז. ווענדראָף באַדאַנקט די פֿאַרזאַמלטע. ער האָט גערעדט וועגן דער גרויסער און בעקאָוועדיקער פֿליכט פון אַ שרײַבער.

●

דער רעדאַקציע־קאָלעקטיוו פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אין פֿולן באַשטאַנד באַזוכט דעם יובּיליאַר בײַ אים אין דער וווינונג. בײַ אַ היימיש־געדעקטן טיש האָט עטלעכע שעה געדויערט דער שמועס וועגן דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אַרן ווערגעליס האָט הויך אָפּגעשאַצט די ראָל פון ז. ווענדראָפן אין באַשטימען דעם גײַסטיקן אידייִש־קינסטלערישן ניוואָ פונעם זשורנאַל. מיט וואַרעמע ווערטער צו דעם קאָלעקטיוו ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער האָט זיך געווענדט ז. ווענדראָף.

מאָטל סאַקציִער — אַ בען־שישים

די קעשענעווער שרײַבערישע געזעלשאַפֿטלעכקײַט האָט ברייט אָפּגעמערקט דעם 60־טן געבורטסטאָג פון דעם דיכטער און דראַמאַטורג מאָטל סאַקציִער.

אַפֿן יובּילײַ זײַנען געקומען געסט אויך פון אַנדערע שטעט — דער שרײַבער י. דרוקער פון אָדעס, אַ גרופּע אַרטיסטן פון ווילנער ייִדישן פֿאָלקס־טעאַטער אאַ.

אין דער ייִדישער מוזיקאַליש־דראַמאַטישער סטודיע בײַם קעשענעווער יוגנט־הויז איז פֿאָרגעקומען אַ ביז גאָר וואַרעמע פֿײַערונג. דער באַל־יובֿל איז דער אַוטאָר פון דעם ערשטן ספּעקטאַקל פון דעם נײַעם טעאַטראַלן קאָלעקטיוו.

מ. סאַקציִער האָט באַקומען פֿיל באַגריסונגען פון געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס, שרײַבער און לייענער.

אַ טיראַזש פון קאַרגע צוויי מיליאָן

אין פֿאַרלאַג „קינדער־ליטעראַטור" איז אין אַ רוסישער איבערזעצונג דערשינען אַ בוך לידער פון שיקע דריז „הענעקבענעק". דער טיראַזש — אַ מיליאָן 750 טויזנט עקזעמפּליאַרן.

„פֿרילינג"

אין פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" איז דערשינען אין אַ רוסישער איבערזעצונג שמועל גאָרדאָנס בוך „פֿרילינג", אין וועלכן עס גייען אַרײַן דער ראָמאַן אונטער דעם זעלבן נאָמען און אַ ריי נאָוועלן.

ש.־י. אַגנאָנס אַ ראָמאַן — אַ טעמע פֿאַר אַ דיפּלאָם־אַרבעט

האַיאָר פֿאַרענדיקן דעם לענינגראַדער מעלוכע־אוניווערסיטעט צוויי העבראַיִסטן — וואַדים לאַזאָ און וויטאַלי שיינין. אַלס דיפּלאָם־אַרבעטן האָבן זיי אויסגעקליבן: וו. שיינין — אַן אוניקאַלן העבריִישן מיטלאַלטערלעכן קסאַוויאַד אין גענבֿיס פון פּאָעזיע; וו. לאַזאָ — דאָס ווערק פונעם ייִסראָעל־שרײַבער, לאַורעאַט פון דער נאָבעל־פּרעמיע שמועל־יוסף אַגנאָן „אַ פּאָשעטע דערציילונג". לאַזאָ דאַרף איבערזעצן בײַ דרײַ פֿערטל פונעם בוך פון איוורית אין רוסיש און באַזאָרגן די איבערזעצונג מיט קאָמענטאַרן און מיט אַן אַרײַנפֿיר־אַרטיקל, וואָס זאָל אַנטהאַלטן אַן אַנאַליז צו דער שאַפֿונג פונעם שרײַבער.

פון יעכעזקל דאָברושינס ליטעראַרישער יערושע

די קאָמיסיע צו אָפּהיטן די ליטעראַרישע יערושע פונעם אָנגעזעענעם סאָוועטישן ליטעראַטור־פֿאָרשער און קריטיקער יעכעזקל דאָברושין האָט פון די מאַטעריאַלן, וועלכע געפֿינען זיך אין איר רעשוס, אַרויסגעגעבן אין רוסיש אין פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" י. דאָברושינס אַ זאַמלבוך ליטעראַריש־קריטישע אַרטיקלען.

לעצטנס האָט די קאָמיסיע צונויפֿגעזאַמלט מאַנוסקריפּטן פון דאָברושינס אַ ריי אינסצענירונגען לויט די ווערק פון די קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור. צווישן זיי — די אינסצענירונגען פון מענדעלעס „מאַסאָעס בינאָמין האַשלישי", פון שאָלעם־אַלייכעמס „בלאָנדזשנדע שטערן", „דער פֿאַרקישעפֿטער שנײַדער", „צוויי הונדערט טויזנט", „מענאַכעם־מענדל", „טעוויע דער מילכיקער" (די לעצטע אינסצענירונג איז געמאַכט צוזאַמען מיט נאָכעם אויסלענדערן).

י. דאָברושין, וואָס איז זײַן גאַנץ לעבן געווען פֿאַרבונדן מיטן מאָסקווער „גאָסעט", מיט אַנדערע ייִדישע טעאַטערס און מיט אַ גרויסער צאָל צײַטונגען, זשורנאַלן, פֿאַרלאַגן, פֿלעגט פֿירן אַ גרויסן בריוו־אויסטויש מיט שרײַבער, אַרטיסטן, לייענער, צושויער. די קאָמיסיע צוזאַמען מיט דעם שרײַבערס קרויווים בעטן די כאַווײרים און פֿרײַנט, בײַ וועמען עס האָבן זיך פֿאַרהיט בריוו אָדער מאַנוסקריפּטן פון יעכעזקל דאָברושינען, צושיקן זיי אין רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד".

נײַעס פון אויסלאַנד

„זיי האָבן געגעבן ענטפער־קלעפּ“

אזוי הייסט דאָס בוך וועגן ייִדישן ווידערשטאנד אין די געטאָס פון פוילן און סאָוועטן־פארבאנד בייס דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. דאָס בוך איז דערשינען אין ניו־יאָרק. צוגעגרייט און איבערזעצט עס אין ענגליש האָט דער פּראָגרעסיווער דיכטער און פּובליציסט יו. סול.

צווישן די היסטאָרישע דאָקומענטן, וועלכע ווערן געבראַכט אין דעם בוך, געפינען זיך אויסצוגן פון בער מארקס היסטאָריש ווערק „דער אופשטאנד אין וואַרשעווער געטאָ“, פון עמאַנויל רינגעלבלומס „קסאָווים פון געטאָ“, פון אַלעקסאַנדער פּעטשערסקיס בוך „דער אופשטאנד אין סאָביבאָר“ און אנד.

ייִסראָעל־שרײַבער — קעגן דעם נעאָנאַציזם

דער ייִדישער ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַריין אין ייִסראָעל האָט פאַרעפנטלעכט א דעקלאַראַציע, אין וועלכער עס ווערט אויסגעדריקט די טיפע זאָרג און דער אומרו פון די ייִסראָעל־שרײַבער אין שײַכעס מיטן וווּקס פון דער נעאָנאַציסטישער געפאַר אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד. די דעקלאַראַציע וואָרנט קעגן דער ברוינער פּעסט.

„קיינמאָל מער!“

מיט אזא אופשריפט איז אין ווין געעפנט געוואָרן אן אויסשטעלונג וועגן די ווילדע מײַסים פון די נאַציסטן אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. א באַדײַטנדיקער טייל פון די עקספּאָנאַטן זײַנען גענומען אומיטלבאַר פון די עסעס־אַרכיוון.

אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אז די אויסשטעלונג געפינט זיך אין דער געבײַדע, וווּ אדאָלף אייכמאַן האָט געהאַט אײַנגעאָרדנט זײַן אַזויגערופענע „צענטראַלע פאַר ייִדישער עמיגראַציע“.

הונדערטסטער נומער „יעדיִעס פון ייִוואָ“

אין ניו־יאָרק איז דערשינען דער הונדערטסטער נומער פון די „יעדיִעס פון ייִוואָ“. דער ערשטער נומער איז ארויס אין סענטיאַבער 1943.

די „יעדיִעס“ אינפאָרמירן וועגן דער טעטיקײַט פון „ייִוואָ“ אין געביט פון זאמלען קולטור־אויצרעס און דאָקומענטן פון דער ייִדישער געשיכטע.

פאַר די קאַרגע 25 יאָר האָבן די „יעדיִעס“ אָפּגעדרוקט העכער טויזנט פאָטאָ־קאָפּיעס פון זעלטענע דאָקומענטן פון דער ייִדישער פאַרגאַנגענהײַט און פון הײַנטצײַטיקן ייִדישן לעבן.

צווייטער באַנד פון דעם „גרויסן ווערטערבוך פון דער ייִדישער שפּראַך“

אין ניו יאָרק איז דערשינען דער צווייטער באַנד פון דער קאַפּיטאַלער אויסגאַבע „גרויסער ווערטערבוך פון דער ייִדישער שפּראַך“, וואָס איז אויסגערעכנט אף צען בענדער.

„די פּוסטע קרעטשמע“

די פּראָגרעסיווע פּרעסע פון פּאַריזש מערקט אָפּ דעם גרויסן דערפאָלג פון פּערעץ הירשביינס פּיעסע „די פּוסטע קרעטשמע“, וועלכע דער היגער ייִדישער טעאַטער־אַנסאַמבל פירט אוף שוין א לענגערע צײַט אין לאָקאַל פונעם טעאַטער „אַנטרעפּאָ“.

זייער וואַרעם רופט זיך אָפּ די פּרעסע וועגן דער מײַסטערהאַפטער רעזשי און מוזיק, וועגן דער שפּיל פון די אַרטיסטן פּאַוולאָווסקאַיאַ, אַלען פישער, שפּיגעלמאַן אא.

אויסשטעלונג פון א סאָוועטישן גראַפיקער

אין טעל־אַוויוו האָט זיך געעפנט אן אויסשטעלונג פונעם באַקאַנטן ווילנער גראַפיקער שמועל ראָזין. די עקספּאָזיציע באַשטייט פון 50 גראַפישע ווערק, צווישן זיי גראַווירן, וועלכע שילדערן די רעציכעס פון די נאַציסטן אין ליטע און דעם אָנטייל פון די ייִדן אין דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

אַרכיוו־מאַטעריאַלן פונעם ראָזענבערג־שטאַב

דר. ייִצכאָק באַנקאָוויטש, וועלכער איז בייס דער צווייטער וועלט־מילכאָמע געווען אן אָפיצער אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, האָט איבערגעגעבן דעם ירושאָלאַיִמער מוזיי „יאַד ושעם“ אן אַרכיוו פון בילדער און דאָקומענטן, וועלכע באַווײַזן די פאַרברעכערישע טעטיקײַט פונעם „אַרבעטס־שטאַב“ פון אַלפרעד ראָזענבערג. צווישן די דאָקומענטן געפינט זיך א גרויסע צאָל מאַטעריאַלן, וועלכע דער „אַרבעטס־שטאַב“ האָט געגרייט, קעדיי „באַשטעטיקן“ די „ענגע פאַרבינדונג צווישן דעם וועלט־ייִדנטום און דעם קאָמוניזם“. עס געפינען זיך אינעם אַרכיוו אויך סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן וועגן פאַרנעם פון די „אַקציעס“, וועלכע ראָזענבערגס „אַרבעטס־שטאַב“ האָט דורכגעפירט, דערונטער דאָקומענטן וועגן דער אַקציע אף צו ליקווידירן דעם ייִוואָ־אַרכיוו אין ווילנע.

געשטאָרבן דער דיכטער יאַנקעוו גראָפּער

אין עלטער פון 76 יאָר איז געשטאָרבן דער דיכטער יאַנקעוו גראָפּער — איינער פון די פּיאָנערן פון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור אין רומעניע. אין 1914 האָט ער צוזאַמען מיט י. באַטאָשאַנסקין, מ. פרידמאַנען און מ. לאַקס געשאַפן דעם ערשטן אין רומעניע פאָלקס־דעמאָקראַטישן ליטעראַרישן זשורנאַל „ליכט“.

א פולע זאַמלונג פון יאַנקעוו גראָפּערס לידער איז דערשינען אונטערן נאָמען „אין שאָטן פון א שטיין“.

אַ שטרײַט

אין דער סטודיע פון אײנעם אַ קינסטלער איז געגאַנגען אַ שטרײַט וועגן קונסט. שאַליאַפּין, וואָס איז דערבײַ געווען, האָט אינעם שטרײַט קיין אָנטייל ניט גענומען. מיטאַמאָל האָט ער זיך אופגעהויבן פון אָרט און אַ זאָג געטאָן:

— איך וועל אײַך באַלד ווײַזן, וואָס איז אַזוינס קונסט.

אין אַ שטיקל צײַט אַרום איז ער אומבאַמערקט אַרויס פון דער סטודיע.

...פּלוצעם האָט זיך געעפנט די טיר און אַף דער שוועל האָט זיך באַוויזן שאַליאַפּין — אַ טויט בלאַסער, מיט צעשויבערטע האָר, מע האָט פון אים געהערט נאָר איין וואָרט:

— ס׳ברענט!!

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאַניק, עס האָבן זיך דערהערט געשרייען. מיטאַמאָל איז די מאַסקע פון שרעק און פאַרצווייפלונג פאַרשוווּנדן פון שאַליאַפּינס פּאָנעם. ער האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— אָט וואָס עס איז אַזוינס קונסט!

וויפל קאָסט אַרויסרופן אַ שאָפער?

דאָס איז געשען אין קאָפּענהאַגען. נאָך אַ קאָנצערט איז צו שאַליאַפּינען, וואָס איז געשטאַנען לעבן טעאַטער, צוגעגאַנגען אַ פרוי און געזאָגט:

— הער שאַליאַפּין! איך בין די באַראָנעסע אונטענגוט... עפּעס זע איך ניט מײַן שאָפער. איך בעט אײַך, גיט אַ געשריי וואָס שטאַרקער: „קאַרל!“

— פינף הונדערט מאַרק.

— וואָס „פינף הונדערט מאַרק“? — האָט אָנגעשטעלט אַף אים אַ פּאָר אויגן די באַראָנעסע.

— אַזאַ סומע נעם איך פאַר אַ שטיקל אַרבעט, ווען איך טו דאָס ניט אין טעאַטער, נאָר אַף דער גאַס, — האָט געענטפערט שאַליאַפּין.

— מאַסקים.

— קאַ־רל!! — האָט שאַליאַפּין אויסגעשריִען מיט אַלע קויכעס.

עס איז צוגעפאָרן דער אווטאָ פון דער באַראָנעסע. שאַליאַפּין האָט געזאָגט צום שאָפער:

— נעם בײַ דײַן באַלעבאָסטע פינף הונדערט מאַרק און פאַרגעס ניט אויסטרינקען פאַר מײַן געזונט.

אַ באָרד

שאַליאַפּין האָט געזונגען אין איטאַליע באָריס גאָדונאָוו. נאָכן ספּעקטאַקל איז צו אים אַרײַן אַן איטאַליענישער זינגער.

— אַ פּרעכטיקע באָרד בײַ אײַך, — האָט מיט קינאָה געזאָגט דער איטאַליענער. — איך וואָלט אויך וועלן בײַם זינגען טראָגן אַזאַ באָרד.

— נו, אויב דער עיקר איז נאָר די באָרד, — האָט איידל געענטפערט שאַליאַפּין, — וואָלט, הערט איר, דער באָק געזונגען בעסער פאַר אונדז ביידן!

באַלד אַפן אָרט האָט שאַליאַפּין אַראָפּגעריסן פון זײַן פּאָנעם די באָרד, דערלאַנגט זי דעם איטאַליענישן זינגער און צוגעגעבן:

— איך וואָלט מיט פאַרגעניגן געשענקט אײַך צוזאַמען מיט דער באָרד אויך דעם קאָפּ, נאָר דער קאָפּ וועט מיר נאָך, מיסטאָמע, צוניץ קומען.

די פּרײַז פון אַן אָוונטברויט

דער גרויסער איטאַליענישער קינסטלער ראַפאַעל איז אַרײַן אין אַ טראַקטיר אָפּעסן אָוונטברויט און זיך צוגעזעצט צו אַ טישל בײַם פענצטער. ניט ווײַט פונעם טראַקטיר איז געזעסן אַ פרוי, וואָס האָט געזונגען אַ ליד פאַר איר וויגקינד. לעבן דער פרוי איז געשטאַנען איר עלטערער זון. אין די מילדע בײַן־האַשמאָשעסן פון איטאַליע האָט דאָס בילד אויסגעזען פּאָעטיש. ראַפאַעל האָט געוואָלט אָנשרײַבן עס, נאָר ער האָט ניט געהאַט בײַ זיך קיין לײַוונט, קיין מאָלבערט. דערנעבן איז געשטאַנען אַ ווײַן־פּעסל. האָט ראַפאַעל גענומען דאָס פעסל און אָנגעמאָלט אַפן קײַלעכדיקן דעקל די פרוי מיטן וויגקינד און מיטן עלטערן זון. דאָס בילד האָט ראַפאַעל אָפּגעגעבן דעם אייגנטימער פון טראַקטיר פאַרן באַשיידענעם אָוונטברויט.

איצט איז דאָס בילד באַקאַנט אונטערן נאָמען „די מאַדאָנע סעדיאַ“. זי געפינט זיך אינעם פּיטי־פּאַלאַץ אין פלאָרענץ.

בילדער פונעם קינסטלער קאַמפּאַלאַנס

אין 1957 איז דערשינען אַ מאָנאָגראַפיע פונעם שפּאַנישן שרײַבער מאַקס אאוב, וווּ ער האָט באַשריבן זײַן לאַנדסמאַן דעם קינסטלער ראַסאַ טאָרעסו קאַמפּאַלאַנס. אין דער מאָנאָגראַפיע איז באַוויזן דעם קינסטלערס לעבנסוועג, זײַן פרײַנטשאַפט מיט פּיקאַסאָן. עס איז אויך אָפּגעדרוקט אַ גרופּן־פּאָרטרעט קאַמפּאַלאַנס — פּיקאַסאָ.

אין 1958 האָט אין מעקסיקע זיך געעפנט די ערשטע אויסשטעלונג פון קאַמפּאַלאַנסעס בילדער. די אויסשטעלונג האָט געהאַט דערפאָלג. אַלע פערציק בילדער פון דער עקספּאָזיציע זײַנען אויספאַרקויפט געוואָרן. נאָכדעם האָט דער שרײַבער מאַקס אאוב מיטגעטיילט, אַז קיין שום קינסטלער קאַמפּאַלאַנס איז קיינמאָל אַף דער וועלט ניט געווען, אַלע זײַנע בילדער האָט געשריבן ער, אאוב, אַליין. די איבעראַשטע זשורנאַליסטן האָבן געפרעגט, פונוואַנען זשע האָבן זיך גענומען די פאָטאָגראַפיעס, וועלכע זײַנען אָפּגעדרוקט אינעם בוך?

— זייער פּאַשעט, — האָט געענטפערט אאוב. — דער פּאָרטרעט קאַמפּאַלאַנס — פּיקאַסאָ איז ניט מער ווי אַ מאָנטאַזש. באַנאַנד מיט פּיקאַסאָ זיצט אַן אומבאַקאַנטער ליבהאָבער פון פוטבאָל, וועמעס פאָטאָ עס איז גענומען פון אַן אַלטן זשורנאַל.

דער קינסטלער פּיקאַסאָ האָט געוווּסט וועגן אאובס שפּאַס. ער האָט מאַסקים געווען צו זײַן „קאַמפּאַלאַנסעס אָנהענגער און פרײַנט“ אַזוי לאַנג, ווי דאָס וועט זײַן נייטיק.

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר

שרײַבער און ווערק

מיט נײַנציק יאָר צוריק, דעם 25 אַפּרעל, איז אין מאָהילעוו־אפּן־דניעפּער געבוירן געוואָרן דער שרײַבער ליפּמאַן־לעווין.

ליפּמאַן־לעווין האָט אָנגעהויבן שרײַבן זײער פרי. זײַנע ערשטע ליטעראַרישע פּרוּוון האָט ער געמאַכט אין העברעיִש. אונטער דער ווירקונג פון דאָוויד פּינסקי איז ער אַריבער צו ייִדיש און אין 1900 אַרויסגעטראָטן אין דער וואַרשעווער צײַטונג „דער יוד“ מיט זײַן ערשטער דערציילונג „דאָס יאַסעמל“. פון

דעמאָלט אָן האָט ער זיך אינגאַנצן געווידמעט דער ליטעראַרישער טעטיקײַט און איז געוואָרן איינער פון די פּאָפּולערע ייִדישע נאָוועליסטן.

אין 1917 האָט ליפּמאַן־לעווין אָנגעשריבן אין העברעיִש א ראָמאַן־טרילאָגיע „באביב עולמים“ („דער פרילינג פון דער וועלט“), ווו ער האָט געשילדערט די עפּאָכע ערעוו דער רעוואָליוציע פון 1905, צווישן דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע און דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. דעם ראָמאַן האָט ער איבערגעזעצט אין ייִדיש און נאָך דעם קימאַט אָנדערהאַלבן צענדליק יאָר זיך ניט פאַרנומען מיט ליטעראַרישער טעטיקײַט. ערשט אין 1932 האָט זײַן נאָמען זיך ווידער באַוויזן אף די שפּאַלטן פון דער ייִדישער סאָוועטישער פּרעסע. אפן סמאַך פונעם ראָמאַן „דער פרילינג פון דער וועלט“ האָט ער אָנגעשריבן די ראָמאַנען „דורעס דערוואַכטע“ (דערשינען אין „עמעס“־פאַרלאַג אין 1934), „דעם שטורעם אנטקעגן“ (דערשינען אין 1939). ער האָט פאַרעפנטלעכט פראַגמענטן פון די ראָמאַנען „די זאַרג־באַנק“, „פּראָקלאַמאַציע“, „דער ערשטער שטרײַט“. ווארעם האָבן די לייענער אופגענומען ליפּמאַן־לעווינס נאָוועלן „מערקע די פּיאָנערקע“, „די קאָנסטיטוציע אויסווייניק“, „טעג פאַרגאַנגענע“ אאַ.

ליפּמאַן־לעווין איז געשטאָרבן אין אַפּרעל 1946.

דעם 28 אַפּרעל ווערט אלט 80 יאָר דער ייִדישער סאָוועטישער פּובליציסט און געזעלשאַפטלעכער טוער מוישע אלטשולער.

מ. אלטשולער שטאַמט פונעם שטעטל באָבער (מאָהילעווער גוב). אין דער ייִדישער פּעריאָדישער ליטעראַטור האָט ער אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין 1919. אין די דרײַסיקער יאָרן איז ער דער הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם דעמאָלט זײער פּאָפּולערן ייִדישן זשורנאַל „דער אפּיקוירעס“.

מ. אלטשולער האָט אָנגעשריבן א גאַנצע ריי אנטירעליגיעזע ביכער, צווישן זיי „געקאַשערטע נעשאָמעס“ (1922), „האַגאָדע שעל פּעסאַך אף איוורע־טײַטש“ (1923), „וויאַזוי דאַרף מען פירן אנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע“ (1929) אאַ. וועגן מ. אלטשולערס וויסנשאַפטלעך ווערק — „אנטירעליגיעזער לערנבוך“ (דערשינען אין 1929) האָט דער רעוואָליוציאָנער פון דער לענינישער גוואַרדיע שימען דימאַנשטיין געשריבן: „דעם כ׳ אלטשולערס בוך איז דער איינציקער אף דער ייִדישער שפּראַך, וואָס ווער געבן א מעגלעכקײַט צו פאַנאַנדערקלײַבן זיך...

מאַרקסיסטיש אין די פראַגן פון רעליגיע, באַזונדערס אין די קאָמפּליצירטע פראַגן פון ייִדישער רעליגיע“.

מ. אלטשולער איז געווען סעקרעטאַר פון דער הויפּט־ביוראָ פון די ייִדסעקציעס באַם צק פון דער קאָמפּאַרטיי פון אוקראַינע, מיטגליד פון דער צענטראַל־ביוראָ פון די ייִדסעקציעס באַם צק רקפּ(ב), מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פון „דער עמעס“.

אויך איצט, ניט געקוקט אף דער טיפער עלטער, איז מ. אלטשולער ליטעראַריש אַקטיוו.

עס איז געוואָרן 120 יאָר, זינט עס איז געבוירן דער באַוווּסטער מעמואַריסט און געזעלשאַפטלעכער טוער יעכעזקל קאָטיק.



י. קאָטיק איז א געבוירענער פון קאַמענעץ־ליטאָווסק (גראָדנער געגנט). נאָך אין די גאָר יונגע יאָרן האָט ער אַרויסגעוויזן א נייגונג צו געזעלשאַפטלעכער און פאַרלעגערישער טעטיקײַט. אינעם וואַרשעווער פּעריאָד פון י. קאָטיקס לעבן איז זײַן שטוב געווען דער זאַמלפּונקט פון די ייִדישע ליטעראַטן.

ברייט באַקאַנט איז יעכעזקל קאָטיק געוואָרן דעריקער אדאַנק זײַנע דרײַ בענדער מעמואַרן אונטערן נאָמען „מײַנע זיכרוינעס“. באַזונדערס געראָטן איז אים דער ערשטער באַנד, וואָס איז אָנגעשריבן אין א רײַכן בילדערישן ייִדיש. דאָס בוך גיט א פּילזײַטיק בילד פונעם ייִדישן לעבן אין רוסלאַנד אין דער ערשטער העלפט פון נײַנצעטן יאָרהונדערט. עס געהערט צו די בעסטע ווערק פון דער ייִדישער מעמואַרן־ליטעראַטור. יעכעזקל קאָטיקס זיכרוינעס האָבן געהאַט וואַרעמע אָפּקלאַנגען אין דער ייִדישער וועלט־פּרעסע, בא די ליבהאָבער פון דער ייִדישער ליטעראַטור און געשיכטע.

י. קאָטיק איז געשטאָרבן דעם 13 אווגוסט 1921.

די טענצערן פֿון געטאָ

ווערטער פֿון פּערעץ מאַרקיש — מוזיק פֿון אַטיליע ליכטענשטיין



די טענצערן פון געטאָ

(פראַגמענט)

עס גייט דער יאַם אַנטקעגן מיר צעהעלט
און בעט מיט זון פאַר מיר אַ גאָלדענעם געלעגער.
צי דען דערפאַר, וואָס שטײַף, איז, ווי דײַן לײַב, זײַן וועל,
קאָן איך דען דיך פאַרגעסן אַף אַ רעגע?
דער ווינט גיט מיך אין זײַנע אָרעמס אַ פאַרשליס
און טרינקט מיך אָן מיט זאַפטן פון באַגינען.
צי דען דערפאַר, וואָס ער איז, ווי דײַן אָטעם, זיס —
קאָנסטו אַרויס דען פון מײַן זינען?

עס קייטלען זיך די בערג,
געקרוינטע מיט קאַיאָר,
זיי רופן מיך אין ווײַסע, ווונדערלעכע שלעסער.
צי דען דערפאַר, וואָס זייער הייך ז'באַגילדט, ווי דײַנע האָר,
קאָן איך דען דיך איין אויגנבליק פאַרגעסן?

כראָניק

יוביליי פון אַ ייִדישער טעאַטער־טוערן

עס איז אַלט געוואָרן 75 יאָר דער רעזשיסער און דערציִער פון טעאַטראַלער יוגנט אַלעקסאַנדרא אַזאַרך. צוזאַמען מיט איר מאַן, איינעם פון די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם מאָסקווער ייִדישן מעלוכישן קאַמער־טעאַטער אַ. גראַנאָווסקי, האָט זי פיל אופגעטאָן פאַר דער ייִדישער סאָוועטישער טעאַטער־קונסט. ביז הײַנט איז אַלעקסאַנדרא וועניאַמינאָוונא ענג פאַרבונדן מיט אירע געוועזענע סטודענטן, וועלכע באַזוכן זי אָפט און קאָנסולטירן זיך מיט איר אין זייער קינסטלערישער טעטיקײַט.

ניט ווייניק פון אירע שילער זײַנען אויסגעוואַקסן אַלס אָנגעזעענע אַקטיאָרן און רעזשיסערן. אַזוי, למשל, איז אי. קאָלטיניוק איצט רעזשיסער אין קויבישעווער דראַמאַטישן טעאַטער, יע. טאַבאַטשניקאָוו — אין טעאַטער אַפן נאָמען פון לענינגראַדער סאָוועט, ל. אָקון — אין ניזשני־טאַגילער דראַמאַטישן טעאַטער, וו. צייטלין — אין אָמסקער טעלעוויזיע. פיל פון אַלעקסאַנדרא אַזאַרכס דערצויגלינגען אַרבעטן מיט דערפאָלג אַלס שוישפּילער (ע. האַראָוויץ, מ. לייענזאָן, נ. סיראָטינע, ה. ליאַמפּע, ס. ביניק, ע. רויטמאַן, ד. רויטקאָפּ, ז. מיימאַן אאַ.).

מיר ווינטשן אונדזער פרײַנט און דערציִערן לאַנגע־לאַנגע יאָר לעבן אין נאַכעס און אין פרייד.

מאַניע קאָטליאַראָווא

אַוויגדער האַמעיִרי

עס איז אַלט געוואָרן 80 יאָר איינער פון די עלטסטע שרײַבער אין ייִסראָעל — אַוויגדער האַמעיִרי. בײַס דער ערשטער וועלט־מילכאָמע האָט ער אַ צײַט זיך געפונען אין רוסלאַנד אַלס קריגסגעפאַנגענער. ווען עס איז אויסגעבראָכן די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, איז ער געווען איינער פון די אָנטיילנעמער פון די רעוואָליוציאָנערע געשעענישן.

אין אָדעס האָט אַ. האַמעיִרי זיך באַקאַנט מיט כ.־נ. ביאַליקן און צוזאַמען מיט אים אַוועקגעפאָרן קיין פאַלעסטינע.

האַמעיִריס דיכטונג און פּראָזע זײַנען דורכגעדרונגען מיט סאָציאַלע פּראָבלעמען.

אין זײַן שאַפונג פאַרנעמט אַ היפּש אָרט דער קאַמף פון די ייִדן קעגן די היטלעריסטישע פעלקער־מערדער.

אַן איטאַליענישע פּיעסע וועגן אַשוויענטשים

אין שטאָט־טעאַטער פון דער איטאַליענישער שטאָט טורין איז דורכגעגאַנגען די פּרעמיערע פון דער פּיעסע „נאָר אַ מענטש“ — וועגן דער ייִדן־אויסראָטונג אין אַשוויענטשימער טויט־לאַגער. אַוטאָר פון דער פּיעסע איז דער יונגער איטאַליענישער דראַמאַטורג פּרימאָ לעווי. די הויפּטראָל שפּילט דער 27־יאָריקער איטאַליענישער שוישפּילער אומבערטאָ קעריאַני. אינעם ספּעקטאַקל באַטייליקן זיך אויך אַרטיסטן פון פראַנקרײַך, ייִסראָעל, אונגאַרן, רומעניע, דײַטשלאַנד, עסטרײַך און פוילן.

אַן אַרמענישער זינגער טרעט אַרויס מיט ייִדישע לידער

אין מאָסקווע זײַנען מיט דערפאָלג דורכגעגאַנגען די קאָנצערטן פונעם אַרמענישן זינגער זשאַן טאַטליאַן, וועלכער האָט צווישן אַנדערס אופגעפירט אויך ייִדישע און העברעיִשע לידער.

דאָס געשטאַלט
פון וו. אי. לענין
אין די שאַפונגען
פון די סאָוועטישע
קינסטלער

וו. אי. לענין

קינסטלער — וו. ששעגלאָוו.

דער ערשטער פרילינג

קינסטלער — א. מערזליאַקאָוו.



וו. אי. לענין אף דער סטאנציע ראזליוו אין יולי — אווגוסט 1917

(איליוסטראציע צו עמ. קאזאקעוויטשעס דערציילונג „דאָס בלויע העפט”)

קינסטלער — י. קוזקאָווסקי.

וו. אי. לענין אין פאריזש

קינסטלער — א. ניורענבערג.

וו. אי. לענין צווישן קינדער

קינסטלער — וו. בולאנקין.

סאָלדאַטן פון דער רעוואָליוציע

קינסטלער — וו. כאַלויעוו.

טײַערע לייענער!

אויב איר האָט אויסגעשריבן „סאָ־וועטיש היימלאַנד“ בלויז אַף דער ערשטער העלפט יאָר, — פאַר־געסט ניט, אַז אַף דער צווייטער העלפט קאָן מען אַבאָנירן דעם זשורנאַל ניט שפּעטער ווי ביז דעם 5 יון.

פאַרשפּרייט „סאָוועטיש היימלאַנד“ צווישן אײַערע פרײַנט!

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(на еврейском языке)

Год издания седьмой

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев** (ответственный секретарь), **Нотэ Лурье, Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, И. Фаликман, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — Б 8-27-91; ответственный секретарь — К 4-46-69; отделы прозы и поэзии — Б 8-49-42; отдел критики — Б 3-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер и А. Токер

Корректоры А. Стрельник и Д. Грозовская

Подписано к печати 18/III 1967 г. Формат 70×108 1/16. Печ. л. 10(14). Бум. л. 5+2 вклейки. Цена 50 коп. Зак. 2380.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Комитета по печати при Совете Министров СССР
Пер. Аксакова, 13.

Цена 50 коп.

70821

24
2 ЗАЧАТЬЕВСКИЙ ПЕР.
Д.2 КОР.7 КВ.68
СКЛЯРСКОМУ Д.Ш
1 1.6 СР ГАР

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 4

1 9 6 7

В НОМЕРЕ:

И. Шехтман. Накануне. (Роман. Книга третья).
Ш. Агнон. Рассказы.
Б. Бреслав. Воспоминания о Ленине.

К годовщине восстания Варшавского гетто. Стихи А. Вознесенского, Н. Коржавина, С. Наровчатова; Ю. Юзовский. Есть в Варшаве памятник.
Стихи О. Дриза, Х. Мальтинского.

Литературная критика. Библиография. Вопросы искусства

Г. Ременик. Двадцатые годы в нашей поэзии. (Статья вторая).
И. Серебряный. Даты и факты. К истории еврейской советской литературы.
Комментарии редакции. Листая журналы и газеты. О чем писала еврейская печать 50 лет назад. Хроника. Заметки на календаре.